This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

10

1983

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

אַרגאן פון שרײַבער־פארבאנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“
מאָסקווע

אָקטיאבער

10

1983

אינהאַלט

באָריס סאַנדלער. טרעפֿלעך ארוף צו א נעס (דערציילונג) קינסטלער נ. כאַטשאַטראַן 4

פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג.

פיניע פּלאָטקין. דער אלטער קאָמיסאַר; אַרן ווערגעליס. א הימן; ליפּע העלער. דער מענטש; מאַרק ראַזומני. רומבולער וואַלד; אלעקסאַנדער בעלאָוסאָוו. די לעצטע מינוט; מענדל ליפשיץ. עס איז קעדײַ; בוזי מילער. וועגערע; יאָסל בוכבינדער. אַף פרעמדע ערדן; דאָרע כײַקינע. מע קען פון דער זײַט ניט באמערקן אפילע; כאַיִם ביידער. דער מעטעאָריט; מאָטל גאָלבשטיין. דער הירש 49

יוסעף ראַבין. אניע — אניעטשקע (דערציילונג). קינסטלער ג. אינגער 55

פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג

כאַיִם גורעוויטש. קיין סיביר; מאָטל גרוּוומאַן. דרײַ לעבנס; בראָניע סינעלניקאָווע. די פאָן; באָריס מאָגילנער. איך בין מעקאַנע; מאַקס ריִאַנט. אבי מיט דיר; הירש רעלעס. בא דער טרויעריקער ווערבע; מישע מאָגילעוויטש. איך קאָן ניט פארגעסן; אווראָם קאַצעוו. צו די, וואָס מאכן א כורבן; מוישע פּענס. די קינדער פון די בערג; לעוו בערינסקי. א סאָד; מישע לעמסטער. איך גלייב; פיניע קיריטשאַנסקי. ניט גרינג און ניט פּראָסט; מאָטל שטורמאַן. געלויבט זאָל זײַן; וועלוול טשערנין. די בלעטער; יאַנקעוו עלקיס. „וואָלט איך זײַן א פאלנדיקער שטערן"; וועלוול ווערניק. ווען א קינד אין וויגל קוועלט; זיסי ווייצמאַן. דער שלײַפער 144

אלעקסאַנדער ליזען. שטערן הוידען זיך (ראָמאַן) קינסטלער י. קריוואָרוטשקאָ 124

רעזומע (רוסיש, ענגליש) I

■

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פאראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאר), י. שרײַבמאַן

אין די לעצטע יאָרן האָט „סאָוועטיש היימלאנד״ געווידמעט א ריי נומערן און טעמאטישע אָפּקלײַבן פארשיידענע זשאנרען פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. אכוץ די שוין ברייט באוווּסטע זשורנאל־ביכלעך, וועלכע זײַנען געווען ספּעציִעל צונויפגעשטעלט פון דאָקומענטאלע פארצייכענונגען און רעפּאָרטאזשן, האָבן די לייענער באקומען טעמאטישע ציקלען, וועלכע גיבן א פאָרשטעלונג וועגן דעם צושטאנד, אפן הײַנטיקן עטאפּ, פון אזעלכע זשאנרען, ווי די דערציילונג, נאָוועלע, ליטעראטור־קריטיק.

אין הײַנטיקן נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד״ ליגן מיר פאָר דער אויפמערקזאמקײַט פון די לייענער נײַע גרעסערע דערציילונגען פון סאָוועטישע ייִדישע פּראָזאיִקער. דערבײַ איז דער אָפּקלײַב געפאלן אף פאָרשטייער פון דרײַ שעפערישע דורות: פונעם עלטערן (י. ראבין); פון דעם דאָר, וועלכער איז געקומען אין דער ייִדישער ליטעראטור אין די ערשטע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון „סאָוועטיש היימלאנד״ (א. ליזען); פון דעם ייִנגסטן, וועלכער האָט זיך באוויזן אף די זײַטן פון אונדזער זשורנאל אין מאָמענט, ווען ס׳איז געשאפן געוואָרן די ייִדישע גרופּע אף די העכסטע ליטעראַרישע קורסן פונעם אינסטיטוט אף מ. גאָרקיס נאָמען (ב. סאנדלער).

מיר פארעפנטלעכן אין הײַנטיקן נומער אויך אן אייגנארטיקע „אנטאָלאָגיע פון איין ליד״ — א מין איבערוף פון די איצטיקע אין אונדזער לאנד ייִדישע דיכטער, ווי אויך אייניקע מוסטערן פון דער פּאָעטישער שאפונג פון לייענער.

באַריס סאַנדלער

טרעפּלעך אַרויף צו אַ נעם

דער לייטער שטייט שוין בײַ דער וואַנט. די לייטער־טרעפּלעך פֿירן אַרויף, צום בוידעם, און איך דאַרף נאָר אַרופֿקריכן, אָפּשפּאַרן דאָס טירל, וועט זיך עס באַלד מיט אַ פּאַרזשאַ־ווערטן סקריפּ אופֿמאַכן, ווי אײנער רעדט: „ווער ביסטו, און וואָס האָסטו דאָ פֿאַרגעסן?".

איך בין אַ טאַטנס אַ קינד, געבוירן געוואָרן אין 1950, אין בעלץ, און פֿאַרגעסן האָב איך דאָ, אויפֿן בוידעם, מײַן קינדהײַט.

ס'איז מיר ווידעראַמאָל פֿינף מיט אַ האַלבן יאָר.

קימאַט אונטערן דאַך איז דורכגעשניטן אַ קלײן, פּירעקיק פֿענצטערל, דאָס אײן־און־אײנציק אויג פֿונעם בוידעם אין דרויסן אַרויס. איך שטיי אויף אַ בענקעלע און זע פֿון אָט דעם פֿענצטערל אַ גרויס שטיק הימל, און אונטערן הימל, ווי אונטער אַ בלויער דעק, מײַן אייגענע קוזניעטשנע־גאַס.

אָט איז דער וועג: אַ האָרבאַטער מיט גרויע, צעשאָקלטע שטיינער, ווי ציין בײַ אַ זאָקן אין מויל — ס'איז אויף דעם וועג אַ ראַכמאָנעס צו קוקן. אָבער זומערצײַט, נאָך אַ גוטן רעגן,

ווען די גריבלעך פֿילן זיך אָן מיט וואַסער, ווייס איך ניט, צי ס׳איז ערגעץ דאָ נאָך אַ בע-סער אָרט, איידער אונדזער וועג. מיט די באַרוועסע פּיס שפּאַצירן איבער די קאַליוזשעס, פֿילן ווי צווישן די פֿינגער צעקריכט זיך די ווייכע, וואַרעמע בלאָטע, איז פּאַשעט אַ פֿאַרגע-ניגן! עמעס, ניט טאָמיד פֿאַרענדיקט זיך עס גוט: עס טרעפֿט זיך, אַז מע טרעט אַרויף אויף אַ שטיקל גלאָז צי אויף אַ שאַרף שטיינדל... דעמלט דערמאָנען זיך דער מאַמעס ווערטער: „כ׳האָב דיר שוין, דאַכט זיך, הונדערט מאָל געזאָגט: קריך ניט וווּהין מע דאַרף ניט!” נאָר מיילע, וואָס טוט מען ניט, קעדיי האָבן אַ ביסעלע פֿאַרגעניגן.

די קוזיניעטשנע-גאַס און נאָך עטלעכע גאַסן רופֿט מען „ראַיאָן ציגײַנײַיא”. פֿאַרוואָס „ציגײַנײַיא” און ניט אַנדערש, ווייס איך ניט. אָבער דער שאָכן אונדזערער, דער אַלטער קאַליאַ באַרביערו, דערציילט:

— ...אַמאָל, נאָך אין קייסערס צײַטן, איז אויף דעם אָרט, וווּ מיר וווינען איצט, געווען אַ גרויסער טאָל, און אין די ערשטע וואַרעמע טעג פֿלעגן זיך אַהער אויפֿן גאַנצן זומער צו-נויפֿאָרן ציגײַנער. באַטאָג האָבן זיי זיך פֿאַרנומען מיט שמידערײַ, מיט הענדלערײַ און דער רועך ווייסט מיט וואָס נאָך. און באַנאַכט האָבן זיך געהערט אין טאָל זייערע ווילדע לידער און קוויטשערײַען. פֿרעגט ניט, ס׳איז געווען פֿריילעך, ביפֿראַט נאָך זייער אָוועקפֿאָרן, ווען עס פֿלעגט זיך אַנטדעקן, אַז בײַ אייניקע זאַכן, וועלכע מ׳האָט געהאַלטן אין הויף, זײַנען אויסגעוואַקסן פֿיסלעך...

אַלטע לײַט האָבן אַ וועלט מיט מײַסעס, די קינדער — בלויז אָן אָפֿענעם מויל, אַ פּאָר נײַגעריק-היספּײַלעסדיקע אייגעלעך און אַ גרויסן כיישעק אויסצוהערן אַלע מײַסעס פֿון דער וועלט.

שטיין אויפֿן בענקעלע און דערצו נאָך אויף די שפּיץ פֿינגער איז מיר שווערלעך: עס הייבן גיך אָן ווי טאָן די פּיס. ס׳איז מיר אָבער גענוג נאָר אַ קוק טאָן אויפֿן רויטן, בלעכע-נעם דאַך פֿונעם קלוב, ווי איך פֿאַרגעס מיטאַמאָל אין אַלע ווייטיקן.

צוויי מאָל אין דער וואָך, דינסטיק און פֿרײַטיק, ווײַזט מען אין קלוב קינאָ. אין די אַנדערע טעג איז ער פֿאַרמאַכט אויף אַ גרויסן שלאָס. אָט די צוויי טעג זײַנען ווי צוויי גרויסע יאָמטויווים. פֿון אינדערפֿרי אָן צעהענגט מען אויף די טעלעגראַף-סלופּעס, אויף די פּלויטן און אויף די ווענט פֿון די שטיבער די אַפֿישעס, און שוין דעם גאַנצן טאָג שטייען מיר פֿאַר די אויגן די גרויסע, פֿון דער האַנט אָנגעשריבענע, אויסיעס...

ווײַבער גייען פֿונעם מאַרק. מע שטעלט זיך אָפּ. מע לייענט. מע וואַרפֿט זיך דורך מיט אַ וואָרט:

— „בראַדיאַגאַ”?.. עפּעס אַ מאָדנער נאָמען...
— וואָס רעדט איר, וואָס? ס׳איז אָן אינדײַסקי פֿילם!..
— אינדײַסקי?.. נו איז וואָס זשע?.. די וועלט קערט זיך שוין איבער?..
— וואָס רעדט איר, וואָס? מיר האָבן שוין מיט מײַן מאַן דעם פֿילם געזען!
— נו, ס׳איז דאָ וואָס צו זען?..
— פֿרעגט ניט!.. כ׳האָב זיך שוין גוט אָנגעוויינט...

נאָך לאַנג פֿאַרן אָנהייב שטעלט דער קינאָמעכאַניקער, פּעטער איליושע, אַרויס אין דרויסן אַ גרויסן פּירעקיקן קאַסטן, וועלכן ער רופֿט „דינאַמיק” און וועלכער רעוועט אויף אַזאַ הויכן קאָל, אַז מע הערט אים, דאַכט זיך, אין אַנדערן עק שטאָט: „בעלאַ, בעלאַ דאַנאַ-אַ-אַ, דאַנאַ דאַראַגאַיאַ...”, און די מענטשן זאַמלען זיך צונויף.

מײַן זיידע גייט קיינמאָל ניט אין קינאָ. ער זאָגט, אַז מיט אָט דער-אָ „קאַטערינקע” פֿאַרנאַרט דער פּעטער איליושע דעם עולעם אין קלוב אַרײַן, און דאָרטן, זאָגט דער זיידע, פֿאַרמאַראַטשעט ער זיי דעם קאָפּ.

די באָבע איז מיטן זיידן ניט מאַסקים. זי האַלט, אַז אין קינאָ ווײַזט מען, ווי מענטשן לעבן, מע זעט אַ וועלט, מע פֿאַרגעסט זיך אַ ביסל.

אונדזער קאָמפּאַניע כעוורע דאַרף מען ניט ספּעציעל פֿאַרנאַרן אין קלוב מיט דער „קאַטערינקע”, ווײַל מיר דרייען זיך דאָרט אַרום נאָך פֿון באַטאָג אָן. אָבער דאָס אַרומדרייען זיך הייסט נאָך לאַכלוטן ניט, אַז מיר וועלן פֿאַרנעמען די בעסטע פּלעצער אין זאַל. ערשטנס, איז עס אָן אַוונטיקער סעאַנס; צווייטנס, איז אויף דער אַפֿישע, אונטערן קעפּל פֿונעם פֿילם, שוין מיט קליינע אויסיעס אָנגעשריבן: קינדער ביז זעכצן יאָר — דערלויבט זיך ניט!” און

[illegible] איך נאָך דערווײַל שוואך, פֿאַרשטיי איך פֿונדעסטוועגן גוט, אַז אָט די קלײנינקע אויסיִעלעך, הייסן אַ גרויסער פֿאַרבאָט...

אין דער קינדהײט פֿאַרווערט מען אונדז אַ סך זאַכן. מע פֿאַרווערט, עפּשער, נאָך מער, ווי מע דערלויבט. אַגעוו, אין יאַפּאָניע דערלויבט מען די קינדער אַלץ! און, ניט קוקנדיק אױף דעם, זײַנען די יאַפּאַנער די סאַמע דערצויגענע מענטשן אין דער וועלט.

און דאָך גייט קיינער ניט אַוועק. מע וואַרט. און קעדיי גיכער אָפּשטופּן די צײַט, נעמען מיר זיך צו דער ליאַנגע.

„ליאַנגע" — איז אַזאַ באַזונדערע ייִנגלשע שפּיל. צוליב דעם, מע זאָל קאָנען אין איר שפּילן, דאַרף מען קוידעמקאָל האָבן אַ ליאַנגע. זי, די ליאַנגע, איז ענלעך אױף אַ ציגן בערדל, צו וועלכן ס׳איז מיט אַ דרעטל צוגעפּעסטיקט אַ שטיקל בלײַ. צום באַדויערן, איז אַזאַ נוצלעכע זאַך, ווי אַ ליאַנגע, אין ערגעץ ניטאָ. אפילו בײַ סרוועלן דעם שמאַטעלאַטניק אין קעסטעלע, וווּ ס׳איז, דאַכט זיך, דאָ אַלץ, וואָס דער נעשאַמע גלוסט זיך, האָב איך קיינמאָל קיין ליאַנגע ניט געזען. און ווען כ׳האָב פֿונדעסטוועגן אַ פֿרעג געטאָן סרוועלן, צי ער האָט ניט קיין ליאַנגע, האָט ער אױף מיר אַ וואָרף געטאָן אַ שטרענגן בליק און, טשמאַקענדיק מיט די ליפּן, אַרויסגעכריפּעט:

— קיין באָסיאַצקע שפּילעכלעך זײַנען ניטאָ בײַ מיר!..

— ניין איז ניין! גיט מען זיך אָן אייצע, — זאָגט מײַן זיידע.

אױף צו מאַכן אַ ליאַנגע דאַרף מען ניט זײַן קיין גרויסער כאָכעם. ווי כ׳האָב שוין געזאָגט פֿריִער, דאַרף מען נאָר האָבן דרײַ זאַכן: אַ שטיקל בלײַ, אַ שטיקל דרעטל און אַ שטיקל פּוטער. בלײַ און דראָט האָב איך טייקעף געפֿונען, אָבער דאָס שטיקל פּוטער איז מיר אָנגעקומען מיט גרימעניש.

נאָר גאָרניט. כ׳האָב זיך געגעבן אַן אייצע!

דער זיידע האָט אַ גרויסן פּוטערנעם פּעלץ. טראָגן טראָגט ער אים ווינציק-ווען, ווײַל לויט דעם זיידנס ווערטער, איז דער פּעלץ שווער מיט רוכעס, און ס׳איז בעסער, זאָגט ער, באַגיין זיך אָן אים, איידער מיט אים. האָב איך אַ טראַכט געטאָן: פֿאַרוואָס זאָל אַזאַ אויצער ליגן אין קאַסטן און פֿוילן, ווען מע קאָן פֿון אָט דעם גאָלדענעם פּעלץ מאַכן אַ וועלט מיט ליאַנגעס.

יאָ. ס׳האָבן זיך טאַקע באַקומען בײַ מיר אויסגעצייכנטע ליאַנגעס, אָבער וואָס ס׳איז פֿאַרגעקומען שפּעטער, נאָך דעם, ווי דער באָבען האָט זיך פּלוצעם פֿאַרגלוסט דעם שלימאַזלדיקן פּעלץ דורכצולופֿטערן, וועל איך עפּשער דערציילן אין אַנדערס מאָל.

און דאָך האָב איך סײַוויסײַ ליב שפּילן אין ליאַנגע. זען, ווי זי טוט אַ שפּרונג אױף פֿון דײַן פֿוס, מאַכט אינדערלופֿטן אַ „סאַלטאָ-מאָרטאַלע" און קערט זיך אום צוריק, איז פּאַשעט אַ פֿאַרגעניגן. און וואָס טוט מען ניט צוליב אַ ביסעלע פֿאַרגעניגן?!

דעם פּעטער אַליושעס דינאַמיק זינגט שוין אויס זײַנס: מישקאַ, מישקאַ, גדיע טוואָיאַ אוליבקאַ?.. און מיר, די כעווּרע, סטאַרען זיך אים איבערצושרײַען: מישקאַ, מישקאַ, גדיע טוואָיאַ סבערקניזשקאַ?..

דער פּעטער אַליושע שטייט בײַ דער טיר, האַלט אין איין האַנט אַ פּעקל בלויע בילעטן, און מיט דער אַנדערער קלאַפּט ער זיך איבער דער ליידיקער קעשענע. עס דאַרף הייסן: „נישקאָשע, אינגיכן וועט זי זײַן פֿול!"

פֿון גאַנץ „ציגײַנײַא" קומען זיך צונויף מענטשן. ווער עס טראָגט מיט זיך אַ בענקל, ווער מיט אַ טאַבורעטל — מע באַוואָרנט זיך אַפֿריִער מיט פּלעצער. מע גייט. מע לויפֿט. הײַנט וועט ניט זײַן אין קלוב ווהין אַ קנעפּל אַראָפּצופּאַלן, ווײַל הײַנט ווײַזט מע דאָרטן אַן אינדיִיסקי פֿילם.

די בילעטן שעמערירן באַם פּעטער אַליושען אין די הענט, זײַן קעשענע בלאָזט זיך פּאַמעלעך אָן, און מיר, די כעווּרע, שטייען און קוקן אַרויף, אױף די גליקלעכע פֿענעמער, וועלכע ווייסן ניט פֿון קיין שום פֿאַרבאָט: זיי אינטערעסירן ניט די קלײנע אויסיִעלעך אױף דער אַפֿישע, זיי לייענען נאָר די גרויסע: „ב ר אָ ד י אַ ג אַ".

אויס בילעטן. די טיר פֿאַרוקט זיך אינווייניק אױף אַ רוקער, און דער קינאָפֿילם הייבט זיך אָן.

מיר וואַרטן נאָך אַלץ!

פֿונעם זאַל הערן זיך קאַלערלײַ אומבאַקאַנטע קלאַנגען:

מע זינגט...

מע רעדט...
מע לאַכט...
אוי, רייצן זיי אונדז, די קישעפּדיקע קלאַנגען... און פּלוצעם, דער לאַנגדערוואַרטער געשריי:

— סאַפּאַזשניקי-י-י-י!!!

די טיר צעפּראַלט זיך אויף א ווײַלע, און פּונעם זאַל גיט א זעץ א היץ. עס באַווײַזן זיך רויטע, פאַרשוויצטע פּענעמער...

די לאַנטע האַט זיך, דאַנקען גאָט, איבערגעריסן!

בעשאַס דער קינאָמעכאַניקער קלעפּט זי צונויף, זײַנען מיר שוין דאָרטן, אין זאַל.

איך זיץ בײַ מײַן באַבען אויף די קני און קוק באַגלײַך מיט איר דעם באַוווסטן פילם „בראַדיאַגא". איך קוק און טראַכט זיך: נו, וואָס איז אין דעם פילם אַזוינס דאָ, פאַרוואָס מע לאָזט אַהין ניט אַרײַן קיין קינדער? מע קושט זיך אַפילו ניט! פאַרקערט, ווי נאָר עס האַלט באַם קושן זיך, הייבט מען באַלד אָן זינגען און טאַנצן.

אײַ, זײַנען זיי מאָדנע מענטשן, די דערוואַקסענע!

דאָס בענקעלע גליטשט זיך אַרויס פון אונטער די פיס... איך זיץ שוין אויפן בוידעם. איין מאָל בין איך אַזוי געפאַלן, אַז כ'האָב זיך אַזש געמאַכט אַ שטערן אַ בײַל. דעמאָלט האָט די באָבע מײַנע, אײַנקוועטשנדיק מיט אַ לעפל דעם בלויען בײַל, געגומען בײַ מיר דאָס וואָרט, אַז מער וועל איך אויפן בוידעם ניט קריכן און באַם פענצטערל ניט שטיין...

יאָ, וואָס טוט מען אָבער, ווען דער בוידעם מאַכט אַ ייִנגעלע אַ ביסעלע נעענטער צום הימל? ווען, קוקנדיק אין פענצטערל, ווײַזט זיך אים אויס, אַז ער איז גאָר ניט קיין ייִנגעלע, נאָר אַ פויגל, וואָס פליט איבער דער גאָרער וועלט, און די דאָזיקע וועלט הייבט זיך ערשט אָן אַנטפּלעקן פאַר אים, ווײַל זי איז אין זײַנע אויגן אַלט ניט מער ווי פינף מיט אַ האַלבן יאָר.

בישכיינעס מיט אונדז וווינט קאָפּל דער פּוצער. אַ גאַנצן טאָג זיצט ער אויף זײַן בענקעלע אין מאַרק און מיט צוויי גרויסע צעשויבערטע בערשט פּוצט ער שיך.

אינדערפרי, ווען קאָפּל דער פּוצער גייט אויף דער אַרבעט, שטיי איך בײַ אונדזער הויף-טירל און קוק אויף אים אַרויס.

— אַ, שאַכנדל מײַנס, — גיט ער אַ זינג אויס, — אַ גוטמאָרגן דיר!..

דער האַלדז-קנאָפּ זײַנער טוט זיך עטלעכע מאָל אַ וואָרף אונטער זײַן טונקל-דינער הויט:

— דיר איז גוט, דו האָסט צײַט, און איך דאַרף זיך אײַלן... סע וואַרטן אויף מיר די פאַרשמוציקטע שטיוול און שיך...

אָבער וויאַזוי קאָפּל זאָל זיך ניט אײַלן, נעמט ער אַרויס פון זײַן קעשענע אַן אַלטע צײַטונג, צונויפגעלייגט אין עטלעכע מאָל, רײַסט פון איר אָפּ אַ פּירעקיק שטיקל פּאַפּיר און באַהאַלט זי צוריק. דערנאָך קריכט ער מיט דער האַנט אַרײַן אין דער אַנדערער קעשענע פון זײַנע אויסגעריבענע הויזן און נעמט זיך דאָרטן עפּעס זוכן. די פינגער נישטערן, און די קעשענע הייבט זיך אָן וואַרפן אויף-און-אויף. מע קאָן מיינען, אַז בײַ אים אין דער קעשענע לויפט אַרום אַ קליין מײַזעלע, וואָס לאָזט זיך ניט כאַפּן פאַרן עקל. סאַפּקאַלסאַף באַווײַזט זיך קאַפּלס קולעק. ער איז אינגאַנצן אַרומגעקלעפּט מיט מאַכאָרקע, וועלכע קאָפּל צעשפּרייט איבערן פּאַפּירל. פּאַוואָלינקע פאַרדרייט קאָפּל זײַן מאָדנע ציגאַר. בעשאַס ער טוט עס, שלינגט ער די סלינע און באַלעקט זיך, ווי אַ צופרידענער קאָטער. און אָט קנוילט זיך שוין אין דער לופט אַ בלוי רויכל. קאָפּל גיט אַ פּאַרצי און פאַרהוסט זיך.

— אַך, איז זי האַרב, די מאַכאָרקע מײַנע, — ברענגט קאָפּל הייזעריקלעך אַרויס און ווישט אָפּ מיט דער דלאָניע די אַרויסגעטראָטענע טרערן אויף זײַנע אויגן, — אָבער אויף קיין שום פּאַפּיראָסן-שמאַפּיראָסן וועל איך מײַן קאָזיע נאָזשקע ניט פאַרבײַטן! אַ פּריוויטשקע פונעם פראָנט.

און קאָפּל גייט זיך ווײַטער.

פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, כאַפּט קאָפּל זיך אַרײַן צום פּעטער גרישען אַהיים. דער פּעטער גרישע האָט נאָך אַ צונאָמעניש „גרוזין", ווײַל אין גרוזיע וווינט זײַן אייגענער ברודער. דעם פּעטער גרישעס שטוב שטייט אַקוראַט אַנטקעגן קלוב, און ווען אין קלוב ווײַזט מען עפּעס אַ פילם, פאַרמאַכט זיך ניט באַם פּעטער גרישען דאָס הויף-טירל. קימאַט אַלע מאַנצבילען „מערקן זיך" פריִער אויף בײַ גרישע-גרוזינען, און ערשט דערנאָך גייען זיי קוקן קינאָ. וואָס זשע הייסט בײַ זיי „זיך אָפּמערקן"? דאָס הייסט, אַז בײַ גרישע-גרוזינען

קאָן מען טאָמיד געפינען א גוט גלעזל מאָלדאווישן ווײַן און א געשמאַק שטיקל פּאַסטראַמע אָף צו פאַרבײַסן.

אָט טאַקע בא דעם גרישע-גרוזינען פאַרהאַלט זיך יעדן פאַרנאַכט קאַפּל דער פּוצער. נאָך א פּאָר גלעזער ווײַן צעבינדט זיך בא אים די צונג:

— אָט בין איך, אשטייגער, א פּאַשעטער פּוצער אין מאַרק. מיינט איר, מיסטאָמע, אז כּוץ די פאַרשמוציקטע שטיול און שיך זעט קאַפּל דער פּוצער גאָרנישט ניט? אויב אזוי האָט איר א גרויסן טאָעס!..

קאַפּל שטייט אינמיטן דער גאַס, שאָקלט זיך אין אַלע זײַטן, און מיר, די כעווּרע, רינגלען אים אַרום און הערן זיך צו מיט א געלעכטער צו זײַנע שיקערע רייד:

— יעדן טאָג שווינדלען דורך פאַר מײַנע אויגן הונדערטער פּענעמער: מע ראַשט, מע רוישט, מע לעבט!.. דאָס איז, קינדערלעך, דאָס סאַמע גלאַוונע — מענטשן זאָלן פילן, אז זיי לעבן... לעבן...

לעבן האָט קאַפּל דער פּוצער געלעבט איינער אַליין. קיין מישפּאָכע האָט ער ניט געהאַט, און אַפילע די מומע ריווקע, וואָס האָט וועגן יעדן מענטשן פון אונדזער גאַס געוווּסט אַזויפיל און נאָך א ביסל, האָט וועגן קאַפּלען געקאָנט דערציילן ניט מער ווי אַנדערע ווײַבער, וועלכע פלעגן זיך אויסזעצן פאַרנאַכט אָף א פּריזבע און פלעכטן א מײַסע:

— קאַפּל דער פּוצער?.. נעבעך עלנט, ווי גאָט!..

— אויסגעשוואַרצט און אויסגעטריקנט!..

— אָבער א נעשאָמע פאַרמאָגט ער א גאָלדענע!..

— אַלע זײַנען זיי גאָלדענע! קוקט אים בעסער אָן, שוין שיקער-לאָט!

איך קאָן ניט דערקלערן, פאַרוואָס איז מיר אזוי נייטיק יעדן טאָג זען קאַפּלס צעקנייטשט פּאָנעם, ווי איך קאָן ניט דערקלערן, פאַרוואָס זאָל איך עס טאַקע ניט זען. אזוי אָדער אַנדערש, נאָר מיט קאַפּלען איז מיר גוט. אין יענער צײַט, ווען מיר פאַרברענגען מיט אים איינעם, הער איך אוף זײַן א קינד, און קאַפּל — א דערוואַקסענער.

אין איינעם אַן אינדערפרי שטיי איך ווי טאָמיד בא מײַן טירל און וואַרט שוין אָף קאַפּלס „גוטמאָרגן". ס'איז שוין צײַט, טראַכט איך, ער זאָל זיך באַווײַזן מיט זײַן קעסטעלע אָפּן אַקסל. אָבער מע זעט אים ניט און מע הערט אים ניט! איך דריי זיך אַהער, איך דריי זיך אַהין און באַמערק אַליין ניט, ווי כ'בלײַב שטיין בא קאַפּלס טיר. אויב איך בין שוין דאָ, קומט מיר אָפּן זינען, איז שוין קעדײַ אַרײַנצוגיין צו אים אין שטוב. איך גיב א שטופּ די טיר — זי איז אָפן. גיי איך זיך ווײַטער. כ'באַווײַז מאַכן א פּאָר שפּאַן. ווי פלוצעם פאַרמאַכט זיך נאָך מיר די טיר און איך בלײַב שטיין אינמיטן דער פינצטערניש... וואָס טוט מען דאָ? וווּהין זיך וואַרפן? כאַטש נעם און שרײַ גוואַלד.

ביכלאַל האָב איך זייער מוירע געפינען זיך אַליין אין א פינצטערן צימער. באַלד שטעלט זיך מיר פאַר, ווי פון אַלע שפּאַרונעס הייבן אָן אַרויסצוקריכן קאַלערליי נעפּעשלעך מיט פאַרדרייטע עקן, מיט שאַרפע ציין און נעגל, וועלכע וועלן מיך אָט-אָט א כאַפּ טאָן פאַר די פיס. און נאָך האָב איך זייער מוירע פאַר דער „שוואַרצער האַנט". דאָס איז א באַזונדערע געשיכטע, וועלכע ס'האָט מיר בעסאָד פאַרטרויט כאַים דער גרויסער. באַנאַכט, — זאָגט ער, — ווען אַלע מענטשן שלאָפן, יאַוועט זיך א שוואַרצע האַנט און הייבט אָן שטיקן קליינע קינדער. נאָך דער מײַסע האָב איך עטלעכע נעכט ניט געקאָנט אײַנשלאָפן ווערן. ווי נאָר איך פלעג פאַרמאַכן די אויגן, אזוי האָב איך טייקעף דערזען פאַר זיך די שוואַרצע האַנט. זי איז געווען ענלעך אָף א לאַנגער שלאַנג, נאָר אָנשטאָט א קאָפּ האָט די שלאַנג געהאַט דינע פינגער מיט שאַרפע נעגל. מיט א געשריי פלעג איך זיך אויפכאַפּן, אַראָפּשפּרינגען פונעם בעטל און זיך א טראָג טאָן איבער דער שטוב, ווי א ווילדער צאַפּ.

— דעם קינד האָט מען געגעבן א גוט-אויג, — האָב איך, ווי פונעם שלאָף, געהערט דער באָבעס קאָל, — אוּראָם, מע דאַרף אים אָפּשפּרעכן!..

נאָר ווען ס'איז ליכטיק, האָב איך פאַר קיינעם קיין מוירע ניט!

און אָט שטיי איך בא קאַפּל דעם פּוצער אין דער היים, און כ'פיל, ווי די אונטערשטע ליפּ מײַנע, הייבט אָן דריבנע אונטערציטערן. דאָס איז דער ערשטער סימען, אז אָט-אָ וועל איך זיך צעוויינען.

און דאָ דערהער איך דאָס באַקאַנטע הייזעריקע קעלעכל:

— ווער איז דאָרט?..

עס עפנט זיך אוף א טיר, און אָף דער שוועל וואַקסט אויס קאַפּל.

— אָ, דאָס ביסטו, שאַכנדל? וואָס זשע שטייסטו אין דער פינצטערניש, קום אַרײַן!...
פאַרשטייט זיך, אַז לאַנג בעטן האָט מיך קאָפל ניט געדאַרפט. ווי א פאַרטשמעליעטער, בין איך אַרײַן צו אים אין צימער און געבליבן שטיין אין א ווינקעלע.

— און איך ליג דאָ, — זעצט פאַר קאָפל, — און טראַכט: ווער זאָל עס דאָרטן זײַן?
ער גייט צו צו זײַן שמאָלן, אײַזערנעם בעטל און, אַזוי ווי ער איז, אין די הויזן און אינעם העמד, זעצט ער זיך אַפן בעטל אַוועק. די פּרוזשינעס אונטער אים גיבן שווער א קרעכץ, ווי א יינער רעדט: „אוי, קוים וואָס איך לעב!"

בעשאַס קאָפל דערציילט מיר, ווי נעכטן האָט ער בא גרישע-גרוזינען געכאַפּט אַן איבעריק ביסל, קוק איך זיך אַרום:
פון אונטערן בעטל שײַנט זיך אַרויס דעם פּוצערס קעסטעלע, לעבן פענצטער שטייט א גרויסער, לעפּישער טיש. איין פיסל איז בא דעם טיש קירצער, און קעדיי דער טיש זאָל זיך ניט שאָקלען, איז אונטער דעם קורצן פיסל אונטערגעלייגט א שאַכטל פון שיך-קרעם. איבער אַן אָפענער פּושקע פיש-קאָנסערוון פּויזעט א שוואַרצע פליג מיט א רויט קעפּל, און אָט די פליג האָט גאָרניט מוירע זיך צעשנײַדן מיטן שאַרפן בלעכל דעם בויך...

— וואָס זשע שטייסטו? — גיט זיך א כאַפּ קאָפל און שטעלט מיר אונטער א הויכן טאַבורעט, — איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס, כ׳האָב שוין פאַרגעסן, ווי׳אַזוי מע נעמט אויף געסט...

א ווײַלע דרייט זיך קאָפל איבערן צימער, און זוכט עפּעס מיט די אויגן.

— יאָ, ס׳איז מיר אינגאַנצן אַרויס פונעם קאָפּ, — זאָגט קאָפל, און מיט דער דלאָניע גיט ער זיך א פּאַטש איבערן שטערן, גלײַך ווי ער האָט געוואָלט כאַטש עפּעס פאַרהאַלטן פון דעם, וואָס ס׳איז בא אים אַרויס פונעם קאָפּ. — אין קאָרידאָר שטייט בא מיר א סלוי וואַרעניע...

און קאָפל לאָזט זיך שוין לויפן אַהין, ווו איך בין נאָך ניט לאַנג צוריק געשטאַנען איינער אַליין און פאַר מוירע זיך געקראַצט די פּיאַטעס.

— דו האָסט ליב וואַרעניע? — הערט זיך פונעם קאָרידאָר. — אַלע קינדער, ווייס איך, האָבן ליב וואַרעניע.

קאָפל פּאָרעט זיך אין דער פינצטערניש, זוכט דעם סלוי וואַרעניע, און איך באַטראַכט דערווײַל ווײַטער זײַן צימער. דאָס לעמפּעלע אויף דער סטעליע איז ענלעך אויף א פאַרפּויל-טער באַר, וואָס וועט זיך אָט-אָט א וואַלגער טאָן אויף דער ערד. די ווינקעלעך פון די ווענט זײַנען פאַרצויגן מיט שפּינוועבס. עס וווּנדערט מיך, וואָס כוץ א קליינער פאָטאָגראַפיע, וועלכע איז צוגענאָגלט איבער קאָפלס געלעגער, זע איך מער גאָרנישט ניט אויף די פּוסטע גרויע ווענט. עפשער דערפאַר טאַקע האָט מיך די דאָזיקע פאָטאָגראַפיע אַזוי פאַרינטע-רעסירט...

— נו, אָט, — לויפט אַרײַן קאָפל, האַלטנדיק אין די הענט א גלעזערנעם פאַרצוקערטן סלוי, — באַלד וועלן מיר מיט דיר עסן וואַרעניע.

אָבער וואָס מיר וואַרעניע און ווער מיר וואַרעניע, איך קאָן שוין פון דער פאָטאָגראַ-פיע קיין אויג ניט אָפּרײַסן.

— און דאָרט ווער איז בא אײַך? — פרעג איך בא קאָפלען. — דאָרטן, אויף דער פאָ-טאָגראַפיע?

קאָפל שטעלט אַוועק דעם סלוי אַפן טיש, קערעוועט אויס דעם קאָפּ צו דער פאָטאָ-גראַפיע און קוקט זיך אין איר אײַן א היפּשע ווײַלע, קלוימערשט ער זעט זי אַליין דאָס ערשטע מאָל.

— אָ, דאָס איז מײַנער א באַקאַנטער...

א סאָלדאַט מיט א פּילאָטקע אַפן קאָפּ, מיט שמאָלע וואָנצעלעך און מיט א פּאָר שמייכ-לענדיקע אויגן האָט געקוקט אויף מיר פון אונטער זײַנע געדיכטע ברעמען.

אין שטוב איז שא-שטיל. מע הערט אַפילע, ווי די שוואַרצע פליג מיטן רויטן קעפּל זשומעט שוין איבערן פאַרצוקערטן סלוי וואַרעניע...

— יאָ-יאָ, שאַכנדל, — צעלאַכט זיך קאָפל, — דאָס בין איך, אין פיר-און-פערציקסטן יאָר, נאָכן האָספּיטאַל...

„מילכאָמע" —

דאָס וואָרט האָט פאַר אונדז, פאַר די כעוורע, געהאַט א באַזונדערן באַטײַט. עס פלעגט זיך צעגיין אין מויל, ווי א זיס צוקערקעלע...

„מילכאָמע" —

ס'איז דען געווען אַ בעסערע שפּיל?! ווו אַ שטעקן — שיסט ער! מע דאַרף נאָר אויסשרײַען: „טראַ־טאַ־טאַ־טאַ!" איינער פאַלט אַ פאַרווונדעטער, דער אַנדערער — אַ דערהאַרגעטער... ס'איז גענוג אָבער נאָר צו דערהערן דער מאַמעס: „גענוג!.. מאַרש אַהיים!", ווי צו דער „מילכאָמע" נעמט באַלד אַ סאָף. דער פאַרווונדעטער ווערט מיטאַמאָל געזונט, און דער דערהאַרגעטער — לעבעדיק.

אָט וואָס ס'האָט פאַר אונדז דעמאָלט געהייסן „מילכאָמע".

קאָפּל זיצט אויפן עק בעטל, פאַרדרייט זײַן „קאָזיע נאָזשקע" און דערציילט שטיל, ווי פאַר זיך אַליין:

— ...געלעבט האָבן מיר פאַר דער מילכאָמע אין באַלטע. ס'איז דאָ אַזאַ שטעטל אויף דער וועלט, באַלטע. געלעבט, געאַרבעט, געכאָוועט קינדער. מיט מײַן זינאָטשקען האָבן מיר געהאַט קיין אײַנהאָרע, דרײַ קינדערלעך: דאָרע, מאַניע און ליאָוועלע...

קאָפּל פאַרייכערט זײַן ציגאַרעט. מיט דער שפּיץ צונג שטופּט ער אַרויס פונעם מויל אַ ברעקל מאַכאָרקע און דערמאָנט זיך ווײַטער:

— געלעבט, הייסט עס, און געפרייט זיך מיטן לעבן. און ס'איז טאַקע געווען פון וואָס זיך צו פרייען. די עלטערע טאָכטער מײַנע, דאָרעלע, האָט שוין געהאַלטן בײַם פאַרענדיקן דעם אַכטן קלאַס, מאַניעטשקע — דעם פינפטן, און ליאָוועלע, דער מיזיניק מײַנער, האָט שוין געדאַרפט גיין אין יענעם יאָר אין שקאָלע... אָבער די מילכאָמע... אוי, די וויסטע מילכאָמע...

קאָפּל ווערט אַנשוויגן. דאָס אומרויִקע ביינדל אויף זײַן דאַרן האַלדז בלײַבט שטיין אינמיטן גאָרגל, און עס דאַכט זיך, אַז באַלד וועט זיך קאָפּל דערפון וואָרגן. ער גיט אָבער טיף־טיף אַ פאַרצי דעם ציגאַרעט, פאַרהוסט זיך און דאָס ביינדל הייבט בײַ אים ווידעראַמאָל אָן וואָרפן זיך איבערן האַלדז.

— אוי, איז זי האַרב, די מאַכאָרקע מײַנע... אַ פּריוויטשקע פונעם פראָנט...

מיט דער האַנט צעטרײַבט קאָפּל דעם רויך, און איך זע, ווי איבער זײַן פּנים צעשײַנט זיך אַ וואַרעמער שמייכל, פונקט אַזעלכער ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע.

— דו ווייסט, — זאָגט ער, — איך בין דאָך געווען אַ ראַזוועדטשיק... איינמאָל, געדענקט זיך, האָבן מיר מיט די כעווורע געבראַכט אין שטאַב אַ „יאַזיק", גענומען, הייסט עס, אין פּלען אַ דײַטשישן אָפיצער. דאָס איז געווען אַ הויכער מאָגערער פריץ, ווי איצט זע איך אים פאַר די אויגן. פון שרעק האָט מיט אים געוואָרפן און געשווידערט, און נאָר צוויי ווערטער האָט מען פון אים געהערט: „היטלער קאַפּוט!". דאָס איז שוין געווען נאָך דער סטאַלינגראַדער ביטווע, ווען די פאַשיסטן האָבן געכאַפּט פון אונדז אַ גוטן נעריק. נו אָט, שטייט ער, הייסט עס, אַזוי און ציטערט, און מײַן קאָמאַנדיר ווענדט זיך צו מיר: „טאָוואַרישטש סערזשאַנט, מע זאָגט, אַז ייִדיש און דײַטש זײַנען קימאַט ווי איין שפּראַך. עפּשער, — זאָגט ער, — וואָלט איר דעם אָפיצער געשטעלט אַ פּאָר פראַגעס?" אַז מע דאַרף, ענטפער איך, דאַרף מען! און אַליין טראַכט איך צו זיך: כ'וואָלט בעפּיירעש מיט מער כיישעק אָט דעם פריץ צוגעשטעלט צו דער וואַנט. און פונדעסטוועגן, גיב איך אים אַ פרעג אויף ייִדיש: „לעבן ווילסטו? אַ שוואַרץ יאָר אויף דיר!" האַווקעט ער ווידעראַמאָל אויס: „היטלער קאַפּוט!" פאַרשטייט, זאַראַזע. פרעג איך ווײַטער: אַזוי און אַזוי, ווער ביסטו? פונוואַנען ביסטו?.. הייבט ער אָן פּלוצעם שיטן מיט ווערטער אָן אַן אויפהער... „נו, — פרעגט שוין בײַ מיר דער קאָ-

מאנדיר, ווען דער פאשיסט נעמט סאַפּקאַלסאַף אײַן א פּאַרציע שטומעניש, — וואָס האָט ער געזאָגט?" ער האָט געזאָגט, — הייב איך זיך אָן צו קנייטשן, — ער האָט געזאָגט, אַז היטלער איז קאַפּוט! „דאָס האָב איך אָן דיר פאַרשטאַנען! — רופט זיך אָן מײַן קאָמאַנדיר. — וואָס האָט ער געזאָגט ווײַטער?" ווײַטער? — פרעג איך איבער, — כ'זאָל אזוי וויסן פון צאָרעס, איך האָב אליין קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען. די פאשיסטן האָבן די גאַנצע שפּראַך אונדזערע איסקאַליעטשעט!..

קאַפּל צעלאַכט זיך. איך לאַך אײַנייִנעם מיט אים.

— און ווײַטער וואָס איז געווען?

— ווײַטער? — כאַזערט שטיל איבער קאַפּל און ווערט מיטאמאָל ערנסטער. — ווײַטער בין איך געווען קאָנטוזיעט, קימאַט א יאָר צײַט געלעגן אין האָספּיטאַל... מילכאָמע, שאַכנדל, איז א געפערלעכע זאַך!.. גאָט זאָל דיך אָפּהיטן פון אזא אומגליק!

דער רויך פונעם ציגאַרעט האָט געשוועבט איבער אונדזערע קעפּ, ווי א שווערע כמאַרע. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט-אָט וועט אָנהייבן גיסן א רעגן, א ביטערער און א האַרבער, ווי קאַפּלס מאַכאָרקע.

— נאָכן האָספּיטאַל האָט מען מיך דעמאָביליזירט. די קאָנטוזיע, ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט, איז געווען צו א שווערע. בין איך געפאָרן אַהיים. ווּהין נאָך זאָל פאָרן א סאָלדאַט, ווען די מילכאָמע האָט זיך שוין פאַר אים פאַרענדיקט?.. אָבער קיין היים איז שוין בא מיר ניט געווען... אויס היים... אויס מישפּאָכע...

— וואָס הייסט, „אויס"?

— דאָס הייסט, שאַכנדל, אַז די גאַנצע מישפּאָכע מײַנע האָבן די פאשיסטן אומגעבראַכט... דערשאָסן אין געטאָ...

פון קאַפּלס „קאָזיע נאָזשקע" איז שוין קימאַט גאָרניש ניט פאַרבליבן, בלויז א רויט קײַלעכל האָט נאָך קוים געטליִעט באַם סאַמע מויל, געבריט זײַנע ליפּן. אָבער קאַפּל דער פוצער האָט, דאַכט זיך, דעם ווייטעק ניט געפילט.

באַנאַכט האָט זיך מיר געכאָלעמט, ווי קאַפּל זיצט אויבנאָן בא זײַן לעפישן טיש און אײַנייִנעם מיט אים זיצן זײַנע קינדער: מאַניע, דאָרע און ליאָוועלע. אינמיטן טיש שטייט דער פאַרצוקערטער סלוי, און די קינדער זײַנע קוויקן זיך. זייערע פּענעמלעך זײַנען שוין אין-גאַנצן פאַרשמירט מיט וואַרעניע, קאַפּל אָבער זידלט זיי פאַר דעם ניט, פאַרקערט, ער איז פון דעם אַלעמען זייער צופרידן, און פון צײַט צו צײַט טוט ער שטילערהייט א זאָג: „פאַרשטייט זיך, אַלע קינדער האָבן ליב וואַרעניע!..".

פון אינדערפרי אָן ביז פאַרנאַכט טראָגט זיך איבער דער גאַס א פרייַלעכע קלינגערײַ: „גדזין-גדזין, גדזין-גדזין..." דאָס ארבעטן בא זיך אין קוזניע צוויי ברידער, צוויי קאָוועליעס — רוווּן און יאַנקל.

ווי א גרויסע, פײַערשפּײַענדיקע בריע, שטייט אין דער קוזניע א האָרן, און לעבן אים אין לאַנגע לעדערנע פאַרטעכער אפּן הוילן פאַרשוויצטן לײַב, מיט שווערע האַמערס אין די הענט פּאָרען זיך צוויי גיבוירים.

אין איינעם א טאָג שטעל איך זיך ארײַן צו די ברידער אין קוזניע. אין דער נאָז גיט טייקעף א זעץ א שאַרפער רייעך, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט אויסגעברענטע קוילן, אָנגעגליטן אײַזן און מיט מענטשלעכן שוויס. די אויגן צעלויפן זיך בא מיר אין אַלע זײַטן.

— וואָס מאַכסטו, ייִנגעלע? — פרעגט דער פעטער רוווּן.

אָבער אויסצוהערן מיך האָט ער ניט קיין צײַט. מיט א לאַנגער אָפּצווענגע כאַפּט ער אָן א שטיק אײַזן און שטופּט עס ארײַן אין די קוילן.

— שפּילסט נאָך אָף דײַן גאַרמאָשקע?.. קוק, מיר שפּילן אויך! — און ער שרײַט שוין צום ברודער: — אַנו, יאַנקל, דזי מעי[1] „א פריילעכס"! — און דער ברודער זײַנער, יאַנקל, גיט זיך א שפּײַ אָף די דלאָניעס, גייט צו צו א ברייטן רימען, וועלכער איז צוגעפעסטיקט צום בלאָזזאַק פונעם האָרן, און נעמט זיך שפּילן. מיט א פײַף צעציט זיך דער בלאָזזאַק, די קוילן כאַפּן דעם אָטעם און לעבן מיטאמאָל אויף. פײַער-רויטע צינגלעך דרייען זיך, וויקלען זיך, פלעכטן זיך איבער און צעוואָרפן אין דער לופט גאַנצע זשמעניעס פונקען...

— הײַדא, הײַדא! — שרײַט דער פעטער יאַנקל אויס.

[1] דזי מעי (מאָלד.) — טו א זאָג.

— דזי מעי, דזי, — האַלט אים אונטער זײַן ברודער, און מיט א פלינקער באַוועגונג טוט ער דאָס צעגליטע שטיק אײַזן א טראַג איבער פונעם האָרן אַף דער קאָוואַדלע.

דער פעטער יאַנקל לאָזט אַפּ דעם רימען און נעמט זיך פארן גרויסן האַמער.

— גדזין-גדזין... הײַדא-הײַדא... גדזין-גדזין...

די קאָוואַליעס קלאַפּן. דאָס אײַזן קלינגט. דער האַמער טאַנצט.

און אַט שיפּעט שוין דאָס שטיק אײַזן אין א דײַזשע וואַסער. די וואַסער פּינעט, קאָכט זיך, זי וויל, דאַכט זיך, דאָס שטיקל אײַזן אויסשפּײַען, אָבער עס העלפט איר גאָרניט. די וואַסער באַרויקט זיך פּאַמעלעך און בלויז אײנציקע בלאָטערלעך דרייען זיך נאָך אַפן אויבערפלאַך.

— נו, ווי געפעלט דיר אונדזער „פּרייזלעכס"? — פרעגט בא מיר דער פעטער רוווּן און ווישט אָפּ מיט דער האַנט דעם שווייס פונעם פּאָנעם.

אין דער צײַט נעמט דער פעטער יאַנקל אַרויס פון דער דײַזשע א שיינע, זילבערנע פּאַדקאָווע און שטרעקט זי מיר אויס.

— נאַ, ייִנגעלע! מענטשן זאָגן, אַז א פּאַדקאָווע ברענגט מאַזל! — איך נעם בא אים די פּאַדקאָווע און דריק זי צו צו זיך. זי איז נאָך וואַרעם און שמעקט מיט גלײַכע קוילן און מיט שווייס. ווײַזט אויס, אַזוי שמעקט מאַזל...

א באַגליקטער, בין איך דעמלט אַרויסגעלאָפן פון דער קוזניע. אין דרויסן איז געשטאַנען א גאָלדענער, זומערדיקער טאָג, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט באַמבלט זיך בא מיר אין בוזעם אינײנעם מיטן אויסגעקאָוועטן שטיקל „מאַזל"... אָבער ייִדישע מײַסעס, ווי ס'האָט געזאָגט שאָלעם-אליכעם, לאָזן זיך אויס, צומײנסטן, טרויעריק.

באַם פאַרלאָזטן ברונעם, וועלכער שטייט לעבן באַרבײַערס הויף, פאַרהאַלט איך זיך א ווײַלע און כאַפּ אַפּ דעם אָטעם.

די וואַסער אין אַט דעם ברונעם איז שוין אינגאַנצן פאַרשימלט, און פונעם שוואַרצן לאָך ציט טאָמיד א פאַרפוילטע נאַסקייט. שוין ניט איין מאָל האָט מען דעם ברונעם געוואָלט פאַרשיטן, ביפּראַט נאָך יענעם פאַל, ווען מײַן כאַווער מוסיע איז אין אים שיר ניט אַרײַנגעפאַלן. דעמלט בין איך אַן איבערגעשראָקענער צוגעלאָפן צו זײַן מאַמען, דער מומע דווירען, און אויסגעשאָסן:

— איר ווייסט, אײַער מוסיע איז אַרײַנגעפאַלן אינעם ברונעם... שיר-שיר!..

אָבער דעם „שיר-שיר", האָט די מומע דווירע שוין, דאַכט זיך, ניט געהערט, ווײַל זי האָט געהאַלטן באַם כאַלעשן.

און פונדעסטוועגן שטייט ער זיך, דער ברונעם, אַן אָפּענער, ווי פריִער, און אין די וואַרעמע פאַרנאַכטן טראָגן זיך פון אים הילכיקע זשאַבעס-קאָנצערטן. אַט בא דעם דאָזיקן ברונעם פאַרגלוסט זיך מיר א קוק טאָן אַף מײַן שיינער פּאַדקאָווע. איך בין שוין גרייט זי אַרויסצושלעפּן פונעם בוזעם, ווי עמעצער גיט מיר א טאָרע באַם אַקסל און איך דערהער:

— וואָס באַהאַלטסטו דאָרטן, וואָס?.. ווײַז אַהער!

איך דריי זיך אַפּגיך אויס און שטויס זיך אָן אין א גרויסן פּופּיק. מיט די הענט אין די קעשענעס, מיט א צעשפּיליעטן קראַק בא די הויזן שטייט אַנטקעגן מיר דער פעטער אַרן. זײַן אָפּגעבליאַקעוועט העמדל איז אײַנגעטונקען אין הילצערנע סטרוזשקעס. פון א קליין קעשענקעלע קוקט אַרויס א דימענטל, און פון הינטערן רעכטן אויער זעט זיך אָן א שטיקל בלײַער. דער פעטער אַרן איז א סטאָליער און א גלעזער. ווען איך זאָל אים ניט באַגעגענען, האָט ער א צעקנייטשטן פאַרשלאָפענעם אויסזען. עס דאַכט זיך, אַז אַפילע גייענדיקערהייט כאַפּט ער אויך אַמאָל א דרעמל. בלויז דעמלט, ווען דער פעטער אַרן זעט עמעצן דורכגיין לעבן זיך, גיט ער מיט זײַנע צעפּלאָסענע, בלויע ליפּן עפּעס בײַזלעך א בורטשע.

די ווײַבער אַף דער פריזבע פלעגן זאָגן:

— אַרן דער גלעזער?.. אַן אָפּגעלאָזטע בריִע!..

— ער איז באַליידיקט, דאַכט זיך, אַף דער גאַנצער וועלט!..

— מיט אַלעמען איז ער ניט צופרידן!..

— יאָ, בא אים האָט „א גוטמאָרגן" די זעלבע ווערט, וואָס „גיי אין דר'ערד אַרײַן".

דעם פעטער אַרנס רויטע, שלעפעריקע אייגעלעך קוקן איצט גלײַך אַף מײַן בוזעם.

— וואָס האָסטו דאָרט, וואָס?..

יאָ, טראַכט איך, פון אים וועל איך זיך שוין אַזוי גרינג ניט אָפּטשעפּען. מיט דער האַנט

קריך איך אריַין צו זיך אין דער מיַיקע און שלעפּ פון דאָרטן אַרויס מיַין פּאַדקאָווע. דער פּעטער אַרן כאַפּט זי אַרויס בא מיר פון די הענט.

— ווּ האָסטו דאָס אָפּגעווישט?

— וואָס הייסט „אָפּגעווישט"? — פאַרשטיי איך אים עפּעס ניט. — איר זעט דען אַליין ניט, אַז דאָס איז אַ פּאַדקאָווע?.. מענטשן זאָגן, אַז אַ פּאַדקאָווע ברענגט מאַזל!

— פּסס, ווער זאָגט? — רופט זיך אָן דער פּעטער אַרן, און אַליין באַטראַכט ער פון אַלע זיַיטן מיַין פּאַדקאָווע. — דול מיר ניט דעם קאָפּ! כ'פרעג בא דיר אָף יִידיש, ווּ האָסטו דאָס צוגעגאַנוועט? אַ רוער אין דיַין טאַטן אריַין!..

איך פּיל, ווי די אונטערשטע ליפּ מיַינע הייבט אָן דריבנע ציטערן.

— איך האָב די פּאַדקאָווע אין ערגעץ ניט צוגעגאַנוועט... די קאָוועליעס האָבן זי מיר געשענקט...

די טרערן קיַיקלען זיך מיר איבערן פּאָנעם.

— וואָס רעווּסטו?.. מע שלאָגט דיך דען?.. און די קאָוועליעס זיַינען מיר אויך גרויסע כאַכאָמים! אַ סמאַרקאַטש גיבן זיי אַ שטיק איַיזן אָף צו שפּילן זיך!..

און דער פּעטער אַרן איז שוין גרייט אַריַינצושטופּן מיַין פּאַדקאָווע צו זיך אין קעשענע.

— וואָס טוט איר?.. גיט מיר אָפּ מיַין פּאַדקאָווע!.. ס'איז אַ מאַטאָנע!..

— וואָדען!.. מיט אָט דעם שטיקל איַיזן ווּעסטו נאָך עמעצן צעלעכערן דעם קאָפּ!..

איך הער שוין אָבער גאָרניט. איך זע נאָר, ווי די גראָבע, קורצע פינגער דעם גלעזערס פאַרען זיך בא זיַין קעשענע: שטופּן אַריַין מיַין פּאַדקאָווע, מיַין מאַטאָנע...

— קערט זי מיר אום... איך בין ניט קיין גאַנעוו!.. איר... איר זענט אַליין אַ גאַנעוו!..

— אַך, ביַיסטרוק! — שריַיט אויס דער גלעזער און גיט אַ שליַידער מיַין זילבערנע פּאַדקאָווע אין דער שוואַרצער טיף פונעם ברונעם...

אַזוי איז אין יענעם זומערדיקן טאָג דערטרונקען געוואָרן מיַין קורצוויַיליק שטיקל „מאַזל".

בא אָסקאַר אויַילדן איז דאָ אַן אויסדרוק, אַז ביז פינף יאָר דערציט מען אונדז און פון פינף יאָר הייבן מיר אָן אונדזערע דערציִערס מישפּעטן.

אַ פּאַראַדאָקס, יאָ?!

דאַכט זיך, אַז ס'איז שוין געקומען די ציַיט דערציילן אויך וועגן אונדזער שטוב, וויַיל ווען עס וואָלט ניט געווען אונדזער שטוב, וואָלט איך אוואַדע ניט געהאַט קיין בוידעם. און ווער וואָלט איך דעמלט געווען, אָן אַ בוידעם?

קימאַט יעדן זומער מאַכן מיר די שטוב איבער. אַלץ הייבט זיך אָן פונעם וואָרט „רע-מאָנט".

— רעמאָנט! די ווענט שיטן זיך שוין!.. די הרובע רויכערט!.. דער דאַך רינט!.. דער פּאָל סקריפּעט!..

און דאָס דאָזיקע וואָרט „ר ע מ אָ נ ט" קלינגט שוין ווי „ג וו אַ ל ד!".

דער הויפּט-בויער איז בא אונדז אין דער מישפּאָכע די מאַמע. דאָס הייסט נאָך ניט, אַז די מאַמע בויט עפּעס אַליין. ניין! זי פאַרקאָכט די גאַנצע רעמאָנט-קאַשע, און צעכליאָבען צעכליאָבעט זי דער טאַטע. נאָר וויַנטערציַיט רעדט זיך דער טאַטע צונויף מיט די באַלמע-לאָכעס: מיט די צוויי ציגיַינערטעס, וועלכע וועלן שמירן די ווענט, מיטן קוימענקערער, דעם פּעטער מאָטלען, און מיטן סטאָליער „אַגרעס".

„אַגרעס" — איז מיַין מאַמעס בען-איר. זי קען אים נאָך פון מאַרקולעשטס ציַיטן, ווּ זיי האָבן געלעבט נאָך פאַר דער מילכאָמע. און אין מאַרקולעשט, זאָגט די באָבע, האָט יעדער מענטש געהאַט זיַין אייגענעם צונאָמעניש.

„אַגרעס" באַוויַיזט נאָר איבערצוטרעטן די שוועל, ווי די באָבע מיטן זיידן גיבן בא אים באַלד אַ פרעג:

— דו געדענקסט נאָך, אַגרעס, אונדזער שטעטעלע?..

— גאָט איז מיט אייַך! מע קאָן עס דען פאַרגעסן?!

בעשאַס זיי רעדן, שטיי איך אין אַ זיַיט, הער זיך צו צו זייער שמועס און פּאַוואָליִנקע הייבט זיך מיר אָן אויסוויַיזן, אַז כ'האָב אויך איינענעם מיט זיי געלעבט אַמאָל אינעם שטע-טעלע מאַרקולעשט, אַז איך קען גוט סיַי יאַנקל דעם קרומען, סיַי מייער דעם רויטן, סיַי לייקע-סאַרקע די שטינקערן. איך קען זיי אַלע, כאָטש כ'בין קיינמאָל אין מאַרקולעשט ניט געווען און יענע מענטשן אַפילע אין די אויגן ניט געזען...

„בעסאראבער ייִדישע שטעטעלעך" —
וויפל מאָל אין טאָג האָט מען אײַך דערמאָנט?! מיט א שמייכעלע און מיט א זיפץ, און בא יעדן איינעם — א באזונדערס, דאָס בעסטע אין דער וועלט! אײַערע נעמען פלעגן ארויספליִען פונעם מויל און זיך טראָגן אין דער לופט, ווי געלע, געפאלענע בלעטער אין סאָף הארבסט.
„בעסאראבער ייִדישע שטעטעלעך" —
איר לעבט נאָך ביז הײַנט-צו-טאָג: אין זיקאָרן, אין הארצן, אין די אייגנארטיקע ווערטלעך, וויצן, געשיכטעס, מיט אייגענע כאכאָמים און אייגענע מעשוגאָיִם...
... מארקולעשטער, ראשקעווער, אוריִעווער, אָטעקער, טעלענעשטער...

„אגרעס" איז געווען פון דעם סאָרט סטאָליערס, וואָס דאָס ערשטע זעגן זיי, און ערשט דערנאָך — מעסטן זיי. אָפטמאָל פלעגט מען פון אים הערן:
— ס'איז קירצער? וועל איך צושטוקעווען א שטיקל!.. ס'איז לענגער — וועל איך אָפּשנײַדן! איך בין דאָך א סטאָליער, און ניט, כאָלילע, קיין מויעל!..
דער אנדערער באלמעלאָכע, פעטער מאָטל, איז בעפּיירעש געווען א גוטער קוימענקערער...

די ווײַבער אף דער פּריזבע:
— מאָטל דער קוימענקערער?.. א פּאָר גאָלדענע הענט פארמאָגט ער!..
— אין יעדער הרובע לאָזט ער איבער זײַן שטיקל נעשאָמע!..
— אָבער וואָס טוט מען מיטן טרינקען?..
— יאָ, ער האָט ליב א ביסל מער „ארײַנקוקן" אין פלעשל!..

אין יענע טעג, ווען דער פעטער מאָטל פלעגט אָפט ארײַנקוקן אין פלעשל, פלעגט ער זיך בא אונדז ניט באווײַזן, און די האלב-געליימטע הרובע איז, נעבעך, עלנט געשטאנען און, דאכט זיך, געטראכט: „פארוואָס קומט עס מיר אזוי?" אָבער, ווען דער קוימענקערער פלעגט שוין יאָ קומען צו דער ארבעט, איז טאקע געווען אף וואָס א קוק צו טאָן.
די ציגל האָבן אין זײַנע הענט געמאכט אזעלכע „סאלטאָ-מארטאליעס", וועגן וועלכע יעדער ייִנגל מיט זײַן ליאנגע האָט נאָר געקאָנט טרוימען. דאָס העמערל זײַנס מיטן פלאטשיקן נעזל, ווי בא א קאטשקע, האָט מאמעש אויסגעטאנצט אף יעדן ציגל א טשעטשאָטקע.
בעשאס דער קוימענקערער ארבעט, זינגט ער זיך אונטער א פריילעך לידעלע מיט עפּעס זייער קאָמישע ווערטער: „אין יאדי-דודי שירלי-מירלי יאם בים-באָם..." אף א ווײַלע רײַסט ער זײַן לידעלע איבער, גיט א האק מיטן העמערל איבערן ציגל, צעשפּאלט אים און, באשמירנדיק אים מיט א ביסל לויזלעכער ליים, זינגט דער פעטער מאָטל ווײַטער: „אין יאדי-דודי שירלי-מירלי יאם בים-באָם...".
איינמאָל, ווען דער זיידע האָט זיך נאָר אומגעקערט פון דער שול, גייט צו אים צו דער פעטער מאָטל און זאָגט:
— אָט, ר' אווראָם, איר זענט א פרומער ייִד. פארוואָס, וואָלט איך געוואָלט וויסן, זײַנען זיי אזוי נאריש?
— ווער זיי? — פארשטייט אים עפּעס ניט דער זיידע.
— זיי, כ'מיין די ווײַבער!..
פונעם צווייטן צימער שטופּט זיך ארויס „אגרעסעס" קאָפּ. איך שטעל אויך אונטער אן אויער.
— אָט האָב איך, אשטייגער, הײַנטיקע נאכט געזען אזא מין כאָלעם, — זאָגט דער פעטער מאָטל און פארוקט א ביסל אפן קאָפּ זײַן פארקויטיקט היטל. דערנאָך גיט ער זיך מיטן קליינעם פינגער געשמאק א קראַץ און דערציילט ווײַטער:
— הייסט עס, פלי איך איבערן הימל, ווי א מאלעך, און זע, ווי אף א וואָלקנדל זיצט באם טיש אן אלטיטשקער און טרינקט קאווע. פלי איך שוין צו צו אים און גיב אים א פרעג: „ווער זענט איר?" „וואָס זשע, — פרעגט ער מיך, — דערקענסט מיך ניט?" איך קוק זיך צו אים צו, טו א הייב די אקסלען, און ער, דער אלטיטשקער, נעמט און גיט א זאָג: „איִ, ר' מאָטל, איך בין דאָך דײַן גאָט!.." בלײַב איך שטיין, ווי א גוילעם. „עס קאָן אזוינס ניט זײַן! — שטאמל איך אויס, — איר שפּילט מיט מיר א מיִעסע שפּיל!" „אויב אזוי, — רופט ער זיך אָן, — קום מיט מיר, וועל איך דיר עפּעס ווײַזן!" און ער לאָזט זיך גיין. איך גיי אים נאָך, ווי א הונט נאָך א צויג...

— ר׳ מאָטל, — רײַסט אים איבער דער זיידע און טוט א ווײַז אף מיר, — שעמט זיך!..

— נישקאָשע, נישקאָשע, הערט בעסער ווײַטער! — זאָגט דער פעטער מאָטל. — הייסט עס, וויפֿל מיר זײַנען מיט אים געגאנגען, — ווייס איך ניט, כ׳האָב אפֿן זייגער ניט געקוקט, נאָר סאָפקאָלסאָף זײַנען מיר ארופגעקומען אף א גרויס פעלד. „וואָס זשע איז דאָס?" — פרעג איך בא מײַן אלטיטשקן. „אָט דאָס איז דאָס הייליקע אָרט, — זאָגט ער, — אהער קומען צו פליִען נעכטיקן די נעשאָמעס..." ערשט דעמלט, נאָך די דאָזיקע ווערטער זײַנע, האָב איך באמערקט, ווי דאָס פעלד איז אינגאנצן פארפלייצט מיט קעראָסין־לעמפלעך...

— וואָס גאָר מיט קעראָסין־לעמפלעך? — מישט זיך ארײַן „אגרעס", וואָס שטייט שוין לעבן פעטער מאָטלען.

— אָט, טאקע די זעלבע קאשע האָב איך געפרעגט בא דעם אלטיטשקן.

— וואָס זשע האָט ער דיר געענטפערט?

— האָב א ביסל געדולד! וואָס טרײַבסטו מיך אונטער, גלײַך ווי כ׳וואָלט געווען א פערד. נו, פרעג איך, הייסט עס, בא מײַן אלטיטשקן, וואָס זשע איז דאָס פאר א לעמפלעך? זאָגט ער מיר: „דאָס, זון מײַנער, זײַנען אײַערע נעשאָמעס: יעדעס לעמפל — א נעשאָמע פון א מענטשן". „פארוואָס זשע, — פרעג איך בא אים די צווייטע קאשע, — ברענט אין אייניקע לעמפלעך דער קנויט, און אין אנדערע האָט ער זיך שוין פארלאָשן?". „ע, טײַערינקער, — גיט ער א צי אויס מיט א שמייכעלע, — אין דעם איז טאקע דער סאמע איקער. יענע לעמפלעך, וועלכע ברענען נאָך, זײַנען די נעשאָמעס פון די לעבעדיקע מענטשן, און יענע לעמפלעך, וואָס האָבן זיך שוין פארלאָשן..." ערשט דאָ האָב איך פארשטאנען, מיט וועמען איך האנדל...

— ר׳ מאָטל, — שלאָגט אים איבער דער זיידע, — וואָס רעדט איר אזוינס? ווי קאָן מען דען זען גאָט?.. — און דאָס פּאָנעם ווערט בא אים רויטלעך.

— נישקאָשע, נישקאָשע, ר׳ אווראָם, ס׳איז דאָך ניט מער ווי א כאָלעם. הערט בעסער ווײַטער. דערהערנדיק אזא זאך, איז מיך, פארשטייט זיך, באפאלן א שרעק. כ׳פיל, ווי די קני בא מיר הייבן אָן ציטערן, אָבער איך נעם זיך פאוואָלינקע אין די הענט און זאָג: „גאָטעניו, אויב ס׳איז מיר באשערט געווען זיך באגעגענען מיט דיר, טאָ זײַ זיך מאטריִעך און ווײַז מיר אָן מײַן לעמפל און דאָס לעמפל פון מײַן ווײַב". „אָט! — גיט ער א טײַט מיטן פינגער אף א העל־ברענענדיקן לאָמפ, — אָט איז דײַן נעשאָמע, און אָט יענץ קליינע לעמפעלע, וואָס עס שטייט לעבן דײַנע פיס, איז דײַן ווײַבס נעשאָמע". איך גיב א קוק אף מײַן מאלקעלעס נעשאָמקעלע און עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן: אָט־אָט, זע איך, וועט זיך דער קנויט אין איר לעמפל פארלעשן. „ריבוינע! — רײַסט זיך ארויס א געשריי פון מײַן הארצן, — גאָטעניו, טאטעניו, איך זע, אז דאָ, אפֿן הימל, זײַנען די געשעפטן דײַנע ניט בעסער, ווי אף דער ערד! ווי קאָנסטו דערלאָזן, אז איך, א שיקער, א פארפאלענער מענטש, זאָל לעבן ווײַטער, און א הייליקע נעשאָמע, א מוטער פון דרײַ קינדער, זאָל הײַנטמאָרגן שטארבן?!.

— אײַ, ביסטו א מאָלאָדיעץ! — גיט פּלוצעם א שרײַ אויס „אגרעס", — גלײַך האָסטו געטאָן! אזוי קומט אים!..

— און דאָ זע איך, — דערציילט ווײַטער דער פעטער מאָטל, — ווי גאָט קערעוועט אויס זײַן קאָפּ אין א זײַט. מײַנע ווערטער האָבן אים, ווײַזט אויס, גערירט. און אין דער זעלבער רעגע קומט מיר א געדאנק אין קאָפּ ארײַן: מע דארף, טראכט איך, קאָלזמאַן ער זעט ניט, דערגיסן דאָס לעמפל. און אזויווי קיין קעראָסין איז בא מיר ניט געווען, גיב איך א צעשפּיליע די הויזן...

— שוין! גענוג! — שיסט אויס מײַן זיידע. — דאָס איז שוין, ר׳ מאָטל, א מיִעסקײַט... א ביזאָיען!.. — און דער זיידע לויפט אוועק.

— נו, אָט! — שטייט שוין א צעמישטער דער קוימענקערער, — ר׳ אווראָם האָט זיך, דאכט זיך, באלייִדיקט אף מיר... גיי ווייס...

— וואָס זשע איז דאָך געווען ווײַטער? — טאָרקעט אים אין אקסל „אגרעס". — ווײַטער!..

— ווײַטער, — זעצט פאָר דער פעטער מאָטל שוין אָן כיישעק, — ווײַטער האָב איך זיך אופגעכאפּט פון מײַן מאלקעס שרײַען: „וואָס טוסטו, גאזלען?.. א נארישע פרוי!.. איך בין גרייט צוליב איר אָפּנארן גאָט, פארלענגערן איר דאָס ביסל יאָרן, און זי...

„אגרעס" קאטשעט זיך פאר געלעכטער, כאפּט זיך פארן בויך, פּאָכעט מיט די הענט, גלײַך ווי ער וואָלט אויך געוואָלט ארופליִען אין הימל...

— און מוידע... — קרייעט ער אויס פון צײַט צו צײַט, — מוידע-אני האָסטו כאַטש הײַנט אינדערפרי געזאָגט?..

א דערשלאָגענער, גייט דער קוימענקערער שטילערהייט צו צו דער הרובע און נעמט זיך צו דער ארבעט. די ארבעט אָבער קלעפּט זיך ניט בא אים, און ס׳הערט זיך שוין ניט זײַן פריילעך לידעלע...

און פאַרוואָס האָט זיך דער זיידע אזוי באַליידיקט אפן פעטער מאַטלען? און פון וואָס איז אזוי פריילעך געוואָרן „אגרעסן"?

יאָ. אינטערעסאנטע זאכן טרעפן זיך אמאָל מיט די דערוואקסענע!

ווען עס גייט דער רעמאָנט, דערקען איך ניט אונדזער הויף. דאָ און דאָרט ליגן בערגלעך ציגל, זאמד, קאלך, שטרוי...

אינמיטן הויף קנעט די לײם מיט באָרוועסע פיס א יונגע ציגײַנערטע. איך שטיי ניט ווײַט פון איר און קוק זיך צו איר צו. די לאנגע שנירלעך קאָרעלן רינגלען עטלעכע מאָל ארום איר ברוינעם האלדז און צעפּאָלן זיך אף דער ברוסט. אין די אויערן באַמבלען זיך א פּאָר אוירינגלעך, ענלעכע אף צוויי הערצעלעך. דאָס קאַלערליי פארביקע קליידל אירס איז איר אונטערגעקליבן פוןביידע זײַטן און פארשטעקט אין די לענדן. קוקנדיק אף דער יונגער ציגײַנערטע, האָב איך זיך דערמאָנט אין א שרעקלעכער געשיכטע, ווי ציגײַנער האָבן צו-געגאנוועט א קליין קינד. די דאָזיקע געשיכטע האָב איך געהערט פונעם אלטן באַרביערו. מיטאמאָל שטעלט זיך מיר פאַר אזא מין בילד: באנאכט, אלע שלאָפן און פלוצעם טוט א סקריפּע אונדזער טיר. איך כאַפּ זיך אוף פונעם שלאָף און זע, ווי אין שטוב גאנוועט זיך אריין אָט די יונגע ציגײַנערטע, וועלכע קנעט איצט די לײם. זי גייט שטילערהייט צו צו מײַן בעטעלע און איך באמערק בא איר אין די הענט א גרויסע טאָרבע. איך וויל א געשריי טאָן, און קאָן אָבער ניט: מײַן מויל איז ווי מיט עפּעס אָנגעשטאָפּט. דער ציגײַנערטעס אויגן ברענען אין דער פינצטערניש, ווי צוויי פײַערלעך... אָט-אָ וואָרפט זי אף מיר ארוף די גרויסע טאָרבע...

— מע בעיעטע, — דערהער איך, — ווינאָ אינקאַאטשע.[1] „ווּהין, אין קויש?! וואָס פאר א קויש?" — פארשטיי איך עס אף מײַן אויפן.

— ...דיי אַליעקוצע דע אפּע![2] — זאָגט זי ווײַטער און, אָנווײַזנדיק מיטן פינגער אפן עמער וואסער, כאַזערט די ציגײַנערטע איבער, — א-פּע!

א צופרידענער, וואָס ניט מיך מיינט זי, דערלאַנג איך איר דעם עמער וואסער. גרינג, מיט ביידע הענט הייבט זי דעם עמער אוף און טראָגט אים צו צום מויל. איך שטיי און קוק ווי זי טרינקט. דער עמער פארשטעלט מיר איר פּאָנעם, איך זע נאָר די סמאָלע-שווארצע געקרײַזלטע האָר אירע, וואָס שטעקן ארויס פון אונטער דער רויטער פאטשיילע.

— גוסטאָאסע אפּע[3] — שטעלט זי אוועק דעם עמער אף דער ערד. ווען זי בייגט זיך אָן, באגעגענען מיר זיך מיט די אויגן. אזעלכע גרויסע שווארצע אויגן, טראכט איך, טאקע יאָ, ווי צוויי ברענענדיקע קוילעכלעך!.. און פלוצעם גיט די ציגײַנערטע א פליוסקע אף מיר די וואסער...

איך ווער נאס פון קאָפּ ביז די פיס. איך פּיל, ווי עס בריִען די קאלטע טראָפּנס, רינען מיר איבערן האלדז, איבערן לײַב... און זי, די ציגײַנערטע, קײַכט פאר געלעכטער.

— אײַ, בעיעטע! — הער איך נאָר דאָס איין-און-איינציקע וואָרט, — אײַ, בעיעטע!.. — איך שטיי א געפּלעפטער און ווייס אליין ניט: צי כ׳זאָל זיך צעוויינען, צי כ׳זאָל זיך צעלאַכן!

די ציגײַנערטע פאַריכט אין דער צײַט די רויטע פאטשיילע אפן קאָפּ און הייבט אָן זינגען. די לײם כליופעט שוין ווידעראמאָל אונטער אירע באָרוועסע פיס, און זי זינגט:

— לאַ מינדרוצא אין גרעדינע מיא פרינס דאָרול רעדעטשינע...

או-א, או-א! דאָדע, דאָדע!..

די ציגײַנערטע זינגט אזוי הארציק, מיט אזא שטארק געפיל, אז איך הייב, דאַכט זיך, אָן פארשטיין יעדעס וואָרט פון איר ליד... דאָס געזאנג שלאָגט אָבער באלד איבער א הייזעריק קאָל:

— מאריטשיקאַ!.. מאריטשיקאַ!..

— אקום, מאמע!..[4]

[1] — היי, ייִנגעלע, קום אהער! (מאָלד.).
[2] — גיב מיר א טרונק וואסער! (מאָלד.).
[3] געשמאקע וואסער! (מאָלד.).
[4] באלד, מאמע (מאָלד.).

„אַ, מאמע“ — דערהער איך דאָס גוט באַקאַנטע וואָרט. הייסט עס, מאמע קלינגט בא זיי, בא די ציגײַנער, פּונקט אזוי ווי בא אונדז, בא ייִדן?! א וווּנדערלעכע זאַך! מאמע איז, אפֿנים, שטענדיק א מאמע! עס קאָן דען זײַן אנדערש?!

פֿון דעם פֿריִערדיקן פּאַכעד איז שוין קיין סימען ניט פֿאַרבליבן. באלד, דאַכט זיך, פֿלי איך אויך אַרײַן מיט די פֿיס אין דער צעוויקטער ליים און זי קנעטן אײנצ̇עם מיט דער ציגײַנערטע... אָבער די באָבע רופֿט מיך שוין אהיים עסן אָנבײַסן, און איך מוז גיין...

דער זיידע זיצט שוין באם טיש און קוויקט זיך מיט זײַן באליבטן צימעס, עס דאַכט זיך, אז די גראָווע לאַנגע באָרד זײַנע קוויקט זיך באַגלײַך מיט אים. מײַן זיידן קען גאַנץ בעלץ, ווײַל מײַן זיידע איז א שויכעט און א מויעל. יעדן אינדערפֿרי כאַפּ איך זיך אויף פֿון זײַן דאַוונען.

— מוידע אני ליפאָנעכאָ כײַ ווּעקאַיִם... — הער̇ט זיך דעם זיידנס דין קעלעכל, און אליין שטייט ער שוין אָן אײַנגעהילטער אין זײַן טאַלעס און קוקט אַרײַן אין א גראָבן צע-באָרשטן סײַפער.

ווען מײַן זיידע דאַוונט, איז ער זייער ענלעך אַף א קישעפּמאַכער, ביפֿראַט דעמלט, ווען ער בלאָזט שויפֿער. דער זיידע שטעלט דעם שויפֿער צו צום רעכטן ווינקעלע פֿונעם מויל, פֿאַרקלעמט אים מיט די ליפּן און גיט א בלאָז אויס: „טאַ-אַ, טאַ-אַ, טאַ-טאַ-טאַ!..“ — פּאַשעט אזוי, אַף צו פֿאַרהערן זיך!

יעדן שאַבעס גייט דער זיידע אין שול אַרײַן. האָב איך זיך איינמאָל פֿאַרטראַכט: וואָס זשע איז עפּעס דאָרטן, אין דער שול, אזוינס דאָ, וואָס דער זיידע פֿאַרגינט זיך ניט דורכ-לאָזן קיין איין שאַבעס? איך וואָלט דעם „עפּעס“ אויך געוואָלט זען. דער זיידע אָבער האַלט, אז איך בין נאָך צו קליין, קעדיי גיין מיט אים אין שול. מײַלע, האָב איך זיך אליין געגעבן אן אײַצע.

אין איינעם א שאַבעס, ווען דער זיידע האָט זיך געלאָזט גיין אין שול, בין איך אים נאָכגעגאַנגען טריט נאָך טריט. די שול געפֿינט זיך אַף דער קעשענעווער גאַס, דאָס איז ניט ווײַט פֿון אונדז, אָבער אין יענעם טאָג האָט מיר דער וועג אהין אויסגעוויזן אָן אן עק און אָן א סאָף. דער זיידע, פֿאַרשטייט זיך, האָט זיך ניט געײַלט. פּאַוואָלינקע איז ער זיך געגאַנגען איבער אונדזער גאַס, און פֿון צײַט צו צײַט זיך באַגריסט מיט די שכײנים. און איך האָב זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן הינטער די פּלויטן און ביימער, קעדיי דער זיידע זאָל מיך, כאָלילע, ניט דערזען. יעדעס מאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז אָט-אָט וועט ער אויס-דרייען דעם קאָפּ...

סאָפּקאָלסאָף האָבן מיר זיך דערנעענטערט צו דער שול. אין הויף זײַנען געשטאַנען רעדלעך מענטשן און האָבן וועגן עפּעס געטײַנעט. עס האָט זיך געדאַכט, אז די אַלטע לײַט רעדן ניט נאָר מיטן מויל, נאָר אויך מיטן פּאָנעם, מיט די הענט און אפֿילע מיט די בערד. אין מײַן לעבן האָב איך נאָך אזויפֿיל בערד ניט געזען! שוואַרצע, גראָווע, רויטע, לאַנגע און קורצע, געדיכטע און שיטערע — א וועלט מיט בערד... און אָט האָבן זיך שוין די בערד געלאָזט גיין אין שול אַרײַן, און איך שמוגל זיך דורך אײנינעם מיט זיי.

בין איך שוין, הייסט עס, אינווייניק. קוידעמקאָל זוך איך אַפּ מיט די אויגן דעם זיידן. ווי עס לאָזט זיך אויס, זיצט ער ערשט ניט ווײַט פֿון מיר. אָבער מיך זעט ער ניט. ער איז שוין אײַנגאַנצן פֿאַרטאָן אין זײַן דאַוונען. אויב אזוי, טראַכט איך, קאָן איך רויק וואַרטן אַף דעם „עפּעס“. יאָ, אָבער וויאַזוי וועל איך עס דערזען, ווען כ׳בין פֿון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט מיט מענטשן? איך קאָן נאָר האָבן פֿון די קליינע געלע שטערנדלעך, וועלכע זײַנען אויסגעמאָלט אַף דער סטעליע. שטיי איך שוין אזוי און קוק אַרויף. און דאָ פֿיל איך אַף מײַן נאַקן עמעצנס בליק. איך גיב א דריי אויס דעם קאָפּ און זע פֿאַר זיך א קליין פֿאַרקנייטשט פּענעמל (דאַפּקע אָן א באָרד). א פּאָר רויטלעכע, טרערנדיקע אײגעלעך קוקן גלײַך אַף מיר. עטלעכע געלע הערעלעך קרײַזלען זיך קאָמיש אַף דער פֿליישיקער נאָז, די אייבערשטע ליפּ באַהאַלט זיך אזוי הינטער דער אונטערשטער, און די אונטערשטע שטעקט דעריבער אַף אזויפֿיל אַרויס, אז מיך באַהערשט אַף א רעגע א מאָדנע געדאַנק: וואָס קאָן מען, לעמאַשל, טאָן מיט אזא מויל, ווען עס גיסט א רעגן?..

דאָס פּענעמל בייגט זיך אָן צו מיר, און רוימט מיר אײַן שטילערהייט:

— ווער זשע ביסטו?

גיב איך א ווונק מיטן קאָפּ אַפֿן זיידן.

— הייסט עס, ביסטו דעם שויכעטס אייניקל.

און דער אַלטיטשקער גיט מיר גרינג א קניפּ אין דער באַק. דערנאָך קריכט ער אַרײַן צו זיך אין קעשענע, שלעפּט פֿון דאָרט אַרויס א קליין פּלעשעלע און שיט אָפּ פֿון אָט דעם

פלֿעשעלֿע זיך אַף דער דלֿאָניע אַ ביסלֿ שוואַרצן פּראָשעק. אין איין אויגנבליק גיט זײַן פלֿײשיקע נאָז אַ ציִ אַרײַן מיט אַ פּײַף דעם דאָזיקן פּראָשעק... דאָס פאַרקנייטשט פּענעמלֿ פאַרקנייטשט זיך נאָך מער, די רויטלֿעכע אויגן ווערן שוין אינגאַנצן רויט, און די לֿיפּן לֿאָזן אַרויס אַזאַ מין: „טממעו!"...

איך שטיי און נעם ניט אַראָפּ פון דעם אַלֿטיטשקן קיין אויג, און ער שיט דערווײַלֿ נאָכאַמאָלֿ אָפּ פון זײַן פלֿעשעלֿע אַ ביסלֿ פּראָשעק און טראָגט אים אונטער. שוין צו מײַן נאָז.

— נאַ, פאַרזוך אויך די מעציִע!..

איך האָב לֿאַנג ניט געטראַכט, אַרײַנגעשטופּט מײַן נאָז אין דער אונטערגעשטעלֿטער דלֿאָניע און מיט אַלֿע קויכעס אַ ציִ געטאָן... אָבער וואָס האָב איך אַזוינס אין זיך אַרײַנגעצויגן?.. וואָס איז עס, אַ פּראָשעק אָדער קלֿײנינקע שוואַרצע מורעשקעס, וועלֿכע צעלֿויפן זיך אין מײַן נאָז און הייבן מיך אָן מעשונע-ווילֿד בײַסן?.. די אויגן האָבן זיך מיר אָנגעגאָסן מיט טרערן, דאָס מוילֿ האָט זיך פאַרקרימט און ס'איז מיך באַפאַלֿן אַ ניסעניש... כ'האָב שוין פאַר זיך די שײַן ניט געזען... איך האָב אָנגעהויבן זינקען אין אַ פינצטערניש...

אַהיים בין איך שוין געגאַנגען אײַנײנעם מיטן זיידן, ער האָט מיך געהאַלֿטן באַ דער האַנט און מיר גוט אַרײַנגעזאָגט:

— אַזאַ מין כוצפּעניק... אַזאַ אַזעסניק...

און איך ניס און ניס — כ'קאָן זיך גאָר ניט אויסניסן.

— וויפלֿ מאָלֿ דאַרף מען דיר זאָגן, אַז די נאָז זאָלֿסטו ניט שטופּן וווּהין מע דאַרף ניט!.. און דער אַלֿטער ר'יאָסלֿ איז מיר אויך גוט: אַ קינד גיט ער שמעקן טאַבעקע... סטאַרי יאַק מאַלֿי!..

דעם גאַנצן פאַרנאַכט האָט זיך דער זיידע געבייזערט אַף מיר, און איך האָב זיך געדרייט אַרום אים און געשטאַמלֿט:

— זיידע, זײַ מיר מויכלֿ... מער וועלֿ איך ניט שטופּן די נאָז וווּהין מע דאַרף ניט!..

— אָך, אײניקלֿ, — האָט געזיפצט דער זיידע, — ווען דער מענטש זאָלֿ וויסן פריִער, וווּהין מע דאַרף יאָ שטופּן די נאָז, און וווּהין מע דאַרף ניט... — און דער זיידע האָט זיך צעלֿאַכט, — אָבער דו ביסט מיר געווען שיין: ייִדן זיצן און דאַוונען, און דער באָרדאַס מײַנער צעניסט זיך אַף דער גאַנצער שולֿ...

— זיידע, און וויִאַזוי פאַרשטייסטו דאָס, וואָס דו לֿייענסט, — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן, — עפּעס זייער מאָדנע אויסיִלֿעך אין דײַנע ביכער. ווי מיר דאַכט, זײַנען די דאָזיקע אויסיִלֿעך ענלֿעך אַף פּיצינקע שוואַרצינקע לֿעמעלֿעך...

דער זיידע האָט מיך אַוועקגעזעצט אַף זײַן ביינערדיקער קני, אָנגעטאָן מיר אַפן קאָפּ מײַן ווײַס קאַפּעלֿיושלֿ און, טײַטלֿענדיק מיטן לֿאַנגן דאַרן פינגער אין סייפער אַרײַן, האָט ער ווי אויסגעזונגען:

— זאָג, אײניקלֿ, „אַאַלֿעף"!

— אַאַלֿעף, — האָב איך נאָך אים אויסגעשריגן.

— בייס... גימלֿ... דאַאַלֿעד...

פונעם שרײַען בין איך אײַנגיכן געוואָרן הייזעריק און מיד.

— נו, אַף הײַנט, דאַכט זיך, איז שוין פאַר דיר גענוג, — האָט געזאָגט דער זיידע, — די אייגעלֿעך, זע איך, זײַנען שוין באַ דיר שמעלֿער געוואָרן.

— יאָ, זיידע, יאָ, אָבער זאָג מיר פריִער נאָך איין זאַך...

— וואָס זשע פאַר אַ זאַך זאָלֿ איך דיר זאָגן?

— צו וואָס האָסטו מיר פאַרן לֿערנען אָנגעטאָן דאָס קאַפּעלֿיושלֿ אַפן קאָפּ?

דער זיידע האָט אַרויסגעלֿאָזט אין זײַן באָרד אַזאַ מין „כממם" און האָט מיט אַ שמייכלֿ געזאָגט:

— איך האָב עס געטאָן, אײניקלֿ, צולֿיב דעם, אַז די פּיצינקע שוואַרצינקע „לֿעמעלֿעך" דײַנע זאָלֿן זיך אַ ביסלֿ פּיטערן באַ דיר אין קאָפּ און ניט צעלֿויפן זיך טייקעף אין אַלֿע זײַטן...

און דער זיידע האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר און געגעבן מיך אַ קוש אין שטערן. איך האָב דערפילֿט אַף מײַן פּאָנעם זײַן ווייכע באָרד, וואָס פאַרמאָגט אַ באַזונדערן רייעך. יאָ, — האָב איך דעמלֿט אַ טראַכט געטאָן, — און דעם „עפּעס", צולֿיב וועלֿכן עס גייט דער זיידע יעדן שאַבעס אין שולֿ, האָב איך טאַקע ניט געזען. ווײַזט אויס, דער זיידע איז גערעכט — איך דאַרף פּאַשעט נאָך אַ ביסעלֿע אונטערוואַקסן...

איך זיץ נאָך אַלֿץ באַם טיש און דלֿובע מיטן גאָפּלֿ אַ שטיקלֿ פלֿייש. דער זיידע האָט שוין פונלֿאַנג אָפּגעגעסן און איז זיך אַוועקגעגאַנגען וווּהין ער דאַרף.

— אוי, ביסטו בא מיר אַן עסער, — בייזערט זיך אַף מיר די באָבע און זעצט זיך שוין אוועק לעבן מיר, — מײַנע סאָנים זאָלן שוין אַזוי עסן, דארער דראַנדזשיק! — זי נעמט בא מיר צו דעם גאָפּל און הייבט מיך אָן צו האָדעווען.

— באָבע, — זײַ איך קוים ארויס א וואָרט פונעם אָנגעשטאָפּטן מויל, — דערצייל מיר עפּעס א מײַסעלע, וועט מיר זײַן גרינגער צו קײַען.

— וועגן וואָס זשע זאָל איך דיר דערציילן?

— וועגן יענעם בער מיט די פינף פיס...

— נו, גוט. הער זשע אויס: ס'איז געווען אַמאָל אין א וואַלד א גרויסער בער, און אַט דער בער האָט געהאַט פינף פיס...

מײַן זיידע האָט ליב איבערצוכאַזערן, אַז די גאַנצע שטוב אונדזערע האַלט זיך אַף מײַן באָבעס הענט. פון אינדערפרי אָן איז די באָבע שוין אַף די פיס. אַט שטעלט זי צו אַן עסיקפלייש, אַט לויפט זי אין מארק ארײַן, און אַט שטייט זי בא דער שיסל און שווענקט עפּעס איבער... פונוואַנען עס נעמען זיך צו איר אַזויפיל קויכעס, ווייסט דער זיידע ניט!

יעדן פרײַטיק באַקט די באָבע ברויט. דאָס טייג אָבער פאַרקנעט זי דאָנערשטיק. די באָבע שטייט בא א הילצערנער מולטער, דאָס ווײַסע טיכל אַפן קאָפּ ציט גלאַט אָפּ אירע האָר און ס'איז פארבונדן אַפן האַלדז-און-נאַקן. די ארבל פונעם כאַלאַטל זײַנען איר פאַר-קאַטשעט העכער די עלנבויגן, און די אָדערדיקע הענט אירע ארבעטן פלינק און זיכער. מיט די קליינע קולעקעס, ווי מיט צוויי קלעפּערלעך, פּויקט די באָבע אין דעם טייג, פּונקט ווי אין א פּויק.

איך דריי זיך ארום דער באָבען און דערלאַנג איר, ווען זי דאַרף, א קווערטל וואַסער, די פושקע זאַלץ, דאָס פעקעלע הייוון.

— אַז דאָס טייג איז נאָך לויזלעך, — גיט א פרעג בא מיר די באָבע, — וואָס דאַרף מען טאָן?

— ניט זשאַלעווען קיין ביסל מעל! — שיס איך אויס.

— און ווען דאָס טייג איז צו געדיכט?

— גיסן וואַסער וויפל ס'וועט ארײַן!.. און הייוון? דו האָסט ניט פארגעסן, באָבע, ארײַנצולייגן א שטיקל הייוון?..

די באָבע צעלאַכט זיך.

— איך זע, אַז דו קאָנסט שוין אַליין פאַרקנעטן טייג!

און מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז טאַקע אַזוי: אָן מיר וואָלט די באָבע ארויס מיטן באַקן ברויט קוים אַף פּייסעך!..

דאָס טייג איז שוין פאַרקנאָטן, און די באָבע דעקט עס אײַן מיט איר וואַלענער שאַל און פון אויבן נאָך מיטן זיידנס פוטערנעם פעלץ, גלײַך עס וואָלט געלעגן אין מולטער א קליין קינד.

— א ראָשטשינע איז ווי א קימפּעטאָרן — מע דאַרף זיך אָנעמען מיט געדולד און וואַרטן אַף איר שאָ.

דעם אַנדערן טאָג פון גאַנץ קאַיאָר אָן פאָרעט זיך שוין די באָבע באַם אויוון. דער אויוון פון רויטע ציגל, א ברייטער און א הויכער, האָט פארשטעלט מיט זיך די גאַנצע קיך. און אַט איבער דעם דאָזיקן אויוון האָט זיך אין א טאָג צעשפּילט צווישן דער באָבען און דעם טאַטן א גאַנצע מילכאָמע.

— וואָס איז דאָס פאַר א קיך, — האָט געטײַנעט דער טאַטע, — אַז ס'איז אַפילע נישטאָ וווּהין זיך א קער טאָן!

— און וואָס איז דאָס פאַר א קיך, — האָט געענטפערט די באָבע, — ווו ס'איז ניטאָ קיין אויוון?!

דער טאַטע איז געשטאַנען אַף זײַנס, און די באָבע — אַף אירס. יעדער פון זיי האָט געהאַלטן, אַז נאָר ער איז גערעכט, און קיינער האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן. סאָפּקאָלסאָף האָט די באָבע געזאָגט:

— וועסט עס פּויעלן בא מיר נאָך מײַן טויט!

און צום אומפארגעניש האָט געגומען א סאָף. אַזויאַרום איז דעם אויוון באַשערט געווען פאַרבלײַבן שטיין, און יעדן פרײַטיק באַקט אין אים די באָבע געשמאַקע כאַלעס און בולקעס מיט א בייגעלע פון אויבן...

דעם אויוונס גרויס-צעעפנטער פּיסק האָט שוין, דאַכט זיך, אײַנגעשלונגען א וועלט מיט טרוקענע שײַטלעך האָלץ און דעריבער איז אים געוואָרן אַזוי הייס און שווער צו אָטעמען.

די באָבע נעמט דערווײַל אַראָפּ פֿון דער מו́לטער דעם זײַדנס פּעלץ און איר וואַלע־נע שאַל.

— א מין גערוואַטענע ראָשטשינע, — זאָגט די באָבע, — מאַזלטאָוו, מאַזלטאָוו!

בעשאס די באָבע פּאַרעט זיך מיטן טייג, זינגט זי זיך צו א פֿריילעך לידעלע:

קאַלזמאַן דו לעבסט, זאָל זײַן געלעבט,
ווײַל אייביק לעבט דאָך קיינער ניט.
וואָס דאַרפֿסטו זיך זאָרגן, וואָס ס׳וועט זײַן מאָרגן:
קאַלזמאַן דו לעבסט, זאָל זײַן געלעבט!..

און איך טונק אין דער צײַט אײַן דעם פֿלעדערוויש אין א גלאָז מיט א צעקאָלויצעט געלעכל און באַשמיר יעדע כאַלע און יעדע בולקע.

און אָט פּרעסט שוין דער אויוון מיט א גרויסן אַפּעטיט דאָס רויע ברויט, וואָס די באָבע טראָגט אים אונטער אויף א לאַנגער הילצערנער לאָפּעטע. אין דער מו́לטער איז שוין ניט געבליבן קיין שטיקל טייג. דאַנקען גאָט, פֿאַרן גאַנצן אינדערפֿרי, וועט זיך די באָבע איצט קאָנען א ביסעלע צוזעצן...

איבער דער שטוב טראָגט זיך א געשמאַקער ברויט־רייעך. די באָבע זיצט, די הענט צונויפֿגעלייגט אויפֿן בויך, דעם קאָפּ געבויגט א ביסל אויף א זײַט, זי האָט זיך פֿאַרטראַכט...

איך קאָן אַוודאי ניט וויסן, וויאַזוי מײַן באָבע האָט אויסגעזען אין אירע יונגע יאָרן, אָבער א פֿרוי, וואָס האָט אַזוי שווער אויסגעכאָוועט פֿיר קינדער, קאָן מען אויף דער עלטער מיט דער גאַנצער רעכט אָנרופֿן די שענסטע און די בעסטע.

וויאַזוי די ביטערקייט פֿון די אויסגעלעבטע יאָרן זאָל ניט פֿאַרפֿולן מיט זיך די קנייטשן אויף דער באָבעס פּנים, וויאַזוי זי זאָל ניט איבערפֿאַרבן אין א גראָווקייט אירע האָר אויפֿן קאָפּ, איז זי, די ביטערקייט, ניט בעקויעך צו פֿאַרלעשן די טאָמיד לעבעדיקע, וואַרעמע שטראַלן אין מײַן באָבעס אויגן.

די באָבע כאַפּט זיך אויף.

— ווייסט וואָס, ייִנגעלע, אָט וועלן מיר מיט דיר אָנבאַקן א פֿולן זאַק ברויט, און טו־ו... זיך לאָזן אין וועג, ווי ביניאָמין מיט זײַן כאָווער סענדערל...

איך קוק אָן די באָבע און קאָן נאָך דערווײַל גאָרניט פֿאַרשטיין.

— ווײַ! אין שטוב טוט זיך אָן איבערקערעניש: נישטאָ די באָבע מיטן אייניקל! ווי אין וואַסער אַרײַן. און מיר זײַנען שוין אין דער צײַט ווײַט־ווײַט, אַזש אין מאַכאַטש־קאַלאַ...

— וואָס גאָר אין מאַטשקאַכאַלאַ? — שטעל איך זי אָפּ.

— ניט מאַטשקאַכאַלאַ, נאָר מאַ־כאַטש־קאַ־לאַ! ס׳איז דאָ אַזאַ שטאָט אין דאַגעסטאַן. דאָרטן זײַנען מיר געוועזן אין דער עוואַקואַציע.

— און אָט די שטאָט איז ווײַט פֿון אונדז?

— יאָ, ייִנגעלע, זייער ווײַט... די מילכאָמע האָט צעוואָרפֿן מענטשן, ווי שטיינער... — און פּלוצעם גיט זיך די באָבע א כאַפּ: — אוי, כ׳האָב זיך אַזוי פֿאַררעדט מיט דיר, אַז כ׳האָב אינגאַנצן פֿאַרגעסן אינעם ברויט!..

די באָבע עפֿנט אויף דאָס טירל פֿונעם אויוון און מיט דער לאָפּעטע נעמט זי פֿון דאָרט אַרויסשאַרן א ברויט נאָך א ברויט.

— גיט נאָר א קוק, — קוועלט די באָבע, — קיין אײַנהאָרע גאַנצע אוצרעס! בא אַלע אונדזערע ליבע זאָל זײַן אַזאַ מין ברויט!..

איך האַלט זיך ניט אײַן און רײַס פֿון א בולקע אָפּ דאָס בייגעלע, נאָך וועלכן עס שלעפּט זיך נאָך א הייסע פּאַרע.

— און אין יענע וויסטע יאָרן פֿלעגן מענטשן אויסגיין נאָך א שטיקל ברויט...

ווי געשמאַק כראָמטשעט אין מויל דאָס גוזאַלצענע בייגעלע. דאַכט זיך ,עס איז גע־שמאַקער פֿון לעקעך.

מיט ליבשאַפֿט אין די אויגן גלעט די באָבע יעדע כאַלע און יעדע בולקע, ווי זי וואָלט געגלעט מיך איבערן קאָפּ.

— א באַלעבאָסטע אָן אַן אויוון איז דאָס זעלבע, וואָס א טעפּל אָן א פּאָקריש־קע!.. — די ווערטער, פֿאַרשטייט זיך, זײַנען שוין אויף מײַן טאַטנס אַדרעס.

עס קומט ערעוו-שאבעס. אין שטוב איז ציכטיק און היימלעך. די באָבע אין א זײַדע-נער פאטשיילע אפן קאָפּ שטייט באם טיש און שעפּטשעט עפּעס איבער צוויי אָנגעצונדע-נע ליכט.

וואָס זאָל עס זײַן?..

ווען די באָבע פארענדיקט און דרייט זיך צו מיר אויס מיטן פּאָנעם, גיב איך בא איר א פרעג:

— וואָס האָסטו איצט געטאָן, באָבע?

— געבענטשט ליכט...

— צו וואָס געבענטשט?

— אזוי האָט מיך געלערנט מײַן מאמע, אָלעהאשאָלעם... ווער ווייסט, עפּשער וועט עס אײַך ברענגען גליק?!

— און דו, באָבע, ביסט געווען גליקלעך?

ווידעראמאָל פארטראכט זיך די באָבע.

— וואָס זאָל איך דיר אָפּ דעם ענטפערן, — זאָגט זי אין א ווײַלע ארום, — כ'בין געווען סײַ גליקלעך, סײַ אומגליקלעך... אזוי פירט זיך אין דער וועלט...

...דאָס מײַסעלע וועגן דעם בער מיט די פינף פיס פארענדיקט זיך איינעם מיט מײַן מיטיק.

— דאנקען גאָט, פון הונגעריק זאט, — זאָגט די באָבע, צונויפנעמענדיק פונעם טיש דאָס געפעס, — וואָס זשע דארף איך איצט פריִער טאָן?..

שוין באם ארויסגיין פון שטוב, דערהער איך דער באָבעס באליבט לידעלע:

קאַלזמאַן דו לעבסט, זאָל זײַן געלעבט,
ווײַל אייביק לעבט דאָך קיינער ניט...

„זינט איך געדענק זיך...“ —

פון וואָס פאר א צײַט הייבט זיך אָן בא אונדז דער „זינט“?

דער אמעריקאנער פּראָפעסאָר טאָמאס ווערני באשטעטיקט, אז די פּערזענלעכקײַט פונעם מענטשן פאָרמירט זיך נאָך לאַנג פאר דעם, ווי דער מענטש באווײַזט זיך אָפּ דער וועלט. דער מוטערס געדאנקען, איבערלעבונגען, געפילן — אלץ גיט זיך איבער דעם קינד נאָך דעמלט, ווען עס געפינט זיך אין דער מוטערס טראכט, דאָס ערעוו געבוירענע נעמט עס שארף אוף און פארגעדענקט עס. און אָט די אלע אײַנדרוקן, וועלכע דאָס קינד טראָגט ארויס פונעם „לעבן פארן געבורט“, באשטימען דערנאָך זײַן כאראקטער, זײַן פירונג און זײַן פּסיכאָלאָגיע.

אין דער קינדהײַט פלעג איך אָפט זען אין כאָלעם פארשיידענע וועלטן, איבער וועל-כע איך האָב געבלאָנדזשעט, ווי א באצויבערטער וואנדערער. און אלץ איז מיר אין אָט די וועלטן געווען באקאנט, גלײַך ווי כ'בין שוין דאָרט אמאָל געווען.

וואָס איז דאָס? בלויז קינדערשע כאָלוימעס אָדער עפּעס מער? עפּשער פלעגט זיך אזוי אויספּיקן, פּונקט ווי א נאס הינדעלע פון אן איי, מײַן גענאָקאָד, וועלכער האָט זיך מיר איבערגעגעבן פון די פריִערדיקע, פארגאנגענע דוירעס? און עפּשער בין איך שוין אמאָל געווען אָפּ אָט דער וועלט, און בלויז יענץ ווײַט שעמערירנדיק שטערנדל אפן הימל געדענקט וועגן דעם?

ווער ווייסט, קאָן זײַן, אז פּונקט איך בין געלעגן אונטער אווראָמס כאלעף, ווען ער איז גרייט געווען ברענגען פאר א קאָרבן זײַן אייגענעם זון, זײַן לײַב און לעבן? ניין, ניט גאָט האָט אווראָם געוואָלט אומקערן דעם זונס געבורט, נאָר דער נאטור, מיט וועלכער מיר צערעכענען זיך סאָפקאָלסאָף בלויז דעמלט, ווען מיר שטארבן.

דערהארגענענדיק דעם זון, וואָלט אווראָם געבראָכט פאר א קאָרבן זיך אליין, זײַן צוקונפט און זײַן פארגאנגענהײַט. פון אוראלטע צײַטן פלעגן זיך פארקערפערן אין א זון אלע אָוועס, און דעם זונס אומקום איז געווען שרעקלעכער, איידער דער אייגענער טויט. באם זונס אומקום צעפאלט זיך די פארבינדונג צווישן די צײַטן. און דאָס איז א סאך שרעקלעכער, ווי דער טויט אליין, — דאָס איז דער אומפארמײַדלעכער סאָף פון די צײַטן. און אווראָם האָט אונטערן כאלעף אונטערגעשטעלט גופע די צײַט, קעדיי דערווערבן אייביקײַט.

מײַן עלטערן פעטער, פעטער בערלען, קען איך נאָר פון א קליינער, געלער פאָטאָ-גראפיע:

דער באַסק אויפן קאָפּ, אַראָפּגערוקט אין אַ זײַט, באַהאַלט איין אויער, דעריבער שטעקט דער אַנדערער אַרויס קאָמיש און זעט אויס, ווי אַ צעקאַכטער וואַרעניק.

צוויי פּינטעלעך — די שוואַרצאַפּלען — קוקן מיר גלײַך אין די אויגן. טאָמיד שמייכלען זיי, די צוויי פּינטעלעך, זעען מיך, דאַכט זיך, אויף דורך און דורך. פון דעם עטוואָס אָפענעם מויל וועט זיך אָט־אָט אַרויסרײַסן: „סאַליוט, פּלעמעניקל!"

דעם פעטער בערלס קאָל האָב איך קיינמאָל ניט געהערט. עפּשער איז עס אַ שטילס, אַ ווייכס, ווי באַם זיידן, אָדער אַ קלינגעוודיקס, ווי בײַ דער באָבען... עפּשער... עפּשער... און פונדעסטוועגן, ווען די מאַמע נעמט אַרויס פון איר אַלטן שוואַרצן בײַטל אַ געל דרײַעקיק בריוול, וואָס שמעקט מיט נאַפטאַלין, צעוויקלט עס פּאַוואָלינקע, עס זאָל זיך, כאַליִלע, ניט צעשיטן צווישן די פינגער, און הייבט אָן אין דער הויך לייענען, ווײַזט זיך מיר אויס, אַז איך הער מײַן פעטער בערלס קאָל:

„טײַערע עלטערן! איך שרײַב אײַך דעם בריוו פון פּוילן. ניט לאַנג צוריק האָב איך אײַך געשיקט אַ פאָטאָגראַפיע, ווו איך שטיי פאָטאָגראַפירט מיט מײַן שלאַכט־כאַוווער. פון אײַך האָב איך שוין אַ היפּשע צײַט גאָרנישט ניט געהאַט, און איך ווייס ניט פאַרוואָס! איך בעט אײַך, שרײַבט וועגן אַלעמען.

טײַערע מאַמע, טײַערער טאַטע, שוועסטערל מײַנס און ברודער אַזריִעל, אינגיכן וועלן זיך אָנהייבן בײַ אונדז הייסע שלאַכטן מיט די דײַטשישע גאַזלאָנים. אויב איך וועל בלײַבן לעבן, וועל איך אײַך נאָך אָנשרײַבן, און אויב ניט, זאָלט איר וויסן, אַז אײַער זון און ברודער האָט געלייגט זײַן קאָפּ פאַר אײַך און פאַר אונדזער היימלאַנד..."

די מאַמע לייענט דעם בריוו. איר קאָל קלינגט טרויעריק, מיט אַ פאַרבאָרגענער בענקעניש, מיט אַ ווײַבערשן ציטער:

„...ליבע מאַמע, איך בעט דיך, שרײַב וועגן מיר אָן מײַן ווײַב סאָסעלען און דעם ברודער מײַנעם יאַסקען. עפּשער בין איך געווען פאַר דיר אַ שלעכטער זון, בעט איך איצט בײַ דיר מעכילע!

טײַערער טאַטע, אין טשעליאַבינסק בין איך געווען בײַ מייער וואָלציסן און צופעליק באַגעגנט בײַ אים שלוימע פּעקעלמאַנען. די עלטערן זײַנע זײַנען געשטאָרבן, און פון דער גאַנצער מישפּאָכע איז ער דער איינציקער געבליבן לעבן. דער פעטער מוישע־לייב איז איצט אין טאַשקענט. זײַן אַדרעס ווייס איך ניט.

בלײַבט מיר אַלע געזונט! קושט דאָס שוועסטערל מײַנס, געניען, און דעם ברודער אַזריִען. גיט פון מיר איבער אַ האַרציקן גרוס דעם פעטער דאָדלען.

אַ טויט דעם פאַשיזם! אַ טויט דעם סוינע!

בעט פאַר אײַער זון!

בערל קאַטיק,
מאַרט, 1945".

יאָ, דער געלער דרײַעק פונעם פראָנט, דער לעצטער גרוס פון מײַן אומגעקומענעם פעטער שמעקט איצט מיט נאַפטאַלין, פּונקט ווי אַנדערע כפייצים פון דער שאַפע. אָבער וויאַזוי, וואָלט איך געוואָלט וויסן, האָט געשמעקט אין יענעם ווײַטן פרילינג 1945 די רויע, פרעמדע ערד, אויף וועלכער ס'איז געפאַלן און געבליבן ליגן מײַן פעטער בערל? דער ניטדערשלאָפענער קאַיאָר באַם טײַך אָדער? די דערשאָסענע שטילקײַט נאָך דער אַטאַקע?..

אַזקאָרע:

מײַן אייביק יונגער פעטער בערל! איך בין שוין איצט עלטער פון דיר... אָבער דער באַסק דײַנער איז, ווי פריִער, אַראָפּגערוקט אין אַ זײַט און באַהאַלט איין אויער... צוויי פּינטעלעך — דײַנע שוואַרצאַפּלען — קוקן מיר גלײַך אין די אויגן. זיי וועלן אייביק שמייכלען, און דײַן עטוואָס אָפן מויל וועט טאָמיד זאָגן: „סאַליוט, פּלעמעניק!"

סאַכאַקל ען:

פאַר די לעצטע פינף טויזנט יאָר האָט די מענטשהײַט געלעבט אין שאָלעם בלויז 292 יאָר. די איבעריקע צײַט איז אַוועקגעגאַנגען אויף 14.513 מילכאָמעס: גרויסע און

קליינע. די אַלע מילכאָמעס האָבן אוועקגעטראָגן פון דער וועלט 3 מיליאַרד 640 מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס...

איצט לעבט אַף אונדזער פּלאַנעטע אַריבער 4 מיליאַרד מענטשן.

דאָ, אַפן בוידעם, האָב איך אַזאַ מין ווינקעלע, וועגן וועלכן קיינער ווייסט ניט. דאָרט, אין יענעם ווינקעלע, האַלט איך אַלע מײַנע אוצרעס: אַ ליאַנגע, אַ ראַגאַטקע, אַ שטיקל בלײַ, אַ פּײַפעלע פון ליים, אַ יאָם-מושל און אויך אַ צעריסענע נאָטן-פּאַפּקע. ווען איך קוק אַף דער פּאַפּקע, זע איך טייקעף פאַר זיך ליאָוועןן...

ליאָווע?.. יאָ, איך האָב זיך דערמאָנט: אַ הויכער, דאַרער באָכער מיט אַ בלאַס, ביינערדיק פּאָנעם און מיט אַ פּאָר גרויסע, דורכזיכטיקע אויגן, אין וועלכע עס האָט טאָמיד געצאַפּלט שרעק. אַלע כּעוורע פון אונדזער גאַס און איך, פאַרשטייט זיך, באַגלײַך מיט זיי פלעגן אים רייצן „ליאָווע דער מעשוגענער". ער איז געווען אַ סאַך עלטער פון אונדז. אין שול אָבער האָט ער זיך ניט געלערנט, בלויז זיך אַרומגעדרייט גאַנצע טעג איבער די גאַסן, מורמלענדיק עפּעס אונטער דער נאָז.

אין יענעם ווינטער האָט מען מיך אָנגעהויבן לערנען שפּילן אַף אַן אַקאָרדעאָן. פאַרוואָס אַף אַן אַקאָרדעאָן? קימאַט אַלע מײַנע כאַווײרים שפּילן אַף אַקאָרדעאָנען, און מיט וואָס בין איך ערגער פון זיי?! דעם פּעטשאַטעק האָט געמאַכט אַף אונדזער גאַס יאַשע, דעם פּעטער מוישעס זון.

די בסורע האָט געבראַכט (אַף מײַן קאָפּ) צו אונדז אין שטוב די מומע ריווקע.

די ווײַבער אַף דער פּריזבע:

— ריווקע?.. מיט איר דאַרף מען קיין ראַדיאָ ניט האָבן...
— וווּ, וואָס פאַר אַ נײַעס, ווייסט זי די ערשטע!..
— קיין כּסימע קאָן זי אַפילע ניט שטעלן...
— יאָ, אָבער גיט איר ציילן געלט — ווי דער בעסטער בוכהאַלטער!..

שוין פון דער שוועל אָן האָט די מומע ריווקע אָנגעהויבן רעדן:

— הערט נאָר אַ מײַסע!..

ווען די מומע ריווקע רעדט, פּאָכעט זי אַזוי מיט די הענט, אַז בעסער לעבן איר ניט שטיין.

— איך קער זיך אום אַנומלטן פונעם מאַרק און, דורכגייענדיק פאַרבײַ מוישע דעם באַלעגאָלעס שטוב, הער איך, ווי עמעצער שפּילט בײַ אים אַף אַ האַרמאָשקע...

די מומע ריווקע גיט מיט צוויי פינגער אַ פיר איבערן מויל, כאַפּט אָפּ דעם אָטעם און שיט ווײַטער:

— ווער זשע, טראַכט איך, קאָן בײַ מוישע דעם באַלעגאָלע שפּילן אַף אַ האַרמאָשקע? מוישע אַליין אָדער די באַלעגאָלעכע זײַנע?.. איר קענט מיך גוט, מאַדאַם געניע, איך האָב ניט קיין טעווע שטופּן די נאָז וווּהין מע דאַרף ניט, אָבער דאָ... דאָ האָב איך פּאַשעט ניט אויסגעהאַלטן...

די מומע ריווקע גיט פּלוצעם אַ פּליעסקע מיט די הענט און פאַרײַסט די אויגן צו דער סטעליע.

— מאַמע מײַנע, ליבע, — שרײַט זי אויס, — איך גיב אַ קוק אין פענצטער און זע, ווי יאַנקעלע, מוישעס מיזיניק, זיצט אַף אַ בענקל, האַלט בײַ זיך אַף די קני אַ גרויסע האַרמאָשקע, און פון הינטן איז ער, נעבעך, צו דער האַרמאָשקע צוגעבונדן מיט אַ פּאַטשײַלע. ווי געפעלט עס אײַך?.. מ'האָט אים אײַנגעשפּאַנט, ווי אַ פערדל!

די מומע ריווקע שטייט אַ געפּלעפטע מיט די הענט אין דער לופטן, גלײַך ווי די בסורע, וועלכע זי האָט ערשט-אָ צוגעטראָגן דער מאַמען, האָט זי אַליין דאָס ערשטע מאָל דערהערט.

— איך פאַרשטייט, מאַדאַם געניע, — קומט זי צוביסלעך צו-זיך, — אין די פריִער-דיקע צײַטן, בײַ די רומענער, וואָלט אַ פּאַשעטער באַלעגאָלע געקאָנט זיך דערלויבן אַזאַ ראָסקאָש, ווי לערנען דעם זון מוזיק?.. מוישע, זאָג איך אײַך, באַוואָרנט זײַן יאַנקעלען מיט אַ גאָלדן שטיקל ברויט!..

און די מומע ריווקע ווערט נעלעם. אין שטוב בלײַבן נאָך אָבער קלינגען א היפּשע צײַט אירע ווערטער. און די מאמע מײַנע שטייט פארטראכטערהייט און הערט זיך, דאכט זיך, צו יענע ווערטער צו.

אין א וואָך ארום האָט זיך בא אונדז אין דער היים באוויזן אן אלטיטשקער. ער איז געווען אזוי לאנג און דאר, אז ווען ער האָט זיך אוועקגעזעצט אפן בענקל, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז דער אלטיטשקער האָט זיך צוזויפגעלייגט אינדרײַען. ער האָט אויסגע-שטרעקט צו מיר זײַן האנט און שטילערהייט געזאָגט:

— מניעם-מניעם... מײַן נאָמען איז פיאָדאָר סטעפּאנאָוויטש... מניעם-מניעם...

יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט ארויסגעבראכט, האָט ער פריִער ווי באטאפּט מיט זײַנע דינע, שמאָלע ליפּעלעך:

— ...מניעם-מניעם... דײַן מאמע האָט מיר געזאָגט... מניעם-מניעם, אז דו ווילסט שפּילן אף אן אקאָרדעאָן... מניעם-מניעם... דאָס איז זייער גוט... מניעם!..

כ׳האָב מיט כידעש א קוק געטאָן אף דער מאמען. זי האָט צו מיר א שמייכל געטאָן. דאָס האָט געדארפט הייסן: „צי דען האָסטו עס פארגעסן?.. יאָ, טאקע ניט אומזיסט זאָגט די באָבע, אז די מאמע מײַנע איז פול מיט פאנטאזיעס.

— אויב אזוי, — מניעמנעט ווײַטער דער אלטיטשקער, — וועל איך זײַן דײַן לערער.

און פיאָדאָר סטעפּאנאָוויטש האָט אָנגעהויבן ארײַנצוגייען צו אונדז אין שטוב צוויי מאָל אין דער וואָך און לערנען מיך שפּילן אף אן אקאָרדעאָן. פונקט ווי יאשע, דעם פעטער מיישעס זון, פלעג איך שוין אויך זיצן אן אײַנגעשפּאנטער אין די צוויי רימענדלעך פונעם אקאָרדעאָן און... טראכטן: „סטײַטש, פארוואָס דארף איך זיצן איצט אײַנגעגראָבן מיט די אויגן אין העפטל נאָטן און פון צײַט צו צײַט הערן: „מניעם-מניעם, וואָס שפּילסטו? מע דארף דאָ שפּילן „רע דיִעז", און ניט „רע בעקאר"... מניעם-מניעם... „אין דרויסן איז אזא שיינער ווינטערדיקער אינדערפרי. די כאווירים מײַנע גליטשן זיך שוין, מיסטאמע, אף די שליטלעך אָדער מאכן פון שניי א באָבע... קיין בעסערע זאך האָט די מאמע ניט געקאָנט צוטראכטן?!" אייניקע מאָל פלעג איך זיך פאָרשטעלן, ווי איך ליג אין מײַן בעטעלע א קראנקער, אן אומבאהאָלפענער... כ׳קרעכץ, כ׳זיפץ, איך האלט שוין באם שטארבן. דער זיידע, די באָבע, די מאמע און דער טאטע, — אלע פיר שטייען ארום מיר מיט טרויעריקע פּענעמער.

— עפּשער האָט מען דעם קינד געגעבן א גוט-אויג? — זאָגט די באָבע און רײַבט מיטן פארטעך די אויגן...

— וואָס פאר א גוט-אויג? — זאָגט דער זיידע. — איר האָט אים מיט אָט דער הארמאָשקע פארמוטשעט!

דער טאטע שווײַגט. בלויז ווען-ניט-ווען ווארפט ער אף דער מאמען קאלטע בליקן.

— יאָ, דאָס בין איך אין אלץ שולדיק, — צעוויינט זיך די מאמע, — איך האָב אים אויך געוואָלט באוואָרענען מיט א גאָלדן שטיקל ברויט... אָבער ווער האָט געקאָנט וויסן, ווער?..

— וואָס זשע טוט מען איצט? — רופט זיך נאָכאמאָל אָן די באָבע. — דאָס קינד גייט אויס, ווי א ליכט.

— מע דארף בעטן גאָט!.. — גיט א זיפץ דער זיידע, און מיט די פינגער נעמט ער זיך קעמען די באָרד...

— איך וויים, וואָס מע דארף טאָן! — ברענגט ארויס דער טאטע, און ער גייט צו צום אקאָרדעאָן. — מע דארף פּאָטער ווערן פון אָט דער זאך!

— יאָ, יאָ, — האלט אונטער דער זיידע, — אויס הארמאָשקע!

— לאָז ער בעסער ארומלויפן גאנצע טעג אין דרויסן!..

— זיך וואלגערן אין שניי... קריכן אפן בוידעם... שפּילן זיך זומער אין ליאנגע.

— אויס הארמאָשקע!!! — שרײַען שוין אלע אינײנעם.

איך ווער מיטאמאָל געזונט. איך שפּרינג אראָפּ פונעם בעטעלע און בין שוין גרייט צו שרײַען: „הורא-א-א-א!"..

— מניעם-מניעם... — פלעג איך אָבער דערהערן, — וואָס שפּילסטו?.. מע דארף דאָ שפּילן „רע דיִעז", און ניט „רע בעקאר".. — און אלע מײַנע גוטע טרוימען, פלעגן מיטאמאָל פארשווונדן ווערן. עס פלעגט פון זיי נאָר בלײַבן א נודנער „מניעם-מניעם"...

פיאָדאָר סטעפּאנאָוויטש איגנאטענקאָ — טאקע אזוי האָט מען אים גערופן, מײַן ערשטן מוזיק-לערער. שפּעטער האָב איך געהאט א סאך אנדערע לערער פון מוזיק: דאָצענטן,

פּראָפעסאָרן... אָבער פיאָדאָר סטעפּאַנאָוויטש איגנאַטענקאָ, דער געוועזענער מוזיקאַנט פון אַ מיליטערישן בלאָז־אָרקעסטער, איז געווען דער ערשטער מענטש, וועלכער האָט אַנטדעקט פאַר מיר אַ נײַע, וווּנדערלעכע וועלט.

וואָס פלעגט אים, אַ קראַנקן, מידן מענטשן צווינגען יעדן טאָג אַרומטאָפּקען איבער די פאַרבלאָטיקטע בעלצער גאַסן און ליקלעך, באַזוכן איין שטוב נאָך אַן אַנדערער, און ערשט פאַרנאַכט זיך אומקערן אַהיים?.. עפּשער די נויט? עפּשער דאָס ניט וועלן אָנקומען צו די אייגענע קינדער?.. איצט פאַרשטיי איך, אַז ניט בלויז דאָס. צוויי געפילן האָבן זיך אין אים געשלאָגן: זײַן איבערגעגעבנקייט דער מוזיק — איר זיס־פּײַנלעכער געפּאַנגענשאַפט — פון איין זײַט, און פון דער אַנדערער — דער ביטערער געדאַנק, אַז דאָס לעבן איז שוין דורכגעפלויגן, אַז זײַנס האָט ער שוין „אָפּגעשפּילט".

אַ גרויסע ליבע איז אָבער אייביק.

און די אייביקע ליבע צו דער מוזיק האָט געטריבן פיאָדאָר סטעפּאַנאָוויטשן פון שטוב צו שטוב, ווו ער פלעגט זי צעטיילן צווישן אונדז, זײַנע שילער. פאַרשטייט זיך, ניט אַלע זײַנע שילער זײַנען געוואָרן שפּעטער מוזיקאַנטן, נאָר די זוימען פון פיאָדאָר סטעפּאַנאָוויטשעס ליבע זײַנען אין יעדן פון אונדז אויפגעגאַנגען.

אינגיכן אָבער האָב איך כּוֹץ די גאַמעס און עטיודן אָנגעהויבן שפּילן שיינע לידעלעך. דאָס איז מיר גראָד געפעלן געוואָרן. מ'האָט מיך שוין ניט געדאַרפט אונטערטרײַבן, ווי פריער, זעצן זיך שפּילן אויפן אַקאָרדעאָן. ס'האָט מיך צו אים אַליין געצויגן. מיט אומגעדולד פלעג איך שוין אַרויסקוקן אויף פיאָדאָר סטעפּאַנאָוויטשן, באַגעגענען אים בײַ אונדזער טירל.

צו מײַן געבוירנטאָג האָט מיר דער טאַטע געשענקט אַ גרויסע, קאַרטאָנענע פּאַפּקע, קעדיי איך זאָל האַלטן אין איר נײַע נאָטן. אויף איין זײַט פון אָט דער פּאַפּקע איז געווען אָנגעמאָלט טשײַקאָווסקיס פּאָרטרעט, אויף דער אַנדערער — אַ שיינע לירע. צוויי זײַדענע איבערגעפלאָכטענע שנירעלעך, וועלכע זײַנען געווען צוגעפּעסטיקט צו בײדע זײַטן, האָבן געדינט פאַר הענטעלעך, און דעריבער האָב איך געקאָנט זיך אַרומטראָגן מיט דער פּאַפּקע ווי־הין עס האָט זיך מיר געגלוסט. מיט איין וואָרט — אַ פּאַפּקע אָן אויסצער. מײַן פעטער אַזריעל האָט אַפילו געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט געהאַט אַזאַ פּאַפּקע, וואָלט ער שוין כאַסענע געהאַט!

מיט אַזאַ מאַטאָנע איז ניט קיין בושע זיך צו באַרימען, און איך בין טייקעף אַרויסגעלאָפן מיט מײַן פּאַפּקע אין דרויסן. ווי אַפּצולאָכעס האָב איך קיינעם פון מײַנע כאַווערים ניט באַגעגנט. זיי זײַנען ווי פאַרשווּנדן געוואָרן, בלויז ליאָווע דער מעשוגענער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער גאַס און זיך געמורמלט עפּעס אונטער דער נאָז.

— ליאָווע! — גיב איך אים אַ רוף. — קום אַהער, וועל איך דיר עפּעס ווײַזן!

ער איז געבליבן שטיין, אָבער צוגיין צו מיר האָט ליאָווע, ווײַזט אויס, מוירע געהאַט. בין איך שוין אַליין צו אים צוגעגאַנגען.

— קוק, וואָס דער טאַטע האָט מיר געשענקט!

ליאָווע האָט זיך פּלוצעם געגעבן אַ וואָרף אין אַ זײַט און מיט די ביינערדיקע, לאַנגע הענט זײַנע פאַרשטעלט זיך דאָס פּאָנעם.

— נו, וואָס ציטערסטו אַזוי? איך וועל דיר גאָרנישט ניט טאָן!

פּאַוואָלינקע, נאָך אַלץ ניט גלייבנדיק מיר, האָט ליאָווע צערוקט אַ ביסל די הענט, און ווי דורך אַ שפּאַרונע אין פּלויט, געקוקט אויף מיר מיט אַ פּאָר קײַלעכדיקע, איבערגעשראָקענע אויגן.

— עך, ליאָווע, ליאָווע, גאָרנישט פאַרשטייסטו ניט!..

איך בין שוין גרייט געווען אומקערן זיך אַהיים, ווי פּלוצעם דערהער איך מוישעס קעלעכל. מוישע־וואָראָנע איז מײַן בעסטער כאַווער. „וואָראָנע" — איז זײַן צונאָמעניש. אַזוי רופט מען אים דערפאַר, ווײַל דער קלאַנג „ר־ר־ר" באַקומט זיך בײַ אים, פּונקט ווי בײַ אַ וואָראָנע „קאַר־ר־ר־ר". ווען עס קומט אים אויס זאָגן „ר־ר־ר", קאָן מען מיינען, אַז מוישע שווענקט זיך דעם גאָרגל.

— איך זע, — גיט מוישע אַ זאָג, — דו כאַווערסט זיך שוין מיט ליאָווע דעם מעשוגענעם?.. אַ גוטן כאַווער האָסטו זיך געפונען!

מוישע האָט זיך צעלאַכט, און איך פיל, ווי די אויערן הייבן בײַ מיר אָן ברענען.

— איך... און ליאָווע? — איך האָב געפּרוּווט זיך פאַרענטפערן. — ער איז צו מיר אַליין גאָר און פּלוצעם צוגעגאַנגען, — און איך גיב אַ געשריי צו ליאָווען: — אַנו, פאַרנעם זיך פונדאַנען, מעשוגענער!..

ליאָווע האָט א ציטער געטאָן, א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אנטלאָפן.

— און וואָס האלטסטו עפּעס אזוינס אין דער האנט? — האָט מיך מוישע געפרעגט ווי נאָר ליאָווע איז נעלעם געוואָרן.

— דאָס איז מײַן טאטנס א מאטאָנע!

— ניט קיין שלעכט פּאפּקעלע, — האָט ער א זאָג געטאָן מיט א פּאָנעם פון א גרויסן מייוון, — אָבער ווייסטו וואָס, די פּאצאנעץ פון דער שכיינעסדיקער גאס האָבן געמאכט בא זיך א גוואלדיקן גליטש.

און מוישע האָט באוויזן זײַן גרויסן פינגער פונעם קולעק: „וואָ!".

— הײַדא מיט מיר! — האָט ער פארענדיקט זײַן נײַס.

לאנג אײַנרעדן מיך האָט מוישע-וואָראָנע ניט געדארפט. אין א ווײַלע ארום האָבן מיר זיך שוין ביידע געטראָגן איבער דער שכיינעסדיקער גאס צום אײַז-בארג. די פּאפּקע מײַנע האָט זיך מיר געפּלאָנטערט צווישן די פיס, געשטערט מיר לויפן, אָבער נאָר פונעם געדאנק, אז אינגיכן וועל איך זיך גליטשן בארג-אראָפּ, איז מיר שוין געווען גרינגער. און אָט שטייען מיר שוין העט אויבן. מוישע איז געווען גערעכט: טאקע א וואונדערלעכער בארג! כעוורע, ווער אף שליטעלעך, ווער אף גליטשערס, ווער פּאָשעט אף די אייגענע פיס און אף דעם אייגענעם געזעסל גליטשן זיך, שרײַען, גוואלדעווען...

— נו, — זאָגט צו מיר מוישע, — גיב אהער דײַן פּאפּקעלע! באלד וועלן מיר זען, וויפל זי איז ווערט.

איך שטיי און קוק אים אָן. צי דען, טראכט איך, האָט מיר דער טאטע געקויפט די פּאפּקע, איך זאָל אף איר זיך גליטשן פונעם בארג?!

— כא-כא, — צעלאכט זיך מוישע, — דאָס פּיצעלע קינד האָט זיך איבערגעשראָקן פאר זײַן געצאצקעט פּאפּקעלע!.. עס וועט איר גאָרניט שאטן!.. זאָג בעסער, אז דו האָסט פּאָשעט מוירע אראָפּצוגליטשן זיך פונעם בארג. ביסט א פּאכדן!..

— ווער איז א פּאכדן?.. איך בין א פּאכדן?!

אין איין אויגנבליק בין איך שוין געזעסן אף מײַן פּאפּקע רײַטנדיק.

— אנו, — גיב איך מוישען א קאָמאנדע, — גיי אוועק אין א זײַט! — און איך שטויס זיך מיט די פיס אָפּ פונעם בארג...

איך פלי... די אויגן האלט איך פארמאכט... דער ווינט שמײַסט איבערן פּאָנעם, צופּט מיר די באקן, די אויערן, דעם שטערן...

— הורא-א-א-א! — שרײַ איך אפן גאנצן גאָרגל, — הורא-א-א-א!..

מיטאמאָל שטעלט זיך מיר פאָר, ווי איך בין א בודיאָנאָוועץ — איך טראָג זיך אף א ווײַסן פערד, פּאָכע מיט דער שאשקע אין דער לופטן...

— הורא-א-א-א!..

און פלוצעם אינמיטן וועג גליטשט זיך די פּאפּקע ארויס אונטער מיר, איך קער זיך איבער אף א זײַט און בלײַב ליגן. איך ליג און מיט דער האנט האלט איך זיך אָן אין א שטיין (טאקע אין דעם זעלבן שטיין, איבער וועלכן איך האָב זיך איבערגעקערט). כ׳האָב מוירע זיך א ריר טאָן פונעם אָרט. און פונדעסטוועגן דריי איך פּאוואָליינקע אויס דעם קאָפּ און הייב אָן זוכן מיט די אויגן מײַן פּאפּקע. און וואָס זשע זע איך? אונטן וואָרפן זיך די כעוורע איבער מיט מײַן פּאפּקע, ווי מיט עפּעס א מיאטשיקל. „פּאס, פּאס!" — טראָגט זיך פון דאָרטן, און די פּאפּקע מײַנע פליט פון איין פוס צו אן אנדערן...

— הערט אוף!.. גענוג! — הייב איך אָן שרײַען.

אָבער ווער הערט מיך און ווער פאָלגט מיך! איך בין שוין גרייט זיך צעוויינען... אין דאָ זע איך, ווי אף מײַן פּאפּקע גיט זיך א וואָרף ליאָווע, ווי אן עכטער ווראטאר. פונוואנען האָט ער זיך דאָ גענומען? ווי פונעם הימל אראָפּ! איך זע, ליאָווע האלט שוין מײַן פּאפּקע אין די הענט און איז שוין גרייט מיט איר צו מאכן פליטע. אָבער עמעצער פון די כעוורע שטעלט אים אונטער א פיסל, ליאָווע צעלייגט זיך אפן שניי, און די יינגלעך הייבן אים אָן שלאָגן.

— ליאָווע דער מעשוגענער! — שיסט ארויס א געשריי. — גאנעוו!.. דערלאנג אים!.. גיב אים, ער זאָל געדענקען!..

פונוואנען נעמט זיך צו קינדער אזויפיל אכזאָריעס?!..

בעשאס כ׳האָב געפּויזעט אפן בויך פונעם בארג, זײַנען קימאט אלע כעוורע אוועק-געלאָפן נאָך ליאָווען, וועלכער האָט זיך סאָפּקאָלסאָף ארויסגעריסן פון זיי און איז אנטלאָפן.

מוישע-וואַראָנע האָט זיך אויך ערגעץ אהינגעטאָן, און מיר איז געבליבן נאָר נעמען די פיס אין די הענט און זיך גיין אהין, פונוואנען איך בין געקומען.

אינדערהיים האָב איך, פארשטייט זיך, וועגן מײַן פארפאלענער פאפקע קיין וואָרט ניט געזאָגט. אָף וואָס האָב איך געהאַפט, ווייס איך ניט. עפשער אף א נעס? עס טרעפן זיך פאַרט אמאָל ניסים! אָט, לעמאַשל, אונדזער קאָטער. אין איינעם א טאָג איז ער פאַרשווונדן געוואָרן און א גאנצע וואָך האָט מען אים ניט געזען און ניט געהערט. און פּלוצעם באווײַזט ער זיך אין שטוב, גלײַך ווי גאָרנישט איז ניט געשען. די באָבע האָט דעמלט טאקע געזאָגט: „אָ, א נעס איז געשען! דער קאָטער האָט זיך, דאנקען גאָט, געפונען!“ אָבער איין זאך איז א קאָטער, און אן אנדער זאך — א פאפקע. א קאָטער האָט פיס, און מײַן פאפקע וואָס האָט? א פאָר זײַדענע הענטלעך?!

און דאָך איז אין יענעם פארנאכט געשען א נעס!..

איך האָב זיך שוין געגרייט צו לייגן שלאָפן, ווי כ׳הער פונעם צווייטן צימער עפּעס א פרעמד קאָל:

— אנטשולדיקט מיר, ס׳איז שוין אזוי שפעט! אָבער מײַן ליאָוועלע... מײַן בידנע ליאָוועלע...

איך האָב טייקעף פארשטאנען, אז דאָס איז ליאָוועס מוטער, די מומע רייזל. זי איז, ווײַזט אויס, געקומען קלאָגן זיך אָף מיר.

— די כעוורע האָבן אים הײַנט געהארגעט, געשלאָגן... קיין לעבעדיק אָרט איז אף אים ניט פארבליבן...

ניט איך האָב אים געשלאָגן, טראַכט איך צו זיך ווײַטער.

— פארוואָס קומט עס אים?.. ער איז, נעבעך, אזוי אויך א דערשלאָגענער...

— וואָס זשע בין איך אין דעם שולדיק?..

— ליאָוועלע האָט מיר געזאָגט, אז דאָס איז אײַער זונס פאפקע...

איך גלייב ניט מײַנע אייגענע אויערן: דאָס פאפקעלע מײַנס האָט זיך געפונען!.. ווי עס לאָזט זיך אויס, איז ער, ליאָווע, דאפקע ניט אזא מעשוגענער!..

יאָ, ליאָווע, דער אומגליקלעכער באָכער מיט די פאָר דורכזיכטיקע, ווי בא א קינד, אויגן, אין וועלכע עס פלעגט טאָמיד צאַפּלען שרעק. אין עטלעכע יאָר ארום נאָך יענעם פאל מיט מײַן „שלימאזלדיקער“ פאפקע איז ער אין א פראָסטיקן פארנאכט פארגאנגען ערגעץ ווײַט אין טאָל, ווײַזט אויס, זיך פארבלאָנדזשעט, ארויס פון די קויכעס און איז אנשלאָפן געוואָרן. אפן אנדערן טאָג האָט מען אים געפונען א פארפרוירענעם.

אף מײַן פאפקע איז איצט א ראכמאָנעס צו קוקן: צעפליקט און צעריסן, נאָר א סימען איז פון איר פארבליבן. און פונדעסטוועגן וועל איך זי סײַוויסײַ ניט ארויסוואַרפן — זאָל זי דאָ, אפן בוידעם, ליגן — פאָרט א מאַטאָנע!

פון מײַנע אויצרעס האָב איך באזונדער ליב דעם יאַם-מושל. ס׳איז מיר נאָר געווען גענוג צוליייגן אים צום אויער, ווי איך הער באַלד דעם רויש פונעם יאַם. און צום שווארצן יאַם בין איך אין דעם זומער געפאָרן מיט מײַן פעטער אזריִעלן.

מײַן פעטער אזריִעל איז א פאָטאָגראַף. עפשער דערפאר איז די גאנצע שטוב פארפלייצט מיט זײַנע פאָטאָגראַפיעס. קימאט אף יעדער פאָטאָגראַפיע איז מײַן פעטער פאָטאָגראַפירט מיט אן אנדער פרוי. ווען מײַן זיידע שטויסט זיך אָף זיי צופעליק אָן, ווערט ער מיטאמאָל רויט און ברענגט ארויס איין וואָרט: „שיקסעס!“.

און פארוואָס זײַנען זיי, די פאָטאָגראַפיעס, מײַן זיידן אזוי ניט געפעלן?

וועגן דעם, אז דער פעטער אזריִעל קלײַבט זיך זומער פאָרן צום יאַם, האָב איך פון אים געהערט נאָך ווינטער. אָבער ווער האָט געקאָנט דעמלט ווײסן, אז איך וועל פאָרן איניינעם מיט אים? און אָט, ניט לאַנג צוריק, גייט צו מיר צו מײַן פעטער און זאָגט:

— נו, פלעמעניקל, דײַן מאַמע האָט מיר דאָך אײַנגערעדט, מאָרגן וועלן מיר מיט דיר פאָרן צום שווארצן יאַם, קיין קאראָלינא-בוגאז.

אויסהערנדיק די גליקלעכע בסורע, האָב איך דערפילט, ווי אינווייניק אין מיר הייבט אַלץ אָן טאנצן און שפרינגען. אף אן אָרט איז מיר שוין שווער געווען זיך אײַנהאַלטן: איך מוז באַלד, אין אָט דער סעקונדע, ארויסלויפן אין דרויסן און איבער דער גאנצער גאַס צעפויקן און צעקלינגען: „הוראַ! איך פאָר צום יאַם!“

אין יענער נאַכט פֿאַרן בין איך שוין, פֿאַרשטייט זיך, ניט געשלאָפֿן. פּאַשעט געלעגן אויפֿן קישן מיט די אָפֿענע אויגן, געקוקט דורכן פֿענצטער אויף דער בלייכער, קילעכ-דיקער לעוואָנע, וועלכע וועט, דאַכט זיך, אָט-אָט אַרײַנקייקלען זיך צו מיר אין צימער, און כ׳האָב צו איר שטילערהייט גערעדט:

— דו ווייסט, לעוואָנעלע, מאָרגן פֿאָר איך צום שוואַרצן יאַם, קיין קאַראַלינאַ-בוגאַז.

דאָס איז זייער ווײַט, זאָגט די מאַמע, מע דאַרף אַהינצו פֿאָרן מיטן צוג. און איז א צוג בין איך נאָך קיינמאָל ניט געפֿאָרן!.. דו האָסט כאָטש מיט איין אויג געזען דעם שוואַרצן יאַם? איך האָב אים אויך ניט געזען. און פֿאַרוואָס רופֿט ער זיך „שוואַרצער" יאַם? צי איז ער טאַקע אַזוי שוואַרץ?.. און ווי שיין קלינגען די ווערטער „קאַראַלינאַ-בוגאַז", דאַכט זיך, נאָר אין די מײַסעלעך קאָן מען אַזעלכע ווערטער הערן... דו האָב אויף מיר ניט קיין פֿאַריבל, לעוואָנעלע, איך וואָלט דיר אויך מיט זיך מיטגענומען, אָבער דאָס איז אומעגלעך: דער פֿעטער אזריעל וועט עס ניט דערלאָזן. ער האָט שוין הײַנט דער מאַמען געזאָגט: „וואָס גיסטו אים מיט (הייסט עס מיר) אַזויפֿיל שמאַטעס? ער פֿאַרט דאָך אויף דאַרעם, און ניט אויף צאַפּן!" אַזוי־אַרום, לעוואָנעלע, וועסטו מוזן א ביסעלע צוװאַרטן, ביזוואַנען איך וועל זיך אומקערן... וואָס זאָגסטו? א, דו ווילסט זיך מיט מיר געזעגענען... בייג אָן דײַן קאָפּ, וועל איך דיר געבן א קוש אין שטערן, ווי דער זיידע קושט מיך אַמאָל... וואָס קיצלסטו זיך אַזוי?..

און איך כאַפּ זיך אויף. אין פֿענצטער איז קיין לעוואָנע נישטאָ, די זון קיצלט מיך גאָר אין דער נאָז, אַז איך גיב אַזש א ניס.

— זײַ געזונט, אייניקל! — דערהער איך דעם זיידנס קאָל, — שטיי אויף, ס׳איז שוין טאָג אין דרויסן.

הײַנט דאַרף מען מיך לאַנג ניט בעטן. איך שפּרינג אַפּגיך אַרויס פֿונעם געלעגער.

— און דער פֿעטער אזריעל איז ניט אַוועקגעפֿאָרן צום יאַם אָן מיר?

— ווי קאָן ער דען אַוועקפֿאָרן אָן דיר? נאָך בילעטן איז ער אַוועק...

— נאָך בילעטן? און מיר וועט ער אויך נעמען א בילעט?

— פֿאַרשטייט זיך! — זאָגט דער זיידע און גיט מיר א קוש אין שטערן. דעם זיידנס באָרד האָט עפּעס א באַזונדערן היימישן ריח. זי שמעקט מיט אונדזער שטוב, און עפּשער פֿאַרקערט: אונדזער שטוב שמעקט מיטן זיידנס באָרד.

איך לויף אַרײַן אין קיך. די באָבע פּאָרעט זיך באַם פּרימוס, זי גרייט אונדז, ווײַזט אויס, עסנוואַרג אין וועג. די מאַמע איז פֿאַרנומען מיטן טשעמאָדאַן. נאָכאַמאָל און ווידער-אַמאָל לייגט זי איבער מײַנע שמאַטעס. זי האָט נאָר מוירע, אַז עפּעס וועט זי פֿונדעסטוועגן פֿאַרגעסן מיר מיטצוגעבן. איך דריי זיך אַרום דער באָבען, אַרום דער מאַמען, ווי א גאַנ-צער „פֿאַרעך" (אַזוי האָט מיך אָנגערופֿן דער זיידע).

די צײַט האָט זיך געצויגן פֿאַר מיר אין יענעם טאָג, ווי א גומע אויף מײַן ראָגאַטקע. איך האָב שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער שאָ, ווען מיר וועלן דאַרפֿן גיין צו דער סטאַנציע. און אָט איז די שאָ סאָפֿקאָלסאָף געקומען.

באַגלייטן מיך מיטן פֿעטער איז געגאַנגען די גאַנצע מישפּאָכע. און פֿון דער היים אָן ביז דער סטאַנציע האָב איך נאָר געהערט:

— קוק, זאָלסט אין וואַסער אַליין ניט קריכן!..

— זאָלסט אויף דער זון לאַנג ניט ליגן!..

— זאָלסט גוט עסן און צוריק קומען א פּאָפּראַוועטער!

— זאָלסט פֿאָלגן!

— זאָלסט!.. זאָלסט!.. זאָלסט!..

דאַנקען גאָט, מיר פֿאָרן שוין!..

דו געדענקסט, פֿעטער אזריעל, יענע נסיעה קיין קאַראַלינאַ-בוגאַז? איך וואָלט געוואָלט גלייבן, אַז יאָ, ווײַל קיין שום צעשיידונג און קיין שום מעלוכע-גרענעצן זײַנען ניט בע-קויעך צעשפּאַלטן, צערײַסן און צעטיילן די יאָרן, וואָס מיר האָבן מיט דיר איבערגעלעבט אינאיינעם, אויף „דײַנס" און אויף „מײַנס".

דאַכט זיך, וואָס איז אַזוינס פֿאָרגעקומען?

מיר לעבן מיט דיר אין איין וועלט, אונטער איין הימל, און די זעלבע שטערן קוקן אַראָפּ אויף דיר און אויף מיר — מע קאָן דען דאָס אַלץ צעטיילן? און דאָך איז בא אונדז נאָך אַנומלטן געוואָרן איין באַזונדער שטיקל וועלט — א ווינקעלע אונטערן הימל, ווו עס האָבן בלויז פֿאַר דיר און פֿאַר מיר געשמייכלט די שטערן. צי דען האָט זיך עס געקאָנט

אין איינעם אַ טאָג צעשיטן, ווי יענער זאמד-שלאָס, וועלכן ס'האָט געמאכט יענץ פֿינף-יאָריק יינגעלע באַם סאמע ברעג פֿונעם שווארצן יאַם?

אין צוג, לאָזט זיך אויס, קאָן מען פֿאַרנדיקערהייט זייער שיין סיי עסן, סיי שלאָפֿן, ניט ערגער, ווי אינדערהיים. יענער דיקער מאנצבל, וואָס פֿאָרט מיט אונדז אין איין קופּע, באַווייַזט נאָר אָפּצועסן, ווי ער צעלייגט זיך באַלד אויף זייַן פּאָליצע און גיט אַף אַ פּאָר שאָ אַ כראָפּע אוועק. דערנאָך כאַפּט ער זיך אויף, קוקט זיך ארום, ווי איינער רעדט: „ווו בין איך?" און זעצט זיך ווידעראַמאָל עסן.

אינטערעסאנט, וואָס וועט דער דיקער מאנצבל טאָן, ווען ס'וועט זיך אים ענדיקן דאָס עסנווארג?

דער פּעטער אזריעל בלעטערט עפּעס אַ זשורנאל, און איך זיץ נאָך אַלץ באַם פֿענצ-טער און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך קוק קינאָ — יעדעס מאָל זע איך פֿאַר זיך אַן אַנדער בילד. די רעדער קלאַפּן: „טעגעדין-דין... טעגעדין-דין..." און איך הוידע זיך צוביסלעך הין און הער, ווי אין אַ וויגעלע.

מייַן באָבע האָט ליב צו דערציילן, אַז ווען איך בין געווען אַ קליין-קליין קינד, האָט נאָר זי געדאַרפֿט מיך איַינוויגן. אויב עמעצער אַן אַנדערער, אַפֿילע די מאַמע, פֿלעגט איבערכאַפּן מיט דער האַנט דאָס וויגעלע בעשאַסן הוידען זיך, פֿלעג איך עס טייקעף דערפֿילן און אָנהייבן שרייַען: „באָבע, וויג דו!.."

אין קופּע איז שאַ-שטיל, דער שלאָפֿנדיקער מאנצבל האָט אַפֿילע אופֿגעהערט כראָ-פּען, עס הערט זיך בלויז, ווי דאָס לעפֿעלע ציטערט דריבנע אין דער ליידיקער גלאָז, וואָס שטייט אַפֿן טישל, און עס דאַכט זיך, אַז עס קלינגען הונדערטער גלעקעלעך. די קלינגערייַ צעגיסט זיך אין מיר, פֿילט מיך אינגאַנצן אָן. עס קלינגט מיר שוין אין די אויערן, אין קאָפּ... די שיינע בילדער, וואָס שווינדלען דורך אין פֿענצטער, צעשווימען זיך, צערינען זיך, און איך זע שוין פֿאַר מייַנע אויגן אונדזער הויף, די שטוב, ווו עס זייַנען פֿאַרבליבן מייַנע עלטערן, די באָבע מיטן זיידן, איך פֿיל אַפֿילע דעם רייעך פֿון מייַן זיידנס באָרד... עס ווערט מיר אַזוי אומעטיק און עלנט, און עס פֿאַלט אַף מיר אָן אַזאַ בענקעניש אַז איך הייב אָן צו וויינען:

— כ'וויל ניט צום יאַם... איך וויל ניט קיין קאַראָלינאַ-בוגאַז... איך וויל אַהיים!..

...און פֿונדעסטוועגן איז געשען יענער טאָג פֿון דייַן אוועקפֿאָרן.

מיר זייַנען געשטאַנען מיט דיר אַף דער פּלאַטפֿאָרמע פֿונעם קעשענעווער וואָקזאַל איינער אַנטקעגן אַנדערן, פּאָנעם-על-פּאָנעם. דו האָסט אַרייַנגעקוקט אין מייַנע אויגן, און איך — אין דייַנע, איך ווייס ניט, וואָס דו האָסט געזוכט און געפֿונען אין מייַן בליק. אין דייַנע אַפּלען האָב איך אָבער דערזען אַ פֿאַרגליווערטע אָפּשפּיגלונג פֿון יענעם הויף, פֿון יענער שטוב, ווו עס זייַנען פֿאַרבליבן די נאָענטע און טייַערע פֿאַר דיר נעשאָמעס. דו האָסט נאָר געזאָגט: „אַזוי איז, ווייַזט אויס, באַשערט!"...

אינדערפֿרי האָב איך נאָר באַוויזן אופֿמאַכן די אויגן, ווי כ'בין טייקעף צוגעפֿאַלן מיטן פּאָנעם צום וואַגאָן-פֿענצטער. אַ רעגע האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז באַנאַכט, בע-שאַס איך בין געשלאָפֿן, האָט זיך איבערגעקערט דער הימל, און מיר פֿאָרן איצט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף. אַ געפּלעפּטער, גיב איך אַ קוק אַף מייַן פּעטער, וואָס שטייט שוין אויך באַם פֿענצטער.

— נו, אָט, — זאָגט ער, — זעסטו פֿאַר זיך דעם שווארצן יאַם!

וועגן דעם, אַז נאָך נעכטן פֿאַרנאַכט האָב איך געריוועט, ווי אַ קליין קינד: „איך וויל אַהיים!", האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרגעסן. די וואַסער, די זאַמד, די זון האָבן מיך געצייַגט איצט און גערופֿן צו זיך...

...„אַזוי איז, ווייַזט אויס, באַשערט!" — האָסטו שטיל געזאָגט און אַ שפּאַן געטאָן צו דייַן צוג „קעשענעוו — טשאָפּ".

די באַן האָט זיך מיט אַ קלאַפּערייַ געריהרט פֿונעם אָרט. דייַן בלאַס פּאָנעם האָט זיך באַוויזן אין פֿענצטער פֿון דעם וואַגאָן. דו ביסט נאָך געווען אַזוי נאָענט פֿון מיר און שוין אַזוי ווייַט פֿון דעם אַלעמען, וואָס האָט אונדז פֿריער פֿאַרבונדן... טעגעדין-דין, טעגעדין-דין... האָבן אַלץ שטילער און שטילער געקלאַפּט די אייַזערנע רעדער, ווי אַ פֿאַרשפּעטיקטער ווידערקאָל פֿון יענער נעסיע צום שווארצן יאַם.

איך בין נאָך לאַנג געשטאַנען אויפן פּעראָן און אַן אײַנגעשפּאַרטער געדאַנק האָט מיר ניט געגעבן קיין רו:

„דו ביסט מיר עפּעס געבליבן שולדיק, פּעטער!"

אָבער וואָס?

ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט, האָבן מיר מיטן פּעטער אזריעלן געדאַרפט זיך באַוואָרענען מיט א וווינונג. און וויאַזוי איז מיר פריִער ניט געקומען אין קאָפּ, אַז ערגעץ דאַרפן מיר דאָך וווינען?

און אָט גייען מיר ארום פון שטוב צו שטוב און זוכן א צימער. און דאָס, ווי כ'האָב פאַרשטאַנען, איז ניט קיין גרינגע זאַך. אומעטום, בא וועמען דער פּעטער מײַנער זאָל ניט פרעגן, הערן מיר בלויז איין וואָרט: „סעזאָן!" כאַטש נעם און פאָר צוריק אהיים.

דאָס אָרט מיט אזא קלינגענדיקן נאָמען קאַראַלינא-בוגאַז איז, נאָך אַלעמען, א קליין דערפל. לענגויס א לאַנגן אַספּאַלטירטן וועג, איבער וועלכן עס פאָרן אָן אופהער אהין און אהער אַוטאָמאָבילן, שטייען קליינע שטיבלעך, וועלכע מע רופט דאָ „דאַטשעס". און אָט אין די-אָ דאַטשעס, ענלעכע אַף אונדזער שטאָל, ווו מיר האַלטן די ציג אונדזערע נאָנע, וווינען „דאַטשניקעס". דעם פּעטער אזריעלן זײַנען די שטיבלעך דאָפּקע יאָ געפעלן. ער זאָגט, אז דאָ באַם יאַם איז ניט אזוי ווילטיק, ווו מע וווינט, אבי עס זאָל זײַן וווהין דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. מענטשן, זאָגט וויַטער דער פּעטער, פאָרן אהער, קעדיי כאַפּן א פרישׂ ביסל לופט, ווײַל אזא לופט, ווי דאָ, איז אין ערגעץ ניטאָ.

און וואָס האָט ער, מײַן פּעטער, געפונען אזוינס אין אָט דער לופט? א לופט ווי א לופט — ניט בעסער איידער אַף אונדזער גאַס. עמעס, דאָ, אין קאַראַלינא-בוגאַז, פּילט זיך ניט יענער הארב-ביטערער רייעך, וועלכן עס לאָזט אמאָל ארויס די בעלצער פּוטער-פאַבריק.

סאַפּקאָלסאָף האָט אונדז אָפּגעגליקט, און בא איינער א באַלעבאָסטע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. מיר מיטן פּעטער זײַנען שוין אויך געוואָרן עכטע דאַטשניקעס.

יעדן אינדערפרי נאָכן פרישטיק גייען מיר אויפן פּליאַזש.

מענטשן — קליינע און גרויסע, דיקע און דאַרע. מע ליגט אויפן בויך, אַף דער פּלייצע, אין פאַרשיידענע פּאָזעס, אַלע קימאַט נאַקעטע, קיין שפּילקע איז ניטאָ וווהין צו וואַרפן. יעדער כאַפּט אָפּ זײַן כײַלעק פרישע לופט. ארום און ארום שטייט א ראַש, א זשום, א קוויטשערײַ, אז מע קאָן פאַרהלושעט ווערן. אָט דאָס הייסט „א פּליאַזש".

איך האָב געמאַכט אַן אַנטדעקונג: די יאַם-וואַסער איז געפעפערלעך געזאַלצן. איצט פאַרשטיי איך שוין, פאַרוואָס דער הערינג, וועלכן די באָבע קויפט אין קלייט, איז אויך א געזאַלצענער. שווימען, זאָגט מײַן פּעטער, שווים איך, ווי א האַק, כאַ-כאַ! ווו האָט ער געזען, אַז א האַק זאָל שווימען? גיב איך זיך מיטן קאָפּ א טונק אײַן אין וואַסער און נעם פּאָכען מיט די הענט, ווי אַן עמעסער שווימער.

— גענוג! — הערט זיך אָבער מײַן פּעטערס קאָל. — גענוג זיך פּליוסקען, קריך ארויס! דו ציטערסט שוין, ווי א בעבריקל...

דעם עמעס געזאָגט, בין איך טאַקע א ביסל פאַרפרוירן געוואָרן, נאָר באָדן וואָלט איך זיך געבאָדן פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט. אָבער מיטן פּעטער אזריעלן איז גלײַכער זיך ניט צו כאַכמענען. די אַלע זאַכן, וועלכע מ'האָט מיר אָנגעזאָגט פאַרן אַוועקפאָרן אהער, האָט דער פּעטער פאַרגעדענקט בעסער פון מיר.

איך ליג אַף דער הייסער זאַמד און קוק זיך ארום.

א מאָדנע זאַך: דאָ אויפן פּליאַזש פאַרגעסן, דאַכט זיך, אַף א צײַט די דערוואַקסענע, אז זיי זײַנען שוין ניט קיין קינדער. מע שפּילט זיך אין זאַמד, מע מאַכט פאַרשיידענע שלעסער, טורעמס, קאָלערליי פיגורן, מע קלײַבט צונויף מושלען, מע לויפט איינער נאָכן אַנדערן, מע גיסט זיך אָפּ מיט וואַסער אָדער מע גראָבט אויס א טיפע גרוב, און דערנאָך פאַרשיט מען זיך מיטן זאַמד אזוי, אז נאָר דער קאָפּ שטעקט קאַמיש ארויס, ווי א הייפּטל קרויט. איך מיין, אז עס קומט אזוי פאָר דערפאַר, ווײַל די דערוואַקסענע גייען אויפן פּליאַזש ארום נאַקעט און באָרוועס, באַגלײַך מיט אונדז, מיט די קינדער!

יענעם דיקן מאַנצבל, וועלכער איז געפאָרן מיט אונדז אין איין קופּע, קאָן מען אויך דאָ באַגעגענען. ווען דער פּעטער אזריעל האָט אים דאָס ערשטע מאָל געזען ארײַנגיין אין וואַסער, האָט ער מיט א שמייכעלע געזאָגט:

— יאָ, אין טערקײַ וועט, מיסטאַמע, באַלד זײַן א מאַבל!

לעבן אונדז, אין א ווײַסער פאטשײלע אפן קאָפּ, אײַנגעהילט אין א לײַלעך, זיצט און אַלטיטשקע. אַף דער נאָז איז איר אָנגעקלעפּט א שטיקל פּאַפּיר און נאָר דער סאמע שפּיץ שטעקט פון אונטערן פּאַפּירל קאָמיש ארויס. זי זיצט און מיט דער רעכטער האַנט פארשטעלט זי די אויגן און דעם שטערן פון דער שײַן.

— איר ווייסט, — גיט זי א זאָג צום פּעטער, — אַפן פּליאַזש איז עפּעס אן אַסאַבע-נע זון. איך בין נעכטן אהער געקומען צו פאָרן, און הײַנט בין איך שוין אינגאַנצן אָפּגע-סמאַליעט...

און גלײַך ווי אומיסטן, קעדיי מיר זאָלן זיך אין דעם איבערצײַגן. האָט זיך דאָס פּאַ-פּירל אַף איר נאָז אָפּגעקלעפּט און אראָפּגעפאַלן. דאָס, וואָס עס רופט זיך „א נאָז", איז בא דער אַלטיטשקער געווען מער ענלעך אַף א מער, וועלכן מ'האָט ניט באוויזן אָפּצושיילן ביזן סאָף.

— נו אַט, — פאַרלירט זי זיך, — זעט איר שוין אַליין! — און מיט דער דלאָניע פארשטעלט זי די נאָז אירע. — ווען מײַנער, זאָל זיך מ׳יען, וואָלט געקאָנט איצט אופשטיין פונעם קייווער און כאַטש מיט איין אויג א קוק טאָן אַף מיר, וואָלט ער, דאכט זיך, פון שרעק צוריק געשטאָרבן.

די אַלטיטשקע גיט שווער א זיפץ און דערציילט ווײַטער:

— כ'וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, איך דאַרף דעם יאם אַף קאַפּאָרעס, נאָר די קינדער מײַנע, ס'זאָל מיר זײַן פאַר זיי, האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו מיר:

— „פאָר, מאמע, צום יאם! וואַרעם זיך אויס א ביסל דײַנע אַלטע ביינער. דאָס גאַנ-צע לעבן האָסטו געוווּסט נאָר פון האָרעווען — גענוג! רו זיך שוין א ביסל אָפּ אויך". איצט זעט איר שוין אַליין, וויאַזוי כ'האָב זיך די ביינער מײַנע אויסגעוואַרעמט... ס'איז פּאַשעט א בושע פאַר מענטשן!...

דערנאָך האָט די אַלטיטשקע געפרעגט, ווו מיר האָבן זיך מיטן פּעטער אָפּגעשטעלט, און פונוואַנען מיר זײַנען געקומען צו פאָרן? דערוויסנדיק זיך, אז מיר זײַנען געקומען פון בעלץ, האָט זי זיך זייער דערפרייט, ווײַל אין בעלץ האָט זי קרויווים, וועלכע וווינען לעבן אַלטן מאַרק. ווײַטער האָט זי געזאָגט, אז אַליין שטאַמט זי פון טעלענעשט, אָבער נאָך דער מילכאָמע לעבט זי מיט דער טאָכטער אין אוריַוו. די טאָכטער איז בא איר א פעדיַאַטער און ניט קיין פּאַשעטער פעדיַאַטער, נאָר דער בעסטער פעדיַאַטער אין שטאָט. און באַטש ס'איז, זאָגט זי, דאָ א ווערטל וועגן די אוריַווער מעשוגאָים, איז עס ניט אינגאַנצן אזוי, ווײַל אין אוריַוו זײַנען פאַראַן קלוגע מענטשן אויך. ווען די אַלטיטשקע האָט זיך דערוווּסט, אז מײַן פּעטער איז ניט קיין כאַסענע געהאַטער, האָט זי פּלוצעם א געשריי געטאָן:

— אוי, גאָט אַליין האָט אײַך צוגעשיקט, כ'האָב פאַר אײַך א מיידל — אזוינס ווי אזעלכס! א יונגעס, א שיינס און שטיל איז זי, ווי א טויב, און א בעריע, און מיט אָבראַזאָ-וואַניע — מיט איין וואָרט — בא אַלע אונדזערע ליבע פרײַנט זאָלן זײַן אזעלכע קינדער... זי וועט אײַך געפעלן ווערן!..

און דאָ פיל איך, ווי אין די אויערן הייבט בא מיר עפּעס אָן קלינגען... אַפן לײַב טרעט ארויס א קאַלטער שווייס... עס ווערט מיר מיטאַמאָל פינצטער אין די אויגן... און די אַלטיטשקע אינײנעם מיטן פּעטער און מיטן גאַנצן פּליאַזש דרייען זיך, ווי אַף א קאַ-רוסעל... איך באווײַז נאָר דערהערן: „...כ'האָב אײַך געזאָגט, אז דאָ איז אַן אַסאָבענע זון..."

...דו ביסט מיר, פּעטער, עפּעס געבליבן שולדיק, נאָר וואָס?..

א פּאָר טעג בין איך געזעסן אין שטוב. דער פּעטער אוריַעל האָט מיר אפילע פאַר-באָטן די נאָז ארויסווײַזן אַף דער זון.

דער באַלעבאָס אונדזערער, איוואַן קירילאָוויטש, איז אַן אײַזנבאַנער אַף דער היגער סטאַנציע. קימאַט יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט נעמט ער זײַנע ווענטקעס און גייט כאַפּן פיש. צוריק קערט איוואַן קירילאָוויטש זיך אום שוין פאַרנאַכט און ניט מיט קיין ליידיקע הענט. אַף א לאַנג שנירל זײַנען פון אויבן ביז אראָפּ אָנגעסיליעט שוואַרצע פישלעך מיט גרויסע, קײַלעכדיקע קעפּלעך, וועלכע איוואַן קירילאָוויטש רופט „ביטשקי". נאָך פונדער-ווײַטנס הערט זיך זײַן באַסאָווע שטים: „כאָזײַקאַ, פּרימײַ אולאָוו!" און פון דער שטוב לויפט ארויס א צופרידענע אונדזער באַלעבאָסטע ליודמילאַ פּאַוולאָוונאַ.

אינגיכן שטייט שוין די וועטשערע אפֿן טיש, און דער באַלעבאָס פאַרבעט אונדז מיטן פעטער זעצן זיך עסן. די געפרעגלטע פישלעך שמעקן אזוי געשמאַק און כראָמטשען אזוי הילכיק אונטער די ציין, אז כ׳וואָלט זיי, דאַכט זיך, געקאָנט עסן און עסן — גיב נאָר. און לידמילא פּאַוולאָוונא טראָגט יעדעס מאָל צו צום טיש א נײַע פּאַרציע פישלעך.

איוואַן קירילאָוויטש עסט די געפרעגלטע פישלעך מיט א באַזונדערן געפיל. מיט איין ריר טיילט ער אָפּ פון די פישלעך די קעפלעך און לייגט זיי צונויף אין א בערגל בא זיך אפֿן טעלער. דערנאָך, אָנהייבנדיק פונעם עק, נעמט ער קײַען פּאַמעלעך יעדעס פישל מיט די ביינדלעך אינאיינעם. מע הערט נאָר: כראָמזש, כראָמזש... און ווען מיט די פישלעך ווערט שוין פאַרענדיקט, קומט אויך די צײַט פאַרן בערגל קעפלעך. קיין ביינדעלע לאָזט איוואַן קירילאָוויטש ניט דורך — זויגט עס אויס פון אלע זײַטן, אונטערטשמאָקענדיק מיט די ליפּן, און שוין דאָס צעקײַטע און דאָס אויסגעזויגטע שפּײַט ער אויס אַף דער אונטערגעשטעלטער דלאָניע.

אָבער איין זאַך איז עסן געפרעגלטע פישלעך, און אן אנדער זאַך — כאַפּן לעבעדי-קע. אַך, וואָלט געווען גוט, ווען איוואַן קירילאָוויטש וואָלט מיך כאָטש איין מאָל מיטגענו-מען מיט זיך כאַפּן פיש. איך שטעל זיך שוין פאָר, וויפל פיש וואָלטן מיר געבראַכט אהיים. לידמילא פּאַוולאָוונא וואָלט זיי, מיסטאָמע, געפרעגלט פון פאַרנאַכט ביז אינדערפרי.

זינט מיר זײַנען אהער געקומען, האָט מײַן פעטער זיך געמאַכט א טעווע נאָכן מיטיק צולייגן זיך אַף א פּאָר שאָ. דער יאַם, זאָגט ער, נעמט בא אים אוועק אלע קויכעס. און פון וואָס, וואָלט איך געוואָלט וויסן, ווערט ער, מײַן פעטער, אזוי מיד? עפּשער פו-נעם באָדן זיך צי פונעם ליגן אפֿן זאַמד? אָבער דאָס, ווי ס׳וואָלט געזאָגט דער זיידע, איז ניט מײַן אײסעק! ער וויל זיך אָפּרוען — געזונטערהייט, אבי טשעפּע מיך ניט! ווו זשע קאָן אזוינס זײַן? איך מוז אויך באַגלײַך מיטן פעטער ליגן אין מײַן בעטל און קוקן אַף דער סטעליע. יאָ, זײַן א קינד איז טאַקע זייער שווער! דאָס טאָר מען ניט, יענץ דאַרף מען ניט. ס׳איז דען א לעבן?! א גאַנצע מוטשעניניע! אן אנדער זאַך — א דערוואַקסענער מענטש: וואָס ער וויל, דאָס טוט ער! און קיינער וועט אים קיין וואָרט ניט זאָגן. אָט, לעמאָשל, טאַקע מײַן פעטער אזריעל. וויפל מאָל האָט אים שוין דער זיידע געזאָגט, אז אַף די „טאַנצולקעס" זאָל ער אופהערן צו לויפן און זיך ניט אומקערן אהיים אזוי שפּעט באנאַכט. אײסעך — עס העלפט אים, זאָגט דער זיידע, ווי א טויטן באַנקעס! אַף אלץ האָט מײַן פעטער איין ענטפער: „איך בין שוין ניט קיין פּיצעלע קינד!" און ווען איך וואָלט זיך דערלויבט אזוינס? אָדער רייכערן, קימאַט אלע מאַנצבלען רייכערן! אָבער, ווען דעם פעטערס כאַווער האָט מיך אויסגעלערנט לאָזן פון א ציגײַער קליינע, בלוילעכע רעדעלעך, האָט זיך אין שטוב בא אונדז געטאָן כוישעך.

אָט פריִער, דערציילט דער אלטער באַרביערו, אין זײַנע צײַטן, האָט מען זיך מיט די קינדער ניט געוואָזשעט אזוי. מע פלעגט, זאָגט ער, כאַפּן אינדערפרי א שטיק מאַמאַלי-גע, אויב ס׳איז, פאַרשטייט זיך, געווען, און ביז פאַרנאַכט האָט מען דיך שוין אינדער-היים ניט געזען. און איצט, זאָגט באַרביערו, טראָגט מען זיך מיט זיי אַרום, ווי מיט א ציילעמל אפֿן האַלדז.

ניין, זײַן אין הײַנטיקע צײַטן א קינד איז זייער שווער.

אין איינעם א באַטאָג ליג איך אזוי און הער זיך צו, ווי מײַן פעטער אָטעמט. מיט א דינינקן פײַף ציט ער אין זיך אַרײַן די לופט (די באַרימטע קאַראַלינא-בוגאַזער לופט), פאַרהאַלט אַף א ווײַלע דעם אָטעם און שוין גיך, דורך די נאָזלעכער לאָזט ער פון זיך די לופט אַרויס. איך פּרוּוו אים נאָכמאַכן, עס באַקומט זיך אָבער ניט בא מיר גאָרנישט. ס׳הייסט, דער פײַף באַקומט זיך גראַד יאָ, נאָר פאַרהאַלטן דעם אָטעם אזויפיל, ווי מײַן פעטער פאַרהאַלט אים, קאָן איך בעשום-אויפן ניט! און פלוצעם הערט זיך פון דרויסן, ווי איוואַן קירילאָוויטש זאָגט זײַן ווײַב, אז ער גייט כאַפּן פיש. ס׳האָט מיך ווי מיט א נאָדל א שטאָך געטאָן. אין איין רעגע בין איך געווען אין דרויסן.

איוואַן קירילאָוויטש מיט זײַנע ווענטקעס איז שוין גרייט געווען זיך לאָזן אין וועג אַרײַן. דערזעענדיק אָבער, ווי כ׳בין אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב, האָט ער א קוק געטאָן אַף מיר און בלויז מיטן קאָפּ צוגערופן מיך צו זיך.

— נא, דערזשי! — זאָגט ער מיט זײַן באַס, און שטרעקט מיר אויס איינע פון זײַנע ווענטקעס...

הוראַ, איך גיי כאַפּן פיש! די ווענטקע, וואָס איוואַן קירילאָוויטש האָט מיר געגעבן, האַלט איך אפֿן אַקסל, ווי אן עמעסער פישער. א שאָד פאַשעט, וואָס קיינער פון מײַנע כאַווירים זעט מיך ניט איצט. אינטערעסאַנט, וואָס וואָלטן זיי אַף דעם אלעמען געזאָגט?

מוישע-וואָראָנע וואָלט, מיסטאָמע, אַ שנאָרכע געטאָן מיט דער נאָז און אַרויסגעפּאָנפּעט: „נישקאָשע, ניט קיין שלעכט ווענטקעלע, אָבער וואָס ווייסטו אַף דעם כאַפּן?" מוסיע וואָלט, פאַרשטייט זיך, געזאָגט, אַז זײַן טאַטע וועט אים קויפן אַ בעסערע ווענטקע. סיאָמקע-שפּײַ וואָלט פריִער הילכיק אַ שפּײַ געטאָן צווישן די ציין, און ערשט דערנאָך באַטראַכט די ווענטקע פון אַלע זײַטן.

וויפל מיר זײַנען מיט איוואַן קירילאָוויטשן געגאַנגען, ווייס איך ניט. ניט אומזיסט טײַנעט דער זיידע, אַז מיט אַ גרינג האַרץ איז גרינג צו גיין. זאָגן דעם עמעס, איז מיר אַפן האַרצן געווען אַ ביסעלע קאַלעמוטנע, ווײַל דעם פעטער אָזריִען האָב איך וועגן מײַן אַוועקגיין אַפילו קיין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר פון דער אַנדערער זײַט, ווי-אַזוי האָב איך אים געקאָנט עפּעס יאָ זאָגן, אַז ווען מיר זײַנען אַוועקגעגאַנגען, איז ער נאָך געשלאָפן?

דאָס אָרט, וווּהין איוואַן קירילאָוויטש האָט מיך געבראַכט צו פירן, געפינט זיך פּונקט אונטער אַ גרויסער בריק. דאָ, זאָגט איוואַן קירילאָוויטש, איז אַקוראַט דאָס אָרט, ווו דער לימאַן גיסט זיך צונויף מיטן ים, און די בעסטע „ביטשקי" האַלטן זיך נאָר דאָ, אונטער דער בריק.

ווי נאָר מיר זײַנען געקומען אַף אָט דעם אָרט, האָב איך אַפּגיך פאַנאַנדערגעוויקלט מײַן ווענטקע און אַרײַנגעוואָרפן דאָס האַטשיקל אין וואַסער אַרײַן.

— פּאַגאַדי! — האָט אַ געשריי געטאָן איוואַן קירילאָוויטש. — אַ נאַזשיווקו-טאָ, זאַביל?!

איך האָב דערפילט, ווי די באַקן הייבן באַ מיר אָן פלאַמען, פּונקט ווי נאָך אַ גוטער פּאַרציע קניפּן. איך שלעפּ שוין אַרויס דאָס האַטשיקל און גיב די ווענטקע איבער איוואַן קירילאָוויטשן.

כאַפּן פיש, ווי עס לאָזט זיך אויס, דאַרף מען ערשט קענען!

אַ רויט לאַנג ווערעמל שלענגלט זיך, רינגלט זיך, פּרוווט זיך אַרויסגליטשן פון איוואַן קירילאָוויטשעס פינגער, מיט איין ריר גיט ער עס אָבער אַ סיליע אַן אַפן האַטשיקל. דערנאָך נעמט איוואַן קירילאָוויטש אָן אַן עק פון דער ווענטקע און טוט די ווענטקע אַ וואָרף אַף צוריק און פאָרויס. אין דער לופט גיט עפּעס אַ סווישטשע און די ווענטקע טוט אַ פליוך אין וואַסער אַרײַן... איך זע, ווי דאָס שווים-העלצל שטעקט שוין אַפן אויבערפלאַך, הוידעט זיך גרינג אַף די כוואַליעס...

איוואַן קירילאָוויטש באַווײַזט נאָך אַרײַנוואַרפן די האַטשיקלעך פון זײַנע צוויי ווענטקעס, ווי די שווים-העלצלעך הייבן באַלד אָן טאַנצן. ער שלעפּט אַרויס איין פישל נאָכן אַנדערן, און איך האָב נאָך גאָרנישט ניט געכאַפּט. עפּשער, טראַכט איך, זײַנען באַ אים עפּעס פאַרקישעפטע ווערעמלעך? און פּלוצעם אַ קלינגערײַ, אַ קלאַפּערײַ — אַף דער בריק באַווײַזט זיך אַ צוג. פון שרעק גיב איך אַ שלעפּ צו זיך די ווענטקע און פאַרמאַך די אויגן. עס דאַכט זיך, אַז די בריק וועט באַלד אײַנפאַלן אינאיינעם מיטן צוג, און פון מיר וועט אַפילו קיין סימען ניט בלײַבן... טעגעדין-דין... טעגעדין-דין... אײַנגיכן אָבער ווערט שטילער. איך עפן פּאַמעלעך אויף די אויגן: די ווענטקע האַלט איך אין די הענט, אָבער ווו איז מײַן שווים-העלצל? אין וואַסער זע איך עס ניט!.. איך גיב אַ קוק אין אַ זײַט — אַ שוואַרץ, לעבעדיק פישל טעלעבענדעט זיך אַפן שנירל פון מײַן ווענטקע! צי דען האָב איך עס אַליין געכאַפּט?

אַ ווײַלע שטיי איך, ווי אַ פאַרטשמעליעטער און קאָן פונעם געכאַפּטן פישל קיין אויג ניט אַוועקנעמען. עס הייבט זיך מיר אַפילו אָן אויסווײַזן, אַז דער „ביטשאָק" איז ניט קיין „ביטשאָק", נאָר אַ גאַנצער „ביק". איוואַן קירילאָוויטש גייט צו מיר צו, גיט מיר אַ שויבער דעם קאָפּ און זאָגט:

— מאָלאָדיעץ! וואָט עטאָ ריבאַק!

איך שטיי שוין ווײַטער מיט מײַן ווענטקע אין די הענט און וואַרט — איך וואַרט אַף אַן אַנדער צוג, קעדיי כאַפּן נאָך איין פישל...

אַהיים האָבן מיר זיך אומגעקערט, ווען אין דרויסן איז שוין געווען פינצטער. דאָס שנירל מיט די געכאַפּטע פישלעך האָט איוואַן קירילאָוויטש פאַרטרויט מיר צו טראָגן. און כאָטש טראָגן עס איז מיר געווען ניט גרינג, האָב איך דאָס שנירל סײַ-ווי-סײַ פון די הענט ניט אַרויסגעלאָזט. אָט, מוישעלע, האָב איך געטראַכט, טאַקע אַ שאָד, וואָס דו זעסט מיך ניט מיט אָט די-אָ פישלעך, דו וואָלסט שוין דעמלט גאָרנישט ניט געקאָנט זאָגן!

ס'איז מיר געווען פריילעך און גוט! איך האָב געקוקט אַפן הימל, ווי די שטערנדלעך האָבן זיך געפּאַרקעט, ווי געלע פּיצינקע הינדעלעך. א פריש, פּייַכט ווינטל האָט ווען-ניט-ווען מיך געלעקט דאָס פּאָנעם, פּונקט ווי מייַן הינטל פּופּיק מיט זייַן ראָזעווע צינגל.

וואָס נעענטער מיר זייַנען צוגעקומען צו אונדזער שטוב, אַלץ מער האָב איך געפילט, ווי די פרייד מייַנע גייט ביסלעכווייַז אויס. איך האָב זיך שוין קלאָר פאָרגעשטעלט, וואָס פאַר א באַגעגעניש שטייט מיר פאָר, און כ'האָב שווער געזיפצט.

— אַבאַידיאַטסיאַ, מאַלייַ, אַבאַידיאַטסיאַ!..

— יאָ, ס'איז גרינג צו זאָגן „אַבאַידיאַטסיאַ"...

די צייַט, וואָס מיר האָבן מיט מייַן פעטער אזריִעלן פאַרבראַכט באַם יאַם, איז דורכגעפלויגן, ווי איין טאָג. דאַכט זיך, ערשט נעכטן זייַנען מיר אהער געקומען צו פאָרן, און אָט הייַנט פאַרנאַכט פאָרן מיר שוין צוריק אהיים. ביזן אָפּפאָר, זאָגט מייַן פעטער, איז נאָך געבליבן א ביסל צייַט, און מיר גייען זיך געזעגענען מיטן שווארצן יאַם. איצט פאַרשטיי איך שוין, פאַרוואָס מע רופט אים „שווארצער" — אַלע מענטשן, וועלכע קומען אהער זיך אָפּרוען, פאָרן פונדאַנען אוועק שווארצע, ווי די נעגערס.

שוין שטייענדיק באַם וואסער, נעמט דער פעטער אזריִעל ארויס פון דער קעשענע א קאָפּעקע, לייגט זי מיר אַרייַן אין דער האַנט און זאָגט:

— נאַ דיר, פלעמעניקל, א מאַטבייע און וואַרף זי אַרייַן אין יאַם!

— צוליב וואָס?

— אַזוי דאַרף מען, קעדיי ווען-ניט-איז זיך נאָכאַמאָל אומקערן אין די ערטער!..

...איך האָב זיך דערמאָנט, פעטער אזריִעל — דאָס יינגעלע האָט עס מיך ניט געלאָזט פאַרגעסן: דו ביסט מיר געבליבן אייביק שולדיק דאָס אומקערן זיך צום שווארצן יאַם, צום ווינקעלע אונטערן הימל, ווו עס האָבן צו דיר און צו מיר געשמייכלט איין און די זעלבע שטערן...

דאָס טירל גיט א סקריפּ און אַפן בוידעם יאָוועט זיך אַרייַן אונדזער קאַץ. זי איז, ווייַזט אויס, געקומען כאַפּן מייַז, און גראַד די טעווע אירע איז מיר ניט צום הארצן, ווייַל אויב די קאַץ וועט אויסכאַפּן פונעם בוידעם אַלע מייַז, קאָן איך, כאַלילע, בלייַבן אָן צייַן. ווי קומען מייַנע ציין צו די מייַז? זייער פּאַשעט: ניט לאַנג צוריק זייַנען בא מיר ארויסגעפאַלן מיטאַמאָל צוויי אונטערשטע ציין. און ווען איך בין מיט אָט די ארויסגעפאַלענע ציין צוגעגאַנגען צו דער באָבען און א פרעג געטאָן בא איר, וואָס זשע זאָל איך איצט מיט זיי טאָן, האָט מיר די באָבע געגעבן אן אייצע: נעם, האָט זי געזאָגט, אָט די צוויי ציינדעלעך, וואַרף זיי ארויף אַפן בוידעם און זאָג: „מייַזעלעך, מייַזעלעך, האָט אייַך מילכיקע ציינדעלעך, און איר גיט מיר אייַזערנע!" האָב איך געפאָלגט דער באָבען און געטאָן פּונקט אַזוי, ווי זי האָט מיר געייצעט. טאַקע דערפאַר איז מיר אַזוי ניט געפעלן דער קאַצס ארופיאַוועט זיך אַפן בוידעם.

אָן אַנדער זאַך, ווען אונדזער קאַץ נעמט זיך וואַשן. דעמלט בין איך זי גרייט קושן, ווייַל ווען א קאַץ וואַשט זיך, איז עס דער ערשטער סימען, אַז אינגיכן וועלן צו אונדז קומען געסט. און גראַד געסט האָב איך זייער ליב. ערשטנס, פאַלן מיר פון זיי אַרייַן קאַלערלייַ מאַטאַנעס. צווייטנס, זייַנען מייַנע עלטערן פאַרנומען דעמלט מיט די געסט און פאַרגעסן אַף א צייַט אין מיר — מע לאָזט מיך א ביסל צו רו.

באַזונדערס האָב איך ליב, ווען צו אונדז צוגאַסט קומט צו פאָרן פון אָרסק מייַן פעטער יאַסע. קיין אָרסק, זאָגט די באָבע, האָט אים פאַרוואָרפן די מילכאָמע. די אייגענע מייַנע רופן אים „יאַסע זשוק". פאַרוואָס „זשוק"? פון דער גאַנצער מישפּאָכע טיילט זיך מייַן פעטער אויס מיט זייַן טונקל פּאָנעם און מיט זייַן טונקל שווארצער טשופּרינע.

אַרבעטן אַרבעט דער פעטער יאַסע אין א זאַוואָד. און זייַן זאַוואָד, זאָגט ער, איז אַזוי די גרייס, ווי האַלב בעלץ. דאָ, מיין איך, בייגט דער פעטער יאַסע א ביסל איבער דעם שטעקן: א זאַוואָד איז דאָך ניט מער, ווי א זאַוואָד, און פאַרגלייַכן אים מיט אונדזער שטאָט איז פּאַשעט א געלעכטער.

בעשאַס דער פעטער יאַסע געפינט זיך בא אונדז, סטאַרעט ער זיך צו רעדן נאָר אַף יידיש. מע דאַרף אָבער זייַן פון שטאָל און פון אייַזן, קעדיי אים אויסצוהערן ביזן סאָף און ניט צעזעצט ווערן פאַר געלעכטער.

— וואָס האָסטו זיך שוין אַזוי צעגעצגעט? — בייזערט זיך אַף מיר דער זיידע, ווען

איך האַלט ניט אויס און הייב אָן לאַכן, — אַ מענטש האָט פֿאַרגעסן זײַן מאַמעלאַשן!.. מע דאַרף דאָ וויינען, און ניט לאַכן!..

אינטערעסאַנט, וויאַזוי קאָן מען פֿאַרגעסן אַן אייגענעם לאַשן?

ווען דער פּעטער יאַסע זאָל צו אונדז ניט קומען, קומט ער אָדער אַליין, אָדער איינ־נעם מיט מײַן שוועסטערל בלױמען. זײַן ווײַב, מײַן מומע, הייסט עס, האָב איך נאָך קיינמאָל פֿאַר די אויגן ניט געזען. איך ווייס נאָר, אַז רופֿן רופֿט מען זי אירע.

אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט זיצט די גאַנצע מישפּאָכע מײַנע און עסט וועטשערע. עס הערט זיך, ווי די לעפֿל קלאַפּן אין די טעלער, ווי יעדער זופּט מיט האַנאָע די יויך, און מיר, ווי אַפּצולאָכעס, פּונקט אין דער צײַט, ווען מע דאַרף קוקן אין טעלער ארײַן און שטילערהייט עסן, גלוסט זיך רעדן. און אַז מע רעדט, קאָן מען שוין ניט, פֿאַרשטייט זיך, זופּן. פֿאַרוואָס עס קומט מיט מיר פֿאַר אַזוי, ווייס איך ניט, אָבער דער טאַטע זאָגט, אַז ווען מע גיט מיר ניט אַ פֿאַר טעג קיין פּיצל ברויט, וואָלט איך גיך פֿאַרגעסן אין אַלע ריידע־נישן, כ'וואָלט נאָר געשריגן: „גוואַלד, איך וויל עסן!"

און אָט זיץ איך אויך באַם טיש און וואַרג זיך מיטן ביסל יויך. איך פֿיל, אַז כ'מוז עפּעס זאָגן, איך קאָן זיך שוין מער ניט אײַנהאַלטן. און איך שיס אויס:

— פּעטער יאַסע, און די מומע אירע איז אַ גוטע?

דער פּעטער מײַנער בלײַבט פּלוצעם זיצן מיט אַן אָפֿענעם מויל.

— פֿאַרשטייט זיך, — ברענגט ער אין אַ ווײַלע אַרום אַרויס, — אָוואַדע, אַ גוטע...

— פֿאַרוואָס זשע, אויב אַזוי, קומט זי ניט צו אונדז צוגאַסט?..

אַלע באַם טיש הערן מיטאַמאָל אויף צו קלאַפּן מיט די לעפֿל און צו זופּן די יויך. עס ווערט שאַ־שטיל.

דער פּעטער יאַסע לייגט אַוועק אין אַ זײַט זײַן לעפֿל, הייבט זיך פּאַוואָלינקע אויף פֿון־נעם טיש און גייט אַרויס פֿון דער קיך. איך גיב אַ קוק אָפֿן זיידן. ער זיצט ניט טויט, ניט לעבעדיק. די קנייטשן אָף זײַן שטערן זײַנען, דאַכט זיך, געוואָרן נאָך טיפֿער, איידער מיט אַ רעגע צוריק, און אונטער די אויגן זײַנען האָבן זיך באַוויזן צוויי בלויע קישעלעך...

— אַנו, גיי אָף אַ מינוטקעלע אַרויס פֿונדאַנען, — גיט צו מיר שטרענג אַ זאָג דער טאַטע.

נו אָט, אַזוי איז טאָמיד, ווי נאָר עס קומט צו עפּעס אַן אינטערעסאַנטער זאַך, ווער איך אַן איבעריקער.

דעם פּעטער יאַסען האָב איך אין צימער, ווּהין איך בין אַרײַנגעגאַנגען פֿון דער קיך, שוין ניט געטראָפֿן, און אַזוויווי די טיר איז געבליבן נאָך מיר אַ ביסל אָפֿן, האָב איך געקאָנט הערן אַלץ, וועגן וואָס די גרויסע האָבן אין קיך געטײַנעט.

— ...כעלעמער! — הערט זיך דעם טאַטנס קאָל. — איין וואָרט, כעלעמער!.. וואָס האָט איר צו איר?.. זי האָט אײַך מיט עפּעס באַליידיקט? צי עפּשער באַרעדט אײַך?..

— איך בעט דיך, סאַשע, — שלאָגט אים איבער די מאַמע, — אָף אַ האַלבן טאָן נידעריקער — דער קאָטן קאָן דערהערן...

„קאָטן" — מיינט מען מיך. ווען די עלטערן מײַנע ווילן עפּעס צווישן זיך זאָגן, אַז איך זאָל זיי ניט פֿאַרשטיין, רופֿן זיי מיך „קאָטן".

— אַ מענטש לעבט שוין מיט זײַן ווײַב אַריבער צען יאָר, — הערט זיך ווײַטער דעם טאַטנס קאָל, — האָט מיט איר אַ קינד און קאָן זי ניט ברענגען באַקאַנען זיך מיט זײַנע עלטערן... סטײַטש, פֿאַרוואָס?

— און וואָס וועלן אָף דעם מענטשן זאָגן? — שרײַט שוין דער זיידע. — וואָס פֿאַר אַ פּאָנעם וועל איך פֿאַר זיי האָבן? איך, אַ שויכעט... אַ מויעל...

— שעמט זיך! — זאָגט דער טאַטע שטילערהייט. — אין וואָס פֿאַר אַ צײַט לעבט איר?..

אוי, בעסאַראַבער שטעטעלע! די שלימאַזלדיקע יערושע דײַנע, דײַן קליינשטעטלדי־קײַט ליגט נאָך ביז הײַנט טיף אין די זײַטן. ווי יענץ הענדעלע, גיט עס ווען־ניט־איז אַ שפּרונג אַרויף אָפֿן פּליוטל און, ניט קוקנדיק אָף דער „אַבראַזאָוואַניע" און אָף דער „פּאָלאָזשעניע", קרייעט עס אויס: „ראַבויסײַ, איך בין נאָך דאָ!"

וואָס איז פֿאָרגעקומען אין קיך ווײַטער, ווייס איך ניט, ווײַל די טיר האָט זיך פּלוצעם געגעבן אַ פֿאַרמאַך.

אָפֿן אַנדערן טאָג זײַנען מיר מיט מײַנע פּעטערס געגאַנגען אָף דער פּאָטשט שיקן

קיין אָרסק א טעלעגראמע, און אין א וואָך ארום איז צו אונדז געקומען צוגאסט מײַן מומע אירע.

באגעגענען די מומע אירען איז געגאנגען צום וואָקזאַל די גאנצע מישפּאָכע. דער זיידע איז אָבער געבליבן אינדערהיים. באם אוועקגיין האָט אים די באָבע געזאָגט:

— איך מיין, אווראָם, אז ווען דו גייסט אויך, וואָלט פון דיר גאָרנישט ניט אראָפּ-געפאלן!

אָף וואָס דער זיידע האָט איר קורץ געענטפערט:

— מיך, עלע, איז שוין שפּעט איבערצומאכן!

מיט א שיפעריי און פּירקעריי האָט זיך פונדערווײַטנס געיאוועט דער צוג. מע וואָלט געקאָנט מיינען, אז ער איז מיט עפּעס ניט צופרידן. דורכפאָרנדיק פארבײַ אונדז, האָט דער לאָקאָמאָטיוו ארויסגעלאָזט א הילכיקן פּײַף און מיט א קלינגערײַ זיך פאמעלעך אָפּגע-שטעלט. און דאָ האָבן זיך פלוצעם אלע מענטשן, וועלכע זײַנען ביז איצט געשטאנען אָפן פּעראָן, געגעבן א וואָרף צו די וואגאָנען און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א לויפעניש, א שטופּע-ניש, אזא טומל, אז מ'האָט געקאָנט טויב ווערן.

דער טאטע גיט מיך א הייב אונטער, און אין איין רעגע זיץ איך שוין אָף זײַנע אקסלען.

— אנו, גיב א קוק! — שרײַט ער צו מיר אויס. — דו זעסט ניט דעם פעטער יאָסען?

א שיינע מײַסע, טראכט איך, מײַן פעטער האָט זיך שוין פארלוירן! וויאזוי זשע וועלן מיר אָן אים דערקענען די מומע אירען?

איך זיץ אָפן טאטן רײַטנדיק און זוך מיט די אויגן מײַן פארלאָרענעם פעטער. איך זע פאר זיך דעם גאנצן פעראָן — עס ווײַזט זיך מיר אפילע אויס, אז איך בין איצט ניט מער און ניט ווייניקער, ווי דיאדיא סטיאָפּא מיליציאָנער. פון די פארשיידנפארביקע פא-טשיילעס, וועלכע יאָגן הין און הער, שווינדלט מיר אין די אויגן... וווהין זשע האָט ער דאָך אהינגעטאָן מײַן פעטער יאָסעס שווארצע טשופּרינע?.. און דאָ גיב איך א קוק און זע, ווי בא א וואגאָן שטייט מײַן פארפאלענער פעטער און קושט זיך מיט א בלאָנדער פרוי. טאקע יאָ א שיינע זאך: בא מיר קריכן מאמעש ארויס די אויגן פונעם זוכן, און ער, מײַן פעטער, קושט זיך שוין גאָר מיט דער פרוי!

— פעטער יאָסע, פעטער יאָסע! — הייב איך אָן צו שרײַען אָף א קאָל. — גענוג זיך שוין קושן...

דער טאטע שיסט אויס א געלעכטער, און איך פיל, ווי אָט-אָט וועט ער מיך פאר-לירן.

— הײַדא, כאָכעם, קריך אראָפּ, — רופט זיך אָן די מאמע, — האָסט שוין אָפּגעטאָן דײַן שטיקל ארבעט...

און איך ווער אויס „דיאדיא סטיאָפּא.“

פארשטייט זיך, אז די בלאָנדע פרוי, מיט וועלכער מײַן פעטער האָט זיך געקושט, איז טאקע מײַן אייגענע מומע אירע. ווען זי האָט מיך דערזען, האָט זי מיך א כאפּ געטאָן אָף די הענט, צוגעדריקט צו זיך און א טשמאָקע געטאָן מיר אין א באק.

ווי כ'האָב געוואָרט, איז מיר פון מײַן מומע אירען ארײַנגעפאלן א שיינע מאטאָנע — א פּאָר לאנגע ליזשעס מיט פאריסענע נעז ארויף. ליזשעס זײַנען ניט קיין גליטשערס, דאָס דארף מען פארשטיין. גליטשערס האָבן קימאט אלע מײַנע כאווירים, אָבער ליזשעס — נאָר איך. ליזשעס איז א גרויס כאריפעסל!

יאָ, טאקע ניט אומזיסט האָב איך אזוי ארויסגעקוקט אָף מײַן מומע אירען.

אומקערנדיק זיך פונעם וואָקזאַל אהיים, האָב איך באלד געכאפּט די ליזשעס און בין ארויס מיט זיי אין דרויסן ארויס. איך באווײַז נאָר צושפּיליען צו א פוס א ליזשע, ווי כ'הער:

— וואָס איז דאָס בא דיר פאר א שטעקנס?

די מומע ריווקע האַלט די האנט אָף אונדזער טירל און איז שוין גרייט עס אופמאכן.

— שטעקנס? — כאפּט מיך אָן א פארדראָס. — דאָס זײַנען ליזשעס, ניט קיין שטעקנס!

— ליזשעס, אינמיטן זומער? — זאָגט די מומע ריווקע און גיט א שטופּ דאָס טירל. — ווער קויפט איצט ליזשעס?..

— מיר האָבן זיי ניט געקויפט... דאָס איז דער מומע אירעס מאטאָנע...

— מומע אירעס? — פרעגט זי איבער. — און ווער איז זי, די מומע אירע?

— וואָס הייסט ווער? די מומע אירע איז מײַן פעטער יאָסעס ווײַב, הייסט עס, מײַן אייגענע מומע. זי איז הײַנט געקומען צו אונדז פון אָרסק.

די מומע ריווקע, זע איך, בלײַבט שטיין א צעמישטע. מיט דער האנט האלט זי זיך נאָך אַלץ פאַרן טירל, אָבער איצט איז מיר שוין שווער צו פאַרשטיין: צי וויל זי טאקע יאָ ארײַנגיין, צי זי האָט שוין איבערגעטראכט. סאָפּקאָלסאָף זאָגט זי: „אזו גאָר!" און פאַר-מאכט דאָס טירל פון יענער זײַט.

אפן אנדערן טאָג כאַפּ איך זיך אוף גאנצפרי. פונעם צווייטן צימער טראָגט זיך שוין דעם זיידנס דינינקער, ציטערדיקער „מוידע-אני"... אין א ווינקל, מיט פאַרמאַכטע אויגן, זיצט די מומע אירע. זי רירט זיך ניט פונעם אָרט. מיסטאמע, טראַכט איך, האָט דער זיידע מיט זײַן דאַווענען אײַנגעוויגט די מומע אירע, און זי כאַפּט איצט א דרעמל. קריך איך פּאַוואָלינקע אַראָפּ פונעם בעטעלע און אף די שפּיץ פינגער, כ'זאָל די מומע, כאָלילע, ניט אופוועקן, לאָז איך זיך גיין צו דער קיך. און פּלוצעם הער איך:

— Поди сюда, малыш...

גיי איך שוין צו איר צו. די מומע אירע נעמט מיך ארום, הייבט מיר אָן גלעטן איבערן קאָפּ... צעוויינט זיך.

— דו ווייסט, — זאָגט זי צו מיר אף רוסיש, — דײַן זיידע זינגט אזוי שיין און האַרציק, און איך, נאַרעלע, האָב פאַר אים מוירע...

א שיינע זאַך, טראַכט איך, וואָס דאַרף זי מוירע האָבן פאַר מײַן זיידן? אײַ, וואָס דער זיידע האָט זי נעכטן אזוי קאַלט באַגעגנט אינדערהיים, בלויז דערלאַנגט איר די האַנט און שוין אָפּגעזעסן באַם טיש שווײַגנדיק דעם גאנצן פאַרנאַכט, הייסט נאָך ניט, אַז מע דאַרף פאַר אים מוירע האָבן. ער איז ביכלאַל בא אונדז ניט פון די גרויסע רעדנער. טאַקע מיט אָט די ווערטער האָב איך עס דער מומע אירען דערקלערט שטילערהייט, און כ'בין ארויס אין דרויסן זיך שפּילן ביז די באָבע וועט מיך רופן עסן.

מײַן הינטל פּופּיק האָט שוין, ווײַזט אויס, געוואַרט אף מיר: ווי נאָר עס האָט מיך דערזען, האָט זיך עס טייקעף א וואָרף געטאָן צו מיר מיט א פרייל עכער בילערײַ. פּופּיק איז זייער א קלוג הינטל. פאַרשטיין פאַרשטייט עס אַלצדינג, נאָר רעדן רעדט עס נישט. איינמאָל באַנאַכט האָט פּופּיק אפילע געכאַפּט א גאַנעוו, וועלכער האָט געוואָלט אַרויס-טראָגן פון אונדזער הויף א דריקל. פּופּיק האָט דעמלט אופגעהויבן אזא מין גוואַלד, אַז די גאַנצע גאַס האָט זיך אופגעכאַפּט — מ'האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס איז אַזוינס געשען.

ס'איז נאָר א שאָד, וואָס מײַן פּופּיק איז צו א קליין הינטל. ווען עס וואָלט געווען אַן אָווטשאַרקע, וואָלטן אַלע שפּיאָנען געציטערט! פאַר מיר אָבער איז פּופּיק אַזוי אויך גאָלד מיט זילבער.

— קום, — זאָג איך פּופּיקן, — וועלן מיר א קוק טאָן, וואָס נאָנע טוט.

און מיר גייען צו נאָנען אין שטאַל אַרײַן. „נאָנע" — הייסט אונדזער ציג. א ציג ווי אנדערע ציגן: מיט א בערדל און מיט א פּאָר שפּיציקע הערנער אפן קאָפּ. א גאַנצן טאָג וואָלט זי נאָר געקײַט. שוין שטייענדיק בא דער שטאַל, הער איך ווי עס גיט א קלאַפּ דאָס טירל, און אין הויף יאַוועט זיך אַרײַן די מומע ריווקע. פּופּיק טוט זיך א וואָרף צו איר.

— וואָס האווקעסטו אזוי, נאַריש הינטל? — האָט די מומע ריווקע טײַנעס צו פּופּיקן. וואָס זשע דען וואָלט זי געוואָלט, אַז פּופּיק זאָל איר זאָגן „א גוטמאָרגן, טײַערינקע"?

— נו, וואָס טוט עפּעס דײַן מומע? — פרעגט די מומע ריווקע.

— זי הערט ווי דער זיידע דאַוונט.

— יאָ. טאַקע זייער שיין פון איר זײַט... און דײַנע פעטערס זײַנען אינדערהיים?

— ניין! מײַנע פעטערס זײַנען אין מאַרק, די באָבע האָט זיי געשיקט עפּעס אײַנ-קויפן.

איך שטיי, רעד מיט דער מומע ריווקען, און אַליין טראַכט איך צו זיך: אַלץ דאַרף זי וויסן! וואָס און ווו און ווען... ניט אומזיסט האָט זי פּופּיק אזוי ניט ליב!.. אָט גייט זי שוין גלײַך אין שטוב אַרײַן. אינטערעסאַנט, וואָס פאַר א נײַעס האָט זי הײַנט געבראַכט מיט זיך?

— ליב אײַך אײַער גאַסט! — שרײַט זי הויך אויס, און די קליינע שמאָלע אייגעלעך צעלויפן זיך איר אין אַלע ווינקעלעך פון דער קיך. זיי זײַנען שוין גרייט אַרײַנצוקריכן

אין טעפּל אַרײַן. — האַ, אַ מין געשמאַק ראָסעלע קאָכט איר הײַנט... מיסטאָמע, פֿון אַן אינדיק? און דאָס העלדזל מיט וואָס האָט איר אָנגעפּילט?..

די מומע ריווקע רעדט גיך, זי אײַלט זיך, גלײַך ווי זי עסט הייסע קאַרטאָפֿליעס און האָט זיך מוירע אָפּצובריִען דאָס מויל. די באָבע קאָן, נעבעך, קיין וואָרט ניט אַרײַנשטעלן.

— ...אָבער וואָס האָב איך אײַך געוואָלט זאָגן?.. אינגאַנצן אַרויס פֿונעם קאָפּ... יאָ, ווו זשע איז אײַער טײַערע שנור?.. זי איז, מיסטאָמע, דאָרטן, אין ספּאַלניע?..

איך באַווײַז ניט אַ פּינטל טאָן מיט די אויגן, ווי די מומע ריווקע איז שוין אַרײַן אין דער „ספּאַלניע”.

— אַ גוטמאָרגן, ר׳אַווראָם, — הערט זיך איר קעלעכל, — כ׳זע, איר האַלט באַם דאַווענען... נישקאָשע, כ׳וועל אײַך ניט שטערן, איך בין צו אײַך אַרײַן אױף אַ מינוט, נאָר באַקאַנען זיך מיט אײַער גאָלדענער שנור... אָבער כ׳זע זי עפּעס ניט...

אַלצדינג, וואָס מע דאַרף ניט, זעט זי יאַקאָס יאָ, און מײַן מומע אירע קאָן זי ניט דערזען. איך רוק זיך שוין אויך אַרײַן שטילערהייט אין צימער.

דער זיידע, זע איך, שטייט אַן אײַנגעוויקלטער אין זײַן טאַלעס, די יאַרמלקע איז אים אַראָפּגעפֿאָרן אַ ביסעלע אױף אַ זײַט, און אָפּן פּאָנעם איז דער זיידע ווײַס, ווי שניי.

— וואָס איז מיט דיר, אַווראָם? — שרעקט זיך איבער די באָבע, — און וווּ איז אירע?..

דער זיידע קומט צוביסלעך צו־זיך. אױף די באַקן זײַנען אים אַרויסגעטראָטן רויטע פֿלעקן, דורך די גראָבע גלעזלעך פֿון די ברילן זעען זײַנע אויגן אויס ווי געשוואָלן און עס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט וועלן זיי פֿון די ברילן אַרויסקריכן.

— וואָס פֿאַר אַ אירע? — הייבט ער אָן שטאַמלען. — ווער איז די אירע?.. כ׳ווייס ניט פֿון קיין שום אירען!..

די מומע ריווקע קוקט אים אָן מיט אַ שמייכעלע.

— יאָ, — טוט זי אַ מאַך, — פֿאַרדרייט בעסער אײַער קאָפּ, וועט איר מיינען ס׳איז מײַנער!..

די קינדהײַט האָט איר אייגענעם קאַלענדאַר: דאָס יאָר טיילט זיך, ווי געוויינלעך, ניט אױף פֿיר צײַטן, נאָר אױף צוויי — אױף ווינטער און אױף זומער. די ערשטע פֿרילינגטעג פֿלעגן זיך נאָר/ אויפֿכאַפּן, נאָר אַ קיצל טאָן די ערד מיט זייערע נאָך שטעכיקע, לעבעדיקע שטראַלעכלעך, איז פֿאַר אונדז, פֿאַר די קינדער, שוין גענוג געווען אַפֿילו דער דאָזיקער לײַכטער „קיצל”. ווי די פֿייגעלעך קערן זיך אום מיט אַ פֿריילעכער צוויטשערײַ און פּישטשערײַ פֿון דאָרעם צוריק אַהיים, אַזוי פֿלעגן מיר זיך אומקערן צו אונדזערע זומערדיקע שפּילן. אַ קאָן נאָך אַ קאָן איז פֿונעם פֿוס אונטערגעשפּרונגען די ליאַנגע, נאָך אַ הילכיקן אויסגעשריי „שטאַנדרו!” איז אומגעפֿלויגן דער באַל, „זשמורקי”, „בלעכלעך”, „קנעפּלעך”... מע קאָן זיי דען איבערעכענען יענע ראַשיקע קינדערשע שפּילן, וועלכע פֿלעגן זיך אָפּטמאָל פֿאַרענדיקן מיט קולעקעס און מיט טרערן. און אין וואָס פֿאַר אַ ווערטערבוך קאָן מען געפֿינען די קלינגעוודיקע ווערטעלעך, ווי „וואָבראַזשוליאַ”, „פּאַצאַן”, „יאַבעדאַ”, אַן וועלכע עס באַגייט זיך ניט קיין איין ייִנגל?

...יאָ, ס׳איז מיר ווידעראַמאָל פֿינף מיט אַ האַלבן יאָר...

גלײַך הינטער דער פּוטער־פֿאַבריק, צעשפּרייט זיך, ווי אַ ווייכער, גרינער טעפּיך, דער טאָל. און איבערן טאָל שלענגלט זיך אַ שמאָל, גרוי טײַכל, וואָס ווערט פֿאַרן זומער קימאַט אינגאַנצן פֿאַרוואַקסן מיט אָטשערעט. ווו הייבט זיך דאָס טײַכל אָן און ווו פֿאַרענדיקט זיך עס — ווייס איך ניט. דער אַלטער באַרביערו זאָגט אָבער, אַז דער רעוט (אַזוי רופֿט ער דאָס טײַכל) איז אַמאָל געווען אַ טיפֿער און אַ ברייטער טײַך, מ׳האָט אַפֿילו געקאָנט אין אים, זאָגט ער, דערטרונקען ווערן.

דאָס, וואָס ס׳איז געווען אַמאָל, איז שוין נישטאָ! איצט באָדן זיך אין רעוט נאָר גרויסע, טונקל־גרינע זשאַבעס. דאָס בעסטע איז באַ די זשאַבעס אַרויסקריכן פֿון דער קאַלעמוטנער וואַסער, אויסזעצן זיך לענגאויס דעם בלאָטיקן ברעג און זיך נעמען קוואַקן, ווי מיליאָסן גראַגערס. בעשאַס די זשאַבעס קוואַקן, צעבלאָזן זיך באַ זיי פֿון ביידע זײַטן, עטוואָס נידעריקער פֿונעם פּיסק, צוויי גרויסע בלאָטערס. אָט־אָט, דאַכט זיך, וועלן די דאָזיקע בלאָטערס אײַנייגעם מיט די זשאַבעס צעזעצט ווערן. ס׳איז גענוג אָבער, עמעצער

זאָל זיך לעבן זיי באַווײַזן, אָדער אַ וואָרף טאָן אַ שטיינדל אין וואַסער, ווי די זשאַבעס גיבן אַ שפּרונג אונטער — פֿליוך... פֿליוך... — צוריק אין טײַך אַרײַן. די כּעוורע זאָגן, אַז אויב מע נעמט אַ זשאַבע אין די הענט, יאַוועט זיך דערנאָך אויף די פֿינגער בראָדעוועקעס. אגעוו, בײַ אונדזער שכיינע, בײַ דער מומע ברײַנען, האָב איך טאַקע געזען אויפֿן שטערן צוויי גרויסע, רויטע בראָדעוועקעס. איצט ווייס איך שוין, פֿונוואַנען זיי האָבן זיך בײַ איר גענומען.

אַהער, צום רעוט, קומען זיך אַמאָל צונויף אַלטע ייִדן און, שטייענדיק בײַם וואַסער, הייבן זיי אָן איבערדרייען זייערע קעשענעס, אויסטרייסלען, אויסרייניקן און שטאַמלען דערבײַ עפּעס אונטער דער נאָז. איז צוליב אויסטרייסלען זיך די קעשענעס דאַרף מען שפּאַנען ספּעציִעל צום טײַך? טאַקע יאָ — סטאַרי, יאַק מאַליִ!

אינעם הויכן, גרינעם אַטשערעט קאָן מען זען אַ סאַך פֿייגל — קוליקן. זיי באַלעבאַטעווען דאָרט דעם גאַנצן זומער. אויף אַן אָרט קאָנען די קוליקן ניט אײַנשטיין: מע שורשעט צווישן די דינינקע ריטלעך און שמאָלע בלעטלעך, עס הערט זיך נאָר: „שורך-שורך", זיי פּאַרקען זיך מיט זייערע שפּיציקע נעז אין דער בלאָטע, פֿאַרײַסנדיק לעכערלעך אַרויף די גרויע עקן. עס קומט סאַף זומער. אין טאָל באַווײַזן זיך מאַנצבלען אין שוואַרצע, הויכע, העכער די קני גומענע שטיוול, מיט ביקסן אין די הענט... באַך... באַך... טראָגט זיך פֿון אַלע זײַטן אַ שיסערײַ. די שטילקײַט צערײַסט זיך אויף שטיקלעך, און די איבערגעשראָקענע קוליקן פֿליִען מיט אַ געשריי אַרויס פֿונעם אַטשערעט, צעשיטן זיך איבערן טאָל... און אַ סאַך פֿון יענע רירעוודיקע, גרויע פֿייגל, וועלכע האָבן נאָך ניט לאַנג צוריק אַזוי שיין זיך קאָלופּעט אין דער בלאָטע, געזוכט אַ ווערעמל צו פֿאַרבײַסן, באַווײַזן אַפֿילע ניט קיין פּיפּס אַרויסצולאָזן, ווי זיי ליגן שוין פֿאַרבלוטיקטע אויף דער ערד, בלויז אייניציקע פֿעדערלעך כאַפּט אונטער דער ווינט און טראָגט זיי מיט זיך אַוועק..

...ווי גוט וואָלט געווען, ווען די לײַכטע, פֿאַרלוירענע פֿעדערלעך פֿון די דערשאָסענע קוליקן וואָלטן מיט דער צײַט זיך פֿאַרוואַנדלט אין לעבעדיקע שיינע פֿייגל...

אַז מע קוקט זיך גוט צו, קאָן מען באַמערקן צווישן גראָז קליינינקע לעכעלעך, ווי עמעצער וואָלט זיי ספּעציִעל אויסגעבויערט אין דער ערד. אין אָט די לעכעלעך האַלטן זיך אויף שוואַרצע, מיט ווײַסע פּינטעלעך, שפּינען. קעדיי אַרויסנאַרן פֿון איר נאָרקע אַ שפּין, קאַטשען מיר אויס פֿון אַ שטיקל סמאָלע אַ דינעם פֿאָדעם און שטופּן אים פּאַוואָליִנקע אַרײַן אין דער שפּינס נאָרקע. נאָך דעם, ווי איין עק פֿונעם סמאָלענעם פֿאָדעם איז שוין אַרײַן טיף אין לעכל, דאַרף מען זיצן, האַלטן אין דער האַנט דעם אַנדערן עק, און ניט רירן זיך פֿונעם אָרט. אָבער ווי קאָן מען זיצן רויִק, ווען איינער גיט דיר אַ שטורך: „שלעפּ!", דער צווייטער — אַ שטופּ: „פֿאָלג בעסער מיך און וואַרט נאָך צו אַ ביסל!". סאַפּקאָלסאַף האַלטסטו ניט אויס און שלעפּסט דעם פֿאָדעם אַרויס פֿון דער נאָרקע. אייסעך, אַ נעכטיקער טאָג! דעמלט זאָגט דער ערשטער: „כ'האָב דיר דען פֿריִער ניט געזאָגט, „שלעפּ"! רופֿט זיך אָן דער צווייטער: „ווען דו פֿאָלגסט מיך און אײַלסט זיך ניט, וואָלט די שפּין שוין געווען דײַנע!" נאָך אַלעמען זײַנען זיי ערשט ביידע גערעכט.

זומערצײַט ליגן מיר איבער אין טאָל גאַנצע טעג, די מאַמע זאָגט, אַז איבערן טאָל פֿאַרשפּאָר איך צו עסן און, ווען זי וואָלט מיך ניט גערופֿן אַהיים, וואָלט איך דאָרט, מיסטאָמע, געשלאָפֿן און געגעכטיקט. און ס'איז טאַקע בעפּיירעש אַזוי, איבערהויפּט נאָך דעם, ווי בײַ כאַיִם דעם גרויסן האָט זיך באַוויזן אַן עמעסער פֿוטבאָל-מיאַטש מיט דרײַ פּאַסן.

כאַיִם דער גרויסער איז אין אונדזער קאָמפּאַניִע דער עלטסטער. ער האָט שוין געדאַרפֿט זײַן אין פֿערטן קלאַס, אָבער כאַיִם זאָגט אַליין, אַז ער אײַלט זיך ניט, אַז ס'איז אים גוט אין צווייטן אויך. ווען ס'וואָלט אָבער געווען אַזאַ מין שול, ווו מע לערנט שפּילן אין ליאַנגע, וואָלט כאַיִם, מיין איך, שוין געדאַרפֿט זײַן אין צענטן קלאַס. יאָ, אין ליאַנגע איז כאַיִם אויף אונדזער גאַס דער בעסטער שפּילעך — אַ גאַנצער טשעמפּיִאָן.

דעם פֿוטבאָל-מיאַטש האָט כאַיִם געקראָגן ניט אַזוי גרינג, מע קאָן אַפֿילע זאָגן, אַז ער איז אים אָנגעקומען מיט גרויסע צאָרעס. און אָנגעהויבן האָט זיך די געשיכטע מיטן מיאַטש פֿון דרײַ געווײנלעכע ווערטער: „טריאַפּקי, קאָסטי, זשעלעזאָ!"

קימאַט יעדע וואָך קומט אויף אונדזער גאַס צו פֿאָרן סרועל דער שמאַטעלאָטניק. איבערן שטיינערנעם וועג שלעפּט זיך זײַן קויטיק-געל פֿערדל, אײַנגעשפּאַנט אין אַ לאַנג פֿאַרשמוציקט פֿורל. דאָס פֿערדל פֿאַרשקעט און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ", ווי עס וואָלט געזאָגט: „שאָלעם-אַליינעם אײַך, מענטשן!" דער שמאַטעלאָטניק אַליין זיצט אויבנאָן אויף אַ בערגל שמאַטעס, ווי אַ גאַנצער גענעראַל. אויפֿן קאָפּ טראָגט ער אַן אָפּגעבליאַקעוועט,

צעקנייטשט ארמייִיש היטל מיט א צעשפּאָלטענעם דאשעק פונפּאָרנט. אפן לײַב — א פּאָר־שמאַלצעווּעטע קופּײַקע, וועלכע דאַרף שוין, דאכט זיך, פונלאַנג ליגן צווישן די שמאטעס, וואָס וואַלגערן זיך בא אים אין פורל. פון צײַט צו צײַט שרײַט סרועל אויס:

— טריא־א־פּקי, קאָ־אַ־אָסטי, זשעלעזאָ!..

די ווײַבער אף דער פּריזבע:

— סרועל דער שמאטעלאָטניק?.. קוקט אים אָן, איז ער שטענדיק אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן...

— יאָ, אָבער שלאָפן שלאָפט ער אף געלט!..

— א שאכרײַ, א קארגע נעשאָמע!..

— וויאַזוי קאָן מען לעבן מיט אזא מענטשעלע?..

אונטערן שמאטעלאָטניקס פיס טרעסעט זיך אײנינעם מיטן פורל א הילצערן קעסטע־לע, וואָס זעט פון דרויסן אויס ניט שענער פון די אנדערע זאכן אין פורל. ס'איז אָבער געגוג, אז סרועל זאָל דאָס קעסטעלע אופמאכן, ווי די אויגן אײַערע הייבן זיך אָן צעלויפן אין אלע זײַטן: ס'איז שוין ניט קיין קעסטעלע, נאָר א גאנצער אויצער. וואָס איר ווילט איז אין אָט דעם קעסטעלע דאָ: קלײנע לײמענע הענדעלעך און קעלבעלעך (אז מע גיט אין זיי א בלאָז, הערט זיך א פּײַף), שאכטלעך מיט קאָלערלײ האטשיקלעך אף צו כאפּן פיש, פארשיידנקאָליריקע סטענגעס, שפּילקעלעך און גלעזערנע קארעלן, וועלכע שעמערירן אף דער זון אזוי, אז זיי נעמען מאמעש ארויס די אויגן. אָבער איידער דו זעסט עפּעס פון די כאריפעסלעך בא זיך אין קעשענע, קאָנסטו אויסגײן אפן אָרט. מע דאַרף צו זיי האָבן א וועלט מיט שמאטעס, אָנגעשלאָגענע טעפּלעך, איבערגעברענטע פּרעסלעך...

דאָס פורל שלעפּט זיך, סרועל שרײַט זיך זײַנס, און מיר צעלויפן זיך יעדער צו זיך אהיים, און נעמען נישטערן איבער דער גאנצער שטוב.

— באָבע, די שמאטע דארפסטו נאָך האָבן?

— גאָט איז מיט דיר!.. ס'איז דאָך מײַן וואָלן קליידל...

— און דאָס טעפּל?..

— אנו, שטעל עס אוועק אהין, ווו ס'איז געשטאנען!

וואָס איך זאָל ניט כאפּן, הער איך נאָר: „דאָס טשעפּע ניט, און יענץ ריר ניט!.. צו גרינג איז עס דיר אָנגעקומען!..“

סאָפּקאָלסאָף גיט זיך מיר אײַן אויסצושנאָרען בא דער באָבען א פּאָר אלטע שמאטעס, וואָס צעשיטן זיך שוין אין די הענט, און איך לאָז זיך לויפן צו סרועלן.

— אף דיר זיך פּארלאָזן, — הער איך, שוין זײַענדיק בא דער שוועל, — ווּעסטו די גאנצע שטוב ארויסטראָגן!..

לעבן סרועלס פורל שטייט שוין א גאנצע כאָפּטע כעווּרע. יעדער — מיט זײַן בינטל שמאטעס. מע שטופּט זיך, מע אמפּערט זיך, ווער ס'איז דער ערשטער. דער שמאטעלאָטניק, איידער ער ווארפט ארײַן אין פורל די געבראכטע זאכן, באטאַפּט ער זיי, באשמעקט זיי — נאָר וואָס ער פארזוכט זיי ניט... דערבײַ לאָזט סרועל ניט ארויס פונעם מויל דאָס שטיקל ציגײַער, וואָס רויכערט און טשאדעט, און עסט אים אויס די אויגן. ער קנייטשט זיך, קרימט די ליפּן און, טשמאקענדיק דאָס ציגײַערל, קוועטשט ער פון זיך ארויס:

— ע, ס'איז דען סכוירע?.. טיניפעס, ניט קיין סכוירע! — און ער שלעפּט ארויס פון זײַן גאָלדן קעסטעלע א קליין־קליין האטשיקל. — נא, און זאָג ספּאסיבאָ!

די קופּע שמאטעס צעוואַקסט זיך פּאַוואָלינקע אין פורל. די כעווּרע פּײַפן מיט זייערע לײמענע פּײַפעלעך. מע בארימט זיך אײנער פארן אנדערן, און יענע, וועלכע האלטן, אז דער שמאטעלאָטניק האָט זיי אָפּגענאַרט, אז פאר זייער בינטל שמאטעס קומט זיי מער, הייבן אָן אף א קאָל צו שרײַען:

— סרול־קאפּול, מוישע־קאפּיטאָן, גיב א בלאָז אין הינטן ארײַן!..

דער שמאטעלאָטניק אָבער מאכט זיך ניט פון דעם קיין גרויסן צימעס. זײַן זאך האָט ער שוין אָפּגעטאָן, און ער פאָרט זיך ווײַטער.

— טריא־אפּ־קי... זשעלעזאָ... — הערט זיך אלץ שטילער און שטילער...

אין אײנעם א טאָג, ווען סרועל איז געשטאנען לעבן פורל און געטאָן זײַן געווײנלעכע ארבעט, האָבן מיר פלוצעם באמערקט אין זײַן קעסטעלע א נײַעם פוטבאָל־מיאטש. ער האָט, דאכט זיך, אליין זיך געבעטן, מע זאָל אים באלד אָנבלאָזן און שפּילן מיט אים אין פוטבאָל.

— וויפל דאַרף מען האָבן שמאַטעס, קעדיי באַקומען אַט דעם מיאַטש? — האָט א פרעג געטאָן כאַים דער גרויסער.

— ...באַ דײַן מאַמען וועט ניט סטײַען קיין קליידער!..

— און פאַר א פלעשל בראַנפן... וואָלט איר מיר אָוועקגעגעבן?

דער שמאַטעלאַטניק האָט ארויסגעשלעפּט פון זײַן קופּײַקע א צעקנייטשט קויטיק טיכל, אויסגעטרייסלט עס און מיט א פײַף זיך אָנגעהויבן אויסשנײַצן די נאָז.

— פאַר א פלעשל בראַנפן... וואָלט איך נאָך עפּשער א טראַכט געטאָן...

כאַים איז מיטאַמאָל נעלעם געוואָרן, אָבער אינגיכן איז ער שוין ווידעראַמאָל געשטאַנען באַם פּורל.

— נאַט! — האָט כאַים קורץ געזאָגט און האָט ארויסגעשלעפּט פונעם בוזעם א פאַרפּראָפּקעוועט פלעשל בראַנפן.

סרועל איז געוואָרן א ביסל צעמישט. ער האָט זיך ארומגעקוקט און מיט ציטערנדיקע הענט גענומען באַ כאַימען דאָס פלעשל. דערנאָך האָט ער עס באַשמעקט, באַטאַפּט, פּונקט ווי פריִער די שמאַטעס און, ארײַנשטופּנדיק דאָס פלעשל צו זיך אין קעשענע, געזאָגט:

— פאַרשטייט זיך, ס'איז סיַיוויסיַי צו ביליק, נאָר מיילע, גערעדט איז ניט געגעבעט! — און ער האָט דערלאַנגט כאַימען דעם מיאַטש.

אָף דעם האָט זיך אָבער די געשיכטע מיטן מיאַטש ניט פאַרענדיקט. ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, איז דאָס פלעשל בראַנפן געווען צוגעגרייט צו כאַימס געבורטסטאָג, און ווען די פאַרבעטענע געסט זײַנען זיך צונויפגעקומען און ס'איז געקומען די צײַט שטעלן דאָס פלעשל אפן טיש, האָט זיך כאַימס מאַמע א כאַפּ געטאָן — אויס בראַנפן! דער אימעניניק האָט שוין, פאַרשטייט זיך, ארײַנגעכאַפּט וויפל ס'איז אין אים ארײַן. ער האָט אַזוי געדרעוועט, אַז ס'האָט זיך, דאַכט זיך, געהערט אָף דער צווייטער גאַס. נאָר וואָס יאָ, דעם מיאַטש האָט מען באַ כאַימען ניט צוגענומען — מ'האָט אים דעם מיאַטש שוין פאַרעכנט ווי א מאַטאָנע...

פאַרן אָנהייבן שפּילן אין פוטבאָל, קלײַבן מיר אויס צוויי „מאַטקעס" — צוויי קאַפּיטאַנען פון יעדער קאָמענדיקער קאָמאַנדע. דערנאָך צעטיילן מיר זיך אָף פּאָרלעך, גייען אַוועק אין א זײַט און שושקען זיך א ביסל איבער צווישן זיך. אינגיכן קערט זיך אום יעדעס פּאָרל צו די „מאַטקעס" און לייגט זיי פאָר:

— וואָס געפעלט אײַך בעסער, א „קאַטיושע" צי א „ביקס"?

— א „קאַטיושע"! — זאָגט איינער פון די „מאַטקעס", און „קאַטיושע" שטעלט זיך אַוועק לעבן אים.

דאָס צווייטע פּאָרל פרעגט:

— און דיר וואָס געפעלט אָן „אָדלער" צי א „פאַלק"?

— אָן „אָדלער"! — שרײַט אויס דער אַנדערער „מאַטקע", און דער „אָדלער" שטעלט זיך שוין אַוועק לעבן זײַן „מאַטקע".

און אַזוי גייט צו א פּאָרל:

— א „קאָרטיק" צי א „שטיקל"?..

— א „טאַנק" צי אָן „אעראָפּלאַן"?

— א „קויל" צי א „גראַנאַטע"?..

ווען אַלע שפּילער צעטיילן זיך אָף צוויי קאָמאַנדעס, גיט כאַים מיט די הענט א פּרווו, צי דער מיאַטש איז גענוג אָנגעבלאָזן, און ווי א גרויסער מייוון אָף אַזעלכע זאַכן, זאָגט ער ארויס זײַן מיינונג:

— רויכלעך... ווער וועט הײַנט בלאָזן?

— גיב מיר, — שרײַ איך אויס און כאַפּ באַלד דעם מיאַטש.

— כאַפּ ניט! דו דאַרפסט נאָך עסן קאַשע!.. מוישע-וואָראָנע וועט הײַנט בלאָזן, — און כאַים גיט איבער מוישען דעם מיאַטש.

א גליקלעכער האַלט מוישע-וואָראָנע אין מויל דאָס גומענע טרײַבל, וואָס עס שטעקט ארויס פונעם מיאַטש, און כאַים פאַרקוועטשט אים מיט די הענט די אויערן, באַפעלט:

— בלאָז, מוישע, בלאָז מיט אַלע קויכעס!

צו וואָס דאַרף מען פאַרקוועטשן די אויערן, וווּנדערט מיך, עפּשער צוליב דעם, אַז די לופט זאָל פונעם קאָפּ ניט קאָן ארויס?

מוישע הייבט אָן בלאָזן. ער ווערט מיטאַמאָל רויט-רויט, די אויגן גיסן זיך אים אָן מיט בלוט און אפן האַלדז שוועלן אוף אָדערלעך. ס'איז א ראַכמאָנעס איצט אָף מוישען צו קוקן, און פונדעסטוועגן בין איך אים זייער מעקאַנע.

— גענוג! — שטעלט אים אָפּ כאַים. — גיב אהער, וועל איך דאָס טרײַבל פֿאַרבינדן און פֿאַרשנורעווען דעם מיאַטש.

און אָט פֿליט שוין דער מיאַטש איבערן טאָל, מיר יאָגן נאָך אים, מיר פֿאַלן, הייבן זיך אויף, לויפֿן ווײַטער, שרײַען:

— פּאַס!.. גיב מיר א פּאַס!..

— האַלט מיך ניט פֿאַר די טרוסיקעס!..

— מאַזילאַ! ווּהין קלאַפּסטו?..

— אוי, מײַן פֿוס!..

— גאָ-אָ-אָל!

איך בין שוין אינגאַנצן פּיטש-נאַס. דער שווייס רינט מיר איבערן פּנים, איבערן לײַב... און אין מויל איז טרוקן — כ'קאָן אַפֿילע קיין שפּײַ ניט טאָן.

— פּאַצאַני! — הערט זיך כאַימס קאָל. — קאָנעץ! דער ערשטער טײַם האָט זיך פֿאַרענדיקט...

איך פֿאַל אַנידער אויפֿן זעלבן אָרט, ווּ איך שטיי. דאָס גראָז איז קיל-מעכײַע! איך רײַס אָפּ א גרעזעלע און הייב עס אָן מיט די ציין בײַסן. אין מויל פֿילט זיך א זויערלעכע פֿײַכט-קײַט און עס גלוסט זיך שוין ניט אזוי טרינקען. איך ליג אויף דער פּלייצע, מיט די הענט אונטערן קאָפּ און קוק אַרויף אויף די פּוכקע, וואָלקנדלעך. אָט יענץ וואָלקנדל איז א ביסעלע ענלעך אויף א ווײַס פֿערדל. ווי גוט וואָלט געווען אַוועקזעצן זיך אויף אזא וואָלקנ-דיק פֿערדל און זיך יאָגן רײַטנדיק איבערן בלויען הימל. פֿון אזא הויכקײַט קאָן מען, מיס-טאַמע, זען ניט נאָר אונדזער גאַס, נאָר די גאַנצע שטאָט, און עפּשער אַפֿילע אויך די גאַנצע וועלט! איך קוק... קוק אויפֿן הימל און דערפֿיל פּלוצעם, ווי איך הייב פּאַמעלעך אָן אויפֿהייבן זיך אינדערלופֿטן... איך בין גרינג, ווי א פֿעדער... איך פֿלי. איך שוועב. איך בין שוין אַליין א וואָלקנדל... און ס'איז מיר אזוי גוט און לײַכט... און פּלוצעם הייב איך אָן האַסטיק פֿאַלן, די ערד ציט מיך צו זיך, ווי א מאַגנעט א שטיק אײַזן... נאָך א רגע, און פֿון מיר וועט קיין סימען ניט בלײַבן...

— היי!.. שטיי אויף, געפֿונען אָן אָרט ווּ צו שלאָפֿן!..

איך מאַך אויף די אויגן. מוסיע שטייט איבער מיר און שרײַט:

— קום! מוישע-וואַראָנע דערציילט עפּעס א נײַע געשיכטע, און דו האָסט זיך צע-כראָפּעט...

באַם סאַמע ברעג פֿונעם טײַכל האָבן זיך אויסגעזעצט מיט די פֿיס אין וואַסער אַלע מײַנע כאַווירים. „באַך-באַך... טר-ר-רר-ראַ-טאַ-טאַ-טאַ!" טראָגט זיך איבערן טאָל. מוישע-וואַראָנע צעגייט זיך צוביסלעך:

— די טאַנקען מיט ווײַסע ציילעמס אויף די זײַטן זײַנען געקראָכן צו די אָקאָפּעס, ווי שוואַרצע טאַראַקאַנעס...

מוישע דערציילט, ער אײַלט זיך ניט, ער קוקט יעדן פֿון אונדז אַרײַן אין די אויגן, און יעדער פֿון אונדז קוקט מוישען אַרײַן אין מויל. מ'האָט מוירע, כאַלילע, דורכצולאָזן א וואָרט.

— נאָך א רגע — און די טאַנקען וועלן זײַן לעבן די מאַטראָסן... זעענדיק אזא זאַך, האָט זיך דער קאָמאַנדיר אויפֿגעהויבן און געגעבן א שרײַ אויס: „זאַ מנאַי, רעביאַטאַ!.."

און פּלוצעם גיט זיך מוישע-וואַראָנע א וואָרף און מיט א געשריי „הור-ר-ר-ראַ!" לאָזט ער זיך לויפֿן... אַלע זיצן, ווי פֿאַרגליווערט. מיר קוקן אויף מוישקען און קאָנען נאָך דערווײַל גאָרנישט ניט פֿאַרשטיין.

— ...זאַ מנאַי, — הערט זיך ווידעראַמאָל, — זאַ ראָדינו-ו-ו!..

— הורא-א-א! — רײַסט זיך באַ מיר אַרויס, — באַך... באַך! טר-ר-ראַ-טאַ-טאַ-טאַ...

איך לויף. איך שרײַ. איין טאַנק פֿלאַקערט שוין. דער צווייטער קערעוועט אויס צוריק.

— ...באַך!.. טראַ-אַ-טאַ.

— אוי, מאַמע! — גיב איך פּלוצעם א שרײַ אויס, כאַפּ זיך אָן באַם האַרץ און בלײַב ליגן אויפֿן גראָז מיט פֿאַרמאַכטע אויגן.

עס ווערט מיטאַמאָל פֿינצטער און שטיל...

— וואָס איז מיט אים?..

— עפּשער ווייסטו?..

— ער האָט, מיסטאַמע, געכאַלעשט...

איך עפֿן פּאַוואָלינקע אויף איין אויג. מוישע-וואַראָנע, כאַים דער גרויסער, מוסיע, סיאָמ-קע-שפּײַ — אַלע שטייען אַרום מיר מיט איבערגעשראָקענע פּנעמער.

— וואָס איז געשען מיט דיר? — פרעגט שטילערהייט כאַים. — ס׳איז דיר שלעכט?
— יאָ, — זאָג איך, שטיקנדיק זיך מיט טרערן, — מ׳האָט מיך געהארגעט, ווי מײַן פּעטער בערלען...
אלע שיסן אויס א געלעכטער...

...צ י ק אָ ן נ אָ ך א מ אָ ל ז יַ י ן א וו ע ל ט-מ י ל כ אָ מ ע?..

די זון האָט זיך שוין קימאט באהאלטן הינטער די שטיבער. זי האָט, ווײַזט אויס, אויך ליב זיך שפּילן אין „זשמורקי", פּונקט ווי די קינדער. אָבער געפינען זי איז אומעגלעך — מע דארף נאָר ווארטן, ווארטן ביז מאָרגן אינדערפרי, ווען זי וועט זיך ווידעראמאָל ארויס-דראפּען אפן הימל.

מיר גייען אהיים. איך פיל אף מײַן פּלייצע מוישעס האנט, און אליין האלט איך די האנט אף זײַנע אקסלען. מיר גייען און זינגען א ליד. און כ׳מיין, אז ס׳איז ניט אזא גרויסער פעלער, וואָס די ליד קלינגט בא אונדז ניט אזוי גוט, ווי אף דער ראַדיאָ. דערפאר אָבער קאָן יעדער באזונדער הערן זײַן אייגענעם קאָל:

...Ты лети, ветерок, через тысячу дорог.
через весь наш вешний край

שוין ניט ווײַט פון אונדזער גאס, האָבן מיר דערהערט די גוט באקאנטע טײַערע קוילעס פון אונדזערע מאמעס:
— מוישע!
— כאַים!
— וואלעריק!
— לייזער!
— מוסיע!
— באַריע!
ביז מאָרגן, גרינער טאָל, ביז מאָרגן!
„...איך וועל פרוּוון דערציילן וועגן אים, קעדיי איך זאָל אים ניט פארגעסן. ס׳איז זייער טרויעריק, ווען מע פארגעסט פרײַנט. ניט יעדער איינער פארמאָגט אן עמעסן פרײַנט..."
ס׳איז מיר גענוג בלויז איבערצולייענען אָט די ווערטער פון אנטואן דע סענט-עקזיו-פּעריס מײַסעלע „דער קליינער פּרינץ", וווּ ווײַטער שוין, ביזן סאמע סאָף פון דעם ביכל, קלינגט אין מיר איר קאָל.

איך פארמאַך די אויגן — איך וויל אופשטעלן אין זיקאָרן איר פּאָנעם, אָבער די די-נינקע ליניעס פון איר סילועט פארהאלטן זיך ניט מער ווי אף א רעגע און צעשווימען זיך, גלײַך ווי מע וואָלט איר סילועט אויסגעמאָלט אפן זאמד באם יאם, און אן אומדערווארטע כוואליע וואָלט אים פלוצעם פארדעקט און אָפּגעשווענקט.
די צײַט איז א שלעכטער רעסטאווראטאָר.
נאָר איר קאָל, איר אייגנארטיקע מאניר צעציִען די ווערטער, גלײַך ווי זי וועבט פון זיי עפּעס אויס, איז דער יאם פון די אוועקגייענדיקע יאָרן ניט בעקויעך אָפּצושווענקען.
דאָס וואָס מע פארהיט אין הארצן, קאָן מען שוין קיינמאָל ניט פארגעסן...
„...אָט האָט איר א באווײַז, אז דער קליינער פּרינץ האָט טאקע עקזיסטירט: ער איז געווען זייער און זייער א ווילער, ליב געהאט צו לאכן, און ס׳האָט זיך אים זייער געגלוסט צו האָבן א לעמעלע. און ווען עס גלוסט זיך צו האָבן א לעמעלע, דער, אָן צווייפל, עק-זיסטירט..."

דרײַ אלטע אקאציעס וואקסן אנטקעגן בארביערוס שטוב. אין אָנהייב זומער, ווען זיי הייבן נאָר אָן בליִען, טראָגט זיך אין דער לופט אזא רייעך, ווי אין א פאבריקמאכערײַ, עס דאכט זיך, אז די גאנצע גאס אונדזערע האָט מען באגאָסן מיט אָדעקאָלאָן, נאָר דער צווייט פון די אקאציעס האָט נאָך א מײַלע: מע קאָן אים עסן.
מיט די כעוורע דראפּען מיר זיך ארוף אף דיביימער, שטופּן אָן פולע בוזעמס מיט צוויט און דעם גאנצן טאָג קוויקן מיר זיך. מע דארף ניט קיין קאָנפעקטן — דער צוויט אליין איז זיס-האָניק. אין א טאָג זיץ איך אזוי אף א צווײַג פון דער אקאציע און טו מײַן געוויינ-לעכע ארבעט. זיצן אפן בוים איז ניט ערגער ווי שטיין באם בוידעם-פענצטערל. אלץ איז —

ווי אױף דער דלאָניע. און פֿון אונטן, פֿון דער ערד, וואָס וואָלט איך געזען? — גאָרניט מיט נישט!

אָט, לעמאָשל, באַרביערוס הויף. ווערליק איך ווייס, פֿאַרמאָגט דער אַלטער באַרביערו שטיבער: איין אין שטוב, וואָס גייט מיט די פֿענצטער אַרויס אױף דער גאַס, ווווּנט ער איינייעם מיט זײַן מישפּאָכע, און די צווייטע שטוב, וואָס שטייט אין הויף, — פֿאַרדינגט ער...

די ווײַבער אױף דער פּריזבע:

— דער אַלטער באַרביערו?.. ער דאַרף שוין זײַן אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן!..

— מע זאָגט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ פּאַרשיקטער...

— מע זאָגט!.. וואָס ווייסט מען?.. מענטשן האָבן ליב צו פּלאַפּלען מיט דער צונג!.. דאַפקע אַ מאָלדאַוואַן, נאָר יידיש קען ער — געזונט אַן אײַזן!..

ניט לאַנג צוריק, האָבן זיך אין אָט דער צווייטער שטוב אַרײַנגעצויגן נײַע „קוואַרטיראַנטן", יענץ אומבאַקאַנט מיידעלע מיטן לאַנגן צאָפּ פֿונהינטן, וואָס זיצט קימאַט אַ גאַנצן טאָג אױף אַ קליין בענקעלע, איז, ווײַזט אויס, אויך פֿון די נײַע קוואַרטיראַנטן.

— היי! — גיב איך צו איר אַ געשריי. — ווי הייסטו?

דאָס מיידעלע דרייט אויס דעם קאָפּ אין מײַן זײַט, אָבער זען זעט זי מיך ניט, ווײַל איך בין גוט באַהאַלטן צווישן די געדיכטע בלעטער.

— כאַ-כאַ! דו וועסט זיך קיינמאָל אין לעבן ניט אָנשטויסן, ווו איך בין!..

איך שפּרינג אַראָפּ פֿונעם בוים און מיטן אַקסל גיב איך אַ שטופּ דאָס הויף-טירל.

— נו, וואָזוי זשע רופֿט מען דיך? — פֿרעג איך ווידעראַמאָל, שטייענדיק שוין לעבן איר, און אַליין טראַכט איך: אָט אַזאַ צאָפּ, וואָס זי האָט, איז זייער גוט אַ שלעפּ צו טאָן.

— זאָיקע הייס איך...

— זאַיקע, — פרעג איך איבער, און שיס אויס מיט איין אָטעם, — זאַיקע־שמאַיקע־טאראַפּאַיקע!..

„...אזוי האָבן מיר זיך באקאנט מיטן קליינעם פּרינץ...“

זאַיקע נעמט אָן מיט דער האנט איר לאַנגן צאָפּ און הייבט אים גיך אָן צעפלעכטן. די פינגער אירע טוען עס אזוי פלינק, אז אין איין אויגנבליק צעשיטן זיך אירע האָר איבערן אַקסל.

— און ווו האָסטו ביז אהער געוווינט? — פרעג איך זי.

א ווײַלע שווײַגט זי, ווײַזט אויס, באַרויִגעז אַף מיר געוואָרן. אַלע מיידלעך, טאָמער עפּעס ניט אזוי, הייבן זיי זיך באַלד אָן בלאָזן.

— ווײַט. — ענטפערט זי שטילערהייט. — און סײַווײסיי... ניין... דו וועסט עס ניט פאַרשטיין...

— וואָס וועל איך ניט פאַרשטיין? — פאַרדריסט מיך שוין. — מיינסט, מיסטאמע, אז איך בין א פּיצעלע קינד... זעסט דען ניט, אז ס׳איז מיר שוין קימאַט זעקס יאָר... און דו, דו ביסט פּאַשעט א וואָבראַזשוליאַ!

איך בין שוין גרייט געווען א שלעפּ טאָן זי באם צאָפּ און אַנטלויפן, נאָר פּלוצעם טוט מיך די זאַיקע־שמאַיקע־טאראַפּאַיקע א פרעג:

— וואָס זשע האָסטו געטאָן אַפן בוים?

— וואָס הייסט, וואָס איך האָב געטאָן?.. געריסן צוויט! — און איך גיב זיך א גלעט איבערן אָנגעשוואָלענעם בוזעם. — זעסט דען אַליין ניט?.. כ׳האָב זיך שוין באַוואָרנט אַפן גאַנצן טאָג!

זאַיקע ווערט מיטאַמאָל רויט. צוויי דינינקע אָדערלעך באַווײַזן זיך בא איר אַפן שטערן צווישן די ברעמען:

— ניין, — זאָגט זי שטיל, — איך זע ניט... איך בין א בלינדע...

„...דערקענען זאכן קאָן מען נאָר דעמלט, ווען מע פאַרכאַווערט זיך מיט זיי, — האָט געזאָגט פוקס, — בא מענטשן איז שוין ניטאָ קיין צײַט צו דערוויסן זיך וועגן עפּעס. זיי קויפן שוין אין די קלייטן פאַרטיקע זאכן. ס׳איז דאָך אָבער ניטאָ אזא קלייט, וווּ מע וואָלט געקאָנט קויפן פרײַנט — האָבן טאַקע דערפאַר די מענטשן קיין פרײַנט ניט. אויב דו ווילסט, אז בא דיר זאָל זײַן אָן עמעסער פרײַנט, פאַרכאַווער זיך מיט מיר!..“

אַפן אַנדערן טאָג דריי איך זיך שוין ווידעראַמאָל בא באַרביערוס טירל. עס גלוסט זיך מיר א שטופּ טאָן מיטן אַקסל און אַרײַנלויפן אין הויף. איך שטיי אָבער, גלײַך ווי עמעצער האַלט מיך פאַר דער האנט און שעפּטשעט מיר אין אויער: „נו, וואָס האָסטו דאָרט פאַרלוירן? עס פּאַסט דען א ייִנגעלע צו שפּילן זיך מיט א מיידעלע?.. וואָס וועלן אַף דעם דײַנע כאַוויירים זאָגן?“ אין דער זעלבער צײַט טראַכט איך: פאַרוואָס זאָל איך זיך טאַקע מיט זאַיקען ניט שפּילן?.. „וויאַזוי זשע וועסטו זיך מיט איר שפּילן, — שעפּטשעט מיר אין אויער דער „עמעצער“, — אז זי, דײַן זאַיקע, איז א בלינדע, און שפּרינגען שפּרינגט זי ניט, לויפן לויפט זי אויך ניט — זי זיצט נאָר דעם גאַנצן טאָג אַף איר בענקעלע און רירט זיך ניט פונעם אָרט?..“

פונדעסטוועגן גיב איך א שטופּ מיטן אַקסל דאָס טירל. פונעם קלאַפּ גיט זיך זאַיקע א וואָרף.

— האָב ניט קיין מוירע... דאָס בין איך!

— כ׳האָב דיך דערקענט...

— וויאַזוי האָסטו מיך דערקענט?

זאַיקע נעמט אין דער האנט דעם צאָפּ און הייבט אים פּאַוואָלינקע אָן פלעכטן.

— איך האָב פאַרגעדענקט דײַן קאָל... דו האָסט געלייענט דאָס ביכל „דער קליינער פּרינץ“?

— ניין, איך לייען נאָך זייער שוואַך... עפּעס א גוט ביכל?

— זייער א גוטס, — ווערט זאַיקע לעבעדיקער, — אָנגעשריבן האָט עס א באַוווּסטער שרײַבער א פּילאָט...

— מיסטאָמע, — שלאָג איך איבער זאַיקען, — איז דאָס ביכל וועגן דער מילכאָמע, יאָ?

— די יִינגלעך האָבן אין זינען נאָר מילכאָמע און שפּיאָנען, גלייַך ס'זייַנען ניטאָ קיין בעסערע זאכן אַף דער וועלט!..

עד, טראַכט איך צו זיך, וואָס פאַרשטייט איר, מיידלעך, אין אַזעלכע זאכן ווי מילכאָמע און שפּיאָנען? איר ווייסט נאָר פון ליאַלקעס און פון שפּרינגען איבער א שטריקל...

— ...„דער קליינער פּרינץ" — דאָס איז גאָר א באַזונדער ביכל! איך קען עס פונעם ערשטן ביזן לעצטן וואָרט אַף אויסווייניק.

זאַיקע גיט זיך א רוק אַף איר בענקעלע א ביסעלע אין א זייַט און זאָגט:

— זעץ זיך לעבן מיר אַוועק, וועל איך עס דיר דערציילן.

און זי הייבט אָן שטילערהייט: „אַף א ווייַטער פּלאַנעטע האָט געלעבט א קליינער פּרינץ. ער האָט פאַרמאָגט בלויע-בלויע אויגן און א קאָפּ גאָלדענע האָר. געלעבט האָט ער אַף זייַן פּלאַנעטע איינער אַליין, און ווען עס פלעגט אים ווערן זייער אומעטיק, האָט ער ליב געהאַט זיך אַוועקזעצן אַף א בענקעלע און קוקן ווי עס פאַרגייט די זון. און קוקנדיק אַפן זון-פאַרגאַנג, האָט דער קליינער פּרינץ געטראַכט: „ווי גוט וואָלט געווען, ווען איך האָב אַן עמעצן פרייַנט...".

זאַיקע דערציילט און מיט די פינגער קלייַבט זי איבער אירע האָר אַפן קאָפּ, פאַר-פלעכט זיי ווידעראַמאָל אין א צאָפּ. איך קוק אַף אירע פינגער, זיי זייַנען לאַנגע, דינע און אַזעלכע בייגעוודיקע — אָט-אָט, דאַכט זיך, וועט זאַיקע אייַנפלעכטן אירע אייגענע פינגער אין צאָפּ, ווי א סטענגע.

— ...דו ווייסט, — שטעלט זיך זאַיקע אָפּ, — איך בין געוואָרן א ביסל מיד. אויב דו ווילסט, קום צו מיר מאָרגן...

און איך האָב אָנגעהויבן יעדן טאָג אַרייַנצוגיין צו זאַיקען. ווי עס האָט זיך אַרויסגע-וויזן, קאָן מען זיך אויך גוט שפּילן מיט א מיידעלע און דערצו נאָך באַגיין זיך אָן שפּרינגען און אָן לויפן. זאַיקע איז עלטער פון מיר אַף דרייַ יאָר. דאָס מייַסעלע וועגן דעם קליינעם פּרינץ, וואָס זאַיקע האָט מיר דערציילט, איז מיר בעפּיירעש זייער געפעלן געוואָרן, כאָטש ס'איז ניט וועגן מילכאָמע. און ביכלאַל האָט זאַיקע ליב צו דערציילן קאָלערליי מייַסעלעך, וועלכע זי טראַכט אַליין צו. מוישע-וואָראָנעס געשיכטעס זייַנען קעגן אירע מייַסעלעך, ווי נאַכט קעגן טאָג. בא אים, בא מוישקען, איז איין געשיכטע ענלעך צו דער אַנדערער — עס הייבט זיך ניט אָן און עס לאָזט זיך ניט אויס.

איינמאָל נאָך דעם, ווי כ'האָב דערציילט זאַיקען וועגן דעם גרינעם טאָל, וווּהין מיר לויפן יעדן טאָג שפּילן אין פוטבאָל, האָט זי בא מיר א פרעג געטאָן:

— און כאַלוימעס כאָלעמען זיך דיר?

— כאַ-כאַ, א מאָדנע פראַגע... אויך מיר א גרויסע מעציִע! ס'איז מיר גענוג אַנידער-צולייגן דעם קאָפּ אַפן קישן, ווי עס הייבן מיר זיך באַלד אָן כאָלעמען קאָלערליי כאַלוימעס...

— און וואָס זשע כאָלעמט זיך דיר?..

— ט'וועל איך גיין געדענקען!.. ווי נאָר איך כאַפּ זיך אויף אינדערפרי פונעם שלאָף, פאַרגעס איך מיטאַמאָל אַלע כאַלוימעס...

— עס קאָן דען אַזוי זייַן, אַז מע זאָל עפּעס זען און טייקעף וועגן דעם פאַרגעסן?..

„איך וואָלט פונדעסטוועגן געוואָלט וויסן, צי וואָס שייַנען די שטערן? מיסטאָמע צוליב דעם, אַז יעדער זאָל קאָנען, פרי'ער אָדער שפּעטער, אָפּזוכן אַפן הימל זייַן שטערנדל".

דער צוויט פון די אַקאַציעס איז שוין פון לאַנג אַראָפּ, און אָנשטאָט אים האָבן זיך צווישן די בלעטעלעך געיאַוועט לאַנגע, געקריייַזלטע סטרוטשקעס. אויב מע זאָל די סטרוטש-קעס צעדרויבלען אַף דער דלאָניע, פאַלן פון זיי אַרויס קליינינקע, געלע פאַסאָלקעלעך, וועלכע האָבן שוין ניט, צום באַדויערן, קיין שום טאַם.

א זשמעניע מיט אָט די פאַסאָלקעלעך האָב איך געבראַכט צו טראָגן זאַיקען. זי האָט זיי באַטאַפּט מיט די פינגער און געזאָגט, אַז זי וועט זיך מאַכן פון זיי א שנירל קאָרעלן. אַזא געדאַנק, מיין איך, קאָן קומען אין קאָפּ אַרייַן נאָר א מיידעלע.

— דו ווייסט, — זאָגט מיר זאַיקע ווייַטער, — איך דערקען שוין דייַנע טריט... — און לייגט אַליין פאָר, — לאָמיר הייַנט מיט דיר גיין אין גרינעם טאָל... דו האָסט וועגן אים אַזוי שיין דערציילט...

— און די מאַמע דייַנע וועט דיר לאָזן גיין מיט מיר?

— אַוודע!.. מיט דיר — יאָ!..

„אַף דער פּלאַנעטע, ווו עס האָט געלעבט דער קליינער פּרינץ, זײַנען שטענדיק געוואַקסן פּאַשעטע, באַשיידענע בלומען... און יענע רויז איז פּלוצעם אויפֿגעוואַקסן פֿון אַ קערנדל, וואָס ס'האָט צופֿעליק געבראַכט אַף דער פּלאַנעטע דער ווינט. און דער קליינער פּרינץ האָט שוין ניט געקאָנט אַפּרײַסן קיין אויג פֿון אָט דעם פּיצינקעלע פּלאַנצעלע, וואָס איז געווען אַזוי ניט ענלעך אַף די איבעריקע בלומען..."

אין טאָל האָט זיך דאָס גראָז פֿאַרן זומער ווילד צעוואַקסן.

ניט ווײַט פֿון דעם אָרט, ווו מיר זײַנען געשטאַנען מיט זאַיקען, האָט זיך געפּאַשעט אַ ווײַס פֿערדל. די הינטערשטע פֿיס זײַנען בא דעם פֿערדל געווען געפּענטעט, און קעדיי איבערצוגיין פֿון איין אָרט אַף אַן אַנדערן, האָט דאָס בידנע פֿערדל געמוזט אונטערשפּרינגען אַף אַלע פֿיר פֿיס, און דאָס האָט בא מיר אַרויסגערופֿן אַ געלעכטער.

— און פֿון וואָס איז דיר אַזוי פֿריילעך? — האָט זאַיקע געזאָגט נאָך דעם, ווי איך האָב איר וועגן פֿערדל דערציילט. — אַף דײַן אָרט וואָלט איך ניט געלאַכט!.. כ'וואָלט דאָס פֿערדל פּאַשעט באַפֿרײַט!..

יאָ, ס'איז גרינג צו זאָגן „באַפֿרײַט", און טאָמער וועט מיר דאָס פֿערדל אַ שמײַס טאָן מיטן עק אין פּאָנעם?.. צי אַ בריקע טאָן מיט די פֿיס?.. זאַיקע אָבער וויל פֿון גאָרנישט ניט הערן: אַ פֿערד, זאָגט זי, דאַרף זײַן פֿרײַ, ווי אַ ווינט!

— דו ביסט דאָך אַ יינגעלע! און אַ יינגעלע דאַרף זײַן אַ דרייסטער... דער קליינער פּרינץ וואָלט אָן אַן איבעריק וואָרט עס געטאָן!

נאָך די ווערטער האָט מיך שוין אָנגעכאַפּט אַ פֿאַרדראָס. הייסט עס ער, דער קליינער פּרינץ, וואָלט ניט מוירע געהאַט פֿאַרן פֿערדל, און איך...

— שטיי דאָ! — רוף איך זיך בייזלעך אָן צו זאַיקען. — באַלד וועל איך זיך אומקערן!

פּאַוואָלינקע, פּונהינטן, גאַנווע איך זיך צו צום פֿערדל... איך זע איצט פֿאַר זיך נאָר אַ לאַנגן, פֿאַרקוויטשקטן עק, וועלכער האַלט אין איין פֿאָכען הין און הער... אָט-אָט, טראַכט איך, וועט מיר דער עק פֿאַרטשעפּען און איך וועל אַוועקפֿליִען, ווי אַ פֿעדער... און עפּשער, טוט אַ בליץ אַ געדאַנקעלע, עפּשער וואָלט געווען בעסער זיך פּאַשעט אומקערן און זאָגן זאַיקען, אַז כ'האָב שוין דאָס שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן און דאָס פֿערדל איז שוין פֿרײַ, ווי דער ווינט?.. סײַוויסײַ וועט זאַיקע ניט זען צי כ'האָב עס יאָ געטאָן, צי ניט געטאָן!..

און איך גיב אַ קוק אַף צוריק. זאַיקע שטייט אַף דעם זעלבן אָרט, ווו כ'האָב זי איבערגעלאָזט — איינע אַליין אינמיטן גרינעם טאָל. דאָס הויכע גראָז פֿאַרשטעלט אירע פֿיס און אַף אַ רעגע האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זי, זאַיקע, איז אײַנס ענלעך אַף יענער רויטער רויז, וועלכע וואַקסט אַפֿן קליינעם פּרינצס פּלאַנעטע... זי וואַרט אַף מיר!.. אין די אויערן מײַנע קלינגען נאָך אירע ווערטער: „אַ יינגעלע דאַרף זײַן אַ דרייסטער!.. אַ דרייסטער!"...

און גלײַך ווי עמעצער האָט מיך אַ שטויס געטאָן און אַ שטופּ געטאָן צום פֿערדל, האָב איך זיך געגעבן אַ וואָרף צו די פּענטעס און זיי אָנגעהויבן אויפֿבינדן. נאָר דער קנופּ איז געווען אַזוי שטאַרק פֿאַרצויגן, אַז כ'האָב אים בעשום-אויפֿן ניט געקאָנט צעבינדן. כ'האָב זיך שוין צעריטשעט אַלע פֿינגער, צעריסן זיך די נעגל... ניין! ס'איז ניט אין מײַנע קויכעס צעבינדן אָט דעם אײַזערנעם קנופּ.. אפֿילע ער, טאָקע דער קליינער פּרינץ, וואָלט דאָ אויך גאָרנישט ניט אויפֿגעטאָן... כ'בין אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט שווייס. שווערע טראָפּנס האָבן געפּויזעט איבערן פּאָנעם, אַרײַנגעקראָכן אין דער נאָז, געביסן, געקיצלט, געגעסן די אויגן... און עפּשער איז עס גאָר ניט קיין שווייס, נאָר טרערן; איך ווער, דאַכט זיך, באַלד צעשפּרונגען פֿון קאַס. איך ווייס שוין אַליין ניט, וואָס איך טו... מיט די ציין פֿאַל איך צו צו די פּענטעס און הייב זיי אָן הריזען... הריזען...

וויאַזוי כ'בין אַרויסגעקראָכן פֿון אונטערן פֿערדל, און ווען איך בין צוגעגאַנגען צו זאַיקען — געדענק איך ניט! איך בין געקומען צו-זיך פֿון זאַיקעס ווערטער:

— איך ווייס... ס'איז דיר געווען שווער... איך האָב עס געפֿילט... געפֿילט.

זאַיקע איז געשטאַנען אַנטקעגן מיר, אין די הענט האָט זי געהאַלטן די איבערגעהריזעטע פּענטעס און פֿון אירע ברייט-צעעפֿנטע אומבאַוועגלעכע אויגן האָבן גערונען צוויי שמאָלינקע ריטשקעלעך טרערן...

איך לייען נאָך אַלץ דאָס ביכל „דער קליינער פּרינץ". איך לייען און הער זיך צו צו איר לעבעדיק, קינדעריש קאָל, וואָס הערט ניט אויף צו קלינגען אין מיר: „... באַנאַכט וועסטו אַ קוק טאָן אַפֿן הימל, דאָרטן וועט זײַן דאָס שטערנדל, ווו איך לעב און ווו איך לאַך — דו וועסט דערהערן, ווי אַלע שטערנדלעך לאַכן. דײַנע שטערן וועלן קאָנען לאַכן!".

...און אַט זיץ איך דאָ אויפֿן בוידעם און טראַכט: פֿון וואַנען זשע האָב איך זיך פֿונדעסט־וועגן גענומען אויף דער וועלט? די מאַמע זאָגט, אַז זי מיטן טאַטן האָבן מיך געקויפֿט אין קלייט. כאָטש דער גרויסער זאָגט אָבער, אַז דאָס אַלץ איז „באַבסקע מײַסעס“. קינדער, זאָגט כאָטש ווערן געבוירן פֿון דער מאַמעס בויך. אויב שוין גלייבן אים, וואָס זשע קער זיך אָן אַהער מײַן טאַטע? עפּעס בינדט זיך ניט איינס מיטן צווייטן! נאָר מיילע — ווי עס זאָל ניט זײַן, איז שוין גוט, וואָס איך בין דאָ. ס׳איז פּאַשעט אַ שאָד, וואָס מײַנע עלטערן האָבן זיך אַזוי שפּעט דערמאָנט אין מיר, אַנדערש וואָלט איך באַוויזן צו זײַן אויף זייער כאַסענע. די באָבע זאָגט, אַז ס׳איז געווען זייער אַ פֿריילעכע כאַסענע. איך שטעל זיך שוין פֿאָר, ווי זי האָט דעמלט אויסגעטאַנצט איר באַליבטן „קאַזאַטשאָק“! וואָס איז אָבער דאָ איצט צו רעדן — ס׳איז שוין אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך. און סײַוויסײַ האָב איך זייער ליב צו קוקן אויף דעם פּאָרטרעט, וווּ מײַנע עלטערן זײַנען פֿאָטאָגראַפֿירט, ווי אַ כאָסן און אַ קאַלע. די קעפּ זייערע גענייגט אַ ביסל אויף אַ זײַט, איינער צום אַנדערן, גלײַך ווי זיי וואָלטן איינער דעם אַנדערן געזוכט מיט די אויגן און זיך צופֿעליק באַגעגנט.

מײַן טאַטע איז אַן אינזשעניער, און די מאַמע מײַנע אַרבעט אויף דער פּוטער־פֿאַבריק. די געשיכטע, ווי־אַזוי מײַנע עלטערן האָבן זיך באַגעגנט, האָב איך שוין געהערט, דאַכט זיך, טויזנט מאָל, און דאָך קאָן איך זי הערן און הערן:

„אין איינעם אַ טאָג איז מײַן טאַטע געקומען צו פֿאָרן פֿון ריבניצע קיין בעלץ צו זײַן פֿעטער. אָבער וווּ עס וווינט זײַן פֿעטער האָט מײַן טאַטע ניט געוווּסט. און ס׳האָט זיך גע־דאַרפֿט אַזוי טרעפֿן, אַז פּונקט אין דער זעלבער צײַט, ווען מײַן טאַטע האָט געזוכט זײַן פֿעטערס שטוב, זאָל זיך פֿון דער אַרבעט אומקערן מײַן מאַמע, און ער, מײַן טאַטע, זאָל פּונקט בײַ איר אַ פֿרעג טאָן: „אַנטשולדיקט מיך, ביטע, איך בין ניט קיין היגער און כ׳קאָן ניט געפֿינען די גאַס...“ — און מײַן טאַטע האָט אָנגערופֿן זײַן פֿעטערס גאַס... „יאָ, איך גיי פּונקט אין יענער גאַס, — האָט אים געזאָגט די מאַמע, — קומט מיט מיר, וועל איך אײַך ווײַזן...“ און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין...

די באָבע זאָגט, אַז ס׳איז אַ באַשערטע זאַך. עפּשער איז זי גערעכט. איך האַלט אָבער, אַז ס׳איז פּאַשעט גוט, וואָס בײַ מײַן טאַטן איז פֿאַראַן אין בעלץ אַן אייגענער פֿעטער, וועלכער וווינט אויף יענער גאַס, וווּהין מײַן מאַמע איז אין יענעם טאָג געגאַנגען נאָך דער אַרבעט, און וואָס פּונקט בײַ איר האָט דער טאַטע מײַנער געפֿרעגט, ווי־אַזוי צו געפֿינען די גאַס, אַנדערש... אַנדערש, מיין איך, וואָלטן מײַנע עלטערן זיך ניט באַגעגנט, און איך וואָלט אַוודע ניט געווען זייער זון. נאָר אַזוינס קאָן איך זיך אַפֿילע ניט פֿאָרשטעלן, ווײַל אַזוינס קאָן גאָר ניט זײַן!

דער זיידע זאָגט, אַז אַלץ אין דער וועלט דאַרף זיך טרעפֿן צו דער צײַט. ווײַזט אויס, דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן זיך אויך באַגעגנט צו דער צײַט, און צו דער צײַט בין איך געבוירן געוואָרן, ווײַל אויף מיר, ווייס איך, האָט געוואַרט דער נאָמען, וועלכן ס׳האָט אַמאָל געטראָגן מײַן פֿעטער, וואָס איז אומגעקומען אויף דער מילכאָמע.
טאַקע דערפֿאַר רופֿט מען מיך אַזוי: בערל, באָריס, באָרעלע.

דאָס פֿינפֿיאָריק ייִנגעלע איז פּלוצעם נעלעם געוואָרן.
עפּשער האָט אים די באָבע גערופֿן עסן? אָדער די מאַמע — שפּילן אַ ביסל אויפֿן אַקאָרדעאָן? און עפּשער איז ער מיט די כאַווײרים זײַנע אַוועק שפּילן זיך אין גרינעם טאָל?..
עס קאָן גאָר זײַן, אַז איך בין אים פּאַשעט נימעס געוואָרן מיט מײַנע „קלוגע דיבורים“... זײַנע געדיכטע, ליכטע האָר האָבן זיך בלויז אויף אַ רעגע אַ קרײַזל געטאָן אין רוים און פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער צוקונפֿט...

ס׳איז שוין שפּעט באַנאַכט, איך זיץ אָבער אַלץ בײַם שרײַבטיש איבער אַ קלאָר ווײַס זײַטל פּאַפּיר. איך וואַרט, איך הער זיך צו צו דער שטילקייט. ווער ווייסט, עפּשער וועט זיך דאָס ייִנגעלע פֿונדעסטוועגן אומקערן... קינדער האָבן ליב אַ ביסל מער צו פֿאַנטאַזירן, און מיר, די דערוואַקסענע, — צו פֿאַרשווײַגן!..

יאָ, דער ליטער פֿונעם לעבן פֿירט מיך אַרויף. און וואָס שמעלער עס ווערן די טרעפּ־לעך זײַנע, אַלץ מער און מער דערנעענטער איך זיך צו מײַן פֿאַרגאַנגענהײַט. און אין יענער רעגע, ווען אין אומסאָף־רוים וועט זיך מײַן צוקונפֿט איבערקרייצן מיט מײַן פֿאַרגאַנגענהײַט, וועט געשען אַ נעס — עפּעס וועט זיך פֿאַרייביקן.

פון דער הײַנטצײַטיקער
סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג



פּיניע פּלאָטקין

דער אלטער קאָמיסאַר

טוט נאָר א קוק אַף זײַנע שטארקע הענט!
ער איז, ניט נאָך די יאָרן זײַנע, מונטער.
איך האָב דעם אלטן קאָמיסאַר געקענט
נאָך דעמלט, ווען ער איז געווען א יונגער.

אין בירגערקריג זײַן יוגנט הייבט זיך אָן
און ציט זיך, קאָן מען זאָגן, ביז אצינדער.
ער איז געווען א מיטגליד פון רעווקאָם,
דערנאָכדעם א קאָלווירט אין דאָרף געגרינדעט.

אויך דאָרט איז אויסגעקומען אים ניט גרינג —
טעג ניט דערעסן, נעכט ניט דערשלאָפן.

אין יענער צײַט א באַלעגוף אין אים
פון אן אָברעז אנומלט האָט געשאָסן.

די נאָט, ווו ס׳האָט די קויל געפּאקט, צעגייט,
קימאט שוין אָפּגעריסן איז דער ארבל.
ער איז געשטאנען אפן ראנד פון טויט,
נאָר ניט געטראכט אפילע וועגן שטארבן.

אזא איז ער געווען און איז פאראן,
אזוי אין לעבן גיין איז אים געלונגען,
איך האָב געקענט דעם אלטן קאָמיסאַר
נאָך דעמלט, ווען ער איז געווען א יונגער.

◇

אַרן ווערגעליס

א הימן

איך טראָג ארום דעם הימן
מיט בײדע מײַנע הענט.
די ליבע — ביזן הימל,
דער הימל — אָן אן ענד.

אין דעם נעשאָמע-גאָרטן
איין אויבסט אַף יעדער בייט:
פארפלאנצטע ליבע דאָרטן,
ווו ס׳איז דער באָדן גרייט.

כ׳פארשטיי אין הימל־זאכן
און פריי זיך מיט דער ערד,
און וואָס איך זאָל ניט מאכן,
איז עס מיר אַלץ נאָך שלעכט.

ס׳איז אַלעף, בייס און גימל
און ביזן טאָף געווענדט.
די ליבע — ביזן הימל,
דער הימל — אָן אן ענד.

◇

ליפּע העלער

דער מענטש

א טײַך האָט צוויי ברעגן,
א מענטש — נאָר איין ברעג.
פון טויזנט וועגן
ער קלײַבט אויס איין וועג.

ער וויל זיך ניט ווארפן
אהין און אהער,
א מענטש האָט איין האפן,
איין אייגענע ערד.

באוווּסט איז עס יעדן,
דאָס יעדערער ווייסט:
עס לעבט זיך אין לעבן
מיט מי און מיט שווייס.

א טײַך האָט צוויי ברעגן,
א מענטש — נאָר איין ברעג.
פון טויזנט וועגן
ער קלײַבט אויס איין וועג.

◇

מארק ראזומני

רומבולער וואלד

אין הארבסט 1941 האָבן די פאשיסטן אין דער צײַטווײַליק פארכאפּטער ריגע אומגעבראכט דרײַסיק טויזנט ייִדן. דער שוידער־לעכער מאָרד איז דורכגעפירט געוואָרן אין וואלד פון רומבולא.

שטערט ניט די הייליקע שטילקײַט פון רומבולער וואלד!
דאָ רוישן דיביימער שוין מער ניט זינט יאָרן,
זיי שטייען פארשטיינערט אין צאר און אין צאָרן,
אין זייערע קרוינען פארשטיקטער געוויין זיך באהאלט.

זיי שטייען, די רומבולער ביימער, אין פּײַנען פארהילטע,
פארקלעמטע פון דעם, וואָס זיי האָבן געזען און געהערט.

עס ווילט זיך זיי שרײַען, צערײַען די בלוטיקע ערד, —
נאָר ס׳האָט זיי דער גורל פֿאַרמישפּעט צו לײַדן אין שטילקייט.

עס הויערט אַף רומבולער ביימער דער טרויער פֿון האַרבסטיקייט טריבער,
זיי שטייען פֿאַרשטײַפטע, מיט צווײַגן, ווי פֿויסטן אין צאָרן געבאַלט,
ווי פֿויסטן, וואָס מאָנען און מאָנען באַצאָלונג פֿאַר גריבער...
ס׳איז הייליק און שטיל, נאָר די שטילקייט — זי ברויזט און זי שאַלט
מיט טויזנטער עכאָס פֿון דונער אין האַרץ און געמיט, און דעריבער —
שטערט ניט די הייליקע שטילקייט פֿון רומבולער וואַלד!

◇

אלעקסאנדער בעלאָוסאָוו

די לעצטע מינוט

„אַז איר וועט איצט אַ דריק טאָן דאָס קנעפּל, וועט דאָס לאַנד באַלד אָפּגעראַטעוועט ווערן פֿון דער ערד“.

פֿון אַ קינדס אַ בריוו
צום פּרעזידענט רייגאַן

הערסט, איידער דו גייסט צו צום קנעפּל
אַף אָפּצוגעבן דעם באַפֿעל,
פֿאַרהאַלט זיך אַפֿן לעצטן טרעפּל
און שטיי אַ ווײַלע אַף דער שוועל.

די פֿייגל רירן זיך אין נעסטן
און וואַכן אוף צו אַ געזאַנג,
מיט וווקס און רײַפֿקייט זיך פֿאַרמעסטן
אין סאָד אַ פּרוכט, אין פֿעלד אַ זאַנג.

די פֿאַרלעך אײַנגעמאַטערט ליגן
און פֿילן ניט, וואָס ס׳וואַרט אַף זיי,
די קינדער שלאָפֿן אין די וויגן,
ניט וויסנדיק פֿון טויט און וויי.

סע רוישן וועלדער, טײַכן רינען,
ס׳איז פֿריש די רויטקייט פֿון קאַיאָר;
די יונגע ערד איז גרייט אונדז דינען
נאָך באַ אַ פּאָר מיליאַרדן יאָר.

מאַך אוף דײַן אויג, מאַך אוף דײַן אויער,
פֿאַרנעם די גאַנצע גרויסע וועלט:
זי איז נאָך דאָ, דאָס לעבן דויערט,
די צײַט איז נאָך ניט אָפּגעשטעלט.

די מענטשן, כײַעס, ביימער, גראָזן —
אַלץ לעבט און אָטעמט אייביק־הייס...
נו, אָנגעקוקט זיך? זיך אַנטשלאָסן?
איצט גיי און טו, ווי דו פֿאַרשטייסט.

◇



מענדל ליפשיץ

עס איז קעדײַ

ניט אומזיסט האָסט געוואַרט,
ניט אומזיסט האָסט געגרייט זיך,
ס'האָט דער ליכטיקער מאַרט
אין פעלדער צעשפּרייט זיך.

דערנאָך האָט אפּרעל,
דורכגעשפּאַנט אַלע גאַסן,
ס'האָט פרײדיק די וועלט,
אָנגעהויבן צו ראַשן.

יאָ, עס איז דאָך קעדײַ
דײַן וואַרטן, זיך גרייטן,
ס'קומט אָן דער מײַ
מיט בלומען און קווייטן.

◇

בוזי מילער

ווענערע

דרײַ פּאַראַשוטן,
גרעסער איינער פונעם אנדערן,
זיך עפענען פּאַנאַנדער, און
אף דער פּלאַנעט, אף איר צעגליטן באָדן,
מיט אַלעם נייטיקן באַלאָדן,
שטײַגט ווייך אַראָפּ איין אַפּאַראַט,
א צווייטער, און —
באַגרײַפן שווער דערפון די ווערט —
ס'נעמט אויף די ערד
איעדן מינדסטן פּראַט
פון ווײַטן רוים.
די שטיינער — ברוין.
אָראַנזש — דער הימל.
און א געווימל
פון שטויב און גליִענדיקן זאַמד...
דען ניט אזא —
אין אָוואַר ווײַטן טו א בליק —
געוועזן איז אונדזער ערד
מיט מיליאָנען יאָר צוריק?
דען ניט אין דעם
דער אָוואַר ווײַטער אויך
פון גאַרער זון-סיסטעם?
נאָר אויב אזוי, ווענערעס גלוט
נערט אונדזער מוט.
וואָס מער דער נעכטן קלאָר אונדז ווערט,
אַלץ קלאָרער — וואָס צום הײַנט געהערט,
אַלץ זיכערער מיר קאָנען זאָרגן
פאַר אייניקלעך אין ווײַטן מאָרגן...

◇

יאָסל בוכבינדער

אף פרעמדע ערדן

אף פרעמדע ערדן וועט מײַן גלויבן זיך ניט נערן,
אין פרעמדע הימלען זעען טונקעלער אויס די שטערן,
פייגל, ווייס איך, וואָס געכאָוועט האָסט צום פליִען,
האָבן זיך פארבלאָנדזשעט אין דער בויטעניש פון ספערן.
און עס דוכט מיר, אז זיי ליגן, פונקט ווי פונקען, וואָס צעטליִען
לעבן שײַטערס שוין פארלאָזטע, וואָס קענען ליכטיקער ניט ווערן.
טראָג איך איצט פאר אלעמען אן אויסגעבלויטן הימל
מיט ליכטיקײַט, געלאָדענער פון זומערדיקע שטערן,
אז ניט פארטשעפען זאָל זיך קיינער אין דער בויטעניש פון ספערן.

◇

דאָרע כײַקינע

מע קאָן פון דער זײַט ניט באמערקן אפילע

מע קאָן פון דער זײַט ניט באמערקן אפילע,
אז גליקלעך איך בין, ווי א גליקלעכע קאלע.
און טאקע: א ייִדענע גייט זיך א שטילע,
אפילע קיין לאך געבן גאָר ניט קיין באלן.

און ס'מאכט זיך פארקערט: כ'טו פארלוירן א שמייכל,
ווען זיך אומגעריכט מיטאמאָל איך באדויער.
כ'פארשטיי, ס'קאָן ניט לייגן זיך גלאט אפן סייכל,
אז שמייכלענדיק, כ'טײַנע זיך אויס מיטן טרויער.

כ'פארשטעל זיך ניט, כ'וויל קיין טעאטער ניט שפילן,
ס'איז פרעמד מיר די ווילדע נעטיִע — זיך מאכן.
מיט האָניק באשמיר איך ניט ביטערע פילן.
פראָסט — ווילט זיך מיר וויינען,
כ'הייב אָן פון זיך לאכן.

◇

כאַיםביידער



דער מעטעאָריט

א שטיינערנער מעטעאָריט
איז אין א וואלד אראָפּגעפאלן...
פונוואנען, ווען — מע ווייסט עס ניט,
נאָר ס'האָט די וועלט גענומען שאלן.

מ'האָט עקספּעדיציעס צעשיקט,
צעשטעלט פּראָזשעקטאָרס און געצעלטן:
— ער איז צו אונדז — אזא מין גליק —
פון אנדערע געקומען וועלטן!

מ'האָט אים געצערטלט און געגלעט,
מ'האָט אים געמאָסטן און געוויגן:
— אזא אנטיק, ווי ער, איר זעט,
איז קיינמאָל נאָך צו אונדז דערפלויגן.

... געווען א שיינקייט איז ארום,
געררוישט עס האָט א ברויזיק לעבן,
און פעלדזן זײַנען שטאָלץ און שטום
געשטאנען ווינקלדיק דערנעבן.

און קיינער האָט בא העלער שײַן
זי ניט באמערקט אין סאמע מיטן:
— אָט, זעט איר, ווען זיי וואָלטן זײַן
ניט פעלדזן, נאָר מעטעאָריטן...

דער מענטש האָט גליק און פײַן פארזוכט,
נאָר ס'רופן אלץ אים ווײַטע הייכן:
ער פליט, ער שוועבט, ער אײַלט, ער זוכט —
ער דארף, ער מוז נאָך נײַס דערגרייכן!

◇

מאָטל גאָלבשטיין

דער הירש
(סאָנעט)

אָ, אומרויִקער הירש מיט הערנער שיינע,
וואָס איז געקומען פונעם נאכט-באהויכטן וואלד,
דעם הייסן דאָרשט צו שטילן אינעם קוואל —
איז שנייִק וואָלקנדל, וואָס קנוילט פון אונטער שטיינער! —

אף דײַנע צווײַגן-הערנער, ווי אף הארפּעס וויינען —
דער פרילינג-ווינט, דער פײַכטער רויש פון וואסערפאל,
וואָס מישט זיך מיטן קלאנג פון שיינעם נאכטיגאל,
און שיר-האשירים קלינגט אף אלע ביימער.

ס'איז עמעס: אף די הערנער דײַנע דינע,
געהאלטן אָנגעצויגן האָסט דעם וועג,
ווען דײַנע קאָפּיטעס אף שמאָלן שטעג
געשאָטן האָבן דרויב. און אָט באם קוואל באגינען
דו שטייסט און טרינקסט, און אומרויִק דו האָרכסט,
ווי ס'בליצן אוף צעשטויבטע פלאמען אפן גראָז...

◇ ◇ ◇

יוסעף ראַבין

אַניע — אַניעטשקע

קאַפּיטל איינס

וועד קאָן באַשיידן
צי יאָרן זײַנען פאַרשיידן?

1

ערגעץ באַ א ווײַטן שאָכן האָט פאַרטאָג הילכיק זיך צעקרייט א האָן. ראָזע האָט געעפנט די אויגן, עטלעכע מינוט געלעגן אָן באַוועגונג און דערנאָך זיך פאַרוווּנדערט: ביז איצט האָט זי קיינמאָל ניט געהערט, אז דעם שאָכנס האָן זאָל קרייען. אײַנשלאָפן האָט זי מער שוין ניט געקענט. און ווידער איז צו איר געקומען דער געדאַנק וועגן עזרען, ער האָט זיך אומגעקערט אהיים, און זי האָט אים אפילע נאָך ניט געזען.

די לעצטע צײַט איז ראָזע מיד און אומצופרידן. זי ווייסט, אייגנטלעך, ניט, צי האָט זי עפּעס דערגרייכט אין איר לעבן. נאָך מער: זי ווייסט ניט אפילע, צי האָט זי געשטרעבט

פערטער טייל פונעם ראָמאַן „אין פאַרשיידענע יאָרן".

צו עפּעס דערגרייכן. די יאָרן זײַנען געגאַנגען, די טעג האָבן זיך געשאָטן, ווי מעל דורך א זיפּ, ביז זי האָט זיך געכאַפּט, אַז אַלץ קימאַט איז שוין באַלד אויסגעזיפּט. און איצט איז איר סײַווי אַלציינס. ניט זי קען כאַפּן צוריק, ניט זי וויל כאַפּן צוריק.

מיט אוויגדערן איז דאַפקע פאַרקערט. ער איז איינער פון די בעסטע דאָקטוירים אין דער שטאָט, איינער פון די אָנגעזעענסטע געזעלשאַפטלעכע טוער, צו וועמען מע האָט צוטרוי און דערכערעך. ער איז צופרידן פון זיך, פון זײַן מישפּאָכע, פון זײַנע באַקאַנטע. אים וווּנדערט נאָר אָף ראָזען, ער פאַרשטייט ניט וואָס מיט איר קומט פאָר. פאַרוואָס מאַכט זי אַלץ אָוועק מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט פאַרלאָרן דעם כיישעק צום לעבן. און וואָס אים וווּנדערט נאָך: ראָזע איז אַפילע געוואָרן גלײַכגילטיק צו זייער מיזיניק, צו בענציִענקען.

2

אין די שטאָטישע סעדער און גערטנער איז דער האַרבסט אָנגעקומען מיט ברענענדיקע רויט-געלע קליאָן-בלעטער, וועלכע פאַלן ביסלעכווײַז אָף דער טרוקענער ערד. דער גרעסטער טיילביימער שטייען שוין מיט הוילע צווײַגן און וואַרעמען זיך אונטער דער שטילער אָפּגעקילטער זון. אין איינעם אַזאַ שטילן שפּעט-האַרבסטיקן טאָג אין דעם יאָר 1894 איז אָנגעקומען א יעדיִע, וואָס האָט אין דער שטאָט אַרויסגערופן אומרו: נאָך דרײַצן יאָר רעגירן איז דער רוסישער קייסער אַלעקסאַנדער דער דריטער געשטאָרבן, און אָפן טראָן איז אַרויף זײַן זון ניקאָלײַ דער צווייטער. אין גראָדנע ווייסט מען שוין גוט, אַז א נײַער קייסער באַטײַט נײַע צאָרעס, נײַע גזיירעס.

— א נײַער בעזעם קערט גוט.

— בעסער, ווי דער אַלטער האָט געקערט, קען שוין גאָרניט זײַן. דערמאָנט זיך כאָטש... גיירעש מאָסקווע, אוקאַז פון דריטן מײַ, פּאָגראָמען אין דאָרעם-רוסלאַנד.

— אוי, מענטש איינער, צו שלעכטס איז דאָך קיין סאָף ניטאָ.

אָבער אָן טרייסט, אָן האָפענונג איז אויך אוממעגלעך א טאָג איבערצולעבן. און מענטשן דערמאָנען זיך, אַז אָן זײַן ליבן און הייליקן נאָמען ווערט אָף דער ערד גאָרנישט ניט געטאָן, ער ווייסט, ווי צו פירן זײַן וועלט.

שאַבעס האָט מען אין דער גרויסער שול און אין אַלע באָטעמעדראָשים געזאָגט „האַנויסן טשוא" דעם נײַעם קייסער ניקאָלײַ האַשייני, און ביסלעכווײַז האָט מען זיך גענומען באַרויִקן: גאָט איז א פאָטער.

אין דעם זעלבן האַרבסט מיט די זעלבע רויט-געלע בלעטער איז אָנגעקומען נאָך א יעדיִע, וואָס האָט אויך אַרויסגערופן אומרו: אין פּאַריזש האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס איבערן אָפיצער פון פראַנצויזישן גענעראַל-שטאַב קאַפּיטאַן דרייפוס, וועלכער ווערט באַשולדיקט אין פאַראַט.

אויב די יעדיִע וועגן דעם קייסער ניקאָלײַ דעם צווייטן האָט מען אויפגענומען, קאָן מען זאָגן, ווי אַן אַלגעמיינע צאָרע, האָט מען דעם פּראָצעס איבער דרייפוסן אויפגענומען ווי אַן אייגענע, א יִדישע צאָרע. „איך ווייס ניט, אויב די מײַסע פון דרייפוסן האָט נאָך ערגעץ אָנגעמאַכט אַזאַ ראַש, ווי אין קאַסרילעווקע. אין פּאַריזש, זאָגט מען, האָט דאָס אויך געקאָכט, ווי אין א קעסל, גאַזעטן האָבן געשריבן, גענעראַלן האָבן זיך געשאָסן, און ווײַסעכעוורעניקעס זײַנען אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, ווי מעשוגאָיִם, געוואָרפן די היטלען און געאַרבעט מײַסים. דער האָט געשריִען: „וויוו דרייפוס!" און דער האָט געשריִען „וויוו עסטערהאַזי!" און יִדן האָט מען דערווײַל געשמירט, געמאַכט מיט בלאָטע, ווי געווינלעך... נאָר אַזויפיל אַגמעסנעפעש מיט אַזויפיל יעסורים און ביזיוינעס, ווי קאַסרילעווקע האָט דערפון געהאַט, — דאָס וועט פאַריז נישט האָבן ביז מאָשיִעך וועט קומען" (שאָלעם-אַלייכעם).

אין גראָדנע איז געווען דאָס זעלבע. גראָדנע איז קאַסרילעווקע אין דעם מאַסשטאַב פון א גובערניע-שטאָט. און ס'איז גאָרניט צו באַוווּנדערן, וואָס ראָזע קאַדיש האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר אַלציינס-שטימונג, זיך אָנגעכאַפּט אָן דרייפוסן און אויך דערמאָנט זיך אָן איר בענציִענקען. א קייסער איז פאַר ראָזען קיין נײַס ניט. איינער שטאַרבט, דער צווייטער קומט. זי האָט עס שוין געזען. אָבער פון דרייפוסן האָט דאָס האַרץ בא איר

א ציטער געטאָן און אין האלדז האָט אָנגערירט א טרער. א בילבול! א בילבול אף איינעם, און לײַדן וועט א גאַנץ פאָלק. זי וויל זיך אויך קלאָר מאכן, פארוואָס און מיט וואָס דרײַ-פוס דערמאָנט אָן איר מיזיניק. דער ענטפער קומט ניט גלײַך, נאָר ער קומט: דרייפוס איז איצט א העלד, און זי האָט דאָך געוואָלט, אז איר קינד זאָל זײַן א העלד בא ייִדן. ווי א מאמע דערפילט זי מיטן הארצן, אז בענציען קאָן איצט ניט בלײַבן גלײַכגילטיק, עס מוז אים אָנרירן, אָנכאפּן באם הארצן. דרייפוס איז אָן אָפיצער, א קאפיטאן, און ער אליין, בענציען, כאָלעמט דאָך אויך צו ווערן אָן אָפיצער. די מאמע האָט קיין טאָעס ניט. זי פארשטייט זיך אף איר זון, ער איז, קיין אײַנהאָרע ניט, שוין אלט צוועלף יאָר. עס האָט געקענט געמאָלט זײַן, אז באשולדיקן אין פאראט זאָל מען א פּאשעטן מענטשן, בענציען וואָלט עס עפשער ווינציק אָנגערירט. אָבער דרייפוס... אָן אָפיצער פון פראנצויזישן גענעראַל-שטאב... דאָס האָט אים דאפקע שטארק אָנגערירט. נאָך מער: עס לאָזט זיך אויס, אז איין און דער זעלבער צופאל ברענגט צו עטלעכע אויספירן. און איינער פון זיי: אין פראנקרײַך זײַנען פאראן ייִדן-אָפיצערן. און נאָך וועלכע! פון גענעראַל-שטאב! דורך דעם אָפיצער דרייפוס וואקסט אויס דער ייִד אין בענציענס אויגן. ער האָט זיך ניט מיט וואָס צו שעמען.

טעג גייען, וואָכן גייען, בענציען דערקענט זיך אליין ניט. ער נעמט גלייבן, אז פרייד און לייד פון א פאָלק גייט טאקע איבער פון דאָר צו דאָר. און ס'איז שוין גאָרניט אזוי ווילד, וואָס ייִדן פארקלאָפּן האָמאָנס נאָמען. וואָס דען? שווײַגן! מיט וועמען רעדט מען וועגן דעם, בא וועמען פרעגן? מיט דער מאמען, ניין. מיטן טאטן, מיטן טאטן — יאָ. אים זײַנען מער צום הארצן דעם טאטנס געדאנקען, ווי דער מאמעס געפילן. ער קאָן שוין פארשטיין זײַן אייגענע מאמע.

3

אוויגדער באנעמט, וואָס זײַן מיזיניק לעבט איבער. אין דער גימנאזיע קוקט מען אף אים קרום, דער בוכשטאב „זש" לאָזט זיך פילן בא די שילער צווישן די ציין, מע טיילט אים אויס, בענציענען, ער זאָל זײַן אליין, אָן כאַווײרים. און דעם נאָמען דרייפוס כאַזערט מען איבער צענדליקער מאָל. שוין געווען א פאַל, ווען צו אים האָט מען זיך געווענדט:

— גאָספּאָדין דרייפוס...

און אוויגדער שטעלט זיך גוט פאָר, ווי שווער זײַן ייִנגל לעבט עס איבער. דעם טאטן דערציילט ער.

בא די עלטערע קינדער איז אלץ געגאנגען גלאַט. געוואקסן, געלערנט, קיין באזונ-דערקײַטן האָבן זיי ניט ארויסגעוויזן. זיי איז אלץ געווען פארשטענדלעך, און זיי אליין זײַנען געווען פארשטענדלעך פאר אנדערע. און אויב עס פלעגן אופקומען סוידעס, איבער-לעבונגען, פארלאנגען, זײַנען זיי געגאנגען צו דער מאמען, זי זאָל זאָגן און באשיידן. בענציען קומט צום טאטן. די מאמע איז טאקע א גוטע, נאָר וויל אלץ פארגלעטן, אויס-לײַגן צום בעסערן. דער טאטע וויל די אויגן ניט פארמאכן, ער זעט דעם עמעס און זאָגט דעם עמעס. די מאמע זעט נאָר די צאָרע, דער טאטע זעט אויך די סיבע. אָט טאקע דער-פאר קומט בענציען אויסהערן דעם טאטן.

— פארשטייסט, מײַן זון, איך וויל דיך ניט באַרויִקן, געבן זיסע פּיליולן. מיר לעבן אין א שווערער צײַט. דארפסט פארגעדענקען, מײַן קינד, אז וואָס שווערער די צײַט איז, אלץ מער קויכעס דארף מען האָבן אף דורכצולעבן זי. אין גימנאזיע קוקט מען אף דיר שלעכט...

— פאָטער, אָבער איך קוק ניט אף זיי, איך קוק איצט נאָר אף זיך אליין.

— דאָס איז גוט. מע דארף קאָנען אויסהאלטן. — און דערבײַ טראכט דער פאָ-טער: „גוט" צי „ניט גוט"? גוט איז, וואָס ער קען בלײַבן אליין און זיך האלטן. ניט גוט איז, וואָס א קינד דארף עס איבערלעבן, איבערטראָגן, זײַן איינער צווישן א סאָך.

בענציען לעבט טאקע שווער איבער די אוולע, וואָס מע באגייט מיט אים. נאָך מער ווי זײַן טאטן, פארטרויט ער עס זײַן כאַווער באָריס: פארוואָס באטראכט מען אים פאר א פרעמדן? פארוואָס דארף ער טראָגן די שולד פאר דרייפוסן? פון זיך אליין און מיט

דער הילף פון זײַן כאַווער קומט אָן דער ענטפער: ער לײַדט איצט דערפאַר, ווײַל זײַ ביידע, ער און דרייפוס, זײַנען ייִדן. און ער נעמט אַפּילע איצט פאַרשטיין, אַז פריִער האָט ער זיך „אויסגעקויפט" מיט דעם, וואָס ער האָט אָפּגעלאָכט פון ייִדן. דערפאַר איז ער געווען אַן אויסנאַם. איצט איז ער שוין א ייִד, ווי אַלע. אָבער ווי קומט צו אים פאַריזש?

דער טאַטע ווײל אים פאַרלײַכטערן, זאָגט ער:

— קינד מײַנס, צײַטן בײַטן זיך. דאָס אַלץ וועט דורכגיין שוין אַליין צוליב דעם, וואָס איין צאָרע שטופּט אַרויס די צווייטע. היט דײַנע קויכעס, שאַנעווע די נערוון, א שווערע צײַט...

דער כאַווער, וואָס ווייסט אַלץ פון זײַן זיידן, דערציילט אים:

— ווייסט, וואָס מײַן זיידע זאָגט: ייִדן זאָלן ניט האָבן קיין צאָרעס, וואָלטן זיי קיין פאָלק ניט געווען.

און ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז בענצ'יען זאָל וועלן וויסן, ווער איז זײַן כאַווערס זיידע, וואָס ווייסט אַלץ. ווער איז ער?

4

דעם כאַווערס זיידע, יעקעזקל גאָטהעלף, איז א בוכהאַלטער אין א מיל. זײַן בוכהאַלטעריע פירט ער אין העברעיִש און ייִדיש. האַכנאָסע, הויצאָע. אַזויפיל זעק קעמאַך, אַזויפיל קאָרן, אַזויפיל ביטים.

דער זיידע איז א מענטש א גוטמוטיקער, פאַר אים איז אַלציינס א מיסנאַגיד צי א כאָסיד. אים אינטערעסירן וועלטלעכע פראַגן, און באַזונדערס, כאַכמאַס-האַטעווע. קיין איבעריק פרומער איז ער ניט, אָבער וואָס צו גאָט — איז צו גאָט. קיין באַלכוויוו ווײל ער אים ניט בלײַבן. ער האָט ליב דעם אויסערלעכן ריטואַל פון ייִדישע יאָמטויווים. ער האָט ניט אַזוי ליב דעם יאָמטעוו, ווי די יאָמטעווודיקײַט. פייסער, לעמאַשל, איז ער פאַרנומען מיטן צוגרייטן און אויסשטעלן דעם טיש צום סיידער מיט אַלע פּינקטלעכקײַטן. אױף א טעלער דאַרפן ליגן דרײַ מאַצעס איבערגעדעקט מיט א טישטעכל. פון רעכטס די זרויִע, פון לינקס די בייצע, מאַראָר — אינמיטן. פון רעכטס כאַרויסעס, פון לינקס קאַרפּאַס. עס טרעפט, אַז א שאַכן קומט אַרײַן פרעגן, ווי מע שטעלט אויס דעם טיש, איז יעקעזקל אָפן זיבעטן הימל.

יעקעזקל גאָטהעלף איז באַהאַוונט אין דער ייִדישער געשיכטע, גלייענט גרעצן אין העברעיִש און רוסיש. אים איז ניט פרעמד דער טאַלמוד, ווייסט א סאַך ייִדישע מײַסעס. ניין, קיין פרומער איז ער ניט. ווי שוין געזאָגט, איז ער ניט קיין כאָסיד און ניט קיין מיסנאַגיד, נאָר טראָגט טיף אין האַרצן דעם אומרו פאַרן ייִדישן גוירל. בענצ'יענען איז יעקעזקל געפעלן געוואָרן. דעם כאַווערס זיידע רעדט ניט שלעכט רוסיש, איז אַנגעטאָן הײַנטמאָדיש, טראָגט ניט קיין גרויסע אונטערגעשאָרענע באָרד. אים איז געפעלן, וואָס דער זיידע איז רויִק, רעדט געלאַסן, ווייסט, וואָס ער רעדט.

— קינדער, פון וואָס באַשטייט א מיל? פון וואָס? — און ער ענטפערט אַליין. — פון מעל און פון מײַז. ווער פאַר וועמען האָט אָבער מוירע — דער מילנער פאַר די מײַז, צי די מײַז פאַרן מילנער?

— די מײַז!

— ניין, דער מילנער.

— און אונדז האָט געדאַכט...

— אויסערלעך, פון אויבנאָף דאַכט זיך טאַקע... פאַראַן, קינדער, אַפּילע אַזא ווערטל: „שטענדיק דאַכט זיך, אַז בא יענעם לאַכט זיך, עפנט די טיר — פונקט ווי בא מיר".

— אינטערעסאַנט, — האָט זיך אָפּגערופן בענצ'יען. אים געפעלט איצט אַלץ, וואָס קאָן אַרויסרופן סימפּאַטיע צו ייִדן. — פאַרוואָס דער מילנער?

— עסן ווילן דאָך אַלע. און באַזונדערס — מײַז. גיט מען זיי ניט מיט גוטן, נעמען זיי מיט בייזן. זיי באַפאַלן די זעק מיט מעל, בײַסן, רײַסן, גראַבלען, שעדיקן, טוען אָן א גרויסן שאָדן. האָט דער מילנער פאַר זיי מוירע, שיט ער זיי אויס אָפן דיל מעל, זיי זאָלן עסן און זאַט זײַן. איז די מויז זאַט — ווערט איר דאָס מעל ביטער, און גייט צוריק אין איר רו אַרײַן.

דער זיידע פאַרענדיקט:
— ניט אַלץ, וואָס פון אויבן, דאַרף מען גלייבן.
און בענציען זאָגט אים גלײַך נאָך: דעם בילבל אַף דרייפוסן.

5

אין שטוב בײַ זײַן כאַווערס זיידע האָט בענציען דערפילט די זעלבע היימישקײַט, וואָס דערמאָנט אים אָן דער היימישקײַט בײַ דער מומע מאַשע, ווען דער פעטער עזרע איז נאָך געווען אינדערהיים און ווען ער האָט זיך געכאַווערט מיט סימכען. די לעצטע צײַט האָט זיך אין בענציענס באַנעמען עפּעס געענדערט. ער גלייבט איצט דער מאַמען, אַז סימכעס טאַטע איז ניט שולדיק, אומזיסט געליטן. ס'איז דאָס זעלבע, ווי מיט דרייפוסן — אַ בילבל. פאַר אים איז איצט אַנדערש קלאָר געוואָרן דער מאַמעס רייד וועגן דעם, אַז די מומע מאַשע האָרעוועט פון אינדערפרי ביז באַנאַכט — מאַכט פּאַפּיראָסן, — קעדײַ פאַרדינען ברויט פאַר די קינדער. ס'איז, עמעס, דער זעלבער טאַבעק און די זעלבע הילזן, וואָס פריִער, די זעלבע הענט, נאָר הײַנט זעט עס אַלץ אויס אַנדערש — הענט פון אַ מאַמען, וואָס זאָרגט פאַר אירע קינדער. פון סימכען שמעקט מיט טאַבעק, ווײַל ער העלפט דער מאַמען. דערצו טראַכט ער: און ווען ער אַליין איז אַף סימכעס אָרט, וואָלט ער דען ניט געהאָלפן?

ס'איז צום אָרט דאָ צו זאָגן וועגן בענציענען מיט די ווערטער פון דעם דיכטער לייזער וואָלף: ער איז נאָך אַ קינד, אַ קינד מיט עלטערע געדאַנקען. די צײַט איז אַזאַ, זי מאַכט קינדער עלטער. און אויך דערפאַר קומט ער צום טאַטן דערציילן און פרעגן. אָבער ווען ער דערמאָנט זיך וועגן מאַשען און סימכען, וועגן דעם פעטער עזרע, ציט אים מער צו דער מאַמען. ער וויל זי פרעגן, וואָס זיי מאַכן, נאָר פרעגט ניט, ער שעמט זיך. זיי וועגן אים דערמאָנען זיך דאָך ניט.

ער האָט אַ טאָעס.

סימכע און בענציען האָבן איינער פון דעם אַנדערן ניט געוואָלט וויסן, אָבער געוווּסט. עס גייט בײַ זיי צוזאַמען: דאָס ניט וועלן וויסן מיטן וועלן וויסן.

אין שטוב בײַ סימכען, באַם גרויסן טיש, וואָס שטייט אינמיטן צימער, ווו עזרע פלעגט פּייסעך פרעגן די פיר קאַשעס באַם זיידן, זיצן איצט מאַשע מיט עזרען און מאַכן פּאַפּי־ראָסן. עס שמעקט מיט טאַבעק איבער דער גאַנצער דירע. מאַן און ווײַב האָבן אַף זייער לעבן זיך אַזויפיל ניט אָנגערעדט, ווי באַם טיש מיט טאַבעק, און ניט אַרויסגעוויזן אַזויפיל ליבשאַפט איינער צום אַנדערן, ווי באַם מאַכן פּאַפּיראָסן. אין דער גאַנצער וועלט זײַנען איצט פאַראַן נאָר זיי ביידע און זייערע קינדער. מער דאַרפן זיי איצט גאָרניט, מער ווילן זיי איצט גאָרניט.

נאָכן אומקערן זיך פון סיביר, האָט קיינער ניט געוואָלט נעמען עזרען אַף אַרבעט. מאַכט ער צוזאַמען מיט מאַשען פּאַפּיראָסן. סימכע איז פון דער דאָזיקער אַרבעט באַפרײַט. ער לערנט אין דער ייִדישער קאַזיאָנער שול. ער לערנט זיך גוט, ער וויל פאַרשאַפן דעם טאַטן מיט דער מאַמען פאַרגעניגן. ער איז אויסגעהונגערט נאָך אַ פריילעכער מאַמען און אַ גוטן טאַטן. אויך אַף סימכען האָט די מײַסע מיט דרייפוסן געמאַכט אַ גרויסן רושעם, אויך ער האָט איבערגעלעבט, אָבער אַנדערש... צאָרעס און בילבולים זײַנען פאַר אים קיין נײַס ניט. ער איז נאָך פריִער עלטער געוואָרן פון זײַנע יאָרן. ער ווייסט דען ניט, אַז ס'איז שלעכט. אָבער, ריבוינעשעלוילעם, ווען איז גוט געווען? אין שול איז אים לײַכטער, קיינער קוקט אַף אים ניט קרום, קיינער דערמאָנט ניט דעם נאָמען דרייפוס. סײַ די לערער און סײַ די שילער פילן גוט אַף זיך די לאַסט פון שווײַגן, וואָס איז מער פון ריידן און שווערער פון ריידן. און דעמאָלט קומט אויף בײַ סימכען די פראַגע: און בײַ בענציענען אין גימנאַזיע? שווער, געוויס שווער.

זיי ווילן ניט וויסן איינער פון צווייטן, נאָר זיי ציט איינער צום אַנדערן. קאָן זײַן, אַז דאָס שטאַמט פון פאַרדראָס, אפילע פון פײַנטשאַפט, אָבער דער פאַרדראָס און די פײַנשאַפט פאַרייניקט זיי, בינדט זיי צונויף.

סימכען איז לײַכטער מיט דעם, וואָס ער קאָן פאַרגרינגערן זײַן געמיט מיט פאַנטאַ־זירן, מיט אַריבערטראָגן די ווירקלעכקײַט אין געדאַכטעניש, אויסטראַכטעניש, אין בילדער, וועלכע ער כאָלעמט אויס. ער אַנטלויפט פון אַ צאָרע, ווען ער וויל בײַ איר ניט בלײַבן.

אף זײַן געלעגער, ‏פֿאַרן שלאָף, מאָלט ער אױס בילדער און געשעעענישן לױט זײַן פֿאַר־לאַנג. אַט דעמלט זעט סימכע אױך בענצױנען. ער באַטראַכט אים פֿון דער זײַט, בענציָען זאָל אים ניט באַמערקן. ער שעמט זיך.

זינט עזרע איז געקומען צוריק אַהײם, איז נאָך ראָזע טאַקע קײן אײן מאָל ניט געװען בײַ די מאַזאָװערס. פֿריִער װאָלט זי זיך אַזױנס ניט געקענט פֿאָרשטעלן, די ערשטע װאָלט זי געקומען צו לױפֿן באַגריסן עזרען און קושן מאַשען. איר איז איצט ביכלאַל געװאָרן שװער אױסצופֿילן אירע פֿאַרלאַנגען, װעלכע קומען לאַנגזאַם און גײען גיך אַװעק, עס בלײַבט גאָרניט איבער. די גאַנצע צײַט אָבער שטײט איר עזרע פֿאַר די אױגן. עמעס, ער ענדערט זיך אָפּט, אַלע מאָל אַנדערש. זי זעט אַ יונגן און פֿעסטן, װי אין זײער ערשטער באַגעגעניש, אַט קומט ער אױף, װי אַף דער זעונג אין טורמע, אַ פֿאַרװאַקסענער, מיט אומעטיק־טרױעריקע אױגן. און אַט גאָר... האַלטן זײ זיך פֿאַר די הענט און גײען אין טיפֿן שנײ. װי זעט ער איצט אױס? זי קאָן זיך עס ניט פֿאָרשטעלן. אײנס װײסט ראָזע: צוזאַמען מיט מאַשען זיצט עזרע באַם טיש און מאַכט פּאַפּיראָסן. איר פֿאַרדריסט עס. ס׳איז איר מאַמעש ניט גוט. זי מוז עס זען מיט די אײגענע אױגן.

עזרעס קומען צוריק אַהײם האָט מען אין אַ סאַך הײַזער פֿון דער שטאָט אױפֿגענומען מיט מיטגעפֿיל. אַפֿילע די, װאָס האָבן אים פֿריִער געזידלט, זאָגן איצט: אַ מענטש האָט געליטן, ניט אַלע װאָלטן עס געקענט אױסהאַלטן. און פֿאַראַן אױך אַזױנע, װאָס פֿרײען זיך מיט עזרעס אומקערן זיך אַהײם צו װײַב און קינדער. אײניקע קומען אַפֿילע מיט מאַטאָנעס.

עזרע מיט מאַשען װאַרטן אַף ראָזען. סימכע װאַרט אױך, צי דען װעט די מומע ראָזע ניט קומען? ראָזע קומט ניט.

6

ניט פֿערעץ מיט פֿערעלען, ניט טעװקע מיט אַניעטשקען זײַנען געװען פֿון די ערשטע געסט בײַ די מאַזאָװערס. זײ װילן קײן כשאַד ניט אַרױסרופֿן, מעגלעך, מע גיט אַכטונג אַף עזרעס שטוב. דער ערשטער איז געקומען אורעמעלע, ער רופֿט בײַ קײנעם קײן כשאַד ניט אַרױס. עזרע און מאַשע זײַנען געװען צופֿרידן. ער איז בײַ די מאַזאָװערס געזעסן ניט לאַנג, נאָר דערבײַ פֿאַרדינט אַ מיצװע, געמאַכט די בראָכע „מאַטיר אסורים״. ער האָט שױן אױך געמוזט אײן װאָרט כאַטש זאָגן װעגן קוסיעל ציפֿער. אורעמעלע, װאָס באַמיט זיך זײַן צו אַלעמען גוט און יױשערדיק, מײַדט איצט אױס אײן מענטשן — קוסיעלן.

— מיטאַמאָל האָט ער אָפּגענאַרט דרײַען. דרײַען, איר פֿאַרשטײט... זיך אַלײן, מיך און דעריקער אָפּגענאַרט גאָט, דעם אַלמעכטיקן. אױסגעשפּילט האָט אײן מענטש — ציפֿ־קע, זי דאַרף אַ מאַן. אָבער קוסיעל?

אין קוסיעלן האָט ער געגלײבט. קוסיעל איז געװען אױך זײַן, אורעמעלעס, פֿאַר־שטײער פֿאַר גאָט. זײַן האָפֿענונג און גלױבן איז געגאַנגען צום הימל דורך קוסיעלס געבעט. אַ שטאָט האָט זיך אַף אים פֿאַרלאָזט. און װאָס האָט זיך אױסגעלאָזט? אַנטלאָפֿן פֿון גאָט, מיעס אַנטלאָפֿן. אָפּגענאַרט אַ גאַנצע קעהילע. אורעמעלע איז שטאַרק אומצו־פֿרידן.

קוסיעל פֿאַרשטײט עס. ער מעג זאָגן, אַז ער איז שױן געװען בײַ גאָט אין הימל, און איצט האָט ער פֿאַרלאָרן סײַ די־װעלט, סײַ יענע־װעלט. ער איז דען אַלײן מיט זײַן גוטן װילן פֿון גאָט אַװעק? און ביז איצט קומט פֿאַר אין אים אין דער שטרײַט צװישן גאָטס פֿערעש און ציפֿעס מאַן. ער קען זיך אָבער מיט גאָרניט העלפֿן. דער מאַן איז שטאַרקער פֿון דעם פֿאַרעש, ציפֿע איז שטאַרקער פֿון גאָט. און ער װענדעט זיך צום אײבערשטן, װי צו אַן אַלטן באַקאַנטן:

— פֿאָטער אין הימל, דו װײסט דאָך, אַז אַ גוטנפֿרײַנט באַקומט מען אומזיסט, אַ סױנע דאַרף מען זיך קױפֿן. איך האָב דען זיך געװאָלט אײַנקױפֿן אורעמעלען פֿאַר אַ סױנע? פֿאַרגיב, איך בין זינדיק.

אין אַלע הײַזער דערמאָנט מען דרײפֿוסן, אַלע בעטן פֿאַר אים, דער אײבערשטער זאָל אופֿדעקן דעם עמעס און אים באַפֿרײַען. אין אַ פּראָסטיקן פֿרײַטיק אײנאָװנט נאָך דער װעטשערע האָט אין װאַרעמען גרױסן בעסמעדרעש דער מאַגיד געזאָגט אַ דראָשע,

אז דער אלמעכטיקער שטראָפֿט, ווײַל ייִדן זינדיקן. און כאָטש דער מאַגיד האָט קוסיעלס נאָמען ניט דערמאָנט, האָבן מענטשן פֿאַרשטאַנען, אַז אויך צוליב קוסיעלן שטראָפֿט גאָט.

אַנדערש באַנעמט מען קוסיעלס לאַגע בײַ יעקבֿזקלן געטהעלף אין שטוב. באַזונדערס פֿאַרשטייען אַנדערש די באַציִונג צווישן ציפּען און קוסיעלן יעקבֿזקלס בײדע ייִנגערע טעכטער.

ניט נאָר די מענטשן אַליין, נאָר אויך די דירה בײַ יעקבֿזקלען איז אַנדערש, ווי בײַ די שכנים. קיין רײַכקייט איז אין שטוב ניט פֿאַראַן, מע לעבט באַשיידן, יעקבֿזקל און די טעכטער טוען אַלץ, אַז די שטוב זאָל האָבן אַ פֿרײלעכן אויסזען. דאָס אַלטע מעבל ווערט אַזוי פֿאַרפּוצט, אַז די אַלטקייט זעט זיך ניט אָן. אין גרויסן צימער זײַנען די ווענט און דער סופֿיט בלענדיק ווײַס. די לאַנגע גאַרדינען אויף די פֿענצטער זײַנען פֿאַרשיידנקאָליריק. די ווענט ווערן באַפּוצט מיט בילדער, וואָס די טעכטער אַליין מאָלן. דעריקער מאָלן זיי בלומען און פֿאַרשיידענע פֿאַנטאַזיעס. מאָלן מענטשן גיט זיך זיי ניט אײַן. מענטשן „בײַסן" זיך. זיי האָבן געפּרוּווט אויסמאָלן זייער שטוביקע קאַץ, אַ געלע מיט ווײַסע לאַפּקעס, האָט זיך באַקומען גאַרניט ענלעך אויף זייער קיס-קיס, נאָר בכלל אַ קאַץ.

בײדע מיידלעך שטייען אין שידוכים. אינגיכן קענען זיי ווערן קאַלעס.

יעקבֿזקלס ווײַב סימע די שיינע (געווען אַמאָל אַ שיינהייט) האָט אין אַלץ איר אייגענע מיינונג. איר שאַרפֿער מויל ברענגט אַרויס אַ געדאַנק מאַטעמאַטיש-פּינקטלעך. זי איז שטענדיק פּראַקטיש, זאַכלעך, זי ווייסט גוט, וואָס זי וויל. ווען זי איז געווען אַ יונג מיידל האָט מען זיך געוווּנדערט, ווי בײַ איר גייט געפּאָרט שיינקייט און אויסגערעכנטע טרוקנקייט, אָן אַ פּיצעלע ראָמאַנטיק, אָן שטיפֿערישער פֿאַרשײַטקייט. נאָך דעמאָלט האָט מען געזאָגט: אַ ראַוו קאָן זי זײַן, אַ רעבעצן — ניין. יעקבֿזקל נעמט אַמאָל אָן אירע אַ ניכטערע אייצע. די מיידלעך — קיינמאָל ניט. זיי קענען ניט אָפּנעמען אַ הויכן געדאַנק, וואָס האָט ניט קיין האַרץ.

— מאַמע, דו ביסט ניט גערעכט, ווײַל דו ביסט צופֿיל גערעכט. דו באַשולדיקסט אין אַלץ קוסיעלן...

— ציפּע איז גערעכט!

— דו שנײַדסט אָפּ מיט אַ מעסער „ציפּע איז גערעכט". און קוסיעל איז קיין מענטש ניט? דער עמעסער ראַכמאָנעס איז אויף אים. אַזויפֿיל געליטן...

— ראַכמאָנעס איז קיין מאָטיוו ניט.

און די מיידלעך ענטפֿערן דער מאַמען, אַז איר עמעס איז ערגער פֿון אַ ליגן. אַן עמעס, וואָס לעבט ניט, וואָס האָט קיין געפֿיל ניט, וואָס פֿענטעט הענט און פֿיס. די מיידלעך זײַנען יונגע און האָבן ליב אַ שיין וואָרט.

יעקבֿזקל מישט זיך ניט. הײַנט איז שאַבעס. ער איז אָנגעטאָן אין אַ שלאַפֿראָק, איבערגעבונדן מיט אַ שנור און צוויי קוטאַסן. אין די אַמפּערײַען צווישן דער מאַמען מיט די טעכטער זוכט ער שטענדיק אויס דעם גאָלדענעם מיטן. און סײַ די פֿרוי, סײַ די טעכטער זײַנען פֿון דעם אומצופֿרידן.

די שטוב בײַ יעקבֿזקלען איז אַ ייִדישע, ווײַל דאָרט וווינען ייִדן. די מוטער און די טעכטער זײַנען קאַלט צום ייִדישן לעבן און ייִדישע פֿראַגן. די מוטער זעט אין דעם ניט קיין פּראַקטישע נויטווענדיקייט. די טעכטער ווילן ניט פֿאַרבלײַבן אין די ענגע ייִדישע דאַלעדאַמעס. זיי האָבן ליב פּושקינען און גאָגאָלן, לייענען טאָלסטאָיען און דאָסטאָיעווסקען, זיי פֿילן זיך אין דער ברייטער וועלט, דורך זייערע פֿענצטער קאָן מען זען די ייִדישע גאַס, און זיי ווילן זײַן און זען פּעטערבורג און מאָסקווע.

יעקבֿזקל געטהעלף, וואָס איז קנאַפּ רעליגיעז און ניט נאָענט מיט גאָט, איז אָבער ייִדיש-נאַציאָנאַל. אים רירן אָן פֿאַרשיידענע זײַטן פֿון ייִדישן לעבן. פֿאַר לײַטן איז ער אַ מענטש, וועמען מע אַכט און מע גלייבט, באַקאַנטע קומען צו אים פֿרעגן אַן אייצע, פּאַרטײַטשן אַ פּאָסעק אָדער קלאָר מאַכן אַ דאַטע אין דער ייִדישער געשיכטע. בײַ זיך אָבער אין שטוב איז יעקבֿזקל ווינציקער אוטאָריטעט. די טעכטער האַלטן אים פֿאַר צופֿיל ייִד. זיי לאַכן אַפֿילו:

— פּאָטער, ווו נאָר אַ גרויסער מענטש מאַכסטו אים פֿאַר אַ ייִדן...

אָבער עס מאַכט זיך, אַז גאַנץ ערנסטע מענטשן, שכנים אָדער באַקאַנטע, קומען צום טאַטן אין געסט. די מאַמע שטעלט דעם סאַמאָוואַר, אַרום טיש איז געמיטלעך און פֿריילעך. אין אַזוינע שאָען איז יעקבֿזקל דער אוטאָריטעט בײַ זײַנע אייגענע. מענטשן הערן זיך אײַן צו זײַנע רייד, דאַנקען אים. אויף מאָרגן פֿאַרגעסן עס די טעכטער, אויף מאָרגן זײַנען זיי אומצופֿרידן: ניט געווען אין די נעכטיקע געשפּרעכן קיין פֿאַרנעם, מע רעדט

אלץ וועגן זאַכן היימישע, פאַרשטענדלעכע, באַוווּסטע. און די טעכטער ווילט זיך הערן אַזוינס, וואָס זיי האָבן געהערט פון דעם מאָסקווער סטודענט, וועלכער איז געקומען אַף זומער אַהיים צו די עלטערן — געדאַנקען מיט אַ ברייטן פאַרנעם, מיט זאָרג פאַר דער וועלט, מיט אומרו פאַר דער מענטשהייט. די מיידלעך מאָלן דעמלט בילדער מיט פאַנטאַזיעס. זיי לייגן אַריין מי, פאַרבן, געדאַנקען. זיי אַליין זעען און פאַרשטייען די בילדער, אַ מענטש פון דער זייט באַנעמט ניט און פאַרשטייט ניט.

די מאַמע רופט אָן די בילדער — מיידלשע געדאַנקען ערעוו דער כאַסענע.

— דעם דאָקטערס גימנאַזיסט איז געקומען. — אַזוי גיט איינע פון די טעכטער צו וויסן דעם טאַטן.

דאָקטער... גימנאַזיסט... דער קויעך פון אַזוינע ווערטער איז אין דער שטאָט זייער גרויס. ביפּראַט, אַז אין דעם פאַל קומען זיך צונויף ביידע גרויסן. דער טאַטע איז דער באַוווּסטער דאָקטער אוויגדער קאַדיש, דער זון איז זיין געליבטער מיזיניק, דער גימנאַזיסט בענציען. און כאָטש בענציען איז דאָך נאָך אַ יינגל, נעמט מען אים אויף מיט קאָוועד. די מיידלעך, וואָס זיינען עלטער פון אים און קאָנען טאַקע אינגיכן ווערן קאַלעס, שמועסן מיט אים, ווי מיט אַ גלייכן.

ס'איז נאָך אַלץ דער זעלבער פּראַקטיקער ווינטער. דער צווייטער האַלבער טאָג פון שאַבעס, ווען בענציען איז שוין פריי פון לערנען, מאָרגן איז זונטיק — לערנט מען ביכלאַל ניט. אין אַ פרייער שאָ איז ער געקומען צו יעכעזקל גאָטהעלף הערן טשיקאַווע מייסעס, געשעענישן פון דער יידישער געשיכטע. בענציען פילט, אַז ער דאַרף פאַרפעסטיקן, פאַרשטאַרקן אין זיך זיין אָנגעהעריקייט צו יידן, ער זאָל ניט דאַרפן צווייפלען. ער זוכט שיינקייט, העלדישקייט... און ער איז צופרידן, מאַמעש גליקלעך, ווען אים גיט זיך איין אַליין זיך צו דערוויסן, אַז יידן זיינען אַ פאָלק, ווי אַלע פעלקער, און ער האָט זיך ניט מיט וואָס צו שעמען. נאָך דעם, ווי יעכעזקל פאַרענדיקט דערציילן, טרעטן אַרויס די מיידלעך, זיי האָבן אַן אַנדער מיינונג.

— לעגענדעס, שיינע מייסעס... ווער איז דערביי געווען? און ווען איז עס געווען? זאָגט נאָר, בענציען, אייך אינטערעסירן נאָר יידן? מער קיין מענטשן זיינען אַף דער וועלט ניט פאַראַן? מיר טיילן זיך אַליין אויס, מיר שאַפן זיך אַליין אַ „טשערטאַ אָסעדלאָסטי". און די מענטשהייט? און די וועלט? מע לאַכט דאָך פון אונדז.

בענציען ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן. עס דערמאָנט אים זיינע אייגענע פּאַראַיאָריקע געדאַנקען. צי זיינען די מיידלעך אומגערעכט? צי איז דער טאַטע זייער גערעכט? ער האָט וועגן וואָס צו טראַכטן.

— און דרייפוס? — זאָגן ווידער די מיידלעך. — וויפל בילבולים מאַכט מען אַף אַנדערע?

דאָ דערפילט בענציען, אַז די מיידלעך זיינען ניט גערעכט. ער ווייסט שוין, אַז דאָס איז אַ בילבל אַף איינעם, און ליידן וועט אַ גאַנץ פאָלק.

ווען צו די מיידלעך קומען זייערע כאַווערטעס, די שוועסטער לאַפשין, דעמלט זיינען זיי אַלע פריי אויסצודריקן זייער אומצופרידנקייט מיט זייערע עלטערן, וועלכע טראַכטן גאָרניט וועגן דער מענטשהייט און וועגן דער וועלט. דער באַלעבאָס פון דעם וויין-געשעפט לאַפשין האָט געבילדעטע טעכטער, ווער עס האָט געלערנט אין גימנאַזיע, ווער אין פּראָגימנאַזיע. זיינען זיי אומצופרידן מיטן איצטיקן לעבן אַף דער וועלט, באַזונדערס איז אומצופרידן די שוואַרצע און שטאַלטנע ביילע.

7

בענציען וויל „פאַרפעסטיקן, פאַרשטאַרקן..." סימכע דאַרף עס ניט. ער איז אַזאַ, ווי ער איז, ווי ער וויל, ווי ער דאַרף. ער האָט זיך ניט געניייטיקט אין קיינע באַווייזן, אַז דרייפוס איז ניט שולדיק, אַז דאָ שטעקט אַ בילבל. צו אים איז עס געקומען פון זיך אַליין, פון דער טיפעניש, וואָס גייט פון דורעס. פון טאַטע-מאַמע האָט ער געהערט, אַז ראָזע קאַדיש קליינבט זיך צו זיי אין געסט. ווילט זיך אים וויסן: צי וועט מיט דער מאַמען אויך קומען בענציען? דעם עמעס זאָגן, וויל ער אים זען. פאַרשטייט זיך, אַז נאָר פונדערווייטן, ניט ריידן, ניט פרעגן, אַפילע זיך ניט אָנקוקן. עס ווילט זיך פּאַשעט וויסן: ער איז נאָך באַ זיך אַזוי גרויס, פאַריסן, קוקט ניט אַף קיין מענטשן?

ראָזע קלײַבט זיך טאַקע צו די מאַזאָוועס. זי צווייפֿלט שטאַרק, צי בענציען וועט אויך וועלן מיטגיין. און בענציען פֿאַרשטייט ניט, פֿאַרוואָס רופֿט אים ניט די מאַמע צו דער מומע מאשע. ער וויל זען דעם פֿעטער עזרע, ער וועט שוין אויך זען סימכען. פֿאַרשטייט זיך, אַז נאָר פֿונדערווײַטן, ניט ריידן, ניט פֿרעגן... ער וויל נאָר וויסן, צי איז נאָך סימכע אַף אים אַזוי אַנגעשטויסן, ווי אַ סוינע, קוקט ניט אין זײַן זײַט.

אינדערעמעסן, כאָטש ביידע זײַנען עלטער פֿון זייערע יאָרן, זײַנען זיי דאָך סאָפֿקאָל־סאָף נאָך קינדער, ייִנגלעך. זיי זײַנען גאָרניט אַזוי שטאַרק פֿאַרהאַרטעוועט אין שלעכטע געפֿילן, בייזקײַט, נעקאָמע. מע זאָל זיי אונטערוואַרעמען מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ שמייכל, צעגייט זייער פֿאַרדראָס. זיי וועלן אַליין נעמען שמייכלען, פֿאַרגעסן, פֿומזאַנען שטאַמט זייער בארויגעז.

— מאַמע, דו קלײַבסט זיך צו די מאַזאָוועס?

— יאָ, מײַן קינד. צום פֿעטער עזרע.

— מאַמע, — האָט בענציען געזאָגט מיט אַ טײַנע, — פֿאַרוואָס רופֿסטו מיך ניט? איך וויל אים זען. געקומען פֿונווײַטן, געליטן צוליב אַ בילבל.

ראָזע איז צופֿרידן.

— וואַדע, וואַדע... קום, מײַן קינד, קום.

בײַ די מאַזאָוועס אין שטוב שײַנט אַרײַן די ווינטערדיקע שטײַפֿע זון און באַלײַכט דעם טיש, וואָס איז פֿול מיט גלעזלעך טאַבעק און ווײַסע הילזן. אויך די גלעזערנע טירלעך פֿון דער שאַפֿע זײַנען באַלויכטן און עס זעען זיך אַרויס די שפּיצן פֿון דעם גלאַנציקן פּאַפּיר אַף די פּאָליצעס. נעכטן, שאַבעס, האָבן עזרע מיט מאַשען געוואַרט אַף ראָזען. דער טיש איז געווען אַ שאַבעסדיקער, מיט אַ ראָז־ווײַסן סערוועט. ראָזע איז ניט געקומען. הײַנט זיצן ביידע בײַם וואָכעדיקן טיש און מאַכן פּאַפּיראָסן. זיי וואַרטן אַף קיינעם ניט. און ס'איז זיי בעסער און רויִקער, ווען זיי זײַנען אַליין.

— דו ווייסט זען, עזרע, זי וועט קומען הײַנט... — מאַשע האָט ניט באַוויזן ענדיקן די פֿראַזע, זײַנען אַנגעקומען ראָזע מיט בענציענען. — מע זאָל דערמאָנען מאַשיִעכן.

די באַגעגעניש איז געווען אַ שטילע און אַ לאַנגזאַמע. פֿריִער האָט מען זיך גוט אָנגעקוקט, דערנאָך האָט זיך ראָזע געקושט מיט מאַשען און האָט אויך עזרען אַ קוש געטאָן אין באַק. דעמלט האָט מען זיך אויסגעזעצט אַרום טיש. דעם טאַבעק און די הילזן האָט מען אַראָפּגענומען, געלייגט דעם שאַבעסדיקן סערוועט און בּיסלעכווײַז האָט זיך אַנגע־הויבן דער געשפּרעך צווישן זיך, ראָזע — אַ פֿולע, אַ ברייטע, אַ שווערע, מאַשע — נאָך אַלץ אַ שטאַלטנע, מיט אַ מיד־בלאַסן פּאָנעם, אָבער ווידער מיט פֿריילעכע אויגן. ווינצי־קער פּאָר אַלעמען האָט זיך געענדערט עזרע. די האָר נאָר זײַנען געוואָרן אַ ביסל שיטערער.

די ערשטע רגע בײַם אַרײַנקומען אין שטוב האָט ראָזע טייקעף דערזען, ווי עזרע זיצט בײַם טיש אין אַן אַלט העמדל, אין היימישע אָפּגעטראָגענע מעשטעס און שטופּט מיט אַ שטעקעלע טאַבעק אין אַ הילזע. ס'איז איר פֿון דעם מאַמעש קאַלט געוואָרן. (זי איז דאָך בעקיוון געקומען זונטיק, ווײַל שאַבעס אַרבעטן זיי ניט). איר איז שווער צו באַנעמען: עזרע, וואָס קאָן ריזיקירן און איז ניט ענלעך אַף אַנדערע, עזרע, וואָס איז געקומען פֿון סיביר, טוט אַ ווײַבערשע אַרבעט — מאַכט פּאַפּיראָסן. עמעס, ער האָט קיין ברירע ניט. אָבער איר איז אַזוינס שטאַרק ניט צום האַרצן.

בײַם טיש זיצט אויך בענציען, ער הערט און שווײַגט. ער וואַרט, אַז אָט־אָט וועט זיך סימכע באַווײַזן. פֿרעגן וועט ער גאָרניט, זאָל גאָט אויסהיטן. און סימכע, וואָס וויל אויך גאָרניט פֿרעגן, קוקט אַרויס פֿון אַ זײַטיקער טיר צום טיש, ער זעט בענציענען. פֿאַר אים איז עס גענוג. עמעס, ווען עמעצער פֿון די היימישע זאָל אַ רוף טאָן: „סימכע, בענציען איז געקומען!”, וואָלט ער אַרויס צום טיש. קיינער רופֿט ניט.

אין פּראַסטיקן אָוונט מיט פֿאַרשנייטע גאַסן און פֿאַרקילטע פֿענצטער גייט די מאַמע מיט איר זון צוריק אַהיים, ביידע שווײַגן. בענציען פֿאַרשטייט ניט, פֿאַרוואָס האָט זיך סימכע ניט באַוויזן, ניט אַרויס צום טיש, ער איז נאָך אַלץ בארויגעז, אַלץ אַ סוינע? און ראָזע פֿאַרשטייט ניט, פֿאַרוואָס נעמט זי זיך אַזוי צום האַרצן וועגן עזרען. אַלץ, וואָס צווישן זיי איז אַמאָל געווען, איז שוין פֿאַרוואַקסן און פֿאַרגעסן.

בענציען איז גיך אײַנגעשלאָפֿן, די מאַמע אָבער ניט. שווער צו זאָגן, צי שטאַמט עס פֿון ראָזעס גוטסקײַט אָדער פֿון דערמאָנען פֿאַרגאַנגענע יאָרן, צי גאָר עפּשער פֿון דעם, וואָס צוליב דרייפֿוסן האָט זיך ראָזע אויפֿגעוועקט פֿון איר דרעמל־צושטאַנד, זיך דערמאָנט אָן איר מיזיניק, און בענציען פּירט שוין גלײַך צו עזרען. ווי דאָס זאָל ניט

זײַן — איז איר צוגעקומען א זאַרג: עזרע מאכט פּאַפּיראָסן! אזוי טאָר עס ניט פאַרבלײַבן. וואָס קאָן זי אָבער טאָן, מיט וואָס קאָן זי העלפן? בעטן דעם עלטערן ברודער, ער זאָל עזרען ווידער נעמען אָף דער אלטער שטעלע, פּאסט איר ניט. וואָס פאַר א שײַכעס האָט זי צו עזרען. און צי וועט עס העלפן? איצט פעלט איר די מומע לייע. אַך, די מומע לייע! זי שלאָפט ניט אײַן, ביז עס קומט אָן דער געדאנק: איר מאַן, דאָקטער קאַדיש, זאָל ריידן מיטן ברודער. אוויגדערן וועט דער ברודער ניט קענען אָפּזאָגן. זי שלאָפט אײַן.

8

באם לעבן האָט די מומע לייע (אָדער די מאמע לייע) זיך באוואָרנט מיט אלע נייטיקע פּאַפּירן וועגן דעם, אז דער יורעש פון איר און איר מאנס פאַרמעגן איז טעוויע קושניר. און ביז טעוויע וועט זיך אומקערן אהיים, איז די באלעבאָסטע אניעטשקע. און אניעטשקע, האָט זיך אויסגעלאָזט, האָט גוטע הענט: וואָס זי נעמט ארײַן — לאָזט זי ניט ארויס. זי איז א בעריע, א פלינקע, א געניטע.

טעוויע קערט זיך אום אהיים, ער איז ניט אינגאנצן זיכער מיט זיך, מיד און אומרויִק. ער קערט זיך אום אין א שטוב, ווו די מומע לייע איז שוין ניטאָ, איר מאַן איז ניטאָ, ער פאָרט גאָר אהיים צו אניעטשקען, זי איז זײַן קאלע. אים איז עס שווער זיך פאָרצושטעלן. מע קאָן אָבער זאָגן, אז אים האָט אפילע אָפּגעגליקט. ער דאַרף איצט א מענטשן, וואָס זאָל אים העלפן, טרייסטן און אים פירן. און אניעטשקע פאַרמאָגט די שטארקע האנט, א האנט פון ליבע און פון כעזשבן. דערצו איז זי באהאוונט אין לייעס אלע געשעפטן. טעוויע קען אפילע די געשעפטן ניט באנעמען, וואָס פאַר א סויכער איז ער? זי פירט, און ער לאָזט זיך פירן. ס'איז פאָרגעקומען א שטילע כאסענע. אניעטשקע איז די גליקלעכסטע אָף דער וועלט. זי איז דאָך גאָרניט געווען זיכער, אז טעוויע וועט ווערן איר מאַן. איצט זײַנען אלע אירע פאַרלאנגען מעקוייעם געוואָרן. זי האָט אים ליב, און ער נעמט זי אויך ליב באקומען, א ווײַב. זיי זײַנען אָבער אינגאנצן פאַרשיידענע. זי פאַרשטייט עס ניט. ער פאַרשטייט עס גוט. זי איז געבוירן אָף מיסכער און בעריעשקײַט. וואָס ווײַטער ווערט זי אלץ מער זיכער אין זיך, באלעבאטעוועט, קען זיך אוועקשטעלן, ווי א גווירנטע, וואָס האָט רעכט צו זאָגן דייעס. טעוויע פילט איר זאָרג וועגן אים, נאָר פילט ניט דעם מענטש ארום זיך. זי איז זײַן ווײַב. אין איר יעדן ווענד און קער זעט ער איר געטרײַשאפט, געטרײַשאפט פון לײַב, אָבער ניט פון געדאנק. זי וועט אָף אים ניט לאָזן קיין שטויבעלע פאלן, זי וועט אים אויך ניט לאָזן אָן איר וויסן א טראָט מאכן.

ער האָט זיך א ביסל באַרויִקט, גענומען זיך בעסער פילן, האָט אים אניעטשקע דערציילט, וואָס ער פאַרמאָגט און איבער וואָס ער איז באלעבאָס. אויך האָט זי צוגעגעבן וועגן דעם, אז לייעס מאַן איז געווען א שוטעף אין א מיל (די זעלבע מיל, ווו יעכעזקל גאָטהעלף איז בוכהאלטער) און אז די שוטפעס איז אריבער צו אים, צו טעוויע קושניר.

יאָ, טעווקע האָט זיך באַרויִקט. ווי פריִער איז ער צײַטנווײַז א שווײַגער, אָבער שוין ניט קיין לאכער, ווי פריִער. געבליבן איז דער דינער שמייכל, וואָס זאָגט ניט אלעמאָל אויס, וועגן וואָס עס שמייכלט זיך. די קליינע שווארצע באָכערישע וואָנצעלעך זײַנען געוואָרן מענעריש-געדיכט. און ער אליין, טעוויע — א מאנצבל און א מאַן. פון טאָג צו טאָג פילט ער זיך בעסער, זיכערער, ער נעמט זיך ארומקוקן, ווו האלט ער אין דער וועלט, און אים קומט אויס ווונדערלעך און ווילד, וואָס ער איז א באלעבאָס, א גוויר. אניעטשקע פרייט זיך, איז גליקלעך, און אים איז עס שווער. ער זאָגט עס ניט, אניעטשקע וועט עס סײַווי ניט פאַרשטיין. צו אים קערן זיך אום די יאָרן פון פאר סיביר. ער וויל זען עזרען, פערעצן, פערעלען... ער בענקט. ער וויל ניט זײַן קיין אנדערער, ווי ער איז פריִער געווען. אניעטשקען קומט אפילע אפן געדאנק ניט, אז טעוויע קען אזוי טראכטן. אָבער ער טראכט.

אין איינעם א מיטן וואָך האָט טעוויע גענומען אניעטשקען אונטער דער האנט און איז מיט איר אוועק צו די מאזאָוועס. געווען איז שוין נאָך האלבן טאָג, ווען זיי זײַנען ארײַן אין צימער, ווו עזרע מיט מאשען מאכן פּאַפּיראָסן. ס'איז נאָך ליכטיק, אָבער הינטער דער ליכטיקײַט שטייט שוין, ווי א שוימער, די אָנקומענדיקע טונקלקײַט, וואָס לאָזט זיך פון מינוט צו מינוט אלץ מער פילן. דער פראָסט פאלט נעענטער צו די שויבן. די ארײַנגעקומענע געסט זײַנען אומדערוואַרטע. אין א רעגע ארום קושן זיך די מאנצבלען. די

פרויען קוקן זיך אָן, באַטראַכטן איינע די אַנדערע. מאַשע — אַ בלאַסע, מיט מידקייט אין די גלידער. אַניעטשקע — אַ פּולינקע, מיט אַ גליקלעך פּאַנעם. זייער פאַרשיידענע.

פאַר טעוויען און אַניעטשקען איז געוועז אומגעריכט צו זען באַ עזרען אַ טיש מיט טאַבעק און פּאַפּיראָסן. ס'איז געוואָרן טונקעלער, און מאַשע האָט אָנגעצונדן אַן אַכטער לעמפּל. אויף די ווענט האָבן זיך אויסגעלייגט שאָטנס, אַלע שווײַגן.

— געסט טײַערע, וואָס שטייט איר? זעצט זיך, — האָט געבעטן מאַשע.

אינדערעמעסן זײַנען איצט די געסט געווען איבעריקע, עזרע און מאַשע פּאַטערן אומזיסט אַרבעטס-שאָען, די פאַרדינסטן זײַנען אַזוי אויך ניט קיין גרויסע. געסט אָבער זײַנען געסט. נאָר די געסט אַליין האָבן עס פאַרשטאַנען און זיך לאַנג ניט פאַרזאַמט. טעוויע איז פון דאָרט אַרויס אין אַ שווערער שטימונג. ער האָט גאָרניט געוווּסט, אַז עזרען וויל מען אויף קיין אַרבעט ניט נעמען, אַז ער לעבט פון מאַכן פּאַפּיראָסן. פאַר אים איז עזרע אַן עלטערער כאַווער, זייער פרײַנטשאַפט איז פאַרבונדן מיט זייער אַרעסט און פיר יאָר סיביר. מיט וואָס העלפט מען אים? און אין וועג נאָך, גייענדיק אַהיים, שפּרינגט אונטער אַ געדאַנק: ער, טעוויע, איז אַ שוטעף אין אַ מיל, ער האָט מעגלעכקייטן... אַ שטעלע.

אַניעטשקע פאַרגעסט, ווו זי האַלט אין דער וועלט און פרעגט טעוויען:

— פאַרוואָס זײַנען זיי אַזוי אָרעם?

— פאַרוואָס?

— און וואָס עפּעס פּאַפּיראָסן מאַכן? וואָס גיט עס?

— אַוואַדע גיט עס ווינציק. איך טראַכט טאַקע, מיט וואָס העלפט מען אים?

— וואָס עפּעס פּלוצלינג... העלפן?

— אַוואַדע! העלפן אַ כאַווער.

אַניעטשקע ענטפערט ניט.

— ווי מיינסטו? — פרעגט ער.

אַניעטשקע שווײַגט.

— איך טראַכט, עפּשער אַ שטעלע אין מיל.

— פאַרוואָס נאָר אַ שטעלע, גיב אים אויף די גאַנצע מיל! — רופט זי אויס באַרויגעז.

טעוויע האָט אויף איר ניט פרײַנטלעך אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— אַניע, ווילסט זיך מיט מיר קריגן? מע דאַרף ניט. איך ווייס, וואָס איך רייד. „אַניע" און ניט „אַניעטשקע", דאָס האָט זי טייקעף דערפילט.

— טײַערער, איך וויל זיך ניט קריגן.

„זי וועט אירס דערגרייכן מיט גוטן", — טראַכט זי. אַניע קאָן ניט באַנעמען, וואָס הייסט דײַנס אָפּגעבן יענעם. ווי קאָן מען עס? און טעווקע, לאָזט זיך אויס, קאָן עס יאָ. אָט ביז ניט לאַנג האָט זי גאָרניט פאַרמאָגט, איצט איז זי, קיין אײַנהאָרע, אַ באַלעבאָסטע. זיך אַליין פאַרגינט זי ניט צו באַנוצן שיינע צירונג, טראָגן טײַערע קליידער, אָנטאָן אַ נײַע הוט, זי ציטערט איבער אַ נאָדל-פאָדעם. פאַר טעוויען זשאַלעוועט זי גאָרניט, אָבער פאַר אַנדערע, פאַר פרעמדע און אַפילע פאַר אייגענע (פאַר איר טאַטע-מאַמע) אַ פּרוטע ניט.

אינגיכן האָט טעוויע געעומען דערפילן, אַז ער איז באַ זײַן ווײַב אין געפענקעניש. זי פירט די געשעפטן, באַ איר איז דאָס געלט. זי האָט די דייע. נאָר פון זײַנס אָפּטרעטן וויל ער ניט. אַניעטשקע שטויסט זיך אָן וועגן וואָס עס טראַכט טעוויע. זי מוז אים פאַר-לויפן דעם וועג. זי קומט אַרײַן אין מיל און זאָגט: וואָס אַ מענטשן קאָן גאָר אײַנפאַלן... עמעס, מע קען אים מוחל זײַן, פיר יאָר געווען ווײַט פון אונדז. און דער עזרע איז אויך פיר יאָר ניט געווען צווישן מענטשן. זי מיינט גאָרניט אַזויפיל, וויפל מע קען טײַטשן און אויסטײַטשן וועגן די „פיר יאָר".

אין איינעם אַ טאָג, ווען דער ווינטער נעמט שוין ווערן ווייכער און נאָכגיביקער, איז טעוויע געקומען צום בוכהאַלטער פון דער מיל, צו יעכעזקל גאָטהעלף אַהיים. טעוויע איז אַ שוטעף, מעג ער וויסן און פרעגן, וואָס ער וויל פרעגן און וויסן. אין דער דאָזיקער שטוב, ווו מענטשן האָבן גרעסערע האַסאָגעס פון זייערע מעגלעכקייטן, נעמט מען גערן אויף מענטשן, וואָס טיילן זיך מיט עפּעס אויס פון די אַרומיקע. יעכעזקלסביידע טעכטער האָבן טעוויען באַגעגנט מיט גרויס צופרידנקייט, אַפילע מיט אַנציקונג. פאַר זיי איז עס געווען אַ גרויסע מאַטאָנע. ביז איצט האָבן זיי אַזוינעם ניט געהערט און ניט געזען — פאַרשיקט קיין סיביר, גאַנצע פיר יאָר אָפּגעליטן. ביידע מיידלעך האָבן זיך טייקעף אין אים פאַרליבט. זײַן יעדעס וואָרט האָבן זיי אויפגענומען, ווי אַזוינס, וואָס קומט פון יאָרן ליידן און האָט דעריבער אַ באַזונדערס טיפן מיין. יעכעזקלס פרוי, וואָס נעמט אַלץ אויף

מיט טרוקענעם סייכל, האָט מיט איר שאַרפן מויעך געמאַכט אַ כּעזשבן: טעוויע האָט ניט נאָר פאַרלאָרן פיר יאָר אין סיביר, נאָר אויך פאַרלאָרן די פיר יאָר צום שטודירן אויף דאָק-טער. זי האָט פאַר אים דערעכערעץ, זי האָט אַפילו אָנגעטאָן די שאַבעסדיקע קליידער. און סײַ די מאַמע, סײַ די טעכטער זײַנען אויף זײַן זײַט, ער וויל העלפן אַ כּאָווער.

סימע און אירע טעכטער זײַנען פרײַע מענטשן און מעגן האָבן מיינונגען, וועלכע זיי ווילן. יעכעזקל אָבער אַרבעט בא אַ באַלעבאָס, ער איז אַ בוכהאַלטער ניט בא זיך, נאָר בא יענעם. טעוויע איז, עמעס, אַ שוטעף, נאָר באַלעבאָס איז אַן אַנדערער. אויך בא יעכעזקלען איז טעוויע אַן אָנגעלייגטער גאַסט, ער האָט צו אַזוינע סימפּאַטיע. פריִער פאַר אַלץ פאַרפירט ער מיט אים אַ שמועס. און ווײַל טעוויע איז אויסגעהונגערט נאָך אַ מענטשן, וואָס זאָל פאַרשטיין און באַנעמען אויסער שטוביקע זאַכן, האָט ער זיך גערן אָפּגערופן. און ס'האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז איינע פון יעכעזקלס פראַגן איז געווען:

— ווי איך פאַרשטיי, זײַט איר ווײַט פון ייִדישקײַט?

— ווי אַ טײַך פון וואַסער.

דער ענטפער איז יעכעזקלען אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און געזאָגט:

— אַ געזונט אויף אײַך!

— געזונט איז גוט. ווי פאַרשטייט איר ייִדישקײַט? — דערבײַ האָט ער זיך דערמאָנט אָן זײַן רעפעטיטאָר, דעם סטודענט פרומקין, פאַר וועמען דאָס איז טאַקע געווען קימאַט איבעריק. ווי ער באַנעמט איצט, טעוויע, איז עס פאַר זײַן לערער געווען איבעריק ביז דער טורמע און ביז סיביר. ער ווייסט דאָך פון זיך אַליין, ווי דאָס פאַרגעסענע, דאָס אָפּגעפרעמדטע, וואָס ליגט באַהאַלטן ערגעץ ווײַט אין די ביינער, נעמט אין יענע ווײַטע ערטער אויפקומען, זיך רירן, וואַקסן... די קינדהײַט קומט, טאַטע-מאַמע באַווײַזן זיך, דער רעבע, די פּאָן צו סימכאַסטוירע, די ייִנגלשע שפּילן, דאָס זײַנען, עמעס, ניט מער, ווי דערמאָנונגען, ניט מער, ווי אַ צוגאָב צום שטילן דורכזיכטיקן אומעט און בענקעניש, ניט מער, ווי צווי ווערטער מיט צווי „בייסן" און צווי „ריישן", וואָס לאָזן זיך ניט פאַר-געסן. טאַקע אַזוי. נאָר גוטע מענטשן, צי גייט עס אָבער אויך ניט אַרײַן אין כּעזשבן? צי איז עס ניט דאָס לעבעדיקע, וואָס באַגלייט דעם מענטשן אַלע יאָרן פון זײַן לעבן? און ווײַטער לאָזט זיך אויס, אַז טעוויעס און יעכעזקלס באַנעמען געשעענישן פאַלט אָפּט צונויף. עמעס, עס קומט דורך פאַרשיידענע וועגן, פון פאַרשיידענע קוואַלן. בא יעכעזקלען קומט עס פון ייִדישער טראַדיציע, פון טאַלמוד, פון ספּינאָזען... בא טעוויען פון דעם סטודענט פרומקין, פון זײַנע כאַווירים אין טפיסע און סיביר.

יעכעזקל וויל וויסן, מיט וואָס אינטערעסירט זיך זײַן גאַסט. דערנאָך זאָגט ער:

— אַזוי... איר פאַרשטייט, טעוויע, דער באַלעבאָס איז אַ מענטש אַ גוטער, אַן איידע-לער. אָבער געשעפט איז געשעפט, ער איז באַלעבאָס. צוליב וואָס, אייגנטלעך, דאַרף ער אַן איבעריקן מענטשן, זאָגט אַליין...

— אַז מע וויל, קאָן עס זײַן ניט איבעריק.

— ווען דער באַלעבאָס וויל, אַוואַדע: וויל ער — דאַרף ער, וויל ער ניט — דאַרף ער ניט.

— וועגן דעם וויל איך מיט אײַך ריידן.

סימע און די טעכטער ווינטשן אים דערפאָלג. יעכעזקל אָבער ווייסט: אין שטוב איז דער באַלעבאָס אַ ווייכער, אין מיל — אַ האַרטער.

— און נאָך, איר פאַרשטייט, טעוויע, פאַרגעסט ניט, אײַער פּראָטעזשע קומט פון סיביר. ניט קיין גוטע רעקאָמענדאַציע פאַרן באַלעבאָס.

— איך אַליין קום פון סיביר.

— אַ פאַרגלײַך! אָרעם איז ניט רײַך, קרום איז ניט גלײַך.

אָט דער „אָרעם איז ניט רײַך" רופט אַרויס בא טעוויען אַ שאַרפן פאַרדראָס. עס צעשיידט אים מיט זײַנע כאַווירים, מיט עזרען, מיט פּערעצן, מיט פּערעלען. ער געזעגנט זיך, און סימע מיט די מיידלעך בעטן אים: קומט אָפּטער צו אונדז אַרײַן.

טעוויע איז אַוועק, און ערשט דעמלט האָט מען דערזען, אַז אין שטוב געפינט זיך דאָס אייניקל באַריס מיט זײַן כאַווער בענציִען. זיי זײַנען ביידע שטיל געזעסן אויף דער קושעטקע אין ווינקל-צימער און געהערט, וועגן וואָס יעכעזקל מיט טעוויען האָבן גערעדט. פאַר בענציִענען איז געווען גענוג פאַרשטענדלעך, אַז דאָס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ שטעלע פאַרן פעטער עזרע, וועלכער זיצט אָן אַרבעט און מוז מאַכן פּאַפּיראָסן. זייער טשיקאַווע, ער וועט עס דערציילן דער מאַמען. אויסער דעם איז ער געווירע געוואָרן,

אז זײַן פֿאַרשיקט אין סיביר איז ניט קיין גוטע רעקאָמענדאַציע פֿאַר אַ באַלעבאָס. ניט אומזיסט פֿאַרשיקט מען. דאָס פֿאַרדריסט אים. ער ווייסט דאָך, אַז עזרע און טעוויע זײַנען גוטע און אָרנטלעכע מענטשן.

דעם זעלבן אָוונט האָט ער וועגן דעם דערציילט דער מאַמען.

9

אין יענעם אָוונט, פֿרײַטיק־צו־נאַכט, ווען בענציען האָט דער מאַמען דערציילט, וואָס ער האָט געהערט בײַ יעקבֿ־זקל גאָטהעלף אין שטוב, האָט די מאַמע זיך דערפֿילט בעסער, אַפֿן האַרצן איז איר געוואָרן לײַכטער און שאַבעסדיקער. בענציענען געפֿעלט דער פֿעטער עזרע, ער טראַכט וועגן אים. נאָך מער: עס טוט אים לייד, וואָס עזרען וויל מען ניט נעמען אַף אַרבעט, ער מוז מאַכן פּאַפּיראָסן. ראָזע איז צופֿרידן פֿון איר מיזיניק, אָבער אומצו־פֿרידן פֿון זיך אַליין. זי האָט דאָך געוואָלט בעטן אוויגדערן, ער זאָל ריידן מיט איר עלטערן ברודער וועגן נעמען עזרען אַף דער אַלטער שטעלע. געוואָלט... און ניט געטאָן. זי פֿילט ניט אין זיך קיין דרייסטקייט, שעמט זיך פֿאַר זיך אַליין. זי ווייסט ניט פֿון וואָס אָנצוהייבן און וואָס צו זאָגן.

— קום אַרײַן, מײַן קינד, צום פֿאָטער, דערצייל אים, וואָס דו האָסט געהערט בײַ גאָטהעלפֿן אין שטוב.

ראָזע האָט אוויגדערן געזאָגט:

— הער אויס, וואָס דאָס קינד דערציילט.

און נאָכן אויסהערן בענציענען האָט אוויגדער געפֿרעגט:

— ראָזע מיט, וואָס קענען מיר אים העלפֿן? גיב אַ טראַכט.

— פֿאַרשטייסט, איך האָב שוין אַפֿילו געטראַכט. די בעסטע זאַך וואָלט געווען, ווען דאַוויד וואָלט אים נעמען צוריק אַף דער שטעלע.

— אין אײַנפֿאַל. דו האָסט מיט דאַווידן גערעדט?

— אוויגדער טײַערער, ניט איך בין פֿאַר אים אויטאָריטעט.

— ווי מיינסטו, עפּשער זאָל איך מיט אים ריידן?

— פֿאַר דיר האָט ער גרויס דרעכערעך. דײַן וואָרט קען העלפֿן.

— אָבער וואָס זאָל איך אים, אייגנטלעך, זאָגן. און פֿאַרוואָס קום איך עפּעס פּלוצ־לינג בעטן פֿאַר עזרע מאַזאָוער. איך ווייס ניט...

— איך מיין, אוויגדער, אַז דו וועסט געפֿינען אַן אייצע.

— ריכטיק, פֿאָטער, דו וועסט זיך געבן אַן אייצע.

— האַלעווײַ זאָל מײַן וואָרט העלפֿן. גוט.

אַף מאָרגן, שאַבעס, איז דער דאָקטער קאַדיש מיט זײַן מיזיניק בענציען אוועק אין געסט צו דאַוויד פֿעדער.

דאָקטער קאַדיש און זײַן זון בענציען האָט מען אופֿגענומען ניט נאָר פֿרײַנטלעך, מע קען זאָגן, מיט גרויס פּאַראַד.

— אַזוינע אָנגעלייגטע געסט...

די באַלעבאַטים, וועלכע זײַנען טאַקע צופֿרידן פֿון די געסט, געסט, וואָס פֿאַרשאַפֿן די באַלעבאַטים פֿאַרגעניגן און קאָוועד, זײַנען אָבער פֿול מיט נײַגער, דאָקטער קאַדיש זאָל גלאַט אַזוי קומען אין געסט. אָן ראָזען. וואָס איז געשען? פֿרעגן וועלן זיי ניט. ער וועט אַליין זאָגן.

באַם טיש מיט קיבעד זיצט דאַוויד באַריסאָוויטש, זײַן בלאָנדע און נאָך יונגע פֿרוי, סאָפֿע אַבראַמאָוונע, די עלטערע זין און טעכטער. זיי פֿרעגן אויס איינער באַם אַנדערן וועגן געזונט, נײַס, קינדער. מיט די פֿראַגן וויל מען אָנטאָפּן איינער דעם אַנדערן, וואָס בײַ וועמען טוט זיך. די באַלעבאַטים ווילן פֿאַרגיכערן אוויגדערס ענטפֿער, פֿאַרוואָס ער איז אַזוי אומגעריכט געקומען, דערבײַ אָן ראָזען. מיט אים טרעפֿט אַזוינס ניט. אוויגדער פֿילט עס זייער גוט. אים אַליין איז שוין זייער ניט באַקוועם, מע קומט און מע זאָגט ניט נאָך וואָס מע קומט. קיין דיפּלאָמאַט איז ער ניט, ער האָט ליב צו זאָגן אָפֿן, וואָס ער מיינט. און זאָגט אַלץ אַרויס מיטאַמאָל:

— איך בין, דאַוויד, געקומען צו דיר אַלס כאָדאַטײַ.

— לעמאָשל?

— זאָלסט נעמען עזרע מאַזאָווערן אויף דער אַלטער שטעלע.

דאַוויד באַריסאָוויטש האָט אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן, ער האָט ניט גלייַך באַנו-מען אוויגדערס רייד. דערנאָך האָט ער מיט פאַרווונדערונג געזאָגט:

— אָט אויף וואָס איך האָב ניט געוואַרט. וואָס עפּעס דו, אוויגדער, אַזוי אומגעריכט... איך פאַרשטיי עס פּאַשעט ניט.

— דאַוויד, דו ענטפער אָפּן איקער, צי נעמסטו אים צוריק אויף דער שטעלע?

— איך לייקן ניט, ער איז געווען אַן ערנטלעכער און איבערגעגעבענער מענטש. איך קאָן אָבער ניט פאַרגעסן, ווי צוליב אים האָט מען מיך געשלעפּט אין פּאָליציי, געזוכט, געניטשעט, צי בין איך ניט קיין שוטעף אין עזרעס „שיינע" געננ. און דו, מייַן שוואָגער, ווילסט, איך זאָל אים נעמען צו זיך נאָך דעם, ווי ער איז געזעסן אין טפיסע און געווען פאַרשיקט אין סיביר. איך דאַרף טאַקע, אַז אַלע טאָג זאָל צו מיר קומען פּאָליציי.

אוויגדער האָט ניט וואָס צו ענטפערן. דאַוויד איז גערעכט. און בענציען, וואָס האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דאַווידס ענטפער, האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז דער פעטער איז גערעכט. ווער וויל עס האָבן צו טאָן מיט פּאָליציי?

— און איך וועל דיר נאָך זאָגן, מייַן שוואָגער, ער איז דאָך ניט קיין נאַר, עזרע, — זעצט פאָר דאַוויד, — ווי פאַרשטייט ער ניט, אַז ער דאַרף פונדאַנען אַוועקפאָרן. זאָל זייַן קיין אויסלאַנד... איך וואָלט אפילע געגעבן צושטייַער אויף הויצאָעס.

ניט אוויגדער, ניט זייַן מיזיניק בענציען קאָנען צו דאַווידן קיין טייַנעס ניט האָבן.

בענציענען איז נאָכאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז פאַר אַ מענטשן, וואָס איז געווען פאַר-שיקט אין סיביר, זייַנען אַלע וועגן פאַרשלאָסן און אַלע טירן פאַרמאַכט. און דאָס רופט ארויס בא אים מיטגעפיל ניט נאָר צו עזרען, נאָר אויך צו זייַן זון — סימכע.

ער וויל סימכען זען, זייַן ווידער כאַווער. זיי זייַנען אָבער צעקריגט, סימכע איז אויף אים בארויגעז. בענציענען פאַרדריסט עס.

אין איינעם אַ פרילינגדיקן שאַבעס נאָך האַלבן טאָג, ווען די אויסגערוטע שטאָט איז ארויס אויף איר רויקן שפּאַציר, ווער אויף דער הויפּט-גאַס מיט די געשלאָסענע געשעפטן ווער אין שטאָט-גאָרטן מיט די ערשט צעבליטעביימער אָדער גאָר צו דער שטילער זאַמקאָווע, וואָס פירט באַרג-אַראָפּ צום ניעמאַן, — זייַנען הייַנט ארויס אויף שפּאַציר עזרע מיט מאַשען און מיטן ייִנגערן ייִנגל. אין שטוב איז פאַרבליבן סימכע. סימכען איז גע-מיטלעכער, ווען ער בלייַבט אַליין. ער קאָן דאַן רויק פאַנטאַזירן וויפל ער וויל, קיינער וועט אויף אים ניט קוקן, ניט באַטראַכטן, ניט פרעגן. מיט זיך אַליין איז אים אפילע פרייִלעכער. אינמיטן פאַנטאַזירן דערהערט ער טריט הינטער דער טיר. ווער? צי דען זייַנען טאַטע-מאַמע אַזוי גיך צוריק געקומען. די טיר טאַקע עפנט זיך און עס באַווייַזט זיך בענציען. פאַר סימכען איז עס אומדערוואַרט, אומגעריכט. און אויך פאַר בענציענען איז אומדערוואַרט, וואָס סימכע איז איינער אַליין אין שטוב. ער מוז זיך צו אים ווענדן. וואָס דען — קומען און שווייַגן.

— אַליין? — דאָס ערשטע וואָרט, וואָס קומט אים אויף דער צונג.

— קום אַרייַן ווייַטער, וועלן מיר זייַן זאַלבעצווייט.

דער ענטפער באַרויִקט בענציענען.

— פאַרשטייסט, סימכע, איך האָב שוין לאַנג געוואָלט צו דיר אַרייַנקומען, נאָר זיך געשעמט.

— איך אויך, בענציען, איך אויך. גוט, וואָס דו ביסט געקומען. — און ביידע דער-לאַנגען זיך שעמעוודיק די הענט. און ביידע זאָגן ארויס מיטאַמאָל: כאַווער!

— איך האָב ניט איין מאָל, בענציען, געטראַכט, ווי דו פילסט זיך אין גימנאַזיע, ווי קוקט מען אויף דיר, ווי מע יאַדעט, מע לאַכט אויס... דרייפוס!

— רייד ניט, סימכע, ניט גוט.

ווען עזרע מיט מאַשען זייַנען געקומען צוריק אַהיים, האָבן די ייִנגלעך מיט די על-טערע געדאַנקען וועגן אַ סאַך שוין אָפּגערעדט צווישן זיך. קיין אויספירן מאַכן האָבן זיי ניט געקענט, נאָר פאַרשטאַנען האָבן ביידע אַזוינס, וואָס איז שוין פאַר אַנדערע לאַנג פאַרשטענדלעך געווען.

עזרע ווייסט ניט, אַז די קינדער זייַנען געווען צעקריגט. מאַשע ווייסט עס גוט. דעריבער איז זי צופרידן פון זייער כאַווערן זיך.

אין קומענדיקן שאַבעס זייַנען בענציען מיט סימכען געקומען צו יעכעזקל גאָטהעלף אַהיים. בענציען האָט מיט דעם געוואָלט אַרויסווייַזן סימכען זייַן טרייַהייַט. געוואָלט אים

אַרײַנפֿירן אין אַ שטוב, װוּ מע קאָן הערן אינטערעסאַנטע נײַס. יעכעזקל, זײַן פֿרוי און טעכטער האָבן אופֿגענומען שׂימחהן מיט גוטהאַרציקײַט און אויך מיט אַ געװיסן נײַגער.

די מישפּאָכע גאַטהעלף, מעג מען זאָגן, שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם איבערגאַנג צװישן די אָרעמע געסלעך פֿון שול-הויף און פֿאַרמעגלעכע גאַסן פֿון סאָבאָרנע און קופּעטשע-סקע. צוליב דער אינטעליגענטישקײַט פֿון דער מישפּאָכע, צוליב יעכעזקלען און זײַנע טעכטער קומען צו זיי אין שטוב אַרײַן דעמאָקראַטישע אײַנוווינער פֿון די פֿאַרמעגלעכע גאַסן.

שׂימחה, װעלכער װױנט אינעם קרומען געסל אַפֿן שול-הויף, איז פֿאַר דער מישפּאָכע אין אַ געװיסער מאָס אַ נײַס, נײַס לויטן אָנטאָן, לויטן רוסיש ריידן, לויט דער אופֿירונג. זיי װילן גענויער װיסן, װאָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ ייִנגל פֿונעם קרומען געסל, אַ שי-לער פֿון דער ייִדישער קאַזיאָנער שול. שׂימחה פֿילט זיך דאָ אָבער ניט פֿרײַ, אין דער פֿרעמד. די טעכטער װילן פֿאַרפֿירן מיט אים אַ געשפּרעך, נאָר ער לאָזט זיך ניט, ענטפֿערט קאַרג, עס קאָן אַפֿילע דוכטן, אַז ער בייזערט זיך. אים העלפֿט אַ ביסל אַרויס בענציען, װעלכער פֿילט זיך דאָ היימישער.

יעכעזקל באַמערקט עס, ער װייסט, אַז פֿאַרגעבן פֿראַגן איז לײַכטער, װי ענטפֿערן. ביפֿראַט שׂימחה איז דאָ דאָס ערשטע מאָל. צי ער װייסט ניט, שׂימחה, װאָס צו ענטפֿערן, צי ער שעמט זיך ענטפֿערן, דערצו פֿאַרגיבן זײַנע מיידלעך פֿראַגן ניט קיין באַטראַכטע, אַבסטראַקטע, האַלב אַהער, האַלב אַהין. יעכעזקלען איז לאַנג באַװוּסט, אַז דאָס זעלבע, װאָס טויג פֿאַר אַן עמעס, קאָן אויך טויגן פֿאַר אַ ליגן. פֿאַר אַ ייִנגל פֿון שול-הויף איז ניט פֿאַראַן קיין צװיי פֿאַרבן אין איין פֿאַרב — װײַס איז װײַס און שװאַרץ איז שװאַרץ. און דאָס, װאָס די מיידלעך „אירצן" אים, מאַכט נאָך שװערער זײַן לאַגע. ער איז צו דעם ניט געװוינט.

— שׂימחה, — װענדעט זיך צו אים יעכעזקל, — װער איז בײַ אײַך אין ערשטן קלאַס דער לערער פֿון אַריפֿמעטיק?

— װאַלדמאַן.

— און אין צװייטן קלאַס?

— אַנטאָװיל.

— און זאָג מיר, לויט װעלכן ביכל לערנט איר ייִדישע געשיכטע?

— לויט שאַכרײַס בוך „איסטאָריאַ איזראַיליאַ". פֿאַר מיר אָבער איז עס אַלץ באַקאַנט פֿון כיידער. איך האָב דאָך געלערנט כומעש.

— דו װייסט עס פֿון כומעש. און קיין שום אונטערשייד איז ניט פֿאַראַן?

— פֿאַראַן. שאַכרײַס איז אין רוסיש, דער כומעש איז אין ייִדיש.

— אין ייִדיש?

— אין לאָשנקוידעש. ס'איז דאָך אָבער אויך ייִדיש.

— ביבלאַל ביסטו גערעכט, שׂימחה, אַלציינס ייִדיש.

די מיידלעך הערן זיך אײַן צום געשפּרעך צװישן זייער פֿאָטער און שׂימחהן. דער אינהאַלט אינטערעסירט זיי דערװײַל װייניקער, זיי װוּנדערט, װי לעבעדיק און ענערגיש דאָס ייִנגל זאָגט אַרויס זײַנע ענטפֿערס און זײַן מיינונג. ער שעמט זיך מער ניט. אויב אַזוי, מעגן זיי אויך זאָגן זייער װאָרט, אַרויסזאָגן זייער אַלטע טײַנע צום טאַטן, פֿאַרװאָס בײַ אים ענדיקט זיך אַלץ מיט ייִדישקײַט.

— שׂימחה, ס'איז דאָך פֿאַראַן אַ גרויסע װעלט. די גרויסע װעלט איז אַלעמענס. איז פֿאַרװאָס איז בײַ אײַך נאָר ייִדישקײַט?

— מיסטאָמע איז די װעלט אַלעמענס, נאָר געהערט דאָך געװיס צו עמעצן.

— צו עמעצן? צו װעמען?

— אַװאַדע. אַמאָל האָב איך געװאָלט אַראָפּרײַסן אַן עפּל אין אַ סאָד, האָט מען אָף מיר אָנגערייצט הינט.

— פֿאַרשטייט זיך... אַ פֿרעמדער סאָד, פֿרעמדע עפּל... — זיי האָבן געװאָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר זיך געכאַפּט, אַז זיי האָבן זיך פֿאַרפּלאָנטערט: די װעלט איז אַלעמענס, נאָר עפּל זײַנען פֿרעמדע.

אַרויסגייענדיק צוריק פֿון גאַטהעלפֿן, האָט שׂימחה געזאָגט:

— שיינע מיידלעך, נאָר װייסן ניט, װאָס זיי װילן.

10

פאראן זאכן, וועלכע סימכע באנעמט שוין, ווי א דערוואקסענער אָדער קימאט ווי א דערוואקסענער. ער איז דאָך אָבער פאָרט נאָך א ייִנגל און ניט אַלץ קען ער באגרייפן. אָט, לעמאָשל, דערגייט צו אים ניט, אז זײַן טאטנס ארבעט — מאכן פּאפּיראָסן — הענגט אָפּ א שוואכן פאָדעם, וואָס קען זיך אַלע טאָג איבעררײַסן. סיבעס קאָנען זײַן פארשיידענע, דער אויספיר — איינער: אָן ארבעט. סימכע האָט זיך וועגן דעם פאָשעט ניט פארטראכט. ביז איינמאָל האָט אים בענציען דערציילט, ווי ער מיטן טאטן, דאָקטער קאדיש, זײַנען געווען בא דאוויד באָריסאָוויטשן אינדערהיים וועגן א שטעלע פארן פעטער עזרע. בענ-ציִען האָט אַלץ געטרוי דערציילט און פארענדיקט מיט די ווערטער: „און איך וועל דיר נאָך זאָגן, מײַן שוואָגער, ער איז דאָך ניט קיין נאר, עזרע, ווי פארשטייט ער ניט, אז ער דארף פונדאנען אוועקפאָרן. זאָל זײַן קיין אויסלאנד... איך וואָלט אפילע געגעבן צושטײַער אָף הויצאָעס".

פאר סימכען איז עס געווען א גרויסע איבעראשונג, ער האָט זיך אזוינס אפילע פאָרשטעלן ניט געקענט. ער איז געווען אינגאנצן זיכער, אז דעם טאטן וועט קיינער ניט אָנרירן, מיט דער צײַט וועט ער זיך אײַנאָרדענען אָף א גוטער שטעלע און בא זיי וועט זײַן א גוט און רויִק לעבן. לאָזט זיך אויס, אז קיינער וויל דעם טאטן ניט נעמען אָף ארבעט. און אפילע דאָס מאכן פּאפּיראָסן קאָן פלאצן. הער נאָר אָן אײַנפאל... אויסלאנד! דער געוועזענער באַלעבאָס וויל העלפן מיט הויצאָעס. סימכע האָט וועגן דעם דערציילט טאטע-מאמע.ביידע האָבן זיך איבערגעקוקט און א וואָרט ניט געזאָגט, אָבער טראכטן האָבן זיי געהאט וועגן וואָס. מאשע מיט איר פּראקטישן סייכל האָט נאָך פריִער פארשטא-נען, אז פאר עזרען קאָן דאָ קיין לעבן ניט זײַן. געווען שוין אפילע אזא טאָג, ווען זי האָט געוואָלט אָנשרײַבן א בריוו צו עזרעס געוועזענעם כאווער, צו אבע דעם בעקער, ער זאָל ארויסשיקן שיפסקארטן. זי האָט אָבער געוווסט, אז דאָס איז א פּוסטע פאנטאזיע און דעריבער עזרען גאָרניט דערציילט. זי שטעלט זיך פאָר, וואָס ער קען ענטפערן: זיצן אין טורמע, זײַן פארשיקט אין סיביר, און נאָך אַלעמען אנטלויפן אין א פרעמד לאנד. וואָס איז דער סייכל? אָבער איצט זאָגן דאָך וועגן דעם סאָלידע מענטשן. א וועלט איז ניט מע-שוגע. וואָס וועט עזרע זאָגן? און עזרע זאָגט גאָרניט, ער שווײַגט.

מאשע וואָרט אָף אן ענטפער, נאָר זי האָט צײַט, זי אײַלט ניט, זי פרעגט ניט, גע-דולד! סימכע האָט קיין געדולד ניט, קיין צײַט ניט, ער קוקט אָפן טאטן און וויל אים ארײַנקוקן אין די אויגן, דער טאטע דערלאָזט ניט. דער טאטע מיט דער מאמען מאכן פּאפּיראָסן און קוקן אָף קיינעם ניט. יענעם טאָג האָט מען שטיל געארבעט, שטיל געגעסן, שטיל געלייגט זיך שלאָפן.

סימכע האָט מוירע פאר אויסלאנד. אזוי ווײַט און אריבערן יאם. ער האָט געהערט פון מענטשן, אז ווען בא אונדז איז טאָג, איז דאָרט נאכט. מענטשן פאָרן אוועק און ווערן דאָרט פארפאלן. דערפאר טאקע זינגט מען:

> א בריוועלע דער מאמען
> זאָלסטו ניט פארזאמען,
> שרײַב געשווינד,
> מײַן ליבעס קינד,
> גיב איר די נעכאָמע...

און סימכען זעט הײַנט אויס אזוי היימיש-גוט די שטאָט, וווּ ער איז געבאָרן און לעבט. אַלץ איז דאָ ליב. סײַ די גאסן, סײַ די סעדער, סײַ דער בארג-אראָפּ צום ניעמאן. אַלץ, אַלץ... ער שלאָפט אײַן.

מאשע האָט זיך אופגעכאפּט אינמיטן דער נאכט און אָן אומרויִקע זיך אופגעזעצט אין בעט. וואָס זאָל עס באדײַטן... פריִער האָט זי עס ניט באנומען. ס'איז צו איר ניט דערגאנגען: דאָקטער קאדיש איז געגאנגען בעטן פאר עזרען א שטעלע. זי פארשטייט עס ניט. קיינער האָט אים ניט געבעטן, ניט פארלאנגט האָט עס קיינער. „אויסלאנד" איז אָפּגעטראָטן, און דאָקטער קאדיש איז ארויס פאָרויס. פארשטייט זיך, טראכט מאשע, ראָזע האָט אים געבעטן, צוגערעדט. ראָזע איז אונדז א גוטערפרײַנט, איך ווייס, זי וויל אונדז צוליב טאָן. אָבער, ריבוינעשעלוילעם, רייסט זיך בא איר ארויס, פארוואָס קומט אונדז אזא שטראָף? ווײַבאלד א שטעלע פאר עזרען, דארף עס שטענדיק דורכגיין דורך אירע הענט.

„אויסלאַנד" איז אָפּגעטראָטן, „דאָקטער קאַדיש" איז אָפּגעטראָטן, פּאַרויס איז ארויס „ראַזע קאַדיש".

מאשע האָט כיישעק אופצוּוועקן עזרען און ארויסזאָגן אירע געדאַנקען, איר אומרו. זי טוט עס ניט, זי לייגט עס אָפּ אַף מאָרגן. און אַף מאָרגן אינדערפרי האָט עזרע געזאָגט: דער געדאַנק איז עפּשער גאָרניט קיין נארישער, נאָר צום הארצן איז עס אים ניט.

דעם ענטפער וועגן אויסלאַנד האָט דאָקטער קאַדיש געבראַכט צו זייַן פּרוי אַהיים.

— דאָוויד גיט צושטייַער אַף הויצאָעס. ווּעט עפּעס פעלן, וועלן מיר דערלייגן.

— אויסלאַנד? ווי קומט עס? — האָט ראַזע מיט פאַרווּנדערונג געפרעגט.

אַף אַזוינס האָט זי בעשום-אויפן ניט אויסגערעכנט. א שטעלע... אָבער אויסלאַנד? מיט א שטעלע איז פאַרבונדן עזרעס לאַגע, עזרעס גוירל, מיט „אויסלאַנד" איז פאַרבונדן איר אייגענער גוירל. עס ווּעט דאַך ארום איר ווערן אַלץ פּוסט. און פון דער פּוסטקייַט ארום און ארום קומט אוף איר יוגנט, וואָס ווערט אין א שאָ פון אומעט און בענקעניש אַזוי טייַער און שיין, און אַלץ, וואָס איז געווען ווירקלעך, און אַלץ, וואָס איז אויסגע-טרוימט, באַווייַזט זיך רעאַל און וואָרהאַפטיק, ווי נאָר ערשט וואָלט עס פּאַרגעקומען.

און נאָך מער: זי דאַרף זייַן די, וואָס ווּעט אָנזאָגן עזרעס מישפּאָכע די דאָזיקע ידיִע. קיין כיישעק האָט זי ניט, נאָר גיין מוז זי. זי האָט פאַרקאָכט די קאַשע.

11

ראַזע ווייסט, ס'איז ניטאָ קיין טאָג אָן א מאָרגן, און ס'איז ניטאָ קיין מאָרגן אָן זאָרגן. מאָרגן טאַקע דאַרף זי גיין צו די מאַזאָווערס, ווּו מע ווּעט זי געוויס אָנקוקן מיט פאַרווּנ-דערונג און פאָרוואורף: פאַרוואָס אויסלאַנד? און ווי-אַזוי זיך צו פאַרענטפערן, ווייסט זי אפילו ניט. אַף מאָרגן אָבער האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז עזרע מיט מאשען ווייסן שוין אַלץ, זיי דאַרפן ניט קיין הויצאָעס, זיי פאָרן אין ערגעץ ניט.

— גאָט צו דאַנקען! — האָט ראַזע אויסגעשריִען. און דערנאָך געמיטלעך געשמועסט מיט מאשען און עזרען וועגן פאַרשיידענע היימישע זאכן. אָבער דער פאַרדראָס, וואָס עזרע איז געצוווּנגען צו מאכן פּאַפּיראָסן, איז ניט אינגאַנצן אָפּגעטראָטן, אפילו פאַרקערט, שטאַרקער געוואָרן. זי גלייבט אין דער באַשערטקייַט, אַז א נייַע שטעלע דאַרף, ווי שטענ-דיק, דורכגיין דורך אירע הענט, און זיך צוקוקנדיק, ווי שנעל די פּאַפּיראָסן פילן אָן דעם טיש, טראַכט זי דערבייַ וועגן אירע באַקאַנטע, וועלכע קענען העלפן, געבן א רעקאָמענ-דאַציע אַף ארבעט. זי דערמאָנט זיך אָן אַניעטשקען מיט טעווקען. אַניעטשקע איז א באַלעבאָס-טע, פירט געשעפטן, זי איז אַף דער צייַט און נייטיקט זיך געוויס אין א מענטשן, וואָס זאָל איר העלפן. באַזונדערס, ווען זי, ראַזע קאַדיש, ווּעט פאַר אים בעטן. ראַזע ווערט זיכער, אַז זי האָט געפונען דעם ריכטיקן וועג.

פון נאָך דער כאַסענע אָן איז אַניעטשקע זיכער אין זיך און צופרידן פון זיך. נאָך מער טאַקע האָט זי זיך דערפילט, ווען צו איר האָט זיך דערנעענטערט די מוטערשאַפט. זי איז געוואָרן א גוטע צו טאַטע-מאַמע, צו שכיינים, באַזונדערס צו קינדער. זי האָט אפילו איינמאָל א פרעג געטאָן בא טעווקען: מיט וואָס קאָן מען העלפן עזרען מיט זייַנע צוויי יינגלעך? צוזאַמען מיטן דערפילן א נייַ לעבן אין זיך, איז צו איר אָנגעקומען א גוטע מינוט, א מינוט פון ווייכהארציקייַט און גליקזעליקייַט, זי וויל זייַן א גוטע און מענטשן גוטס טאָן. זי האָט עס אָבער צו גיך פאַרגעסן. דערבייַ איז ניט לייַכט צו זאָגן, פאַרוואָס די פאַרגעסנקייַט איז אַזוי גיך אָנגעקומען. צי ווייַל די גוטע שאָ איז אוועק, צי ווייַל אַניע האָט זיך פאַר איר אייגענער גוטסקייַט דערשראָקן. בא איר האָט זיך איצט איבערגעפלאָכטן גוטסקייַט מיט קאַרגשאַפט. ביידע — צוליבן קומענדיקן קינד. די געוווינהייַט צו האַלטן דעם גראָשן אין א פאַרמאַכטער האַנט האָט באַקומען א גרעסערע באַרעכטיקונג: פאַר א קינד דאַרף מען אַלץ אָפּגעבן, צוליב א קינד דאַרף מען זאָרגן, שאַנעווען א גראָשן.

אין די העכערע כאַדאָשים וויל זי, אַז טעוויע זאָל שטענדיק זייַן מיט איר צוזאַמען, זאָל זי באַגלייטן און אָפּהיטן, דער טאַטע פון איר קינד זאָל זייַן לעבן איר. טעוויע טוט עס גערן. אַניעטשקע איז צופרידן און באַרימט זיך פאַר באַקאַנטע: סאַראַ גוטער און איידעלער מאַן בא מיר איז. דערזען, וואָס בא טעוויען אין הארצן טוט זיך אָדער באַנעמען, וועלכע געדאַנקען צו אים קומען, קאָן ניט אַניעטשקע. זי זעט נאָר זיך אַליין, אויך טעוויען זעט

זי דורך זיך, אירע געפילן און געדאנקען. צופיל איז זי פארנומען מיט איר היימישן גליק און מיטן פארלאנג צו האלטן אלץ אין אירע הענט, אז זי זאל קאָנען באנעמען און פאר־שטיין א צווייטן. און וואָס, אייגנטלעך, דארף זי? זי האָט אלץ. און וואָס דארף טעוויע? ער האָט אלץ, זי גיט גוט אכטונג, אז קיין זאך זאל אים ניט פעלן.

ער איז געוווינט צו לעבן מיט זײַן אייגענעם סייכל. אניעטשקע האָט זיך אײַנגערעדט, אז זי מעג אלץ און קען אלץ. אים פארדריסט אָפט, וואָס ער גיט צופיל נאָך. ער קאָן איצט אנדערש ניט, זי איז אין א באזונדער צושטאנד.

אין א ביסל צײַט ארום האָט ער גאנץ צופעליק באגעגנט אף דער גאס פערעצן און פערעלען. פערעלע איז אף דער צײַט, און פערעץ פירט זי אונטער דער האנט. אלע דרײַ האָבן זיך דערפרייט, געדריקט די הענט מיט פארשיידענע פריילעכע אויסגעשרייען. איינער דעם אנדערן האָט געוווּנטשן אויספרעגן, ווי מע לעבט, ווי מע פילט זיך. טעוויע האָט זיך דערוווּסט, אז אויך פערעצן האָט מען ניט געוואָלט נעמען אף ארבעט, האָט ער זיך בא זײַן שוואָגער אויסגעלערנט שנײַדערײַ. פערעץ, מיט זײַנע גאָלדענע הענט און גוטן קאָפּ, האָט גיך באהערשט די מלאָכע און מיט דער צײַט געוואָרן אפילע א צושנײַדער.

טעוויע האָט אויך דערציילט וועגן זיך. און כאָטש ער האָט וועגן אניעטשקען קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט, האָבן פערעץ און פערעלע פארשטאנען, אז טעוויען איז שווער.

פערעצן און פערעלען איז טעוויע אופריכטיק מעקאנע. זיי פארשטייען זיך אפן ווונק, זייערע געפילן און געדאנקען זײַנען איינער פארן אנדערן אָפן.

וועגן זײַן אומצופרידנקײַט דארף ער שווײַגן, ער קאָן דאָך איצט מיט איר שארף ניט ריידן. גענוג, אז ער ווענדעט זיך צו איר אמאָל: אניע.

— טעוווּלע, מײַן נאָמען איז אניעטשקע. אניע איז א זידלוואָרט.

מיט ראָזעס קומען האָט זיך אניע בעעמעס טאקע דערפרייט. פאר איר איז ראָזע די טאָכטער פון בער פעדער, די פרוי פון דאָקטער קאדיש, יִיכעס און אויטאָריטעט. מיט אזוינע מענטשן פילט זי זיך אליין אויך כאָשעווער, עס גיט איר צו מער קאָווד. און אניע וויל אין ראָזעס אויגן אויסנעמען, זײַן סאָליד, פארדינען פרײַנטשאפט. טעוויע אָבער פילט זיך ניט היימיש. ער וויל ניט, אז זײַן שוועסטערקינד ראָזע זאָל זיך אָנשטויסן, ווי פרעמד ער איז בא זיך אין שטוב, א שאָכן בא זיך אליין. און ווי קומט עס צו אים? גע־יוען אין טורמע, געווען אין סיביר און אויסגעהאלטן, נאָר פאר אניען פארלירט ער זיך, ניט זיך פאָלגט ער, אניען פאָלגט ער. הײַנט וויל ער מער ניט ארויסווײַזן זײַן שוואכקײַט.

ביידע פרויען זיצן פון ביידע זײַטן טיש אין לייעס אלטער אײַנגעפונדעוועטער דירע. אלץ איז דאָ סאָליד, שטרענג, אויסגערעכנט אף יאָרן, נאָר אָן א סימען פון הײַנטיקן טאָג. אניע וויל גאָרניט ענדערן. ענדערן באטײַט פאר איר ווידערשפעניקן אין דעם, וואָס איז פאראן, לייקענען אין אלץ, וואָס ביז איצט איז געווען און איז אָנגענומען. און כאָטש זי איז ווײַט ניט קיין פרומע און קאָן אפילע אויסקומען אָן יאָמקיפּער און אָן ראָשעשאָנע, האלט זי פאר אן אווײרע אָדער פאר אן אוולע צו ענדערן אזוינס, וואָס איז אָנגענומען פון גאָט און פון מענטשן.

פון איין זײַט זיצט באם טיש אניע מיט א יונג פּאָנעם, מיט א פולן קערפער, וואָס מאכט אָבער ניט קיין אײַנדרוק פון שווערקײַט, נאָר פון א ווארעמער לעבעדיקײַט, וואָס קומט אוף אין פריידן. אנטקעגן זיצט ראָזע, א שוועדע ניט פון וואקסן, נאָר פון איר מידער ברייטקײַט און פולקײַט, פון יאָרן, וואָס זעצן זיך אָפּ מיט לעבנס־פּראקטיק און לעבנס־זאָרגן.

— ווי פילסטו זיך, אניעטשקע? זעסט אויס גוט.

— איך פיל זיך אויך גוט.

— באוועג זיך וואָס מער, שפּאציר.

— טעוויע באגלייט מיך אין די שפּאצירן.

— דאָס וווּנדערט מיך ניט. אף אים פארלאָז איך זיך. מיט געשעפטן, אניעטשקע, פארנעם זיך ווינציקער. דארפסט רויִקײַט.

— ווער וועט זיך פארנעמען?

— געפין א מענטשן, וואָס זאָל העלפן.

— א פרעמדן! זאָל גאָט אויסהיטן.

— פאראן אָרנטלעכע מענטשן.

— אף יענעמס גוטס זײַנען ניט פאראן קיין אָרנטלעכע.

— אניעטשקע, מע טאָר אזוי ניט. איך וועל דיר רעקאָמענדירן א מענטשן, פאר וועלכן איך קאָוויר, ווי פאר זיך אליין.

— אזא דארף איך געוויס ניט. אָרנטלעכקייט איז געשעפט, און מיסכער איז אַן אומגליק.

— פארגעס ניט, דו דארפסט ווערן א מאמע...

ראַזע איז פאר אניעטשקען ייכעס און אויטאָריטעט — ביז זי רירט ניט אָן איר געשעפטן, האָט זי אָנגעריכט, ווערט זי פאר אניען אויס ייכעס, אויס אויטאָריטעט. א פרעמ־דער מענטש, וואָס קומט איר זאָגן דייעס. מיט אַן אומצופרידענער שטים זאָגט זי:

— כ'ווייס אליין, אַז איך דארף ווערן א מאמע. איך דארף ניט קיין פרעמדע אין מײַן שטוב.

— און דער טאטע וואָס זאָגט? — פרעגט ראַזע.

אניע האָט זיך אָנגעצונדן. זי איז אופגעשפרונגען, ווי מע וואָלט זי מיט עפּעס דער־לאַנגט איבערן קאָפּ.

— דער טאטע איז מײַן מאַן, באַלעבאָסטע בין איך.

— אניעטשקע, מאַך ניט קיין טאָעס. לייע האָט זיך מיט מיר בּאראטן, אַף וועמענס נאָמען אַלץ איבערשרײַבן. איך ווייס, דײַן מאַן איז באַלעבאָס.

— דאָס איז אונדזער זאַך. וואָס מישט איר זיך צווישן מאַן און ווײַב? ווער בעט אײַך, ווער האָט אײַך גערופן?

— אניע, פארגעס ניט, אַז ראַזע איז מײַן שוועסטערקינד, זי איז מײַן גאַסט.

ארויסגעזאָגט האָט ער עס צווישן די ציין, ווי ער וואָלט זיך אײַנהאַלטן פון שרײַען.

— דײַנע, אָבער ניט מײַנע. — זי איז ארויס פון צימער.

קאַפּיטל צוויי

וואָס דען... מ׳עסטע דארפן זײַן?

1

— זעקס! מענטש! שאַכער! — אזוי שרײַען די ייִנגלעך פון שול-הויף, טראַיצע און יורזיקע, ווען זיי דערזעען פונדערווײַטן א גאַראַדאָוואָי, מעג ער, דער גאַראַדאָוואָי, קיינעם ניט זוכן, אַף קיינעם ניט פרעגן, ער גייט גאָר רויִק צו זיך אהיים, סײַווי אָבער רופט ער ארויס ניט קיין גוטע געפילן, ניט קיין צוטרוי, אפילע שרעק. די ייִנגלעך זאָגן אָן אין דער וועלט ארײַן: היט זיך, זײַט פאָרזיכטיק. זעקס, מענטש, שאַכער!

ניט אומזיסט. די לעצטע צײַט רייצט מען שטארק אַף ייִדן. באַזונדערס טיילט זיך אויס די פעטערבורגער צײַטונג „נאָוואָיע וורעמיא". דאָ אין דער שטאָט לייענען די דאָ־זיקע צײַטונג גאָר ווינציק מענטשן, עס זײַנען אָבער פאראן אזוינע, וואָס זוכן זי, קאָנען אָן איר ניט אויסקומען. בא גאָטהעלפן אין שטוב ווייסט מען, וואָס אין דער צײַטונג שרײַבט זיך, ניט ווײַל מע קען דאָרט אָן איר ניט אויסקומען, נאָר ווײַל ס'איז נייטיק צו וויסן, ווי ווײַט דערגייט די סינע און דער בילבל.

אין די זומערדיקע קאַניקולן זײַנען סימכע מיט בענציִענען, פארשטייט זיך, פרײַ און באַגעגענען זיך אָפט. ביידן ציט אין געסט צו גאָטהעלפן אהיים. דאָרט פילט מען זיך אָנגענעם מיט גוטע און איידעלע מענטשן. און טאַקע דאָרט האָבן ביידע געהערט, וואָס די צײַטונג שרײַבט. דאָס מאָל, ווען זיי זײַנען אהער געקומען, האָבן די טעכטער מיט נײַגער געהערט, וואָס זייער פאָטער דערציילט. און דאפקע די טעכטער פארגיבן הײַנט פראַגן. זיי קענען ניט פארשטיין, וואָס הייסט זאָגן אָפענע ליגנס ווען דעם דרייפוס-פּראָ־צעס. די צײַטונג פארדרייט, פארלייקנט, פארקריפּלט דעם עמעס, קעדיי דאפקע באַשולדיקן דרייפוסן. די שוועסטער (איצט מעג מען שוין אָנרופן זייערע נעמען: זלאַטקע און גאָלדע) זײַנען שטארק אופגערעגט.

— ווי קאָן מען עס אזוי שרײַבן: „ס'איז נייטיק צו מאכן אומדערטרעגלעך דאָס לעבן פון די ייִדן אין רוסלאַנד", — זאָגט זלאַטע. — ס'איז דאָך א רוף צו פּאָגראָמען. אזוינס איז טאַקע אומדערטרעגלעך, באַזשע מאָי!

און גאַלדע, פון איבעראַשונג און פּאַרדראָס, שרײַט אַפּילע:

— מע שעמט זיך ניט מיט שוואַרץ אויף ווײַס צו דרוקן: „זשיד אידיאָט" (דער זשיד גייט). און וואָס באַדײַט עס, פּאַטער? סטראַשנאַ!

— טעכטער מײַנע, עמעס, סטראַשנאַ! דאָס באַדײַט, אַז מע שטעלט אַרויס די ייִדן פֿאַר אַ גירעקער כײַע, וואָס וויל פֿאַרכאַפּן רוסלאַנד. מע שרײַט דאָך: ייִדן ווילן פֿאַרכאַפּן די רוסישע ליטעראַטור און קולטור, די מעדיצין, די עקאָנאָמיק, אַלץ ווילן זיי פֿאַרכאַפּן, און דער רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג, סוואָרין, שרעקט: זשיד אידיאָט, דער סוינע גייט, דער ייִד קומט פֿאַרכאַפּן און פֿאַרניכטן רוסלאַנד!

— ווי קאָן מען עס אַזוינס, פּאַטער? ווי קאָן מען וועגן אונדז אַזאַ ליגן זאָגן.

דער פּאַטער ענטפֿערט:

— און ווי קאָן דער שאָכן פֿון דער דערבײַיִקער גאַס, איוואַן שעוועץ, ניכטערער-הייט שרײַען דאָס זעלבע?

הײַנט זאָגן שוין ניט די מיידלעך, אַז דער טאַטע טיילט אויס די ייִדן, אַז ווו נאָר אַ גרויסער מענטש, דערקלערט אים דער טאַטע פֿאַר אַ ייִדן. ניין, הײַנט פֿילן זיי, אַז זיי אַליין זײַנען די ייִדן. און אויב מע טיילט זיי אויס, איז עס נאָר צום שלעכטן. הײַנט פֿאַרדריסט זיי אויף די ייִנגלעך, וועלכע הערן אַלץ און שווײַגן שטום.

— איר שווײַגט. אײַך רירט עס ניט אָן. אײַך אַרט עס ניט.

די מיידלעך פֿאַרשטייען ניט דעם אונטערשייד צווישן זיך און די ייִנגלעך. זיי, די מיידלעך, וואָס דאַרפֿן ווערן קאַלעס, זיצן אין שטוב און מאָלן זייערע בילדער. זיי באַגע-גענען זיך מיט די מענטשן, וואָס קומען צו זיי אין גאַסט. וואָס פֿאַר די שוועסטער איז נײַס, איז שוין גוט באַוווּסט סימכען און בענציִענען.

פֿאַר סימכען איז ניט קיין נײַס, אַז ער איז אַ „זשיד". ער האָט עס ניט איין מאָל געהערט פֿון דעם זעלבן איוואַן שעוועץ. ניט קיין נײַס. סימכעס טאַטע האָט עס געהערט, זײַן זיידע, זײַן עלטערזיידע. ווער אין רוסיש, ווער אין פּויליש, ווער איז דײַטש. דער דווירעס-דיקער זיקאָרן לעבט.

אין אַזאַ פֿאַל קומען צו אים נאָך אַנדערע געדאַנקען: וויפֿל איז דער שיר? צי דאַרף מען זיך ניט שטעלן קעגן? צי איז ניט די צײַט, אַז מאָשיעך זאָל קומען? און צי קאָן מען דערווײַל ניט ענדערן די לאַגע. ער איז אַ ייִנגל מיט עלטערע געדאַנקען. ער טראַכט: עפּשער איז דער טאַטע גערעכט: מיט פֿאַרלייגטע הענט טאָר מען ניט זיצן.

און בענציִען האָט שוין דורכגעמאַכט אַ וועג פֿון לייקענען, פֿון וועלן זיך אויסטיילן און אָפּטיילן, ער איז „ער" און ניט „זיי", ער איז פֿאַר קיינעם ניט פֿאַראַנטוואָרטלעך. אַזוי האָט געדויערט ביז ער איז געוואָרן איינער פֿון „זיי", ביז ער האָט דערפֿילט דאָס זעלבע, וואָס סימכע פֿילט פֿון געבוירן אָן.

יעכעזקל פֿאַרשטייט עס. ער באַנעמט די געדאַנקען און געפֿילן פֿון די ייִנגלעך. אין זײַן צײַט האָט ער עס אַליין איבערגעלעבט, ייִנגלווײַז האָט ער אויך געשריִען: זעקס, מענטשע, שאָכער. דאָס כאַזערט זיך איבער, עס ענדערט זיך ניט. בענעגייע די ייִנגלעך זײַנען די טעכטער ניט גערעכט, מיט דער צײַט וועלן זיי עס פֿאַרשטיין.

און די צײַט דערנעענטערט זיך.

אויף די קאַניקולן איז געקומען אַהיים דער מאָסקווער סטודענט איסאַק לאַנדאַן, דער זעלבער, וואָס האָט פֿאַראיאָרן דערציילט די מיידלעך וועגן זאָרג פֿאַר דער וועלט און וועגן אומרו פֿאַר דער מענטשהײַט. די מיידלעך האָט הײַנטיקס מאָל געוווּנדערט, וואָס דער סטודענט איז געקומען ניט אַזוי צו זיי, ווי צו זייער פּאַטער, יעכעזקל גאָטהעלף. און ער פֿירט זיך אויף, דער סטודענט, גאָר אַנדערש, ווי פֿאַראיאָרן, ווען ער איז געווען ניט אַזוי פֿאַרשלאָסן אין זיך, געוואָלט ריידן און גאָרניט הערן. אַפּילע אויסערלעך האָט ער זיך מיט עפּעס געענדערט. מיט וואָס? געענדערט — יאָ, מיט וואָס — שווער אויפֿצוכאַפּן. גע-קומען איז ער ניט צו באַרימען זיך פֿאַר די טעכטער, נאָר זיך אויסריידן פֿאַר זייער פּאַטער.

אין מאָסקווע איז איסאַק לאַנדאַן אַ סטודענט און גאָרניט מער. ער איז פֿאַרנומען נאָר מיט איינס: לערנען, שטודירן, מיט סטודענטישע קרײַזלעך איז ער ניט פֿאַרבונדן, אין סכאָדקעס נעמט ער ניט אָנטייל. ער געדענקט גוט, אַז זײַן טאַטע מיט ביידע ברידער האָרעווען אין וואַרשטאַט מיטן שילד „מיליטערישער שנײַדער", קעדיי אויסצוהאַלטן דעם ברודער, וואָס שטודירט אויף דאָקטער.

דער ברודער איז זייער ייִכעס און זייער צוקונפֿט.

אין מאָסקווער אוניווערסיטעט האָט איסאַק לאַנדאַן זיך פֿאַרנומען נאָר מיט ווערן אַ דאָקטער, און, ווי געזאָגט, זיך אין ערגעץ ניט געמישט. אָבער שטילע געדאַנקען זײַנען



פון צײַט צו צײַט צו אים געקומען, אמאָל אין א פרײַער שאָ, אמאָל אפן געלעגער פארן שלאָף. געדאנקען, וואָס לאָזן נאָך זיך ניט איבער קיין סימען. זיך באוויזן און אוועקגעפליגן, ווי עס בלײַבט ניט איבער קיין סימען אינדערלופטן נאָכן דורכפליִען פון א פויגל. גלײַך מיטן אָנקומען פון א געדאנק, באווײַזן זיך טייקעף דער טאטע מיט די ברידער: ביסט אונדזער האָפענונג, מאך אונדז ניט אומגליקלעך. ער וויל אליין זיך אויך ניט מאכן אומגליקלעך. אָבער לעצטנס קומט אויך אָן א געדאנק, וואָס רופט ארויס פארדראָס און פארהאלט זיך לענגער. אזוינס איז געשען, ווען א ריי צײַטונגען האָבן גענומען שרײַבן און שרײַען, זידלען דרייפוסן, און פארײנס אלע ייִדן, אלע זײַנען זיי פארעטער.

די ערשטע צײַט אין אוניווערסיטעט האָט ער ניט געפילט, אז ער טיילט זיך אויס אלס ייִד, אָבער נאָכדעם האָבן א ריי סטודענטן גענומען קוקן אף אים פונקט אזוי, ווי איוואן שעוועץ קוקט אף ייִדישע קינדער. דעמלט ווערט אים ניט גוט, א קעלט נעמט אים דורך, א פארדראָס כאפט אים ארום. דער טאטע מיט די ברידער באווײַזן זיך ווידער, נאָר אָן טײַנעס, זיי שווײַגן, זייווארטן, וואָס וועט ער זאָגן, נאָר ער שווײַגט אויך.

איסאק איז געקומען צו יעכעזקלען, ווי צו אן עלטערן און קליגערן, צו א געניטערן. פאראיאָרן וואָלט ער אליין געווען דער קלוגער, וואָס וואָלט פאר די טעכטער גערעדט וועגן זאָרג פאר דער וועלט, הײַנט וויל ער וויסן וועגן זיך און וועגן זײַן פאָלק.

— וואָס דערוואַרט אונדז... ווי לעבט מען...

אָט די פראגן אינטערעסירן אויך די טעכטער. זיי נעמען פארשטיין דעם סטודענט, אפילע זײַן אויסערלעכע ענדערונג, באנעמען זיי, שטאמט פון דעם, וואָס אפן הארצן איז אים ניט גוט, א שווערע האָפענונג, ניט פאראן קיין כיישעק צו שטודירן. ער איז פארלאָרן, ער זעט גאָרניט ארום זיך.

און יעכעזקל גאָטהעלף הייבט אָן פון סאָף. די פראגע, ווי לעבט מען, ווארפט ער אינגאנצן אָפּ. מיר זײַנען שטארק מיט דעם, וואָס מיר לעבן. אונדזער איינציק געווער.

דער סטודענט שווײַגט. דערנאָך שרײַט ער קימאט אויס:

— דאָס איז גוט, ווען ס'איז דאָ אן אָנשפאר, אף וועמען זיך צו פארלאָזן.

— וואָס הייסט אף וועמען? — פרעגט יעכעזקל.

און ביידע טעכטער ענטפערן מיטאמאָל:

— אף זיך אַליין!

די ייִנגלעך זײַנען אויך דערבײַ. זיי זיצן רויִק אין אַ ווינקל און שווײַגן, שווײַגן און שמייכלען. פון איין זײַט קאָן עס באַדײַטן: ווען עלטערע ריידן, דאַרפן זיך קינדער ניט אַרײַנמישן. אָבער פאַרוואָס שמייכלען זיי? שמייכלען, ווי מענטשן, וואָס ווייסן אַ סאָד, וועלכע אַנדערע ווייסן ניט. און דאָס איז ריכטיק. זיי האָבן זיך געגעבן טקיִעס-כּף, אַז מע טאָר ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, מע דאַרף ניט שווײַגן. נאָר וואָס שווײַגן, ווען שווײַגן ווייסן זיי נאָך אַליין ניט. ייִנגלעך. זיי נעמען אָבער אויף זייער טקיִעס-כּף מיטן גאַנצן ייִנגלשן ברען. עפּשער טאַקע דערפאַר שווײַגן זיי. אַ סאָד איז אַ סאָד.

די מיידלעך, ווידער, זײַנען אומצופרידן פון זייער שווײַגן און שמייכלען, זיי פאַרגעסן, אַז זיי זײַנען עלטער, קאַלע-מיידלעך, ניט זייער גלײַכן. צו באַוווּנדערן, ווי יעכעזקל גאָטהעלפס טעכטער האָבן זיך געענדערט, גאָרניט צו דערקענען. זיי מאָלן איצט אַנדערע בילדער אָדער מאָלן אינגאַנצן ניט. שטימונגען און געפילן, וואָס האָבן פריִער געשוועבט אַרום זיי, ראָמאַנטיש געריצט, מיידלש געטרוימט האָבן זיך צו זיי מער דערנעענטערט, געוואָרן רעאַלער און ערדישער. די היימישע גוטסקײַט איז אָפּגעטראָטן, געקומען איז פאַרדראָס. פאַרדראָס און זאָרג. לעצטנס האָט דער פאַרדראָס און זאָרג באַקומען אַ קאָנקרעטן אַדרעס — דער שאָכן פון דער דערבײַיִקער גאַס — איוואַן שעווען, וואָס לאָזט ניט אַרויס פון דער האַנט די „נאָוואָיע ווּרעמיאַ", לייענט זי אומעטום, פאַר אַלעמען, שרײַט, קאַכט זיך...

אף מאָרגן, אַ זומערדיקער שאַבעס-טאָג. סימכע מיט בענציִענען זײַנען אַרויס שפּאַצירן, אַנטקעגן קומט אָן איוואַן שעווען. מיט אָט דעם שעוועצן טרעפט, אַז שאַבעס, ערעוו זונטיק, נעמט ער אַ ביסל מאַשקע צוליב קוראַזש, אָנצושרעקן אַ ייִדן. אָבער מיט אַ מאָס, ניט זײַן שיקער, ניט פאַרלירן באַ שכיינים זײַן ווירדע. און דאָך טרעפט אַמאָל, אַז ער כאַפּט יאָ איבער די מאָס, זעלטן, עמעס, אָבער עס טרעפט. הײַנט האָט עס געטראָפן.

איוואַן שעווען — אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט לאַנגע, שיטערע בלאָנדע האָר, מיט דינע קימאַט בלויע ליפּן, — איז נאָך פון דער יוגנט אָן שטאַרק נערוועז צוליבן ניט פאַרגינען אַ צווייטן, צוליבן שטענדיקן כוישעד זײַן, אַז מע לאַכט און מע שפּאָט פון אים, און אויך צוליב דעם, וואָס ער קאָן קיינעם גאָרניט אָנטרויען און פאַרטרויען. ער עסט און יאַדעט זיך אַליין.

ביידע ייִנגלעך זײַנען געבליבן שטיין. וואָס וועט זיי שעוועץ הײַנט אַרײַנזאָגן און וואָס וועלן זיי אים הײַנט ענטפערן. שווײַגן וועלן זיי ניט. און זיי גייען צו נעענטער. זיי דערקענען אים הײַנט ניט. ניט ער קאָן גיין און ניט ער קאָן שטיין, ער פּלאָנטערט מיט די פיס, שטעלט זיך אַלע ווײַלע אָפּ און כאַפּט זיך אָן מיט די הענט אָן אַ וואַנט, ער זאָל ניט פאַלן. ער זידלט זיך ניט. די ניכטערקײַט איז פון אים אַוועק און צוזאַמען אויך אַלע ניכטערע געוווינהײַטן. ער איז איצט גאָר אַן אַנדערער, ער איז שיקער. וויפל ער גייט ניט און וויפל ער שטייט ניט, טרעפט ער אַלץ ניט דעם וועג צו זײַן היים. ער לאַכט גוטמוטיק: די גאַס איז אַנטלאָפן, די שטוב איז אַנטלאָפן, ווו זײַנען זיי? ער דערזעט די ייִנגלעך. ער קוקט זיי אָן, באַקאַנטע, דוכט זיך, פון דער דערבײַיִקער גאַס, ער שמייכלט. ער פּלאָנטערט מיט דער צונג:

— יעוורייטשיקי... ווו בין איך?

— אין בלאָטע.

— און ווו איז מײַן היים?

— אויך אין בלאָטע. — דאָס זאָגן זיי אים צולאָכעס.

— די בלאָטע איז ווײַט?

— ווײַט.

— העלפט מיר, פירט מיך אַהיים.

די ייִנגלעך גלייבן ניט זייערע אויערן. ער רירט זיך פון אָרט און נעמט פאַלן, זיי כאַפּן אים אונטער און שטעלן אף די פיס.

— יעוורייטשיקי, טײַערע... פירט מיך אַהיים.

זיי פירן אים. און דערבײַ טראַכטן זיי: דאָס ערשטע מאָל זעען זיי, אַז אַ שיקערער זאָל זײַן בעסער פון אַ ניכטערן.

באַ איוואַן שעוועצן אין דער אייגענער הילצערנער שטוב איז שטיל, ריין, צוגעראַמט און צוגעפוצט. קיין קינדער האָט ער ניט. אף אים וואַרטן אַ ווײַב און אַ מאַמע. דאָס ווײַב קאַטיע איז אַ פּוֹלע און אַ גוטע, לעצטנס אָבער האָט איר פולקײַט גענומען קאַליע מאַכן איר שיינקײַט. זי דערפרייט זיך, וואָס דער מאַן אירער איז ניט ניכטער. אין אַזאַ צושטאַנד

איז ער א גוטער, און זי גייט אים מיט א צופרידן שמייכל אנטקעגן. הײַנט וועט ער זי ניט זידלען, ניט האָבן קיין טײַנעס, נאָר זי קושן אַן א שיר און צעקנייטשן איר קאָפּטל.

איוואַן שוועץ איז א טשינאָווניק. ניט פון די הויכע, נאָר אויך ניט פון די סאַמע קליינע. זײַן קויעך ליגט ניט אין זײַן טשין, נאָר אין זײַן נאָמען, וואָס איז באַוווּסט, ווי דער היטער פון פּראַוואָסלאַוויע, פון טראָן, א קעמפער קעגן סאָנים — יידן, פּאָליאַקן, טאָטערן.

אנומלטן האָט זיך אים אויסגעדוכט, אז זײַן שיינע קאַטיע קושט זיך מיט א שאָכן, א יונגן יידישן באָכער. פון דעמלט אָן האָט זיך נאָך מער פאַרגרעסערט זײַן סינע צו יידן, און אויך האָט אין אים גענומען קאָכן די יוכע אף זײַן ווײַב. דעמלט רעכנט ער זיך מיט איר אָפּ. ער זידלט זי, רופט זי אָן מיט מיִעסע נעמען, עס טרעפט אויך, אז ער גייט נעכטיקן צו א כאַווער, קעדיי אַלע זאָלן זען, ווי מיִעס זי איז אים, די אומגעטרײַע. דאָס ווײַב איז אים דאַפּקע עמעס געטרײַ, נאָר אז שוועץ נעמט זיך עפּעס אַרײַן אין קאָפּ, איז עס ווי א שיגאָען, וואָס מע קען ניט אויסהיילן. פאַרפאַלן! הײַנט אָבער, ווען די צוויי יעווריי-טשיקעס האָבן אים אַרײַנגעפירט אַהיים, האָט ער ווידער ליב באַקומען זײַן שיינע קאַטיע. די מאַמע זײַנע, ווערע פּיאַדאַראַוונאַ, א גראַווע, א נערוועזע, ענלעך אף איר זון, איז אומצופרידן. ניכטערהייט איז דער זון אירער, אויסגעטרונקען — איז ער דעם ווײַבס, און צו איר, צו דער מאַמען, וועט ער האָבן טײַנעס, זידלען און באַליידיקן.

ביידע יינגלעך האָבן גאָרניט פאַרשטאַנען. קיינער קוקט אף זיי ניט, קיינער פרעגט גאָרניט און זאָגט גאָרניט. די יונגע פרייט זיך, די עלטערע בייזערט זיך. זיי האָבן שוין געוואָלט שטיל אַרויסגיין, האָט די אַלטע זיך דערמאָנט און געזאָגט מיט טײַנע:

— ווער האָט אײַך געבעטן אים ברענגען א שיכּורן?

— ער אַליין האָט געבעטן.

— מאַלע וואָס א שיכּורער בעט.

דאָ האָט זיך די יונגע אַרײַנגעמישט:

— אַנשטאָט א דאַנק בייזערט איר זיך. איר זײַט געבאָרן א שלעכטע. איר קענט א מענטשן ניט פאַרליידן.

— מענטשן... זשידקי... — זי האָט אויסגערעכנט, אז דער זון וועט זי אונטערהאַלטן, דער זון אָבער האַלט הײַנט אונטער זײַן פרוי. און מיט די זעלבע ווערטער, מיט וועלכע ער זידלט קאַטיען ניכטערהייט, זידלט ער זײַן מאַמע שיכּורערהייט.

די יינגלעך גייען גלײַך אַוועק.

שוועץ מיט זײַן קאַטיושען זײַנען אײַנגעשלאָפן אף איין קישן. אף מאָרגן, ווי נאָר ער עפנט די אויגן, קוקט ער זיך אַרום: ווו איז ער? ער פאַרשטייט ניט. די מאַמע אָבער איז אף דער וואַך, ער האָט זיך אויסגעשלאָפן, אויסגעניכטערט — איז ער אירער. און זי, קאַטינקע, מיטן שיינעם פּענעמל און מיטן פּוד פּעטס וועט שטיין אין ווינקל מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט. נאָר איוואַן איז נאָך ניט אויסגעשלאָפן, הײַנט איז זונטיק, וואָס איז די אײַלעניש? ער האָט זיך מיט קאַטיען אַזוי גוט אויסגעוואָרעמט, אז ער וויל נאָך שלאָפן. און די אַלטע זעט, ווי קאַטיע מיט פאַרמאַכטע אויגן לאַכט פון איר. ווערע פּיאַדאַראַוונאַ האָט צײַט, איר שאַ וועט קומען, ער וועט זיך אויסניכטערן. און טאַקע... ער איז שפּעט אויפגעשטאַנען, ניכטער, גאָר זויער, אומצופרידן.

— איוואַן, — פרעגט די מאַמע, — ווו האָסטו זיך עס אַזוי אָנגעטרונקען, וואָס צוויי יינגלעך האָבן דיך פאַר די הענט געשלעפּט אַהיים?

ער קוקט זי אָן.

— מיך? מיך האָט מען געשלעפּט... איך בין אַליין געקומען.

סײַ די אַלטע, סײַ די יונגע שווײַגן. מע טאָר איצט א וואָרט ניט אַרויסריידן. געפערלעך!

נאָך אין דעם זעלבן טאָג גייט ער אַרויס אין גאַס, און אין וועג באַגעגענען אים צוויי יינגלעך, וועלכע שטעלן זיך אָפּ און קוקן אים אָן.

— ווער זײַט איר?

— מיר האָבן אײַך נעכטן אָפּגעפירט אַהיים.

— אַך, אַזוי... דאָס האָט איר אויסגעטראַכט דעם ליגן. איך בין אַליין געקומען...

פון פאַרדראָס גייט ער צוריק אַהיים. אין שטוב שווײַגט ער. ער פילט זיך אָפּגעשוואַכט און וויל זיך לייגן אין בעט. די מאַמע מיטן ווײַב פאַרשטייען ניט, וואָס מיט אים קומט פאָר. זיי קאָנען דאָך טאַקע ניט וויסן, אז זײַן בעריעשקײַט, זײַן זידלען זיך און שרײַען

נעמט זיך ניט אַזוי פון קויעך, ווי פון שוואַכקײַט. ער איז אַלעמען כוישעד, פאַרגינט ניט, איז נערוועז-אָנגעשראָקן, מוז ער זיך זידלען, שרײַען, סטראַשען, זוכן אַ שולדיקן, מע זאָל פאַר אים האָבן דרכערעץ. דאָס איז זײַן פעסטונג.

2

אין שווערע צײַטן מאַכט מען אויך כאַסענע קינדער, ביפראַט מיידלעך. מע זאָל וואַרטן אַף בעסערס, קאָן מען זיך גאָרניט דערוואַרטן. צו יעכעזקלס פרוי, צו סימען, קומען שאַדכאָנים. די מיידלעך ווייסן וועגן דעם, נאָר ווײַזן ניט אַרויס קיין באַזונדער אינטערעס. צו זיי קומט אָפט דער סטודענט לאַנדאַו. די מאַמע באַנעמט, אַז וועגן דעם סטודענט איז ניטאָ וואָס צו טראַכטן. צו צוויי מיידלעך קומט ער, צו איינער וואָלט ער עפשער גאָרניט געקומען. ביידע שוועסטער, גאָלדע און זלאַטע, זײַנען גרויסע איבערקלײַבערנס. ניט יעדער קאָן זיי געפעלן, זיי פאָדערן אַ סאַך. אָבער ווען צו דער מאַמען קומט אַרײַן אַ שאַדכן, ווילן זיי פונדעסטוועגן וויסן, וועלכן באָכער וועט מען אָנרופן. נײַגעריקײַט.

נאָך אַלעמען פאַרשטייען די מיידלעך, אַז עס האַנדלט זיך וועגן זייער גוירל. יאָ, און וואָס וועט די מאַמע זאָגן? איר וואָרט איז ניט ווייניקער וויכטיק, ווי זייער אייגן וואָרט. אָבער אין איינעם אַ טאָג וואַרפן זיי אָן אומכיין אַף די שאַדכאָנים און אַפן שאַדכאָנעס גופע. עס פאַסט זיי ניט, זיי ווילן ניט. דאָס איז פאָרגעקומען אין יענעם טאָג, ווען די שוועסטער האָבן אָנגעזאָגט דעם טאַטן:

— פאָטער, פאַן סלאַווינסקי איז צו דיר געקומען.

פאַן סלאַווינסקי קושט דער מאַדאַם גאָטהעלף די האַנט, זאָגט אַ קאָמפּלימענט די טעכטער — פיענקני צורקי — און גייט מיט צעשפּרייטע הענט צו יעכעזקל גאָטהעלף. דער ערשטער אײַנדרוק בײַ די מיידלעך: אַ שטאַלטנער, אַ בלאָנדער, שיינע וואָנצעס, וואָס רופט אַרויס רעספּעקט. באַלד אָבער דערזעען זיי: ער הינקט אַף דעם לינקן פוס און נייגט זיך אָפט אַף לינקס, וואָס רופט אַרויס ראַכמאָנעס.

די באַקאַנטשאַפט פון יעכעזקל גאָטהעלף מיט וולאַדיסלאַוו סלאַווינסקי איז אופגעקומען צוליב זייער אַרבעט — ביידע בוכהאַלטערס אין מילן. (סלאַווינסקיס באַלעבאַטים זײַנען פאָליאַקן). גלײַך נאָך דער באַקאַנטשאַפט האָט יעדער פון זיי דערקענט די אָרנטלעכקײַט פון דעם צווייטן און ביידע פאַרטרויען איינער דעם אַנדערן זייערע געפילן און געדאַנקען. בוכהאַלטעריע איז פאַר סלאַווינסקין אַ מיטל פאַר פּאַרנאָסע, זײַן ליבע איז פוילן און איר געשיכטע. די גאַנצע פרײַע צײַט גיט ער אָפּ אַף לייענען, פאָרשן, אַנטדעקן. פון צײַט צו צײַט קומט ער דערציילן גאָטהעלפן וועגן זײַנע דערגרייכונגען, ביפראַט, אַז די געשיכטע איז דורכגעפלאָכטן אויך מיט ייִדן. הײַנט איז ער געקומען ריידן וועגן עסטערקען, די באַוווּסטע שיינהײַט עסטערקע, די טאָכטער פון אָפּאָטשנער שנײַדער, וואָס האָט פאַרקישעפט דעם קיניג קאַזימיר דעם דריטן. זי איז געוואָרן זײַן ליבע. ער האָט זי אַרײַנגענומען צו זיך אין פאַלאַץ, און זי האָט אים געבוירן צוויי זין און צוויי טעכטער. די טעכטער האָט עסטערקע דערצויגן אין ייִדישקײַט, די צוויי זין, פעלקאַ און נעמיר, זײַנען דערצויגן געוואָרן אַלס קריסטן.

פאַן סלאַווינסקי שטעלט זיך די אופגאַבע צו דערוויסן, וואָס איז געוואָרן פון די פיר קינדער, וואָס דער פאָטער זייערער איז געווען אַ קיניג און די מוטער — אַ טאָכטער פון אַ שטעטלשן שנײַדער, — אַ געשיכטע, וואָס איז פאָרלאָפן מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

פון דער דאָזיקער מײַסע זײַנען די מיידלעך אויסער זיך, — וואָס עס קאָן געשען! וואָס עס קאָן פאַרלויפן! זיי ווילן מער ניט הערן פון שאַדכאָנעס און שאַדכאָנים, זיי ווילן ליבע, זיי ווילן שיינקײַט, זיי ווילן זיך אופהייבן אַף די פליגל פון זייער מיידלשער יונגקײַט. די ייִנגלעך קומען דערציילן וועגן זייער באַגעגעניש מיט שוועצן, די שוועסטער באַמערקן זיי ניט. זיי זײַנען ערגעץ אין די הימלען — עסטערקע, קאַזימיר דער דריטער (דער גרויסער), ליבע, אַך...

די מאַמע זאָגט זיי גאָרניט. די מאַמע פאַרשטייט זיך אַף זייערע קינדערשע געננג. זי וויל אָבער בײַ זיי ניט אָפּנעמען דעם פאַרגעניגן פון פריילעך פאַנטאַזירן. זאָלן זיי. דערווײַל איז זייער צײַט. די מאַמע סימע קאָן זיך עס דערלויבן אַ טאָג און צוויי, אַפן דריטן זאָגט זי:

— אַ שײנע לעגענדע מיט עסטערקען, עמעס?

— אַ לעגענדע?!

— װאָס זשע דען, דער קיניג האָט אין גאַנץ פּױלן ניט געקענט געפֿינען קײן שײנע פּאַניענקע, נאָר געדאַרפֿט אָנקומען צו אַ קלײנשטעטלדיקן שנײַדערס אַ טאָכטער?

— זי איז אים געפֿעלן. מאַמע, אױף ליבע פֿרעגט מען ניט קײן קאַשעס. באַשערט!

— אַ שײנער אײַנפֿאַל איז עס, קינדער. אַװדע ליבע. איר מײנט, אַז ליבע איז בלינד, נײן, ליבע איז אױך קלוג. אַ קיניג! ניט קײן יִנגל, װאָס װעט זיך פֿאַרליאַפּען אין אַבי־װעמען. אַ שײנע מײַסע איז עס... װאָס עפּעס איז דער סטודענט לאַנדאָן לאַנג ניט געװען בײַ אײַך?

זי װיל נאָך דערװײַל ניט אַרײַנפֿירן די מײדלעך אין אַ טרוקענעם כעזשבן. עמעס, זי אַלײן איז אין דער יוגנט געװען שײן און טרוקן, אָן אַ פּיצעלע ראָמאַנטיק. אױף דער עלטער, װען די שײנקײַט גײט אַװעק, זײַנען צו איר געקומען געפֿילן. אַװדע װילן די טעכטער שײנס און פֿײַנס פֿאַרן האַרצן און פֿאַר דער נעשאָמע. װוּ נעמט מען עס? זײ װילן ניט קײן גערעדטע שידוכים... כאַסאַנים פֿאַלן דען פֿון הימל אַראָפּ. יענע עסטערקע האָט קײן נאַדן ניט געדאַרפֿט. זײ דאַרפֿן.

די מײדלעך האַלטן זיך אָבער בײַ זײערס. זײ װוּנדערט, װאָס דער טאַטע שװײַגט.

— פֿאָטער...

— איר זײַט גערעכט, קינדער, אָבער װאָס קומט אַרױס פֿון גערעכטיקײַט? הױלע גערעכטיקײַט איז געגליכן צו דער לעװאָנע אין הימל. שײן, פֿײַן, נאָר װײַט און קאַלט.

די מאַמע סימע פֿאַרשטײט עס, די מײדלעך זלאַטע און גאָלדע פֿאַרשטײען עס ניט. די מאַמע טרײסט זיך: זײ װעלן װערן עלטער — װעלן זײ װערן קליגער. און זי נעמט װידער אױף שאַדכאָנים. מײדלעך דאַרף מען כאַסענע מאַכן. די ליבע קומט נאָכדעם.

פֿרִיער כאַסענע, דערנאָך ליבע — אַזױ מײנט די מאַמע, די מײדלעך טראַכטן אַנדערש, זײ טראַכטן, װי זײערע כאַװערטעס, די שװעסטער לאַפּשין: ליבע און נאָר ליבע. און לאַפּשינס טאָכטער, בײלע, אַ סאַמעט־שװאַרצע, מיט קלוגע אױגן גײט װײַטער: זי איז קעגן דער באַגרענעצונג, װאָס דאַפֿקע אַ כאָסן אַ ייִד, אַ געליבטער אַ ייִד, זי װיל זײַן פֿרײַ אין איר אױסװאַל. יעכעזקלס טעכטער פֿאַרשטײען בײלען, אַװדע איז זי גערעכט. אָבער זײ אַלײן, װײסן זײ, װעט אױף אַזױנס ניט קלעקן קײן מוט און אַנטשײדנקײַט. און כאָטש זײ װאַרפֿן אַמאָל אױף דעם טאַטן, אַז ער מאַכט אַלע גרױסע מענטשן פֿאַר ייִדן, איז אין זײ אַלײן די ייִדישקײַט טיף אײַנגעװאָרצלט. און װײַל זײ אַלײן קענען עס ניט, אַכטן זײ שטאַרק בײלען, האָבן זי ליב.

די מײדלעך היטן זיך, זײערע רײד װעגן ליבע און, באַזונדערס, װעגן פֿרײַער ליבע, זאָל ניט דערגײן צו דער מאַמען. אָבער עפּעס דערגײט. די מאַמע װערט שטאַרק אומרוִיק און זאָגט דעם טאַטן: כאַסענע מאַכן! סימע געדענקט, װי מײדלװײַז, װען זי איז געװען ניט נאָר יונג, נאָר אױך אָנגענעם־שײן, האָבן אָפּיצערן פֿון איר די אױגן ניט אַראָפּגענומען, איר נאָכגעגאַנגען, געזאָגט קאָמפּלימענטן. געװאָלט זיך נעענטער באַקאַנען. און נאָר איר אױסגערעכנטקײַט, איר קאַלטער כעזשבן האָט זי אָפּגעהיט. אַמאָל אַפֿילע לאַכט זי פֿון זיך: איך האָב שױן געקענט זײַן אַ גענעראַלשע. אָבער אירע קינדער, װעלכע גלײבן אױפֿן װאָרט, װעלכע קענען ניט אונטערשײדן צװישן עמעס און ניט־עמעס (אָדער װי סימע דריקט זיך אױס „צװישן קאָשער און טרײף“) קאָנען זיך פֿאַרליאַפּען אין אַ באָכערל מיט אַ שײן פּענעמל און מיט אַ פּוסטן קאָפּ. זי האָפֿט, אַז אײן שידעך װעט זיך אײַנגיכן אײַנגעבן.

3

די לעצטע טעג האָט סימכע אָפּט געהערט, װי זײַנע עלטערן רײדן צװישן זיך װעגן עפּעס אַ װײַטער רײַזע.

פֿון אַבע דעם בעקער און זײַן ראָכעלע איז אָנגעקומען אַ בריװ אין אַ שײנעם קאָנװערט מיט אומבאַקאַנטע מאַרקעס. אַבע שרײַבט: צו זײ איז דערגאַנגען אַ קלאַנג, אַז עזרע זיצט אָן אַרבעט, קען זיך ניט אײַנאָרדענען, רופֿן זײ עזרען מיט דער מישפּאָכע צו זיך. שיפֿסקאַרטן װעלן זײ אַרױסשיקן. זײ װאַרטן אױף אַ באַלדיקן ענטפֿער. סײַ עזרע און סײַ מאַשע האָבן מיטאַמאָל דערפֿילט, װי די װײַטע װעלט האָט אַרײַנגעקוקט צו זײ

אין שטוב. ניין, עס גייט נאָך דערוועגל ניט אין דעם, וואָס אַט נעמען זיי און פאָרן אוועק. עס גייט אין דעם, וואָס ערגעץ איז פאַראַן אַן אַנשפּאַר, א שטיצע, א גוטער כאַוער, וואָס קען העלפן אין א שווערער שאַ. אין שטוב איז געוואָרן פרייליכער, דער טאַטע מיט דער מאַמען לאַכן אָפט, זייַנען שטאַרק צופרידן.

— אבע האָט זיך דערמאָנט. א בעקער האָט א גוטן זיקאָרן, — זאָגט דער טאַטע.

פאר עזרען און מאַשען קומט אויף זייער יוגנט, ווען אַלץ איז געווען גוט און פאַר־שטענדלעך, ווען זייער ליבע האָט זיך אָנגעהויבן. און אַלץ, פאַרשטייט זיך, זעט אויס שענער, ווי געווען.

סימכע קען אָבער ניט פאַרשטיין: פון וואָס זייַנען טאַטע־מאַמע צופרידן? פון דעם, וואָס זיי פאָרן, צי פון דעם, וואָס זיי פאָרן ניט. ער אַליין, סימכע, ווייסט דאָך אויך ניט, ער וויל פאָרן, צי ער וויל ניט. מיט בענציען צוזאַמען וואָלט ער געפאָרן. אָבער אַליין? ניט פאַראַן קיין כיישעק. אַליין...

אויסגעפאַלן איז עס אין דער צייַט, ווען יעכעזקלס מיידלעך,ביידע — זלאַטע און גאָלדע — זייַנען פאַרנומען מיט זייערס און באַמערקן אפילע ניט די יינגלעך.

— אָך, בענציען, ווען דו פאָרסט אויך...

— וואָס הייסט... און דו פאָרסט?

— כ׳ווייס ניט. מע וויל אונדז שיקן שיפסקאַרטן.

— איך הער עס דאָס ערשטע מאָל.

— און איך האָב עס געהערט מיט צוויי טעג צוריק.

בענציענען ווילט זיך ניט, אַז סימכע זאָל אוועקפאָרן. מיט סימכען צוזאַמען וועט דאָך אויך פאָרן דער פעטער עזרע און די מומע מאַשע.

די דאָזיקע נייַס האָט בענציען געבראַכט צו זיך אַהיים. דער טאַטע, דער דאָקטער קאַדיש זאָגט:

— אָ, ריכטיק. גוט וואָס זיי פאָרן, פאַרשפאָרן דאָ אָפקומען. עזרע איז טאַקע א קלוגער.

אָבער ראָזע... אין דער מינוט קען זי ניט טראַכטן, ניט ריידן, זי קען נאָר שווייַגן. שפּעטער קומט זי צו־זיך, זי איז באַ זיך ניט געגנאַרט: עזרע איז פאַרגאַנגענהייַט. אַלץ, וואָס האָט זיי געקענט פאַרייניקן, איז אוועק. אָבער די דאָזיקע פאַרגאַנגענהייַט געהערט דאָך איר, דאָס ווערט איר ווירקלעכקייַט, איר הייַנט. אויף די עלטערע יאָרן ערשט פאַר־שטייט זי, ווי געטרייַ און איבערגעגעבן זי איז געווען דעם ליבע־געפיל, זאָל איצט זייַן געוועזענע ליבע, גוט. די געטרייַשאַפט אָבער און די זאָרג איז פאַרבליבן. און אויב זי וויל זיך דערמאָנען, וואָס זי וויל פאַרגעסן, בלייַבט דאָך מיט איר איבער בענציען. „אָבער, טאַטע־פאָטער, איך בין דאָך ניט נאָר א מאַמע, נאָר אויך א פרוי".

אוויגדער מיינט עזרעס טויווע, ווינטשט אים גוטס. דאָס ווייסט ראָזע. אָבער עזרע וועט דאָך מיט זיך אוועקפירן איר יוגנט, איר זיקאָרן, באַגייַסטערונג און אנטוישונג. עמעס, זאָל דאָס אַלץ זייַן ניט מער, ווי א סימען פון איר אַמאָל, זאָל דער סימען פאַרבלייַבן. זאָל עזרע וועגן איר אַמאָל טראַכטן, בענקען, געדענקען. זי ווייסט דאָך, ווי אויף דער וועלט פירט זיך: דאַליע אַטשי — דאַליע סערדצע.

און ווי עס מאַכט זיך אַמאָל, קומט דער אויספיר אומגעריכט און גאָר פון אן אנדער זייַט, דער אויספיר: שולדיק איז אַניעטשקע, וואָס האָט אנטזאָגט עזרען אין א שטעלע. דער פאַרדראָס באַ ראָזען איז גרויס, און זי וויל טעווקען עפענען די אויגן — ער איז באַלעבאָס! אַניע זאָל אויף אים ניט פאָרן רייַטנדיק.

ווען ראָזע זאָל געווען וויסן, וויפל פאַרדראָס און אומצוטרוי זי האָט אַרייַנגעבראַכט צווישן טעווייען און אַניעטשקען מיט איר אנומלטיקן זאָג „דייַן מאַן איז באַלעבאָס!", וואָלט זי זיך געוויס ניט געמישט מער צווישן מאַן און ווייַב. פאַר אַניען איז עס געווען, ווי א קויל, וואָס האָט זי דורכגעשאָסן אויף דורך און דורך. זי האָט מיטאַמאָל דערפילט, ווי דער ציל פון איר לעבן, וואָס זי האָט שוין קימאַט דערגרייכט, נעמט זיך וואַקלען, פאַלן, פאַר־שווינדן, ווערט פון ווייַס שוואַרץ. וואָס איז איר פאַרלאַנג: ניט זייַן פון קיינעם אָפּהענגיק, זייַן א באַלעבאָסטע, א גווירנטע, זאָגן דייעס, אָנפירן, מענטשן זאָלן דאַרפן צו איר אָנקו־מען. דאָס אַלץ וויל ראָזע צונישט מאַכן. געהערט... טעווקע איז באַלעבאָס. און זי? ניין, זי וועט ניט דערלאָזן! איר כאַלעמט זיך שוין אפילע, ווי זי פלעגט מיידלווייַז נאָכלויפן טעווקען, און ער פלעגט אויף איר ניט וועלן קוקן. דער פאַרדראָס אויף ראָזען גייט פון טאָג־צו־טאָג אַריבער אויף טעווקען. ער קען באַ איר אַלץ צונעמען. און כאָטש זי זעט זייער גוט, אַז טעווקע מישט זיך ניט, איז גלייַכגילטיק צו אירע געשעפטן, לאָזט איר איבער די פולע

מאָס פֿון באַלעבאַטעווען, ווערט דער כשאַד ניט שוואַכער. פֿאַרקערט, עס טרעפֿן מינוטן, ווען זי נעמט אַף איר טעווקען קוקן. ווי אַף אַ סוינע, וואָס וויל זי אומגליקלעך מאַכן. ווען זי שווײַגט ניט און זאָגט עס אַרויס, וואָלט ער זי אינגאַנצן באַרויִקט. זי שווײַגט אָבער, זי טרויט אים ניט, ער קאָן זי אָפּנאַרן.

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ראָזע פֿאַרשטייט ניט טעווקען, און טעווקע פֿאַרשטייט ניט ראָזען. דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה, ערגער איז, וואָס טעוויע פֿאַרשטייט ניט אַניען, און אַניע פֿאַרשטייט אים ניט. אַניע איז איצט אַ געטרײַע מאַמע, דאָס קינד איז אַלץ, מער פֿון איר מאַן, בילכער פֿון איר מאַן, דאָס קינד איז דער יורש, אים וועט אַלץ געהערן. פֿון דעם געדאַנק האָט זי גרויס הנאה, זי האָט אַ בײַטש אַף טעווקען, ניט ער איז באַלעבאָס, דאָס קינד איז באַלעבאָס.

טעוויען ווערט אַלץ שווערער זײַן מיט איר צוזאַמען, ריידן מיט איר, קוקן אַף איר. איר גיריקײַט פּײַניקט אים. ער דאַרף ניט די רײַכקײַט, ניט אין דעם באַשטייט זײַן לעבן. ער בענקט נאָכן אַמאָל, נאָך זײַן יוגנט, נאָך זײַנע כאַווירים. ניט לאַנג צוריק האָט ער זיך געזען מיט פּערעצן און פּערלען. זיי זײַנען געווען צופֿרידן, זיי אַליין האָבן שוין אויך וועגן דעם געטראַכט: גענוג צו שווײַגן, גענוג צו זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט.

נאָך דער באַגעגעניש מיט פּערעצן און פּערלען האָט טעוויע פּאַשעט אויפֿגעלעבט. בײַ אים איז אַ גוטע שטימונג, ער שפּילט זיך פֿריילעך מיטן קינד. אַניע איז פֿון דעם צופֿרידן, זי פֿאַרשטייט אָבער ניט, פֿון וואָס איז טעווקע צופֿרידן, די גאַנצע צײַט הערט זי ניט פֿון אים קיין איין וואָרט, קיין איין אָנדײַט אַפֿילע, אַז ער איז באַלעבאָס. זי באַרויִקט זיך. אייגנטלעך, איז דאָך שולדיק ראָזע, וואָס האָט זי צו טעווקען? אַמאָל, אין אַ פֿרײַער שעה, קומט צו איר אַזאַ טשיקאַווע-מאָדנער געדאַנק, אַן אײַנפֿאַל: זי אַף זײַן אָרט וואָלט ניט געשוויגן, ער איז דאָך טאַקע באַלעבאָס. און זי פֿאַרענטפֿערט עס: „אַף דעם בין איך אַ גוטע באַלעבאָסטע, אַ בעריע, ער קאָן זיך פֿאַרלאָזן“. און זי נעמט ווידער צו אים שמייכלען, אים געפֿעלן, מאַכן אַ גוט לעבן. אָבער די פּײַנלעכקײַט בײַ טעוויען גייט שווער דורך, בײַ אים באַקומט זיך ניט לײַכט אַהער און לײַכט אַהין, בײַ אים גייט דאָס געפֿיל אַריבער אין אַ פֿיזישן צושטאַנד, ער קאָן אַנדערש ניט.

וואָס ווײַטער געפֿעלט אים אַלץ מער זײַן יינגעלע שימעלע (אַ נאָמען נאָכן זיידן שימען דעם שנײַדער), וואָס איז זייער ענלעך אַף דער מאַמען אַניע און וואָס אַלץ ווינציקער און ווינציקער געפֿעלט אַניע אַליין. זי האָט עס דערפֿילט.

און האָט אָנגעהויבן זיך פּוצן, אָנטאָן נײַע שיינע קליידער, טײַערע צירונג. זי וויל זײַן די ערשטע ניט נאָר הײַל זי איז אַ באַלעבאָסטע — אַ בעריע, נאָר ווײַל זי איז אַ פֿרוי, וואָס וויל אויסנעמען אויך מיט איר שיינקײַט.

פּערעץ איז געקומען צו עזרען אין געסט. עזרע מיט מאַשען האָבן זיך זייער דערפֿרייט. האָבן עס אָנגענומען, ווי אַ באַווײַז, אַז צו באַקאַנטע איז שוין דערגאַנגען דער קלאַנג וועגן אַ „ווײַטער רײַזע“, קומט מען זיך געזעגענען. זי האָט צו זיך געשמייכלט: ניט זי און ניט עזרע ווייסן נאָך ניט, צי זיי פֿאָרן אָדער פֿאָרן ניט, אָבער צופֿרידן איז זי, וואָס כאַווײרים פֿאַרגעסן ניט, וואָס פֿרײַנט געדענקען. זי באַמערקט, אַז פּערעץ האָט זיך ווינציק געענדערט, איז ווי שטענדיק רויִק, און זײַנע צעשויבערטע האָר, כאָטש זיי ווילן ניט אײַנליגן, זײַנען הײַנט צוגעגלעט און פֿאַרקעמט. זי טראַכט זיך אירס, די מאַנצבלען שמועסן זייערס. אינמיטן זייער געשפּרעך כאַפּט מאַשע אומגערן און אומדערוואַרט אויף די ווערטער: „מע טאָר ניט זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט“. זי זעט אויך, אַז ביידע זײַנען אײַנשטימיק און דריקן זיך די הענט. זי איז געוואָרן אומרויִק, געוואָלט אויסשרײַען: ווידער! געטראַכט דערבײַ: ווינציק געליטן? ווינציק צרות געהאַט?

זאָגן זאָגט זי גאָרניט, נאָר אין דעם צווייפֿל פֿון „יאָ“ פֿאָרן און „ניט“ פֿאָרן האָט אין דער רעגע בײַ מאַשען גענומען די אויבערהאַנט דער „יאָ“ פֿאָרן, אַנטלויפֿן. און שפּעטער זאָגט זי עזרען אויך גאָרניט, נאָר אַ גאַנצע נאַכט שלאָפֿט זי ניט, זאָל גאָט אויסהיטן, עס זאָל זיך ווידער איבערכאַזערן טורמע, סיביר. און זי זאָגט מיט האַרץ: טאַטע אין הימל, פֿאַרוואָס קומט עס מיר, אַז ווען איך פֿאַרגיי אין טראָגן, קומען צרות און אומגליקן.

אַף מאָרגן זיצן מאַן-און-ווײַב באַם טיש און טוען זייער שטענדיקע אַרבעט — מאַכן פּאַפּיראָסן. אָבער הײַנט רעדט מען ווינציק, געציילטע ווערטער, יעדער טראַכט וועגן דעם, וועגן וואָס דער צווייטער טראַכט ניט, גאָרניט אַזוי ווי פֿריִער, ווען יעדער באַזונדער האָט געטראַכט איינס און דאָס זעלבע. אַוועק אַ טאָג און צוויי, מאַשע קאָן מער ניט שווײַגן.

— מיט צוויי קינדער האָב איך קוים אויסגעהאַלטן, מיט דרײַ...

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אומגעריכט, און עזרע פֿאַרשטייט ניט, וועגן וואָס דאָס איז געזאָגט געוואָרן. ער קוקט זי פֿאַרוווּנדערט אָן.

— עזרע, מיט צוויי קינדער האָב איך קוים איבערגעלעבט די אומגליקלעכע שווערע צײַט פֿון טורמע און סיביר. מער וועל איך ניט אויסהאַלטן, ניין, מער ניט, ביפֿראט מיט דרײַ...

— וואָס איז דיר פּלוצלינג אײַנגעפֿאַלן טורמע און סיביר?

— אוי, מײַן מאַן, עס ליגט מיר גוט אין די ביינער. די מישפּאָכעס פֿון די אַרעסטיר-טע לײַדן דאָך נאָך מער ווי די אַרעסטירטע גופֿע, דאָס ווייסטו?

מאַשען ווילט זיך נאָך אַלץ ניט זאָגן עזרען דעם עמעס, אַז זי פֿאַרשטייט, וואָס באַ-דײַט „פֿאַרלייגטע הענט", און מיט וואָס דאָס ענדיקט זיך, ווייסט מען דאָך גוט. ריידן קעגן עזרען וויל זי ניט און קאָן ניט, אָבער וועגן אַ רײַזע מעג זי דאָך עפּעס זאָגן.

— מיר דוכט, עזרע, אַז די שיפֿסקאַרטן קאָנען אָנקומען.

— אָנקומען? וויאַזוי? מיר האָבן דאָך ניט געבעטן.

— געבעטן האָב איך אויך ניט. געגעבן נאָר צו פֿאַרשטיין, אַז מיט דער צײַט קען עס צוניץ קומען.

— מאַשע, דו האָסט כיישעק צו פֿאָרן?

— יאָ.

— און איך...

— און דו ווילסט אַלץ ריזיקירן. טײַערער, זאָלן די קינדער פֿרײַער אויסוואַקסן.

עזרע ענטפֿערט ניט. שווײַגט פֿאַרטראַכט. זאָגן דעם עמעס וויל ער נאָך אויך ניט. ער וויל מאַשען ניט באַאומרויִקן. ריידנדיק מיט פֿערעצן, האָט ער געהאַט אין זינען נאָר זיך אַליין. ער איז דאָך אָבער ניט אַליין. ער האָט אַ מישפּאָכע. זיך אַליין מעג ער מאַקריוו זײַן. אָבער די מישפּאָכע? ער קוקט אויף מאַשען און אים ווערט שווער אין געמיט, די נעכ-טיקע גרינגקײַט און לײַכטקײַט איז אַוועק. ער פֿילט זיך פֿאַרלאָרן, מיד און צעטראָגן. וואָס איז מיט אים?

4

דערפֿאַר איז עזרע געווען שטאַרק צופֿרידן, ווען צו אים איז אומדערוואַרט געקומען טעוויע קושניר. און כאָטש עזרע איז ניט פֿון די, וואָס האָבן ליב פֿאַרטרויען סודעס און טיילן זיך מיט געפֿילן און שטימונגען, איז ער צוגעפֿאַלן צו טעוויען, ווי אַ דאָרשטיקער צו אַ קוואַל.

— טעוויע, זײַ, טעוויע, וואָס הערט זיך באַ דיר? ווי לעבסטו, וואָס מאַכט די מי-שפּאָכע?

מיט די פֿראַגן צו טעוויען האָט ער געוואָלט אָפּשלאָגן זײַנע אייגענע טײַנעס צו זיך אַליין. ער האָט, קאָן מען זאָגן, געוואָלט זיך אויסבאַהאַלטן הינטער זײַן כאַווער, זיך ניט אַרויסזען. עס האָט ניט געהאָלפֿן. אויף דער פֿראַגע „ווי לעבסטו?" האָט טעוויע ניט געענט-פֿערט. ער קאָן ניט זאָגן דעם עמעס, און קאָן ניט זאָגן דעם ניט-עמעס.

— עזרע, און דו?

— ניט איגאַנצן גוט.

— באַ דיר? מאַשע איז דאָך אַ גאָלד.

— טאַקע אַ גאָלד. און באַ דיר איז דען אַנדערש?

— אַנדערש.

באַ עזרען און טעוויען פֿאַרנעמען איצט דעם אויבנאָן זייערע פֿרויען. עמעס, באַ ביידן פֿאַרשיידן.

— אַנדערש, טעוויע, פֿאַרוואָס? וואָס פֿעלט דיר?

— מיר פֿעלט גאָרניט, איך האָב איבעריקע.

— איך קען עס ניט באַנעמען, טעוויע.

— פֿאַרוואָס קענסטו ניט. פֿערעץ מיט פֿערעלען פֿאַרשטייען זיך, דו מיט מאַשען פֿאַר-שטייען זיך, איך מיט אַניען פֿאַרשטייען זיך ניט. — און טעוויע נעמט דערציילן עזרען וועגן זײַן לעבן.

וואָס מער עזרע הערט וועגן אַניען, אַלץ מער זעט ער מאַשען. און וואָס מער ער זעט זי, אַלץ ליבער ווערט זי אים. זײַן מאַשע איז מיט גאָרניט ענלעך אויף אַניען, זי איז אַ גוטע, אַ האַרציקע, אַ קלוגע, זי לעבט פֿאַר אים און פֿאַר די קינדער.

ער כאַפּט זיך, עזרע, אַז ער טוט ניט גוט. ער טראַכט מער פֿאַר זיך, ווי ער הערט טעוויען.

טעוויע באַמערקט עס ניט. פֿאַר אים איז גאָרניט אַזוי וויכטיק, צי הערט מען אים, ווי וויכטיק אים איז אַרויסצורײדן זיך, אַראָפּרײדן פֿון האַרצן... אים איז שווער.

5

אין איינעם אַ פּריוואַטיק אינדערפֿרי האָט איוואַן שעוועץ פֿאַרזוכט אַ ביסל מאַשקע און איז אין גרויס קוראַזש אַרויס אויפֿן פֿישמאַרק מיט אַ „נאָוואָיע וורעמיאַ" אין דער האַנט. אין דער צײַטונג איז מיט גרויס האַנאָע און האָפֿערדיקייט באַשריבן, ווי מע האָט בײַ דרייפֿוסן אָפּגענומען זײַן קאַפּיטאַן-ראַנג, און ווי מע האָט אים אַלס פֿאַרברעכער פֿאַרשיקט אויפֿן טײַוול-אינדזל. און די אונטערשטע שורה: אין אַלץ זײַנען שולדיק ייִדן.

נאָך פֿאַראַן געצוג צײַט אינעם זומערדיקן פּריוואַטיק צו קויפֿן פֿיש און אָפּקאָכן אויף שאַבעס. דער מאַרק לעבט און טומלט, די געשטעלן זײַנען פֿול מיט קאַרפּ און באַליעס פֿיש פֿון אַלע מינים. לעבעדיקע העכט מיט זילבערנע שופּן פּאַטשן מיט די שטאַרקע עקן און שפּריצן די קוינים אין פּנים אַרײַן. די קימאַט אײַנגעשלאָפֿענע שלײַען מיט די פֿאַרגלאָצטע אויגן אָטעמען שווער בײַ די שטיקער אײַז. אין קאָפּטיכלעך מיט פֿאַרבונדענע עקן אויף הינטן, אין ברייטע פֿאַרטעכער מיט טיפֿע קעשענעס שטייען בײַ די קאַרפּ און באַליעס פֿישערקעס-בעריעס מיט רויטע בעקלעך, מיט פֿילבאַר-טשוטקע נעזלעך און פֿאַרקויפֿן מיט פֿלינק-באַוועגלעכע הענט זייער סכוירע. דערבײַ דערלאַנגען זיי מיט די שאַרפֿע צינגלעך אַזאַ שפּראַך, וואָס יעדעס וואָרט טרעפֿט אין ציל און לעכערט דורך. די מאַנצבלען לאַכן צופֿרידן. די ערעוו-שאַבעסדיקע ווײַבער לאָזן אַראָפּ די אויגן, רויטלען זיך פֿאַרשעמט און האָבן מוירע צו דינגען זיך פֿאַרן פּרײַז, גאָט זאָל אויסהיטן אַרײַנצופֿאַלן אין אַ מויל פֿון אַ פֿיש-הענדלערקע.

די פֿישער אַליין גייען אַרום צווישן די פֿאַרשופּטע טישן, געפֿלאָכטענע קאַרפּ און פֿיש-פֿאַרשמעקטע ראָגאָזשעס שוין אונטערגעסנאָסקעטע פֿון אַ טראָפּן יאַש. עס רעדט זיך נאָר אַזוי — „אַ טראָפּן".

און אַ ביסל ווײַטער, אין דער זײַט שטייט שעוועץ מיט אַ צעעפֿנטער צײַטונג און רופֿט קוינים. און ווער עס שטעלט זיך אָפּ, יענעם לייענט ער פֿון דער צײַטונג וועגן דרייפֿוסן, וועגן ייִדן. און שיט נאָך צו פֿעפֿער פֿון זײַן זײַט.

אינמיטן לייענען און זידלען דערזעט ער, ווי צוויי ייִנגלעך (סימכע און בענציען) קוקן אים אַרײַן אין די אויגן, זיי שטייען אַנטקעגן און רירן זיך ניט פֿון אָרט. שעוועץ רײַסט איבער דאָס לייענען. אָט די ייִנגלעך ווירקן אויף אים זייער שלעכט. ער פֿילט, ווי זיי קוקן אים אַרײַן אַזוי טיף, אַז זיי דערזעען געוויס יענעם טאָג, ווען זיי האָבן אים געפֿירט אונטער די הענט אַהיים. און ער קען זיך שוין ניט אײַנהאַלטן פֿון אויסגיסן זײַן צאָרן אויף די ייִנגלעך, וואָס קוקן אים אָן און שמייכלען. עס קלײַבן זיך אַרום מענטשן, עס ווערט אַ געשריי און אַ טומל. אַ יונג ווײַבל איז צוגעלאָפֿן צו די פֿישער: שיקורים, פּיאַניצעס... ייִדישע קינדער... און איר שווײַגט...

איידער אָבער די פֿישער האָבן זיך אַ ריר געטאָן, האָבן די פֿישערקעס געלאָזט זייערע קאַרפּ און באַליעס אויף גאָטס באַראָט און מיט נאַסע שמאַטעס אין די הענט זיך געלאָזט צום טומל. שעוועץ האָט זיי דערזען און פֿאַרציטערט געוואָרן, וואָלטן די פֿישער אַהער געלאָפֿן, וואָלט ער זיך פֿון אָרט ניט גערירט, זאָלן זיי אים כאָטש מיט אַ פֿינגער אָנרירן, שויבן וועלן פּלאַצן, פֿעדערן וועלן פֿליִען! אָבער די פֿישערקעס... זיי וועלן אים אויספּאַטשן מיט די נאַסע שמאַטעס און צוליב שפּאָט נאָך און קאַטאָוועס אים די הויזן אַראָפּלאָזן. פֿײַן וועט ער אויסזען. די גאַנצע שטאָט וועט פֿון אים לאַכן. און ער פֿילט שוין אַפֿילע, ווי ער שטייט אַ געשמיסענער אינמיטן מאַרק. שעוועץ נעמט אָפּטרעטן, נעמט אײַלן, נעמט לויפֿן גיכער, גיכער... מיט די לעצטע קויכעס.

די צײַטונג איז פֿאַרבליבן בײַ די ייִנגלעך אין די הענט.

מיט דער צײַטונג אין קעשענע זײַנען די ייִנגלעך געקומען צו יעכעזקלען און זײַנע טעכטער.

בײַ יעכעזקלען האָט מען שוין אַף זיי געוואַרט. צי דען וועלן זיי ניט קומען? די טעכטער האָבן אַפֿילו דורך די פֿענצטער אַרויסגעקוקט — צי גייט מען. און אויך די מאַמע זייערע, סימע, ווײַל זיי זען און אויסהערן, וואָס זיי דערציילן. און אַז די ייִנגלעך זײַנען געקומען, האָט מען זיי אויפֿגענומען מיט גרויס פּאַראַד. סימע האָט אַפֿילו אָנגעטאָן אירע יאָמטעוודיקע קליידער און אַרויסגעשײַנט פֿון זיי, ווי אין די מיידלשע יאָרן. זי ווייסט, וועלכע קאָלירן איר פּאַסט — ווײַס און בלוי. די מיידלעך זײַנען נײַגעריק צו זען און הערן, וואָס סימכע מיט בענציענען וועלן דערציילן. אויך יעכעזקל וואַרט מיט אומגעדולד.

די ייִנגלעך האָט מען אַוועקגעזעצט אַף דער קושעטקע, און אַלע האָבן זיי אַרומגערינגלט, אָנגעקוקט, געשמייכלט, נאָר געשוויגן. אין דער מינוט האָט אַלעמען אויסגעדוכט, אַז אַ וואָרט איז איצט איבעריק. ס'איז אַזוי אויך גוט. עס האָט זיך באַקומען, ווי בײַ פּרעצן: „ס'איז פֿאַראַן אַ העכערע בכינע: אַ ניגון, וואָס זינגט זיך אַליין, נאָר אָן ווערטער — אַ ריינער ניגון!" אין דעם פֿאַל איז עס ריינע פֿרייד, פֿאַרגעניגן אָן ווערטער, אַנציקונג. די ייִנגלעך אַליין קוקן אויך אַלעמען אָן און שווײַגן.

איבערגעריסן דאָס שווײַגן האָט דער סטודענט לאַנדאַן, וועלכער קומט צו ביידע שוועסטער (צו איין מיידל קומט מען, ווי אַ כאָסן, צו צוויי — ווי אַ באַקאַנטער). דעם סטודענט האָט מער אינטערעסירט, וויִאַזוי איוואַן שוועץ איז אַנטלאָפֿן.

— און פֿאַר וועמען? ניט פֿאַר די פּישער, נאָר פֿון די פּישערקעס... איז ער דאָך נאָך אַלעמען אויך אַ נאַר...

— ניין, קיין נאַר איז ער ניט. ער זאָל געוועזן זײַן אַ נאַר, וואָלט ער ניט אָפּגעטראָטן. ער איז אַ כיטרער... און עפּשער אַפֿילו אַ קלוגער, — האָט געענטפֿערט יעכעזקל.

— אַ טרוס! — האָט דער סטודענט שאַרף אַרויסגעזאָגט.

— ניין, דאָס אויך ניט. מע דאַרף פּאָשעט וויסן, ווען אָפּצוטרעטן, קעדיי ניט צו פֿאַרשפּילן.

— איך פֿאַרשטיי עס ניט.

— און מיר אויך ניט, — זאָגן די שוועסטער.

— איר זײַט נאָך קינדער — קינדער... פֿאַר די פּישער וואָלט ער ניט אָפּגעטראָטן. זיי וואָלטן ניט געוואַגט אים אָנצורירן, די וועלט וואָלט זיך געקערט. אָבער די פּישערקעס... פּרויוון פּאַטשן אַ מאַנצבל. מע וואָלט זיי נאָך געהאָלפֿן. ער פֿאַרשטייט דאָפּקע, וואָס ער טוט.

— לאָגיש, נאָר פּאַראַדאָקסיק, — זאָגט סימע.

— עמעס, — האַלט אונטער דער סטודענט.

6

לויטן קאַלענדאַר איז שוין אָנהייב האַרבסט, ערשטע טעג פֿון סענטיאַבער. דער זומער אָבער האָט זײַן אייגענע מיינונג און זײַן אייגענעם כעזשבן. ס'איז נאָך גרין און גאָר ווינציק געל. די זון סײַ זי שײַנט, סײַ זי וואַרעמט. יונג און אַלט באָדט זיך אין טײַך, אין די קופּאַלניעס. אַלע טראָגן נאָך זומער-קליידער.

דער קאַלענדאַר איז שטאַרקער.

אין די גימנאַזיעס און שולן לערנט מען שוין (עמעס, די כיידער-ייִנגלעך זײַנען פֿרײַ, ס'איז איצט ביין-האַזמאַנים). פֿאַרטאָג זאָגט מען סליכעס, אינדערפֿרי באַם דאַווענען בלאָזט מען שויפֿער.

די שטאָט איז אַ זומערדיקע, דער מאַרק איז שוין אַ האַרבסטיקער. קאַוונעס, דיניעס, ווײַנטרויבן, עפּל, באַרן — אַלץ, וואָס איז באַשאַפֿן צו מאַכן „שעכעיאָנו" אַף ראָשעשאָנע.

סימכע און בענציען זײַנען פֿאַרנומען, זיי לערנען. דער סטודענט איז אויך אַוועקגעפֿאָרן לערנען. שוועץ באַווײַזט זיך זעלטן אַפֿן מאַרק מיט דער „נאָוואַיאַ ווערעמיאַ" אין דער האַנט. זינט ער איז געלאָפֿן פֿון די פּישערקעס, האָט ער דעם געפֿיל, אַז לויפֿנדיק, האָט ער עפּעס פֿאַרלאָרן, אין דער ערשטער ריי — די ווירדע צו זיך אַליין. שטענדיק האָט ער געליטן פֿון דער מוירע, אַז מענטשן באַריידן אים, שפּאָטן פֿון אים. הײַנט איז ער זיכער,

אז געוויס לאַכט מען, געוויס שפּאַט מען, מע כוויזעקט און מע כיכיקעט. דאָס פאַרמינערט זײַן זיכערקײַט, זײַן רויִקײַט און פאַרגרעסערט זײַן נערוועזקײַט.

זײַן ווײַב קאַטיע, וואָס האָט איבער אים גענומען דעם אויבנאָן און די מאַמע אָפּגע־רוקט אין דער זײַט, טרייסט אים.

— אומזיסט, וואַניע, ביסטו צעטראָגן. אָט פאַר די ראַזבאָיניצעס־פּישערקעס וועט א גאַנצער עסקאַדראָן קאַוואַלעריע אָפּטרעטן. און דו ביסט דאָך געוועזן איינער אַליין. — קעדיי אים באַרויִקן, נעמט זי אים ארום און קושט אים. ער לאָזט זיך אײַנריידן און פירט קאַטיען א ביסל זיך אויסרוען אױף איין קישן.

דער מאַמען פאַרדריסט עס. זאָגן עפּעס קעגן האָט זי פּאַשעט מוירע, נאָר גיט א זאָג, ווי גלאַט אין דער וועלט אַרײַן:

— צו צוואַנציק יאָר האָב איך שוין געהאַט א קינד.

איוואַן כאַפּט ניט אױף דעם מיין, קאַטיע באַנעמט גוט, אַז דאָס איז געוואָרפן א שטיין אין איר גאָרטן — זי האָט ניט קיין קינדער. אָבער ווער איז שולדיק? ניט זי. אין ליבע איז וואַניע א שוואַכינקער. ווען ער קושט זיך אפילע, טראַכט ער מער וועגן „נאַוואָיע ווריע־מיא״, ווי וועגן דער ווארעמקײַט פון איר קערפּער. פונדעסטוועגן האָפט זי. זי האָפט צוליב זיך און צוליב צולאַכעס זײַן מאַמען, וואָס וויל זי דערטרינקען אין א לעפל וואַסער.

קאַטיע איז א ווילע, א פאַרשטענדלעכע, זי האָט א גוט האַרץ און קאָן ניט פאַרלײַדן קיין אוולע. אין לעבן דאַרף זי ניט מער, ווי א מאַן און קינדער. א מאַן האָט זי, קיין קינדער האָט זי ניט. זי לעכצט, זי כאַלעשט צו האָבן א קינד, זי לעבט עס שטאַרק איבער. און אַמאָל כאַלעמט זיך איר אױף דער וואָר, ווי זי דריקט איר קינד צום האַרצן. און אַמאָל אפילע, ווען זי פילט דעם מאַן נאָענט לעבן זיך, ווען ער איז גוט צו איר, זאָגט זי אים אפן אויער: אָן א קינד איז אומעטיק.

— אַוואַדע, — ענטפערט ער.

— נו?

— האָב א קינד, אַדעראַבע.

— א קינד האָט מען זאַלבעצווייט.

— מיר זײַנען דאָך צוויי.

— אָבער...

— די מאַמע איז אומצופרידן, וואָס דו האָסט קיין קינד ניט.

— איך בין דען שולדיק?

— ווער זשע דען?

זי ענטפערט ניט, ער זאָל ניט בייז ווערן און ניט נעמען זי זידלען.

קאַטיען פאַרדריסט, וואָס די אופרעגונג, די גאַליקײַט זײַנען פון איר מאַן ניט פאַר־שוווּנדן. ער זאָל אפילע וועלן זײַן מילדער, קאָן ער עס ניט. דאָס אַלץ איז צו אים איבער־געגאַנגען פון דער מאַמען, פון ווערע פּיאַדאָראָוונאַ, אױף וועמען ער איז ענלעך, וועלכע פאַר־גינט קיינעם גאָרניט און איז קיינעם ניט מויכל. זי זעט דאָך, קאַטיע, אַז איוואַנס ייִנגערער ברודער איז גאָר אַן אַנדערער, מער גערעכט אין פאַרשטאַרבענעם טאַטן. פאַר זיך ווייסט זי, אַז דער ייִנגערער ברודער איז איר מער געפעלן, כאָטש כאַסענע האָט זי געהאַט פאַרן עלטערן. און געוועזן איז זי דאַן דינער, שענער און פריילעכער. איר וווּנדערט, וויאַזוי צוויי ברידער קענען זײַן אַזוי פאַרשיידן. דער ייִנגערער ברודער מיכאַיל (אָדער פּאַשעט מישע) איז א קרעפטיקער באָכער, וואָס האָט ליב שפּאַסן, לאַכן, זינגען. דער ייִנגערער האָט באַקאַנטע און גוטעפרײַנט צווישן ייִדן. און זי אַליין, קאַטיע, וויל נאָך אויך לאַכן, זינגען און טאַנצן, ווי אין די מיידלשע יאָרן. פאַר זיך ווייסט קאַטיע נאָך עפּעס, וואָס גאָט זאָל אויסהיטן, אַז איוואַן זאָל עס וויסן. מיידלוויִז האָט זי צוויי אָוונטן שפּאַצירט מיט א ייִדישן באָכערל, ביידע זײַנען זיך געוועזן געפעלן. אָבער... ניט ער האָט געוואָלט זיך שמאַדן, ניט זי האָט געוואָלט זיך מעגײַער זײַן. און ביידן גייען ביז הײַנט נאָך יענע צוויי באַגעגענישן באַם ניעמאַן אױף די קאָלאָשעס.

7

די טעג פון טפילע, כאַראָטע און פאַרגעבונג זײַנען שוין אוועק. סוקעס איז מען סטאַ־טעטשנע געזעסן אונטער א סכאַכיקן דאַך, סימכאַסטוירע האָט מען פריילעך געהוליעט, דער האַרבסט אָבער איז נאָך אַלץ א ליכטיק־וואַרעמער, א זומערדיקער. באַ שימען־לייווי

אין שענק איז ווידער געוואָרן פריילעכער, אפילע שאבייסצונאכטס צו מעלאווע-מאלקע זיצט דער באלעבאָס אין זײַן ווערסטל אריבער דעם שאבעסדיקן העמד און פאַרקויפט באם בופעט ביר און בראַנפן, און אויך אלערליי צובײַסנס, וואָס וועקן דעם אַפּעטיט.

הײַנט האַלט מען דאָ אין איין ריידן וועגן די בעריעס די פישערקעס. מער פאַר אַלעמען לאָזט זיך הערן דער שטענדיקער באַזוכער מעשל דער טרעגער — א הויכער, א טרוקן-שטײַפער, מיט לאַנגע געזונטע הענט, וואָס האָט ליב, ווען אַרום טומלט, רוישט, רודערט און דרייט זיך. ער רעדט הויך אַף א קאָל:

— שיין וואָלט ער אויסגעזען דער שעוועצניק, ווען צירעלע קאָזאַק אָדער ראָזקע צײלעם פּאַטשט אויס מיט א שליימיקן העכט זײַן נאַרישע צורע. מע וואָלט אים געדאַרפט לײַען פרישע הויזן. כא-כא-כא.

און כאַימקע כײרעם, וועלכער לאַכט שטענדיק פון זײַן אייגענער כאָכמע, לאַכט נאָך פריער, איידער ער זאָגט די כאָכמע אַרויס, פאַרגייט אין געלעכטער. ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר קאָן ניט, דאָס לאַכן לאָזט ניט. מעשל האַלט ניט אויס:

— הירזשע ניט ווי קיין פערד, ביסט דאָך ניט מער ווי אַן אייזל.

עס עפנט זיך די טיר און אומגעריכט קומען אַרײַן ציפּקע פײַער מיט קוסיעל ציפּער. עס ווערט טייקעף שטיל. יעדער קוקט אַרײַן אין זײַן גלעזל, אין זײַן טעלער. די ערשטע מינוטן וואַרפט קיינער קיין בליק ניט אין זייער זײַט, גאָרניט איז געשען. אָבער גאָר איניכן נעמט מען זיי באַטראַכטן. ציפּע מיט קוסיעלן קומען אַהער זעלטן, אָבער קומען. ביידע האָבן זיך געענוג געענדערט. ציפּע, עמעס, איז נאָך א באַוועגלעכע, א גיכע, א פלינקע, אָבער אָן דעם פריערדיקן רייץ, אָן דער מיידלשער שיינקײַט, אָן דער פרויישער שטאַלטנעקײַט. א מאַמע פון צוויי קינדער, מיט א מאַן, וואָס וויל אין ערגעץ זיך ניט באַווײַזן, וואָס פאָלגט אין אַלץ דאָס ווײַב און האָט ניט קיין אייגענעם פאַרלאַנג און ווילן. זי איז געוואָרן מער יידענע, מער באַלעבאָסטע, וואָס פאַרשטייט שוין גוט, וואָס באַטײַט צוקערקעס פאַר קינדער. קוסיעלן איז זי זייער איבערגעגעבן, היט אים, גיט אים מוט. און קעדיי דערוועקן אין אים זײַנע פריילעכע יוגנט-יאָרן, פירט זי אים צו שימען-לייווי אין שענק. ער גייט, ער לאָזט זיך פירן. אָבער זײַן אייגענער ווילן איז דערבײַ ניט פאַראַן. זי גיט אים טרינקען, ער טרינקט, נאָר אָן קיין שום האַנאָע. ער איז איר מאַן, אָבער קיין באַדערפעניש אין דעם פילט ער ניט. ער פאָלגט, ער איז אָבער ניט דער פריערדיקער „ער“, ניט קוסיעל. א פרעמדער, וואָס קוקט אַף זיך פון דער זײַט. און נאָר ווען ער שווײַגט, ווען ער איז אַליין מיט זיך, דעמלט איז ער — ער, דער צעבראָכענער קוסיעל, וואָס שעמט זיך פאַר מענטשן, באַהאַלט זיך אויס פאַר גאָט. ער ווייסט זײַן כעזשבן: געווען קאַלבוי, וואָס אין דער קאָרט סײַ מיט גאָט, סײַ מיטן טײַוול. איצט ווייסט ער ניט, מיט וועמען ער איז, ווער איז ער? ווען ציפּע באַמערקט ניט, פאַסט ער און בעט בא גאָט מעכילע. דערבײַ ווענדעט ער זיך צו אים אין דער דריטער פאַרזאָן, ווי ציפּע באַם ליכט-בענטשן (דער גאָט פון אווראָם, פון ייצכאָק און יאַנקעוו), ווענדן זיך צו אים דירעקט שעמט ער זיך און האָט אַפילע מוירע. פון זײַנע אַלטע באַקאַנטע זעט ער קיינעם ניט. איינמאָל נאָר פאַר יאָמקיפּער איז אַרײַנגעקומען אווראָמל און געזאָגט: וואָס צום אייבערשטן — זאָל ער דיר מויכל זײַן, וואָס צו מיר — בין איך דיר מויכל. קוסיעל האָט גוט באַנומען, אַז מויכל איז מען אים צוליב יאָמקיפּער און ניט ווײַל אים קומט עס, ווײַל ער איז עס ווערט. דעריבער טאַקע האָט ער ניט דערפילט מיטן האַרצן, אַז ער איז ריין פון אוולעס סײַ קעגן מענטש, סײַ קעגן גאָט. און דאָך איז אים לײַכטער שוין פון דעם אַליין, וואָס אווראָמעלע איז צו אים געקומען, וואָס מע האָט אים אין זינען, וואָס מע זאָרגט פאַר אים. אווראָמעלע, מיילע.... געקומען... ער וויל אָבער ניט, אַז עליע שלײַען זאָל צו אים קומען, פאַר עליען האָט ער אַנגסט, ער פילט שרעק און פּאַכעד פאַרן טאַטן פון זײַנע קינדער. אין בעסמעדרעש האָט ער אַלעמען מויכל געווען, האָט מען אים פון בעסמעדרעש צוגענומען, פון גאָט אָפּגעריסן און ער איז ווידער ניט מער, ווי קוסיעל ציפּער פון אַמאָל, איז ער ניט זיכער מיט זיך אַליין, גאָרניט זיכער. קיין שלעכטס וויל ער קיינעם ניט טאָן, נאָר צי וועט ער קענען האַלטן וואָרט, צי וועט ער אויסהאַלטן, וויל ער עליען ניט זען.

און ציפּע, וואָס וויל ניט און דאַרף ניט מער קיין קינדער, וויל דאָך עליען זען, דעם טאַטן פון אירע צוויי יינגלעך. זי וויל אים ניט, זי דאַרף אים ניט, אָבער מיט אים האָט זי געזינדיקט. זי וויל אַף אים א קוק טאָן, זי וויל וויסן, ווי וועט ער קוקן אַף איר, עפּשער וועט ער זיך נאָכפרעגן אַף די קינדער. און ווער ווייסט נאָך, צי וועלן זיי אַף יענערוועלט ניט דאַרפן צוזאַמען ענטפערן און אָפּקומען פאַר זייערע זינד?

דערווײַל זיצט זי מיט קוסיעלן בא שימען־לייווי אין שענק. זי אליין רירט זיך צו קיין זאך ניט צו, נאר איז מעכאבעד קוסיעלן, זי וויל אפילע, ער זאל ווערן שיקער, זאל זיך מיט עמעצן פארטשעפען, ווײַזן זײַן בעריעשקייט. ער טרינקט, נאר עס נעמט אים ניט, עס דערגייט נישט ניט צום קאפ, ניט צו די פיס. ער טרינקט ניט לישמא, ער טרינקט אף אפצוקומען. אלע ארומיקע באמערקן עס, דא זיצן מענטשן, וואס זײַנען מעווינים סײַ אף שיקער, סײַ אף ניכטער.

צו קוסיעלן ווענדעט זיך קיינער ניט, קיינער וויל זיך ניט פארטשעפען מיט ציפען. אזוי אומגעריכט, ווי זי זײַנען געקומען, אזוי אומדערווארט גייען זיי אוועק. ערשט איצט נעמט מען ריידן און בארײדן. הינטער די אויגן איז גוט צו זײַן א בעריע. אפילע שימען־לייווי, וואס מישט זיך ניט, זײַן זאך איז לייזן געלט, פארדריסט, וואס מע בארעדט קוסיעלן און ציפען הינטער די אויגן, ער האלט ניט אויס און זאגט אומצופרידן:

— די ערשטע אין גאניידן לאזט מען ארײַן שטומע.

וואס ציפע געדענקט נאך, האט שוין עליע פארגעסן. בא אים שטאמט עס ניט פון שלעכטס, ניט פון אנטלויפן פון זיך אליין. פאשעט: וואס געשען — איז געשען, צוריק כאפט מען ניט. און דערצו ברענגט יעדער טאג נײַס און זארג, דײַגעס און פארדראס, מוז מען פארגעסן, ארויסשלאגן פון קאפ — מארגן וועלן זײַן אנדערע.

מיט כאנען לעבט ער, ווי איין מענטש, גינציק איינער דעם אנדערן. עליע האט זיך בארויקט. ער זוכט ניט קיין שווארצינקע, ניט קיין ווײַסינקע. קיין פרומער איז ער ניט, נאר צוליב דעם אליין, וואס ער איז פויל צו דינען דעם אייבערשטן, כאטש ער לעבט מיט אים בעשאלעם. די קינדער האט ער ליב און זארגט וועגן זיי. וועגן קוסיעל ציפער האט ער קימאט פארגעסן, כאטש כאנע דערמאנט אים מיט מיטגעפיל...

8

דער אייגנטימער פון דעם ווײַן־געשעפט סענדער לאפשין איז געקומען צו זיך אהיים און מיט פארוווּנדערונג דערזען, אז זײַן פרוי קוקט ארײַן אין א סייפערל און וויינט.

— וואס איז געשען, כאווע? — האט ער דערשראקן געפרעגט.

— דערווײַל גארניט.

— דערווײַל... — ער נעמט ארויס פון דעם ווײַבס האנט דעם סייפער — טכינעס. אים האט עס נאך מער פארווונדערט. יארן זײַנען שוין אוועק, זינט זײַן פרוי האט אזוינס געהאלטן אין די הענט, וואס עפעס האט זי זיך איצט דערמאנט? ער קוקט ארײַן אינ־ווייניק: „טכינע וועגן גוטע קינדער".

— כאווע, בארויק מיך. וואס איז געשען? איך פארשטיי ניט.

דאס ווײַב ווישט אויס די טרערן און זאגט:

— לייען, וועסטו פארשטיין.

ער פאלגט. ער איז אומרויק.

„ערבארעמדיקער פאטער און קיניג, פאר דיר איז דאך אפן אונדזער הארץ, דו ווייסט דאך ווי מיר ווילן דיר טרײַ דינען, נור אבער דער מענטש איז דאך ניט קיין עוויגער, עס וועט קומען די צײַט, וואס אונדזער ליכט וועט אויסגיין (דאס לעבן וועט זיך ענדיקן), דרום האסטו גיהייסען מ'זאל חתונה האבין און האבין קינדער און האדעווען זיי צו תורה און ירת שמים, זיי זאלין זײַן טרײַע פאר דיר, און אז מ'לאזט גוטע קינדער הייסט מען ניט געשטארבן, ווײַל אין די תורה פון גוטע מעשים פון די קינדער האבין די עלטערין א גרויסין טייל אין דעם. אבער בא יעצטיגער צײַט, וואס עס בלאזט שלעכטע ווינטען פון אלע קאנטין און פארפעסטיקן די קינדער מיט שלעכטע גידאנקען, מיט שלעכטע מיינונגען, אראפצופירין זיי פון אידישע וועג, צו פארקריכין אין פינסטערע בלאטיגע דרכים, איז זייער שווער צו ערציהען קינדער צו תורה און ירת שמים, דרום פארגיב איך מײַן גיבעט פא דײַן הייליגען שטול, דו זאלסט זיי אבהיטן פון שלעכטע חברים און זאלסט זיי מזמין זײַן גוטע חברים..."

ער רײַסט איבער לייענען.

— כאווע, וואס איז געשען מיט די קינדער? ווער?

— ביילע. זי גייט אַראָפּ פֿון וועג, זי כאַווערט זיך מיט שטרײַקער און שלעכטע מענטשן, אַפֿילע מיט אַ ניט-ייִדן.
— ווײ איז מיר, איך בין בלינד. כאַווע, מע דאַרף זי כאַסענע מאַכן.
— כ'האָב מוירע, מײַן מאַן, אַז ס'איז שוין פֿאַרגאַנגען צו ווײַט.
— וו-וו-וואָס-ס?
— צו שפּעט.
איוב טאַטע-מאַמע ווילן נאָך צווייפֿלען, איוב זיי ווילן נאָך האָפֿן, ווייסט מען אָבער, אַז די שוואַרצכיינעוודיקע און קלוגע ביילע איז אַראָפּ פֿון גלײַכן וועג, אין דער שטיל ווייסט מען נאָך צוצוגעבן: זי האָט צו טאָן מיט רעוואָליוציאָנערן, באַהיט זאָל מען ווערן. און ליו-בעט זיך מיט ניט קיין ייִדן.
— און זי איז דאָך אַ גוטע און אַ שיינע.
— וואָס דען... מיִעסע דאַרפֿן זיי?
וועגן דעם רעדט מען אין דער שטיל, אָבער עס גייט איבער פֿון מויל צו מויל. און טאַטעס און מאַמעס נעמען אַכטונג געבן אויף זייערע געבילדעטע טעכטער, אויף די, וואָס לערנען נאָך אין גימנאַזיע, אָדער אויף די, וואָס האָבן שוין געענדיקט. און עס דוכט זיי שוין אויס, אַז אַלע זייערע מיידלעך זײַנען אַראָפּ פֿון וועג...
באַ יעכעזקל גאָטהעלף אין שטוב האָט מען זיך פֿאַר דער דאָזיקער נײַס שטאַרק דער-שראָקן. ביילע פֿלעגט צו זיי אַרײַנקומען, זיך געכאַווערט מיט די מיידלעך. סימע איז איצט מיט כאַסאַנים געוואָרן ווינציקער איבערקלײַבערן, און באַ די מיידלעך פֿרעגט מען ווינציקער. אַ סרייפֿע, אַ מאַגייפֿע, מע דאַרף זיך ראַטעווען.
מאַזלטאָוו, זלאַטע איז געוואָרן אַ קאַלע.
און גאָלדע, מיט מאַזל, וואַרט אויך אויף אַ כאָסן.
באַ יעכעזקל גאָטהעלף אין שטוב גרייט מען זיך צו כאַסענעס.

אין דעם גאַנצן אַרום איז די שטאָט גראָדנע געווען באַוווּסט מיט שיינע מיידלעך (געווען, עמעס, געוויס ניט קיין שיינע). פֿון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך פֿלעגט מען אַהער קומען אויסקלײַבן קאַלעס. ווי אומעטום זײַנען דאָ געווען פֿאַרשיידענע מיידלעך. אַזוינע, ווי לאַפּשינס טעכטער, ווי יעכעזקל גאָטהעלפֿס טעכטער. ווײַטער: שנײַדערקעס, ניי-טערקעס, מאָדיסטקעס, אַנגעשטעלטע, פֿאַבריק-אַרבעטערנס און גוירישע טעכטער.
מיט דער צײַט איז די שרעק פֿאַר די טעכטער דורכגעגאַנגען. די עלטערן האָבן זיך געגומען באַרויִקן. אינדערעמעסן, האָבן זיי געטראַכט, וואָס איז געשען, באַ אַ באַלעבאָס וואַקסט אַ צעבאַלעוועטע טאָכטער, זאָל דער טאַטע טראַכטן! די עלטערן פֿון פּראָסטן אוי-לעם, פֿון געמיינעם גראַד, האָבן ביכלאַל זיך ניט געדאַרפֿט שרעקן פֿאַר דער אויפֿירונג פֿון זייערע מיידלעך. דער איינציקער פֿרײַער טאָג באַ זיי איז שאַבעס. און דער שאַבעס איז אויך פּאַרנומען. ער הייבט זיך אָן פֿרײַטיק, ווען מען ענדיקט אַרבעטן. באַם טויער פֿון דער טאַבעק-פֿאַבריק שטייט שוין שאַכנע, שאַבעסדיק אויסגעוואַשן און יאָמטעוודיק אָנגעטאָן, און וואַרט אויף די מיידלעך. אין זײַן ווײַבס געפֿלאָכטן קאָשעקל טראָגט ער מײַסע-ביכלעך, וועלכע ער גיט די מיידלעך לייענען פֿאַר לייען-געלט. פֿון דער פֿאַבריק גייט מיטאַמאָל אַרויס אַ גרויסער אוילעם, און שאַכנע האָט מוירע דורכצולאָזן זײַנע קונדן, שרײַט ער אָפֿן קאָל:
— כאַנטשע, איך בין דאָ.
— לייקאָ, איך האָב דיר געבראַכט אַ שפּאָגל-נײַע מײַסע.
און אָט גייען פֿון דער פֿאַבריק אַהיים כאַנטשע, לייקע און אַנדערע מיט מײַסע-ביכלעך אויף שאַבעס. ערעוו שאַבעס וואַשט מען זיך אויס און מע צוואָגט אויס די קעפּ, מע טוט אָן אַ שאַבעסדיק קליידל. די מאַמע האָט געבענטשט ליכט, דער טאַטע מיט די ייִנגלעך זײַנען באַם דאַווענען אין שול, דעמלט איז אַ גוטע שאָ, ווען לייקע אָדער כאַנטשע קענען זיך גוט אָנ-קוקן אין שפּיגל, זיך באַטראַכטן ניט נאָר אין שאַבעסדיקן קליידל, נאָר אויך אין דעם נײַעם אויסגענייטן העמד, אין די נײַע שיינע זאָקן, און דערבײַ זיך פֿרעגן: „אים" וועט עס געפֿעלן? באַ לייקען קאָן דער „אים" זײַן אַ באַשטימטער באָכער, וועלכער געפֿעלט איר, נאָר האָט מיט אים אויסגערעדט ניט מער פֿון צוויי ווערטער. זײַן נאָמען אָבער האָט זי גוט פֿאַרגעדענקט — אָשער.
באַ כאַנטשען איז דער „אים" אינגאַנצן אָן אומבאַקאַנטער, אָן אומבאַוווּסטער. ער כאָ-לעמט זיך איר נאָר, זי ווייסט אַפֿילע ניט, ווי אים זיך פֿאָרשטעלן. ביידע ווילן געפֿעלן

װערן, ביידע װילן ליבע. און שפּעטער, װען אַלע אין שטוב װעלן שלאָפֿן און זיי װעלן באַ אַ קליין לעמפּל לייענען זייערע ביכלעך, װעלן זיי דאָרט געפֿינען אַלץ, װאָס זיי װילן, װאָס זיי דאַרפֿן. אַלץ, װאָס אין דער מײַסע קומט פֿאָר, װעלן זיי צופּאַסן זיך, און אַלץ װעט אויסזען אַזוי ריכטיק, אַזוי עמעסדיק, אַזוי שיין, אַז דאָס רופֿט אַרויס פֿריידיקע טרערן, האָפֿענונג. לייקע פֿרעגט: װען? כאַנטשע — װער?

די מאַמעס דאַרפֿן ניט זײַן אומרויִק פֿאַר זייערע טעכטער. זיי װייסן אָבער ניט, די מאַמעס, אַז ניט הײַנט איז מאָרגן װעט זיך לייקע באַקאַנען און באַגעגענען מיטן באָכער, װאָס זײַן נאָמען איז אָשער. און אָשער װעט פֿאַר איר אַנטדעקן דעם עמעס, אַז די װעלט איז אָן יױשער, מע דאַרף זי ענדערן. און לייקע און כאַנטשע נעמען ביסלעכװײַז אַראָפּ־גיין פֿון װעג, אָבער בלײַבן אין דער היימישער סוויווע. און עס טרעפֿט, אַז לייקען אָדער כאַנטשען זעצט מען אַרײַן אין טורמע און מע פֿאַרשיקט קיין סיביר, בלײַבן זיי סײַװי קינ־דער, טעכטער, װעלכע מע פֿילט מיט און מע באַדויערט. די עלטערן לעבן איבער שאַנד און װייטעק, נאָר פֿון זייערע קינדער אַנטזאָגן זיי זיך ניט. פֿאַרקערט, מיט װאָס מע קען — העלפֿט מען. אַנדערש איז מיט די, װאָס זייער אַראָפּגיין פֿון װעג פֿירט אַריבער דער גרענעץ פֿון פֿאָלק. אַזוינס טרעפֿט מיט מיידלעך פֿון פֿאַרמעגלעכע עלטערן, װאָס האָבן זיך דערצויגן ניט אויף די דינע מײַסע־ביכלעך, נאָר אויף טאָלסטאָיען, דאָסטאָיעװסקין, בײַראָ־נען און הײנע... די דאָזיקע מיידלעך זעען אַ סך װײַטער, באַנעמען, װאָס אויף דער װעלט טוט זיך, פֿאַר זיי איז די אידיי װיכטיקער און טײַערער פֿון אַלץ. צום אייגענעם זײַנען זיי װינציק צוגעבונדן, זיי איז לײַכט און אָנגענעם אַרויסצוגיין פֿון דער אייגענער ענגשאַפֿט און אַריבערגיין צו פֿרעמדער ברייטקײַט, װאָס קאָן װערן זייער אייגנס.

נאָך אַזוינע טעכטער זעצן זיך די טאַטעס שיװע. די עלטערן פֿאַרשטיקן דעם װייטעק אינװייניק, קיינער זאָל ניט זען און אַפֿילו ניט מיטפֿילן.

קאַפּיטל דרײַ

אַניע — אַניעטשקע

1

מיט יעדן טאָג װײַטער װערט אַניען אַלץ קלאָרער, אַז טעװיע קערט זיך פֿון איר אײַנגאַנצן אָפּ. זי גייט צו אים מיט לאַסקע, מיט פֿרייד, מיט זייער קינד אויף דער האַנט, און ער... ער איז אומצופֿרידן, קאַלט, אַפֿילו באַרויגעז. און עס נעמט אין איר ריידן גאָר אַן אַנדער שטים, אַ נײַע... שוין ניט פֿון אַ באַלעבאָסטע, ניט פֿון אַ גווירנטע, נאָר פֿון אַ באַליידיקטער פֿרוי. זי איז יונג, זי איז שיין, זי איז געטרײַ און איבערגעגעבן איר מאַן, און ער, דער מאַן אירער, קוקט אויף איר ניט, רופֿט זי ניט, פֿרעגט גאָרניט און זאָגט גאָר־ניט. אַניען פֿאַרדריסט עס, זי פֿילט זיך דערנידעריקט. עס באַאומרויִקט זי דער געדאַנק, אַז זי איז גאָר איבעריק. אַז אָן איר קאָן מען זיך אויך באַגיין. און װען? װען זי האָט אַלץ דערגרייכט: קאָװעד און פֿאַרמעגן, מענטשן טראָגן איר דעם „גוטמאָרגן" פֿונדערװײַטן, באַ־קאַנטע לויבן זי, בעטן זי... און באַ זיך אין שטוב איז זי קימאַט אַ פֿרעמדע, אָן איבעריקע.

עס כאַפּט זי אַרום אַ פֿאַרדראָס: אויב אַזוי, צוליב װאָס דאַרף זי די גליקן? זי װיל זײַן אַ געליבטע פֿרוי און ניט קיין רײַכע דינסט. און װײַל אַניע האָט שוין פֿאַרזוכט פֿון דעם, צו װאָס זי האָט געשטרעבט, זיך אָנגעזעטיקט מיט אירע דערגרייכונגען, קאָן זי איצט אויף דעם קוקן אָן דעם פֿרײַערדיקן ברען, אָן דער פֿרײַערדיקער גיריקײַט. זי װיל ליבע און ליבע־פֿאַרגעניגן, זי װיל גוטעפֿרײַנט, זי װיל מער ניט זײַן אָפּגעפֿרעמדט פֿון טעװיעס קרויװים. און װאָס עס פֿאַרדריסט זי שטאַרק — איז איר אָנפֿאַלן אויף ראָזע קאַדיש, אָפּן באַ־װוסטן דאָקטערס פֿרוי, אויף טעװיעס שװעסטערקינד. פֿון איר זײַט איז עס געװען אַ גרויסע נאַרישקײַט, זי פֿאַרשטייט עס.

— טעװעלע, ראָזע איז אויף מיר באַרויגעז? װי מיינסטו?

— כ׳מיין, אז באַרויגעז.
— שולדיק בין איך. פאַרוואָס בין איך אַף איר אַנגעפאַלן?
— טאַקע פאַרוואָס?
אין זײַן פראַגע האָט זי דערפילט מיטגעפיל.
— פאַרוואָס? ווייסט, טעוועלע, מע דאַרף זי אײַנלאַדן צו אונדז און מאַכן שאַלעם. איך בין שולדיק.
ער האָט אַף איר וואַרעם א קוק געטאָן.
— ביסט גערעכט, אַניע.
— אַניע?
— אַניעטשקע.
אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער שאַלעם צווישן זיי.
פון גרויס האַנאָע און צופרידנקייט האָט זי טעווקען אַרומגענומען און געקושט. דערנאָך געפרעגט:
— מיט וואָס העלפט מען עזרען מיט מאַשען?
טעוויע זעט און פאַרשטייט, אַז אַניע ציט זיך צו אים, ווײַל אים ווידער געפעלן, דאָס דריקט זיך אַפילע אויס אין דער ליבשאַפט צו גלעטן זײַנע געדיכטע וואָנצעס. יאָ, זי ווײַל טאַקע לעבן אַנדערש, ווי ביז איצט. ער באַנעמט עס, אָבער קיין גרויסן גלויבן אין דעם האָט ער ניט. ער קען זי שוין גוט. דעריבער האָט אים זייער פאַרוואונדערט, ווען ער האָט דערזען, ווי פלײַסיק און בערייעש זי האָט גענומען אַרומגיין אַרום ראָזען, טאָן אַלץ, עס זאָל ווערן שאַלעם, ראָזע זאָל קומען אין געסט.
אַניע האָט זיך איבערגעשלאָסן, כאָטש געבליבן איז זי די זעלבע, די זעלבע מיט איר ענערגיע, מיט איר פאַרלאַנג שטענדיק אירס צו דערגרייכן, די זעלבע אַניע, וואָס ווײַל אַלץ האַלטן אין אירע הענט, אָבער געוווּנדט אַף נאָך עפּעס אַנדערש, ווי פריִער. צו אַלץ, וואָס זי האָט שוין דערגרייכט, איז צוגעקומען דער פאַרלאַנג צו זײַן א גוטע, טאָן טויוועס, האָבן א שיינעם אויסזען בא טעווקעס קרויווים. און ווי אַלעמאָל, ווען זי נעמט זיך צו עפּעס, איז עס געוואָרן דער איקער אין איר לעבן.
און אינגיכן איז פאַר טעוויען ווידער געווען אומדערוואַרט, ווען זי האָט אים גערופן צוזאַמען אַרײַנגיין צום בוכהאַלטער פון דער מיל, יעכעזקל גאָטהעלף.
בא יעכעזקלען אין שטוב איז געוואָרן אומעטיקער און שטילער. זלאַטע האָט כאַסענע געהאַט און איז אַריבער צום מאַן. גאָלדע איז א קאַלע און קען אינגיכן אויך פאַרלאָזן די אייגענע שטוב. די עלטערן פילן שוין פאַרויס זייער עלנט, מער פאַר אַלעמען פילט עס די אויסגערעכנטע סימע, וואָס איז געוואָרן פילבאַר און אַפילע סענטימענטאַל. יעכעזקל איז געוואָרן פילאָסאָפיש געשטימט: מיט וואָס בלײַבט ער און בא וואָס בלײַבט ער? ער איז שוין ניט קיין יונגערמאַן, און די עלנטקייט דריקט אַף אים. אָבער אַז די טאָכטער זאָל כאַסענע האָבן, ווײַל ער און אַפילע וואָס גיכער. וואָרעם עס קען זיך דאָך מאַכן, אַז ביילע לאַפשין זאָל ווידער קומען צו איר כאַווערטע גאָלדע גאָטהעלף. פון דעם געדאַנק אַליין ווערט סײַ יעכעזקלען, סײַ סימען ניט גוט. אין סאָף נײַנצנטן יאָרהונדערט, אין דער מיסנאַגדיש-פרומער שטאָט גראָדנע, פירט א ייִדישע טאָכטער א ליבע מיט ניט קיין ייִדן. דער ניט-ייִד איז טאַקע א סימפּאַטישער, אָבער גוואַלד געשריִען, ווו איז אַזוינס געהערט געוואָרן? און דערצו טוט זי עס אָפן, פאַר אַלעמען אין די אויגן. פאַראַן אַזוינע, וואָס אינדערשטיל באַגיטיקן זיי ביילען: א ליבע, אַן עמעסע ליבע! אָבער ביכלאַל רופט מען זי „מעשומעדעסטע". און מע גיט נאָך צו: צוליב אַזוינע קומען צאָרעס און פּאָראַניעסן.
פריִער איז דער מישפּאָכע גאָטהעלף געווען אָנגענעם, וואָס ביילע, א טאָכטער פון פאַרמעגלעכע עלטערן, א געבילדעטע, א קלוגע, כאַווערט זיך מיט די מיידלעך. די מישפּאָכע איז געווען זייער גערן זי אויפצונעמען. אָבער איצט איז עס א שלעכטער סימען, א זינד-רעקאָמענדאַציע פאַר די טעכטער און פאַר די עלטערן.
— זאָג מיר, ווער דײַן כאַווערטע איז, וועל איך וויסן, ווער דו ביסט.
אַף די טעכטער פאַלט א פלעק.
— זי טוט אונדז א בערישע טויווע מיט איר קומען.
די זינד פון ביילע לאַפשין איז באַשטאַנען ניט נאָר אין דעם, וואָס איר געליבטער איז ניט קיין ייִד, נאָר אויך אין דעם, ווי אייניקע האָבן געוווּסט — א רעוואָלוציאָנער. פּיאָטער דומנאָוו איז געקומען קיין גראָדנע, ווען ער איז געווען א סטודענט פון פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. דעם אינסטיטוט האָט ער פאַרלאָזט און זיך פאַרנומען

מיט רעוואָליוציאָנערער טעטיקייַט. מיט פלייַס האָט ער געלערנט יידיש, קעדיי קענען פירן אגיטאציע צווישן יידן.

אף וועלכער שפראך פיאָטער און ביילע האָבן זיך געליבט, איז ניט וויכטיק, נאָר די ליבע איז געווען אן אופריכטיקע און שטארקע.

אָבער ניט אריינלאָזן אָדער בעטן ארויסגיין קאָן מען אויך ניט. ניט יעכעזקל וועט עס טאָן, ניט סימע. דאָס לעצטע מאָל, ווען ביילע איז דאָ געווען, האָבן די עלטערן זי אופ־גענומען, באגריסט, מען קאָן אָבער זאָגן, אז זיי האָט געוואָרפן אין היץ און אין קעלט. מיט דעם אליין לייגט זיך א שאנד־פלעק אף די מיידלעך. ביילע פארשטייט איר לאגע און קומט קימאט אין ערגעץ ניט. ווען עס האָבן זיך דערהערט טריט, זייַנען יעכעזקל און סימע אופגעשפרונגען פון שרעק, נאָר אומזיסט — עס האָט זיך באוויזן טעוויע קושניר מיט זייַן פרוי אניע. און אין שטוב איז געוואָרן גרויס די פרייד סיי פון דעם, וואָס מע איז ניט גע־קומען, סיי פון דעם, וואָס מע איז יאָ געקומען.

2

די פרייד האָט ניט לאנג געדויערט. די געוווינהייַט פון זייַן א באלעבאָסטע, פון פאָדערן צו זיך רעספעקט איז אניעס שטענדיקער צושטאנד, וואָס לאָזט זיך פילן אין יעדן קער און ווענד. זי וויל זייַן א גוטע, טאָן גוטס מענטשן, נאָר די דאָזיקע געוווינהייַט גייט איר פאָרויס, פארלויפט דעם וועג. יעכעזקל האָט דערפילט, אז ס'איז געקומען די באלעבאָסטע. די שוטעפטע אין מיל. און ער איז ניט מער פון אן אָנגעשטעלטן, א בוכ־האלטער. ער דארף אָפגעבן קאָוועד, אירס א וואָרט איז א באפעל.

מיט א צייַט צוריק איז בא אים געווען טעוויע קושניר, איר מאן, דער עמעסער שוטעף. ער איז געקומען, ווי א היימישער, א צוגעלאָזטער, אן אייגענער מענטש. קיין באזונדערן קאָוועד האָט מען אים ניט אָפגעגעבן, געזאָגט, וואָס מע מיינט, אין ניט, וואָס יענער וויל. אָבער די דייע זאָגט זי, זייַן פרוי, און זי דארף מען פאָלגן.

אניע האָט זיך גענומען נאָכפרעגן בא סימען, וואָס מאכן די קינדער, צי האָט זלאטע געראָטן כאסענע געהאט, און ווען דארף גאָלדע גיין צו דער כופע. זי וויל קומען אף דער כאסענע און ברענגען א מאטאָנע. ס'איז געוואָרן היימישער, ניט קיין באלעבאטים זייַנען געקומען, נאָר באקאנטע. דערנאָך האָט מען געטרונקען טיי מיט סימעס היימישן געבעקס, און אניע האָט געלויבט. ערשט דעמלט האָט אניע געזאָגט:

— הער גאָטהעלף, איך וויל זיך מיט אייַך בעראטן, איך דארף אייַער אייצע.

— אדעראבע, איך בין נייַגעריק צו הערן.

— אייגנטלעך... ניט נאָר אייַער אייצע, נאָר אויך אייַער הילף.

— מייַן הילף? — האָט גאָטהעלף זיך פארוווּנדערט.

און אניע האָט אים גענומען דערקלערן גאָרניט ווי קיין באלעבאָסטע, נאָר ווי א מענטש, וואָס קומט מיט א באקאָשע. זי האלט, אז אין דער מיל דארף מען האָבן נאָך א מענטשן. וואָס זאָגט הער גאָטהעלף?

— וויבאלד איר זאָגט...

צי וועט ער דעם געדאנק שטיצן אויך פארן שוטעף? וועגן דעם בעט זי אים.

— אוודע.

אניע איז געווען צופרידן. גאָטהעלף — אויך.

דערנאָך האָבן אניע מיט סימען געשמועסט וועגן באלעבאטישקייַט. וועגן קינדער, ווי אלטע גוטעפרייַנט.

טעוויע איז געווען איבעראשט. ער האָט נאָך אלץ ניט געגלייבט, אז אניע זאָל זייַן א גוטע און וועלן גוטס טאָן. ער זעט אָבער מיט די אייגענע אויגן, אויב עס וועט זיך אייַנגעבן א שטעלע פאר עזרען — וועט ער, טעוויע, זייַן דער גליקלעכסטער.

צוריק אין וועג זאָגט אים אניע, אז דערווייַל איז עס נאָר אן אָנהייב. וואָס וועט זאָגן דער שוטעף? טעוויע איז אָבער זיכער, ער גלייבט אין אניען.

זי וויל טאָן טויווס, זי וויל אָבער אויך, אַז אירע טויווס זאָלן ווערן באַוווּסט. איר פֿאַרלאַנג איז הײַנט: צו ראָזען און צו איר מאַן דאָקטער קאַדיש זאָל דערגיין די ידיעה וועגן אַ שטעלע פֿאַר עזרען. זי זוכט און וועט געפֿינען, ווײַבאַלד ס׳איז געוואָרן איר אַמביציע. און ס׳איז טאַקע צו זיי דערגאַנגען. ראָזע האָט, פֿאַרשטייט זיך, ניט פֿאַרגעסן, ווי אַניע האָט זי באַליידיקט. זי געדענקט אויך, ווי שטיל און האַכנאָעדיק אַניע איז אַרײַנגעקומען צו לייען אין שטוב און ווי זי האָט פֿאַרהויבן דעם קאָפּ באַ טעוויען. פֿאַר ראָזען איז אָבער אין דעם פֿאַל וויכטיק ניט אַניע, נאָר עזרע.

פֿריִער איז אַניעס אַמביציע געווען — גוטע געשעפֿטן. איצט איז איר אַמביציע — אַ גוטער נאָמען. זי וויל פֿירן באַקאַנטשאַפֿט מיט אָנגעזעענע מענטשן, וואָס זאָל איר צוגעבן קאָוועד אין דער שטאָט. קיין אייגענעם ייִכעס פֿאַרמאָגט זי ניט, ראָזע פֿאַרשטייט עס. און קעדיי צוגעבן מוט, קלײַבן זיך ראָזע מיט איר מאַן צו אַניען אין געסט. אַניע גרייט זיך, שכײנים ווייסן וועגן דעם. אַניע רוט ניט. זי איז ניט פֿון די, וואָס קענען עפּעס טאָן רויִק. זי לייגט אַרײַן אין אַ זאַך דאָס גאַנצע כּיעס, זי ברענט, זי שלאָפֿט ניט, מאָרגן גייט זי צום שוטעף ריידן וועגן אַ שטעלע פֿאַר עזרען. מיט אַ גוטער בשׂורה וויל זי באַ זיך אויפֿנעמען די געסט.

זי האָט אירס געפּויעלט, אויסגעפֿירט. און פֿון דעם אַליין, וואָס זי האָט אירס דערגרייכט און ניט אָפּגעטראָטן, פֿילט זי דעם פֿאַרגעניגן פֿון אַ זיגערן. איר איז גוט, וואָרעם, זי שײַנט. זי וויל אָף איין רעגע ניט אָפּלייגן, נאָר רופֿט טייקעף טעוויען צו עזרען אַהיים. פֿריִער זײַנען פֿאַר אַניען עזרע און מאַשע געווען ניט מער, ווי נעמען, נעמען פֿון טעוויעס באַקאַנטע. איצט זײַנען די זעלבע נעמען געוואָרן איר נאָענטע, זי טראַכט וועגן זיי, זיי זײַנען אירע.

עזרע און מאַשע זיצן, אַלעמאָל, באַם טיש מיט טאַבאַק און הילזן. זיי אַרבעטן און שווײַגן. פֿאַרביידן איז נאָך אַלץ ניט קלאָר, וואָס פֿאַר זיי איז בעסער, יוער פֿון זיי איז

גערעכט. מאשע קען ניט פארגעסן וויפל פּײַן און לייד זי איז אויסגעשטאנען, ווען זי איז געווען אַליין. עזרען באומרויִקן נאָך אויך אנדערע געדאנקען. אוואדע פארשטייט ער מאשעס צושטאנד, אוואדע. זי קלאָגט זיך ניט, ניט אין איר כאראקטער ליגט עס. איר שווײַגן איז אָבער אָפּט שווערער פון איר ריידן.

— עזרע, פארשטיי מיך אויך, פארשטיי.

— זײַט געגריסט! — זײַנען פריילעך און האָפערדיק אריינגעקומען אניע מיט טעוויען. — זײַט געגריסט!

די נײַס איז געווען אן אומדערוואַרטע און א פריידיקע. א שטעלע, ארבעט, זײַן א מענטש מיט מענטשן גלײַך. א נעס! ניט עזרע און ניט מאשע האָבן געגלייבט, אז אזוינס קען געשען. ס'איז געשען! וואָס ווײַטער האָט די אומדערוואַרטקײַט אַלץ געדויערט, די פריידיקײַט אָבער האָט גענומען פאלן. פאר מאשען האָט די זעלבע גוטע בסורע „ארבעט" איינצײַטיק אויך באטײַט — בלײַבן! און עס האָבן זיך אין איר גענומען ראַנגלען צוויי געפילן: בלײַבן! איר ליבער עזרע וועט מער ניט זײַן קיין שטוביקע „ייִדענע", איר טרײַער עזרע וועט ווידער זײַן דער זעלבער, וואָס פריִער, ווען צו אים פלעגט מען קומען פרעגן אייצעס. און עס וואַקסט אין איר די פרייד און שטאָלץ פאר איר מאַן. נאָר אָט רוקט זיך ארויס דער צווייטער געפיל און שלאָגט דעם ערשטן. דער סאָף וועט דאָך זײַן א שלעכטער. א סאָף מיט טורמע און סיביר. אזוינס וועט זי מער ניט אויסהאַלטן. די קינדער — קינדער פון א קאַטאָרזשניק. זי אַליין — א ווײַב פון א בונטאָווטשיק. אַלע טירן פארמאכט, אַלע וועגן געשלאָסן. זי וויל נעמען שרײַען: ניין, ניין!

און עזרע, וועמענס פארלאַנג פריִער איז געווען „בלײַבן", דערזעט איצט פאר זיך: מאשע בלײַבט אַליין מיט דרײַ קינדער. אַלע הונגעריקע, אָפּגעריסענע, צעבראָכענע. אים כאַפּט אָן א ציטער און א שרעק. עפּשער איז שוין טאַקע בעסער ניט בלײַבן, נאָר אַנטלויפן, ווי מאשע זאָגט, וווּהין די אויגן טראָגן. די מישפּאָכע זאָל זײַן גאַנץ און געזונט. אָבער... צי מעג ער עס... אין דער מינוט ווייסט ער אַליין ניט.

אניעס זיכערקײַט און צופרידנקײַט, אז זי שטעלט אָפּ די פיס א גאַנצע מישפּאָכע, שטערט איר צו באַמערקן און באַנעמען דעם צושטאַנד פון אירע נײַע פרײַנט, דערזען, וואָס מיט זיי קומט פאָר. זי פילט ניט זיי, זי פילט זיך, איר איז גוט.

4

סימכע און בענציִען ווייסן אַלץ. זיי ווייסן, אז די מומע אניע איז א גרויסע בעריע, זי, אז זי נעמט זיך פאר עפּעס, וועט זי אומבאַדינגט אויפטאָן. זי האָט אַפילע נאַראיעט עזרען א שטעלע אין מיל. און פון וואָס א מיל באַשטייט געדענקט בענציִען. פון מעל און פון מײַז. בא בענציִענען אין שטוב איז מאַמעש א סימכע, די מאַמע לויבט אניען. ניין, ניט אניען, נאָר אניעטשקען. טעוויען, זאָגט זי, האָט אָפּגעגליקט מיט אזא פרוי, וואָס פארליבט אים אַלע וועגן. דערצו איז זי א גוטע, מיט א האַרץ, וואָס פילט מיט א צווייטן, האָט ליב טאָן א טויווע. די מאַמע שײַנט.

דער פאָטער, דאָקטער קאַדיש, איז צופרידן פון דער אומדערוואַרטקײַט. ניט אים, ניט ראָזען האָט זיך גאָרניט אײַנגעגעבן, און אניען... אז זי וויל נאָר, ווערט מעקויעם. וועגן דעם דערציילט בענציִען סימכען. און סימכע ווייסט אויך צו דערציילן, וואָס בא אים אין שטוב טוט זיך. אינדערפרי, ווען דער טאַטע גייט צו דער ארבעט, באַגלייט אים די מאַמע ביז צו דער טיר, זי באַטראַכט אים פון אַלע זײַטן און קושט אים. דאָס זעלבע קומט פאָר אויך אין אָוונט, ווען ער קומט פון דער ארבעט. מאשע זיצט מער ניט באַם טיש מיט טאַבאַק און הילזן און מאַכט מער ניט קיין פּאַפּיראָסן. אויסערלעך זעט אויס, אז זי איז רויִק, אַפילע צופרידן. די קינדער קוקן מיט מער דערעכערעץ אָפן טאַטן, און דאָס פארשאַפט דער מאַמען גרויס פארגעניגן. און פון די שכיינים איז די באַציִונג נאָך א בעסערע, וויבאַלד ער ארבעט אָף א שטעלע, איז ער א ריינער און א קאָשערער.

עזרע אַליין איז אויך צופרידן.

אָבער נאָך אַלע אויסערלעכע צופרידנקײַטן איז מאשע אינערלעך אומרויִק. איר איז ביכלאַל געוואָרן שווער צו גלייבן, אז עס קען נאָך זײַן גוט, אז די קינדער זאָלן רויִק וואַקסן, אז דאָס געמיט זאָל זײַן שטיל און האַרציק סײַ הײַנט און סײַ מאָרגן. און ווען זי

איז שוין אפילע אינגאנצן רויִק, בלאָנדזשעט דאָך אין איר ארום די זאָרג און אויך די מוירע פאַרן שלעכטס, וואָס קען אומגעריכט קומען. זי ווייסט, וואָס זי מיינט.

אוואדע פארשטייט ניט סימכע אלץ, וואָס בא דער מאמען אפן הארצן טוט זיך. ניט אלץ, אָבער גענוג אף דערציילן בענציִענען: די מאמע איז צופרידן פון טאטן, נאָר ניט פון זיך אליין. „איך קען זי שוין", ניט אלץ, וואָס עס איז בא איר אין קאָפּ און אין הארץ, ווייַזט זי ארויס פאר די היימישע. אלעמאָל בלייַבט עפּעס איבער, וואָס זי דערזאָגט ניט. די גוטע ווערטער זאָגט זי ארויס, די שלעכטע באהאלט זי אויס.

— פארוואָס?

— די גוטע דארף זי פארן טאטן און פאר די קינדער אף טרייסטן, דעם עמעס לאָזט זי פאר זיך.

— פארוואָס אָבער?

— איך שטויס זיך אָן. זי קוקט ווייַטער פון דעם איצטיקן טאָג. עס זאָל זיך ניט איבערכאזערן...

— וואָס?

— וואָס פארשטייסטו ניט? טורמע און סיביר...

— וואָס רעדסטו? עס קאָן ניט זייַן.

— די מאמע טראכט אויך וועגן דעם, וואָס עס קאָן ניט זייַן.

בענציִען קען עס ניט אינגאנצן באנעמען. בא אים אין שטוב פאלט גאָר קיינעם ניט אייַן צו טראכטן וועגן דעם, וואָס עס קאָן ניט זייַן. עזרע ארבעט, ער דארף אין ערגעץ ניט פאָרן, ער בלייַבט. אלץ איז רעכט. פארוואָס איז די מומע מאשע אזוי אומרויִק?

וואָס ווייַטער באנעמט סימכע אלץ מער ניט נאָר וואָס די מאמע זאָגט, נאָר אויך, וואָס די מאמע פארשווייַגט. און ער ווענדעט זיך צו איר מיט די זעלבע ווערטער, ווי פריִער, ווען דער טאטע איז געווען ווייַט.

— מאמע, פארוואָס באהאלטסטו פון מיר אויס?

— וואָס רעדסטו, מייַן קינד, איך באהאלט פון דיר אויס?

— אוי, מאמע, אומזיסט מיינסטו, אז איך זע ניט און פארשטיי ניט. וועגן וואָס טראכסטו? וועגן וואָס ביסטו צעטראָגן? עס ווארט אף אונדז א צאָרע?

— ניין, זאָל גאָט אויסהיטן! דו געדענקסט אָבער, ווי שלעכט אונדז איז געווען אָן א טאטן. איך האָב דיר דעמלט ניט אלץ געוואָלט זאָגן. די שאָ זאָל ניט זייַן, די מינוט זאָל ניט קומען, זאָל עס אויסגיין צו פוסטע פעלדער... ווידער בלייַבן אליין.

— מאמע, צי דען פארשטייט עס ניט דער טאטע, צי דען ווייסט ער ניט, ווי קאָן ער עס?

— קינד מייַנס, זון מייַנער, דער טאטע איז דאָך פון זייַן זייַט אויך גערעכט.

ביידע שווייַגן. דערנאָך פרעגט סימכע שטיל:

— ער וויל ניט זיצן מיט קיין פארלייגטע הענט.

5

יעכעזקל גאָטהעלפס ייִנגערע טאָכטער גאָלדע האָט כאסענע. די כאסענע קומט פאָר בא דער קאלע אין שטוב, אין דעם זעלבן צימער, וווּ די מיידלעך האָבן געמאָלט בלומען און פאנטאזיעס. עפשער טאקע דערפאר מיינט גאָלדע, אז גרייטן זיך איז פרייליכער, ווי די כאסענע גופע. מיט א סאך ליבע זאכן וועט זי זיך דארפן שיידן — מיט די עלטערן, מיט דער היימישער שטוב, מיט דער מיידלשער פרייַקייַט. און וואָס דערווארט איר? זי האָט זיך אויסגעכאָלעמט גוטע און שיינע כאסאנים, נאָר דער איינציקער, וואָס איז דער ווירקלעכער כאָסן, איז איר מער אומבאקאנט, ווי באקאנט. וואָס דערווארט איר? דאָס באטייַט אָבער, אז זי האָט א האָפענונג און א צוקונפט, זי וויל נאָר וויסן, ווי וועט עס אויסזען. אָנטאָן די כאסענע-קליידער איז נאָך צו פרי, אָנגעמאָסטן האָט זי זיי א סאך מאָל און אָן א שיר זיך געקוקט אין שפיגל. זי פאסט הייַנט. צו פרומקייַט האָט עס ניט, זי וויל פּאָשעט מיט אלץ זייַן א קאלע. דער כאָסן פאסט אויך. זיי האָבן אזוי אָפּגערעדט. מע קאָן זאָגן, אז מיטן פאסטן קומט פאָר די ערשטע דערנעענטערונג צווישן כאָסן און קאלע.

דער כאָסן איז א בלאָנדער, ניט גאָר קיין הויכער. ער קוקט אף גאָלדען מיט זייַנע ליכטיקע אויגן, פול מיט איידלקייַט און ליבשאפט. זייַן בליק וויל זי ניט אייַנשלינגען, נאָר

גלעטן און זאָגן ליבע-ווערטער. ער שעמט זיך. ער געפעלט איר טאַקע, נאָר זי דאַרף אים נאָך אויסכאַלעמען, ער זאָל ווערן אינגאַנצן אירער. זײַן נאָמען דאַרף זי אײַנאָטעמען אין זיך, עס זאָל ווערן איר אייגענער צווייטער נאָמען (און עפשער דער ערשטער). ווען זי האָט זיך דערוווּסט זײַן נאָמען — יאָסל — איז איר דער נאָמען ניט געווען געפעלן, אָבער ווען זי האָט אים פאַר זיך גענומען רופן יאָסעלע, איז אַלץ רעכט געוואָרן. זי האָט געזוכט צו אים א מילדן, א ליבן גראַם. (אין כּידער האָבן די יינגלעך לײַכט געפונען א גראַם: יאָסעלע — ציצעס פּאָסעלע). יאָ, ער געפעלט גאָלדען אַלץ מער, ער איז אָבער נאָך פרעמדלעך, זי האָט אים אנדערש אויסגעכאַלעמט, אפילע ניט קיין בלאָנדן, נאָר א שוואַרצן.

דער טאַטע גרייט די טישן, בענק און שטולן. אַלץ זאָל זײַן פּאַרטיק צום אָנקומען פון די געסט. די מאַמע איז פאַרנומען אָף דער קיך, ווו עס קאָכט, בראָט און זידט מיט פאַרשיידענע פּאַטראַוועס און געריכטן.

די שוועסטער זלאַטע איז געקומען צו גאָלדען, ביידע סוידען זיך. די געניטע זלאַטע לערנט גאָלדען, וויאַזוי א קאַלע דאַרף זיך פירן ביז דער כופּע און וואָס עס קומט פּאָר נאָך דער כופּע. גאָלדע זיצט מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, זי שעמט זיך. זי קען זיך ניט פּאָר-שטעלן, וויאַזוי דאָס אַלץ קומט פּאָר.

— טײַערינקע, עס קומט פון זיך אַליין.

דערוויײַל קומט אָן דער פאַרנאַכט. אָף די שנייען פאַלט א בלויקייט. דער הימל-ראַנד איז ראָז. די ערשטע פענצטער צינדן זיך אָן. זלאַטע נעמט אָנטאָן די קאַלע. שפּעטער קומען די קלעזמער, זעצן זיך אין א ווינקל און גרייטן די אינסטרומענטן.

און נאָך שפּעטער:

יעכעזקל גאָטהעלף און זײַן פרוי סימע, אויסגעפּוצטע און יאָמטעווידיקע, שטייען בא דער טיר און באַגעגענען געסט.

די ערשטע זײַנען געקומען אַניע מיט טעוויען. אַניע האָט זיך געײַלט. פון זינט עזרע אַרבעט לויט איר רעקאָמענדאַציע אָף דער מיל, איז אַלץ, וואָס האָט צו דער מיל א שײַ-כעס, גייט אַרײַן אין אירע אינטערעסן, איז איר נאָענט און אייגן. אין דעם ווערט פאַ-רעכנט דער בוכהאַלטער גאָטהעלף און זײַן יינגערע טאָכטער, די קאַלע. עס קומט צו נאָך איר געוווינהײַט פון ניט פאַרלאָזן זיך אָף קיינעם, פון האַלטן אַלץ אין אירע הענט, אָן איר קאָן אַלץ ארויסקומען קאַפּויר.

סײַ צוליב דעם, וואָס זיי זײַנען געקומען די ערשטע, סײַ צוליב דעם, וואָס אַניע און טעוויע זײַנען שותּפים אין דער מיל, האָבן יעכעזקל און סימע זיי באַגעגנט מיט א ברייטן „באָרעכהאַבאָ", מיט מוזיק און סימעס אויסגעשריי:

— ווי שיין איר זײַט, אַניעטשקע!

אַניעטשקע מיט טעוויען באַגריסן כאָסן-קאַלע. אַניעטשקע טוט אָן דער קאַלע אָף ז'ער האַנט א שיינע מאַטאָנע — א בראַסלעט (זי ווייסט, אז וועגן דער מאַטאָנע וועט מען אין דער שטאָט דערציילן און איבערדערציילן).

איצט וואָלט פאַר יעכעזקלען און סימען געפּאַסט, עס זאָלן אָנקומען דאָקטער קאַדיש און זײַן פרוי ראָזע. עס קומט אָבער אַרײַן סימעס א קרויווע, אָן עלטערע פרוי מיט א גרויסן פּאַריק, מיטן נאָמען טשאַרנע. פון אירע קליידער דערטראָגט זיך דער רייעך פון אויסגעוועפּטן פּאַרפום אָדער פון אַלטקײַט, גיכער פון אַלטקײַט. זי איז א קאָשערע נע-שאָמע, א שטילע און א גוטע. איר גרויסער גלויבן אין אייבערשטן האַלט זי אָף די פיס און גיט איר ביטאָכן אָף בעסערס. אין א שווערער מינוט גיט זי א טיפן זיפץ און זאָגט מיט געבעט און פאַרכטיקײַט:

— ווי העלפט מיר גאָט ביז גאָט וועט העלפן. — זי קלאָגט זיך ניט כאַסוועכאַלילע, האָט ניט קיין טײַנעס. ס'איז נאָר א דעליקאַטע אָנצוהערעניש צו דערמאָנען דעם האַר פון דער וועלט, ער זאָל זיך דערמאָנען אָן אָרעמער פרוי, וואָס וווינט אפן שטילן בעסאָל-מען-געסל — טשאַרנע.

פון איר קומען איז מען צופרידן. זי פאַרגינט אַלעמען און ברענגט מאַזל אין א שטוב. אַליין האָט זי א שווערן מאַזל, פאַר אנדערע אָבער איז זי מאַזלדיק.

מע באַוויײַזט ניט גוט זי אופצונעמען און באַדאַנקען, ווי עס קומען דאָקטער קאַדיש מיט זײַן פרוי ראָזע. די קרויווע אין גרויסן פּאַריק פאַרשטייט, אז איצט איז זי איבעריק און טרעט אָפּ.

עס קומען נײַע געסט. מאַשע מיט עזרען, סימכע מיט בענציענען, דער באַלעבאָס פון דער מיל מיט זײַן פרוי, דעם כאָסנס עלטערן, כאַווײרים און כאַווערטעס. עס ווערט פריי-

לעכער. די מוזיקאַנטן וויַזן, וואָס זיי קענען, יונגוואַרג טאַנצט, אויף די טישן שטייט גרייט קיבעד.

דער כאַסן מיט דער קאַלע זיצן בא א באַזונדער טישל. ביידע פאַסטן, ביידע זיַנען ערנסט. פון ציַט צו ציַט גיט עמעצער פון זיי א שמייכל. די קאַלע דערמאַנט זיך די ווערטער פון דער שוועסטער: „עס קומט פון זיך אַליין".

אויף קיין געסט וואַרט מען שוין מער ניט. ס'איז נאָך דער כופּע. בא די טישן טוט מען זיך וויל מיט עסן און טרינקען. אין שטוב איז פריילעך און געמיטלעך. שטיל עפנט זיך די טיר — ביילע לאַפּשין! אַלעמען וווּנדערט, אַלע זיַנען איבעראַשט. די פריילעכקיַט גייט אַוועק, אַן אומרויִקע שטילקיַט פילט אָן דעם צימער.

ווי שעמט זי זיך ניט צו קומען אויף א ייִדישער כאַסענע? פאַרפלעקן די הייליקיַט פון „קעדאַס מוישע וועיִסראָעל"! עפּשער איז זי ניט באַם זינען? ביילע בליַבט שטיין בא דער טיר. קיינער רופט זי ניט, קיינער בעט זי ניט. זי ווייסט ניט וואָס צו טאָן: אריַנגיין צי אַרויסגיין. זי איז געקומען אויף דער כאַסענע פון איר כאַווערטע גאָלדע, די כאַווערטע גאָלדע באַמערקט זי ניט, רופט זי ניט, לאַדט זי ניט איַן. אַזוינס האָט זי זיך ניט פאַרגעשטעלט. וואָס, אייגנטלעך, האָט זיך געענדערט? זי איז דאָך די זעלבע. עמעס, זי פאַרשטייט מער און האָט ליב א גוטן מענטשן. אָבער זי אַליין איז דאָך די זעלבע. זי האָט טאַקע געצווייפלט: קומען אויף דער כאַסענע, צי ניט קומען? דער סייכל האָט געזאָגט: ניין, די היימישע דערציִונג, דער שטייגער, די געוווינהיַט און דאָס בענקען נאָך מענטשן האָט געצויגן צו דער כאַסענע פון איר כאַווערטע גאָלדע. די לעצטע ציַט פילט זי אַרום זיך א הוילקיַט, מע מיַידט זי אויס, מע באַרעדט זי. אָבער גאָלדע, יעכעזקל גאָטהעלפס טאָכטער, פאַרשטייט דאָך, באַנעמט דאָך... שטייט זי, ביילע, בא דער טיר און האָט ניט קיין קויכעס ניט אריַנצוגיין, ניט אַרויסצוגיין.

דער ערשטער ריַסט איבער דאָס שוויַגן עזרע.

— קומט אריַן, קומט צום טיש.

און טעווקע זאָגט דאָס זעלבע:

— וואָס שטייט איר, קומט צו אונדז.

עמעצן פאַרדריסט עס. עמעצער איז אומצופרידן. וואָס מישט מען זיך? אַניע, וואָס פילט די לעצטע ציַט א געוויסע פאַראַנטוואָרטלעכקיַט פאַר עזרען און געוויס פאַר טעוויען, שטעלט זיך אויף און ווענדעט זיך צו ביילען:

—אינדערעמעסן, פריַלן, וואָס שטייט איר בא דער טיר, אויף א כאַסענע קומט מען ניט שטיין, נאָר טאַנצן.

נאָך אַניעס ווערטער איז גאָלדע געוואָרן דרייסטער.

— ביילע טיַערע, קום צו מיר, באַגריס מיך.

און אַלעמען האָט עס אויסגעזען גאַנץ נאַטירלעך.

פאַר סימכען און בענציִען האָט די כאַסענע זיך אָנגעהויבן ערשט נאָך דער כאַסענע, ווען די געסט האָבן זיך שוין געקליבן אַהיים. די גאַנצע אויפמערקזאַמקיַט איז דעמלט געווען געווענדעט אויף ביילען. יעדער האָט זי געוואָלט באַגיטיקן פאַר דער באַליידיקונג. וואָרעם סאָפקאָלסאָף, טראַכט מען, האָט זי קיינעם קיין אוולע ניט געטאָן, ניט באַליידיקט, ניט אָנגערירט. זי האָט ליב... אויך ניט קיין אוולע. זי האָט ליב ניט קיין ייִדן. ווייסט דאָך יעכעזקל גאָטהעלף, אַז די מוטער סאָרע איז ניט געווען קיין ייִדישע, ביז זי האָט כאַסענע געהאַט מיט אַווראָם אָווינו. און די מוטער ראָכל, די טאָכטער פון לאָוון האַאַראַמי, איז אויך ניט געווען קיין ייִדישע, ווען יאַקאָוו אָווינו האָט זיך אין איר פאַרליבט אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט פאַר איר געדינט צוויי מאָל צו זיבן יאָר. וועגן שלוימע האַמיילעך רעדט מען שוין ניט.

די פרוי טשאַרנע מיטן גרויסן פּאַריק האָט ראַכמאָנעס אויף ביילען ניט אַזוי צוליב ביילען אַליין, נאָר צוליב אירע עלטערן. זי ווייסט און פאַרשטייט, טשאַרנע, ווי עלטערן לעבן שווער איבער פאַרדראָס, קלעמעניש, ווייטעק צוליב זייערע קינדער. דערפאַר האָט זי מיטליַד צו ביילען.

ראָזע דערמאָנט זיך אירע אייגענע יוגנט-יאָרן, ווען זי האָט געטראַכט: „און פאַרוואָס דאַרף אַלץ, וואָס איז ניט ייִדיש, זיַן פרעמד?" זי האָט צו ביילען קיין טיַנעס ניט. זי איז יונג און וויל זיַן פאַרבונדן מיט דער גרויסער וועלט. פאַרוואָס ניט?

סימכע און בענציִען האָבן אופגעכאַפּט די אָפענע מיטגעפיל-אויסדרוקן און האָבן אַפילע טיילווײַז באַנומען די באַהאַלטענע געדאַנקען. מיט זייער גוטהאַרציקיַט און ריינקיַט האָבן זיי איבערגעלעבט פאַרדראָס און ליַטזעליקיַט. זיי האָט זיך וויינען געוואָלט,

ווען ביילע, א יונגע און שטאָלטנע, איז געבליבן שטיין בא דער טיר, ווי אַן אַרעמאַן, וואָס קומט נאָך א נעדאָווע. דערפאר האָבן זיי אופגעלעבט און זיך שטארק דערפרייט, ווען סימ־כעס טאטע האָט גערופן ביילען צום טיש. ביידע האָבן זיך געפילט גוט, ווען ביילע האָט צוזאמען מיט אלעמען געגעסן פון די געשמאקע פּאַטראַוועס און שיינע געבעקסן. מען קען זיך פאַרשטעלן, און דאָס איז גאַנץ מעגלעך, אז בא אנדערע באדינגונגען, ווען ניט קיין באשטימטע מענטשן שטייען פאר די אויגן, נאָר עס האנדלט זיך וועגן ערגעץ א ייִדיש מיידל בכלל, וואָס פירט א ליבע מיט ניט קיין ייִדן אויך בכלל, וואָלטן סימכע און בענציִען מיסטאמע געזאָגט דאָס זעלבע, וואָס אנדערע — ניט באגיטיקט, ניט אויסגעדריקט קיין מיטגעפיל. אָבער דאָ, דאָ שטייט פאר די אויגן א לעבעדיקער מענטש, א שיינער און גוטער מענטש.

גייענדיק צוריק, האָבן ביידע כאווירים וועגן וואָס צו ריידן און וועגן וואָס צו טראכטן: ייִדן, ניט־ייִדן, ליבע, כאסענע... ביילע טרעט פון זיי ניט אָפּ, זיי זעען זי. אין זיי לעבט נאָך דער געמיט־צושטאנד פון דער כאסענע.

— ווייסט, — זאָגט בענציִען, — אנומלטן האָט די מאמע ניט גוט גערעדט וועגן אניען. מיר איז זי היינט גראדע געפעלן. א דרייסטע.

— און מיר אויך. קלוג געזאָגט: אף א כאסענע קומט מען ניט שטיין, נאָר טאנצן. ביילע אליין איז אויך א דרייסטע.

ביידע ייִנגלעך פארשטייען: אלע זיינען קעגן ביילען, אפילע טאטע־מאמע. און זי האלט זיך, גיט זיך ניט אונטער, ניט געשעמט זיך אפילע ניט קיין געבעטענע קומען אף דער כאסענע. כאראקטער.

אף גוטס אליין וואקסט מען ניט, ס'איז נייטיק כאָטש א טראָפּן ביטערקייט. נאָך דער כאסענע, ווען סימכע איז געבליבן אליין מיט זיך, האָט ער ווידער פאר זיך דערזען ביילען, נאָר ניט בא דער טיר, ווו זי איז געשטאנען א צעטומלטע און פארלאָרענע, ניין, ער האָט זי דערזען א פארשטויסענע, אן אָפּגעשיידטע פון קלאל. און ווער טוט עס? ייִדן טוען עס. דאָס געזעץ איז אזוי. היינט זעט סימכען אויס, אז ייִדן זיינען ניט אלעמאָל גערעכט. און דאָס ערשטע מאָל פארדריסט אים אפן געזעץ און אף ייִדן.

עטלעכע טעג נאָכאנאנד האָט סימכע וועגן דעם ניט געקענט פארגעסן. ביז שפּעט שלאָפט ער ניט איין, און פארשיידענע פאנטאזיעס קומען אָן. די פאנטאזיעס זיינען ריאל־ווירקלעכע, ווי אין לעבן, אפילע מער ווי אין לעבן, געדיכטער, פארביקער, אלץ מיטאמאָל. און כאָטש ס'איז זיין אייגענע פאנטאזיע, מאטערט עס אים אויס, ווייל אלעמאָל ענדיקט זיך עס מיט דעם, וואָס מע באגייט בענעגייע עמעצן אן אוולע. סימכען פארדריסט עס. קעדיי זיך פארלייכטערן און פון דעם פּאָטער ווערן, ווייסט ער, איז דער בעסטער מיטל עמעצן וועגן דעם צו דערציילן, זיך פארטרויען. דער וועג איז א פּאָשעטער און גלייכער — בענציִען.

— דו ווייסט, סימכע, ביילע רופט בא מיר ארויס ניט נאָר ראכמאָנעס, נאָר אויך פארדראָס. וואָס וויל מען פון איר? מיר ווילט זיך צו איר אריינגיין און זאָגן א גוט וואָרט, א טרייסט־וואָרט.

— אוי גוט, בענציִען, מירן גיין צוזאמען.

דאָס איז זיי ביידן געפעלן געוועזן. זיי האָט עס אויסגעזען זייער פּאָשעט צוליב זייער גרויסן פארלאנג דאָס צו פארווירקלעכן. זיי ווילן פאריכטן א פעלער, וואָס ייִדן באגייען.

6

ערעוו פּורים. די זון שיינט און נעמט שוין אויך ווארעמען, נאָר אפן טונקל־געוואָרע־נעם אָפּגעשוואכטן שניי גליטשן זיך נאָך ייִנגלעך אף פּאַדרעזעס־גליטשערס, אין גרעסטן טייל אף איין גליטשער, ארומגעבונדן מיט שטריקלעך. מיט יעדן טאָג קומט דער יאָמטעוו נעענטער. אין די געסלעך הערט מען שוין, ווי עס שיסן די ביקסלעך מיט פּיסטאָנעס. די גראגערס גראגערן אף טויב ווערן. עס גייט, קאָן מען זאָגן, די רעפּעטיציע צו באגעגענען האָמאָנען באם לייענען מעגילאס עסטער.

פּורים איז אויסגעפאלן זונטיק. אין דעם טאָג זיינען סימכע מיט בענציִענען אוועק צו ביילען. פריִער האָבן זיי זיך דערוווּסט, ווו זי וווינט — אף סאָבאָרנע גאס, אינעם זעלבן הויף, ווו עס געפינט זיך עליע זאלוצקיס קאָנדיטערייַ. דער הויף איז א גרויסער מיט א

סאַך דירעס און דירעלעך. פֿרעגן אין הויף, וווּ עס וווינטביילע לאַפּשין, פֿאַרשטייען די יינגלעך, אַז מע דאַרף ניט, מע קען אַף זיי קרום קוקן. זיי האָבן בא קיינעם גאָרניט געפֿרעגט און האָבן אַן שווערינקייט גיך געפֿונען די דירע. ביידע האָבן צוזאַמען איידל אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, געוואַרט צו דערזען ביילען. די טיר האָט געעפֿנט אַ מאַנצבל.

— צו וועמען דאַרפֿט איר, קינדער?

— אַ טאָעס! אונדז האָט מען געזאָגט, אַז דאָ וווינט ביילע לאַפּשין.

— דאָ, דאָ! קיין טאָעס ניט. — און דער מאַנצבל זאָגט אַף יידיש: — מיידעלע, אַף דיר פֿרעגן זיך נאָך צוויי יינגלעך.

דאָס האָט די יינגלעך נאָך מער פֿאַרוווּנדערט. זיי זיינען דאָך ניט בלינד, אַנטקעגן שטייט אַ רוסישער מענטש, זיי זיינען דאָך אָבער אויך ניט טויב, ער רעדט יידיש.

ביילע איז זיי אַרויס אַנטקעגן.

— צו מיר?

— מיר זיינען צוזאַמען מיט אייך געווען אַף גאָלדעס כאַסענע.

— איך דערקען, דערקען. קומט אַריין.

ביילע איז איצט געווען גאָר אַן אַנדערע, ווי אַף דער כאַסענע — אַ פֿריילעכע, אַ לעבנסווירדיקע, און דער רוסישער מענטש קוקט אַף איר מיט גרויס ליבשאַפֿט. ניין, איז פֿאַר די יינגלעך קלאָר געוואָרן, זי נייטיקט זיך ניט אין קיין טרייסט-ווערטער. אָבער נאָך וואָס זיינען זיי אַהער געקומען? וואָס זאָגט מען?

— זעצט זיך, קינדער, — האָט דער מאַנצבל זיי געבעטן. — איר זייט געווען אַף גאָלדעס כאַסענע? פֿריילעך געווען?

— פֿריילעך.

ביידע יונגע געסט באַנעמען, אַז דער יידיש בא דעם מאַנצבל איז ניט קיין געבוירענער, אָבער אַ סימפּאַטישער. די שפּראַך פֿליסט ניט פֿון זיך אַליין, נאָר ווערט אַרויסגערעדט מיט אַ געוויסער פֿאַרזיכטיקייט, אַפֿט יעדעס וואָרט באַזונדער.

— ביילע, גיב די געסט קיבעד. פּורים.

— באַלד, באַלד, פּעטיע... — און אינגיכן איז טאַקע ביילע אַריינגעקומען מיט אַ טעלער האָמענטאַשן.

פֿאַר סימכען און בענציען איז שטאַרק אומדערוואַרט: דער רוסישער מענטש מיטן נאָמען פּעטיע האָט אַזוי אויסדריקלעך געזאָגט „קיבעד“, דערנאָך „פּורים“, און ביילע, וועלכע מע באַרעדט, האָט צום יאָמטעוו פּורים געבאַקן האָמענטאַשן. נאָר צום באַוווּנדערן.

אַלע פֿיר זיצן אַרום טיש. דער מאַנצבל פּעטיע פֿרעגט בא די יינגלעך וווּ און ווי זיי לערנען. סימכע און בענציען ענטפֿערן. שפּעטער אַ ביסל, ווען מע האָט די האָמענטאַשן אופֿגעגעסן און פֿאַרטרונקען מיט טיי, זאָגט ביילע:

— איצט דערציילט, וואָס האָט איר געוואָלט פֿרעגן.

די יינגלעך האָבן ניט גלייך געענטפֿערט, זיי האָבן שוין קימאַט פֿאַרגעסן, נאָך וואָס זיי זיינען אַהער געקומען. ביידע האָבן זיך איבערגעקוקט, און בענציען האָט געזאָגט:

— מיר זיינען געווען אַף דער כאַסענע. אונדז איז ניט געווען געפֿעלן, ווי מע האָט אייך באַגעגנט. מיר זיינען געקומען זיך אַנטשולדיקן פֿאַר אייך. יידן באַגייען אויך פֿעלערן.

— אַ דאַנק אייך, קינדער, אַ גרויסן דאַנק! — האָט זיך אָפּגערופֿן דער מאַנצבל. — מיין פֿרוי ביילע פֿאַרדינט אַ גוטן און שיינעם אופֿנאַם. איר פֿאַרשטייט, צייטן בייטן זיך, מענטשן וועלן ווערן קליגער, אַלץ וועט זיך ענדערן... אַנדערע באַדינגונגען וועלן זיין...

ביילע האָט מיט אַ קלוגן שמייכל אים איידל איבערגעשלאָגן. איר האָט געדוכט, אַז איר מאַן וויל פֿאַר די קינדער אויסלייגן די טעאָריע פֿון סאָציאַליזם לויט מאַרקסן. פֿון אים קען מען עס דערוואַרטן.

— פּעטיע, טייערער, עפּשער נאָך האָמענטאַשן?

ביידע האָבן זיך גוט פֿאַרשטאַנען.

ווען בענציען איז געגאַנגען אַהיים, האָט שוין גענומען טונקל ווערן, און עס האָט גענומען שיטן אַ שיטערער שניי, וואָס האָט געשפּילט זיך מיט זיך אַליין: געפֿאַלן און זיך אופֿגעהויבן, געבלאָנדזשעט אין דער לופֿט און ווידער געפֿאַלן. בענציען האָט עס ניט באַמערקט, ער איז געווען גוט אופֿגעלייגט, אַפֿילע אונטערגעפּייפֿט, אַהיים זיך ניט געיילט. ער איז געווען צופֿרידן פֿון ביילען און איר מאַן. דעריקער טאַקע פֿון איר מאַן, וואָס האָט אַרויסגעוויזן פֿריינטשאַפֿט און מענטשלעכקייט. בענציען, וואָס איז שוין געווען אַמאָל געניגט צו געפֿינען גוטס נאָר בא אַנדערע פֿעלקער און עס אָפּלייקענען בא יידן, האָט אַף אַ

רעגע איבערגעלעבט די פּריִערדיקע אַפּלייקעוונג, נאָר באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער איז ניט גערעכט, און גענומען גיכער אײַלן אהיים. געקומען איז ער א פאַרשנייטער.

— ווידער ווינטער! — האָט מען אים אין שטוב באַגעגנט.

און די מאַמע האָט געזאָגט:

— האָסט דאָך שיר ניט פאַרשפּעטיקט די האַמענטאַשן.

— האָמענטאַשן האָבן מיר הײַנט געגעסן געגוג.

— געגעסן... און ווער איז דער מיר?

— איך מיט סימכען.

— מיט סימכען, זייער גוט. וואָס מאַכט די מומע מאַשע? — ראָזע איז געווען זיכער, אַז וויבאַלד צוזאַמען מיט סימכען, זײַנען זיי געווען בײַ עזרע מאַזאָווער אין שטוב.

— איך בין בײַ דער מומע מאַשע ניט געוועזן.

— בײַ וועמען האָט איר געגעסן האָמענטאַשן?

— בײַ ביילע לאַפּשין.

— דו שפּאַסט... געפונען, מיט וואָס צו שפּאַסן.

— מאַמע, עס איז עמעס. בײַ ביילע לאַפּשין.

אויף דער כאַסענע האָט ראָזע געפונען א זכוס פאַר ביילען. דעמאָלט איז פאַר די אויגן געשטאַנען א באַליידיקטער מענטש, וואָס האָט אַרויסגערופן מיטגעפיל. איצט איז שוין עפּעס אַנדערש, איצט וויל זי פון איר ניט הערן, איר אויפירונג קאָן ווערן אַנשטעקנדיק פאַר אַנדערע. פון אומגערעכטקײַט האָט די מאַמע לאַנגזאַם אַרויסגעזאָגט:

— ביי-לע לאַפּ-שין? זייער מאָדנע... ניט פאַרשטענדלעך.

— פאַרוואָס, מאַמע?

— נו, מײַן קינד, ווי פאַרשטייסטו ניט... בײַ ייִדן פירט מען זיך ניט אזוי... ניט קיין ייִדישער מאַן.

— דו וואָלסט זען, מאַמע, סאַראַ גוטער מענטש ער איז. ער רעדט ייִדיש בעסער פון מיר.

— בעסער פון דיר איז גאָרניט קיין באַוויַז.

— ראָזע, איך פאַרשטיי ניט, וואָס איז דײַן טײַנע? — האָט זיך אָפּגערופן דער טאַ-טע. — נאָך אַלעמען זײַנען מיר אַלע מענטשן. זי האָט אים ליב. וואָס איז די אוולע?

— ניט לײַטיש. מענטשן באַריידן...

— מאַמע, צײַטן בײַטן זיך, מענטשן ווערן קליגער, אַלץ וועט זיך ענדערן...

— אָט האָסטו דיר! — זאָגט די מאַמע מיט פאַרדראָס, — וועמענס רייד, ווער לערנט עס? מע טאָר די קינדער פון שטוב ניט אַרויסלאָזן.

7

ס'איז שוין קאָנטיק, אַז מאַשע איז אויף דער צײַט.

פאַר די לעצטע כאַדאָשים איז מאַשע געוואָרן א גרויסער מייוון אין דער ווירטשאַפט פון א מיל. אַלע טאָג דערציילט איר עזרע, וואָס פאַרן טאָג איז פאָרגעקומען. דער פּריִער-דיקער אומרו און צווייפל פון „יאָ" פאַרן און „ניט" פאַרן איז אינגאַנצן אָפּגעפאַלן. זי איז רויִק. עזרע איז אַרײַנגעצויגן אין דער אַרבעט פון דער מיל און אין זײַן באַקאַנטשאַפט מיט יעקעזקל גאָטהעלף. לאַנג שוין האָט זי ניט געהאַט אזא גוטן געמיט, ווי איצט. אין זין פון כאַיונע באַנוגנט זי זיך מיט דעם, וואָס זי האָט. דערצו איז זי א בעריע, מיט איר כאַ-ווערט זיך אַניע, טעוויע קושנירס פרוי. ניט נאָר זי כאַווערט זיך, אַניע, נאָר איז פאַרינ-טערעסירט אין מאַשעס מישפּאָכע-לעבן, אין איר איצטיקן צושטאַנד, זי פילט זיך פאַראַנט-וואָרטלעך. אַניע איז פאַר איר א שטיצע, זי באַרויִקט מיט איר זיכערקײַט, זעלבשטענדי-קײַט. מאַשע דאַרף פון איר גאָרניט, בעט בײַ איר גאָרניט. אָבער די פרײַנטשאַפט גיט צו האָפנונג, פאַראַן, אויף וועמען זיך פאַרלאָזן. זי פאַלגט אַניען, נעמט אָן אירע אייצעס. און ביכלאַל: פאַר אַניען האָט מען דערעכערעך, אַפשײַ, אַניען פאָלגט מען.

און אַניע אַליין פילט זיך גוט פון דעם, וואָס מענטשן נייטיקן זיך אין איר — א וואָרט, א טרייסט, אַן אייצע. דאָס גיט איר מוט צו טאָן מענטשן טויוועס. דאָס געפעלט טעוויען, דאָס דערנעענטערט זיי ביידן, זי איז געליבט און געאַכט.

צוזאמען מיט טעוויען קומט זי אַרײַן צו עזרען און מאַשען. און ס'איז מיסטאָמע פאַרן מענטשן נייטיק ניט אַלץ צו פאַרגעדענקען, ער מוז פאַרגעסן, וואָס עס לאָזט זיך פאַרגעסן. די זעלבע אַניע, וואָס האָט אַנומלטן געזאָגט וועגן עזרען: „פיר יאָר ניט געווען צווישן מענטשן...", וואָס באַטײַט האָט עס — פאַר אַזאַ איינעם קאָן מען ניט קאַווירן, — איז איצט בײַ איר אַ קלוגער און אַן אַרנטלעכער אין אַלע הינזיכטן. זי האָט ליב צו הערן, וואָס ער דערציילט וועגן יענע „פיר יאָר" סײַ וועגן זיך, סײַ וועגן טעוויען. און איינמאָל איז זי מיט טעוויען געקומען, ווען בײַ עזרען איז געווען פּערעץ. די מאַנצבלעין האָבן דערציילט וועגן זייערע שווערע יאָרן מיט שפּאַס, הומאָר, געלעכטער. אַניע האָט זיך געפילט געמיטלעך צווישן טעוויעס כאַווירים.

די געשעפטן אָבער פאַרלאָזט זי ניט. זי איז די זעלבע בעריע, די זעלבע באַלעבאַסטע, וואָס קען אירס האַלטן פעסט אין אירע הענט. און דאַפקע איצט, ווען מענטשן לויבן זי, זוכן בײַ איר אַן אָנשפּאַר, פאַרשטייט זי נאָך בעסער, אַז איר קויעך ליגט אין איר פאַרמעגן, אין אירע געשעפטן, וועלכע גיבן איר רעכט צו זײַן אויסגעטיילט, זעלבשטענדיק און צו קיינעם ניט אָנקומען. צוהילף אין אירע געשעפטן דערלאָזט זי נאָר איר אייגענע מאַמע, אַף אַנדערע קאָן זי זיך ניט פאַרלאָזן. אַניע פילט אָבער גוט, אַז אין איר לעבן איז צוגעקומען אַ נײַס — מענטשן, פרײַנטשאַפט, מיטגעפיל.

8

מענטשן, וועמען עס קומט אויס צו זײַן אָפט אַפן פישמאַרק, וווּנדערן זיך: וואָס זעט מען ניט שוועצן. ניט אים, ניט זײַן צײַטונג, אויך זײַן לייענען די צײַטונג און זײַן היצן זיך הערט מען ניט. וואָס איז געשען? צי דען האָט ער נאָך אַלץ מוירע פאַר די פישערקעס?

אײַנעם שטרײַט אַרום איוואַן שוועצן צווישן זײַן ווײַב קאַטיע און זײַן מאַמען ווערע פּיאַדאַראָוונע האָט אויסגעשפּילט דאָס ווײַב. אויסגעשפּילט שוין צוליב דעם אַליין, וואָס דער פרילינג האָט גענומען טעמען מיט ליכט, מיט וואַרעמקײַט און לעבנסלוסט. און אויך צוליב דעם, וואָס דאָס ווײַב איז ייִנגער און קליגער. די קלוגשאַפט אירע איז אַ פּאַשעטע און נעמט זיך פון דעם, וואָס זי איז ניט קיין בייזע, ווי ווערע פּיאַדאַראָוונע, נאָר אַ גוטמו־טיקע, וויל אַליין לעבן רויִק און וויל ניט מאַכן קיין בייז לעבן צווישן אַנדערע. דאָס איז אַ כאַכמע, וואָס די מאַמע פאַרמאָגט ניט. די מאַמע, ווייסט מען, איז אַלעמען כוישעד, פאַר־גינט קיינעם ניט, און ווען זי קאָן נאָר, וואָלט זי די שנור פון שטוב אַרויסגעטריבן. דערבײַ כאַזערט זי פרום איבער „אַך, האַספאַדי". די שנור שטויסט זיך עס גוט אָן, נאָר זאָגט קיינמאָל ניט וועגן דעם איר מאַן, פאַרקערט, ווען איוואַן איז באַרויגעז אַף דער מאַמען, שטילט קאַטיע אײַן זײַן רוגזע, זי צײַלעמט אים און קוקט אַרויס צו דער איקאָנע אין ווינקל. קאַ־טיעס כאַכמע קומט פון איר גוטסקײַט און ווײלקײַט, פון איר דערמאָנען זיך יענע צוויי מײדלע באַגעגענישן באַם ניעמאַן אַף די קאַלאָזשעס. זי וויל אַ שיין לעבן, זי וויל ליבע, און מער פאַר אַלץ וויל זי אַ קינד. זי ווייסט, אַז סײַ דער מאַן, סײַ זײַן מאַמע באַריידן זי: זי איז אינווייניק אַן אויסגעטריקנטע — קען זי קיין קינדער ניט האָבן. אָבער זי, קאַטיע, מיט איר פּראָסטן סייכל באַנעמט, אַז די סיבע איז ניט אין איר, נאָר אין אים. וואָס ער זאָל ניט טאָן, — טוט ער עס גלאַט אַזוי זיך, ניט אַף באַקומען האַנאָע. ער עסט כאַפּ־לאַפּ, קוקט ניט אין טעלער, נאָר בייזערט זיך אַף זײַנע סאָנים. דערפאַר טאַקע איז ער דאַר, בלוט־אָרעם, פאַרומערט. און אויך ווייסט קאַטיע, אַז ווען ער שלאָפט מיט איר אַף איין קישן, האָט ער ניט זי אין זינען, נאָר לעבט מיט זײַן פאַרביטערטקײַט קעגן מענטשן. ער מאַ־טערט זיך אַליין און מאַטערט זי. און קאַטיע ווייסט דאָך פון אירע כאַווערטעס, ווי אַזוינס קומט פאַר אין ליבע.

די לעצטע צײַט נעמט ער ווערן אַ ביסל רויִקער. קאַטיע לאָזט אים ניט אַרויסגיין אין מאַרק מיט דער צײַטונג, זי קושט אים, זי האַלדזט אים, באַרויִקט אים. זי לערנט אים, ווי צו זײַן אַ מאַן. איוואַן זאָל זײַן אירער, אינגאַנצן אירער, ער זאָל ניט שילטן, נאָר בענטשן, ער זאָל גיין מיט איר שפּאַצירן אין וואַלד און באַם טײַך. און זי האָט אויסגע־שפּילט. אין איינעם אַ טאָג האָט זי אָנגעזאָגט די בסורע — זי שוואַנגערט. פון אָנפאַנג האָט איוואַן ניט געוואָלט גלייבן, שפּעטער האָט ער געמוזט גלייבן. דעמאָלט האָט ער זיך אַף אַזויפיל געענדערט, אַז אינדערפרי פּוצט ער ניט נאָר זײַנע שיך, נאָר אויך קאַטיעס. און בײַ אים איז איצט אַ גוטער געפיל צו קינדער.

די מאמע כאָזערט ווי שטענדיק „אַך, האַספּאַדי" און ווייסט ניט, וואָס צו ווינטשן דער שנור. שילטן טאָר מען ניט, זי איז די מאמע פון איר קומענדיקן אייניקל. זי גיט אפילע אַף איר אכטונג, איז מעכאַבעד מיט געשמאַקע עסנס. זי פאַרגעסט אָבער ניט צו טראַכטן וועגן קאַטיען, ווי אַמאָל וועגן דעם אַפּעלסין, וואָס דער זון האָט איר געבראַכט א מאָטאָנע: פון אויבן א ביטערע הויט, אינווייניק א זאַפטיקער פרוכט.

— אַך, האַספּאַדי!

מיטן זון איז זי צופרידן, ער ווערט געזינטער און סאָלידער.

און נאָך קאָן מען צוגעבן, אַז ווען אים קומט אַמאָל אויס צו באַגעגענען די צוויי יינגלעך (סימכע און בענציען), באַגריסט ער זיי און פרעגט וועגן זייערע דערגרייכונגען אין לערנען. זיי ענטפערן.

„טאַקע עמעס, טראַכטן די יינגלעך, מענטשן ווערן קליגער, צייַטן בייַטן זיך".

בא יעכעזקלען אין שטוב זאָגט מען וועגן איוואַן שעוועצן — א נעס!

סימע דערווידערט:

— בא דיר, מייַן מאַן, זייַנען שטענדיק פאַראַן ניסים. — זי זעצט פאָר די מיינונג פון די מיידלעך, וואָס פלעגן שטענדיק זאָגן פאַרקערט, וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט.

— ווי אַנדערש קאָן מען עס אויסטייַטשן? א מענטש איז געגאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ און האָט איצט גענומען גיין מיטן קאָפּ אַרויף.

סימע דערווידערט סייַווי. אָן די טעכטער איז איר אומעטיק, זי פילט זיך עלנט. געווען א פולע שטוב מיט מענטשן און מער ניטאָ. דערפאַר דערפרייט מען זיך דאָ, ווען די יינגלעך קומען. מע נעמט זיי אויף ווי אייגענע קינדער. סימען איז שווערער פון איר מאַן. דער מאַן אירער, יעכעזקל גאַטהעלף, איז זעקס טעג אין דער וואָך פאַרנומען אַף דער מיל, כוץ דעם, טראַכט ער און דענקט וועגן פאַרשיידענע פאַלן און צופאַלן, וואָס איז געשען און וואָס קאָן נאָך געשען.

סימע אָבער קאָן ניט טראַכטן וועגן ניט קיין קאָנקרעטע זאַכן, וועלכע זי זעט ניט און הערט ניט. ליגט א הון אָן איי — דאַרף זי זען סייַ די הון, סייַ דאָס איי. אַף אויסווייניק גלייבט זי ניט. יעכעזקל פאַרלאָזט זיך, ער ווייסט, אַז הינער לייגן אייער.

צו סימעס אומעט און בענקעניש קומט נאָך צו א פאַרדראָס. וואָס האָט זי זיך געייַלט אַזוי מיט כאַסענע מאַכן די טעכטער, יונגע קינדער? אַמאָל מאַכט זיך, אַז פּונקט, ווען סימכע מיט בענציענען קומען אין געסט — קומט אויך איינע פון די טעכטער. דעמלט ווערט פריילעכער.

אָנרופן סימכען און בענציענען „יינגלעך" ווערט אַלץ שווערער. זיי זייַנען נאָך טאַקע ניט קיין דערוואַקסענע, זיי זייַנען אָבער שוין ניט קיין יינגלעך. פונעם געזעענעם, געהערטן און איבערגעלעבטן מאַכן זיי זייערע אייגענע אויספירן (יעדער אַף זייַן אויפן). עמעס, אָפּט צו אייַליק, צו גיך, אָבער אייגענע. און אויך איצט זייַנען זיי געקומען צו יעכעזקל גאַטהעלף מיט זייערע אייגענע געדאַנקען.

די יינגערע טאָכטער, וואָס איז געקומען צו די עלטערן זיך זען מיט זיי, האַלט איצט אין אַלץ אונטער דעם טאַטן. זי דערווידערט מער ניט. די טאָכטער איז אויך גערן צו וויסן, וואָס די יינגלעך וועלן דערציילן. בא איר אין שטוב איז אַלץ גוט, אַלץ, ווי געוויינלעך. אַמאָל אָבער פעלט אויס אַזוינס, וואָס איז אַנדערש פון געוויינלעך. זי בענקט נאָך דעם.

די יינגלעך דערציילן יעכעזקלען, ווו זיי זייַנען געווען פּורים און בא וועמען זיי האָבן געגעסן האָמענטאַשן. וואָס זיי האָבן געזען און וואָס זיי האָבן געהערט. יעכעזקל טראַכט: ביילע איז געקומען אַף דער כאַסענע, וואָס האָט מען געקענט טאָן? געקומען... אָבער די יינגלעך גייען צו איר אַהיים. ניט גוט. עס קאָן זיך שלעכט ענדיקן.

דאָס „שלעכט ענדיקן" איז געזאָגט געוואָרן ניט דערפאַר, ווייַל ער גלייבט טאַקע אין א שלעכטער ענדע, נאָר ווייַל אין אַזא פאַל זאָגט מען עס, קעדיי וואָרענען און אָפּהיטן. אָבער אומרויִק איז מען. און די יינגלעך וווּנדערן זיך, וואָס דער שטענדיק רויִקער און זאַכלעכער יעכעזקל רעדט בייזלעך, שאַרפער ווי אַלעמאָל. אויך די טאָכטער קאָן עס ניט פאַרשטיין.

— פאָטער, וואָס איז מיט דיר?

— צייַטן בייַטן זיך... ניט קיין נייַס. אָבער צי ווערן פון דעם מענטשן קליגער? ניין! אַלנפאַלס ניט אַלעמאָל. פאַראַיאָרן, וואָס ברענגען מיט זיך בייזקייַט און צאָרעס, ווען מענטשן פאַרלירן זייער געוויסן, דעמלט קומען שווערע צייַטן און קיינער ווערט ניט קלי־גער. שיינע, גלאַטע ווערטער, וואָס זייַנען גאָרניט ווערט.

יעכעזקלען פאַרדריסט, וואָס די דאָזיקע טוירע קומט צו די יינגלעך פון ביילעס שטוב, פון איר געליבטן. ניט פון אונדזער טוירע, ניט פון אונדזערע כאַכאָמים. און די יינגלעך גליבן אין דעם, דערווידערן ניט. אָט אזוי קאָן מען זיי פארסאַמען מיט פרעמדע געדאַנקען, פרעמדע זיטן, פרעמדן גלויבן. זיי קענען מיט דער צייַט אראָפּגיין פון וועג, זיך אָפּקערן פון יידישן פאָלק.

— ניין, קינדער, ניט אזוי... פארגעסט ניט, אז קימאַט די גאַנצע שטאָט מייַדט זיי אויס. אייַערע עלטערן וועלן זייַן אומצופרידן.

די טאָכטער איז מיטן טאַטן מאַסקים. די יינגלעך שווייַגן. פארוואָס שווייַגן זיי? — טראַכט יעכעזקל. ער פרעגט עס, ווייַל ער אליין איז נאָך ניט אינגאַנצן זיכער אין זייַן גערעכטיקייַט. ער איז דאָך קיינמאָל ניט געווען קיין פארברענטער אָנהענגער פון אָפּגעפרעמדטקייַט, פון א מאָראַלישער געטאָ, ווי די עלטערע טאַטער זאָגט. ער האָט גוטע באַקאַנטע צווישן רוסישע און פוילישע מענטשן. מיט זיך איז ער זיכער, ער וועט ניט קאַליע ווערן. פאַר די יינגלעך איז ער ניט זיכער און ניט רויִק.

פון יעכעזקלען גייען סימכע און בענציען אוועק אומרויִקע און אומצופרידענע. אויב ער איז אפילו גערעכט, טראַכטן זיי, איז ער מיט זייַן שאַרפקייַט אומגערעכט. און וועגן וואָס איז ער אזוי אומרויִק, צעטראָגן? ער האָט מוירע, אז זיי קענען זיך שמאַדן. ווי קומט צו יעכעזקל גאַטהעלף אזא ווילדער אייַנפאַל?

— ווייסטו וואָס, — זאָגט בענציען, — מירן אַרייַנגיין צו ביילען פייסעך-צייַט. זיי עסן מאַצע צי ניט?

9

טשאַרנע איז גרויסן פּאַריק, וואָס האָט א גוט האַרץ און א קאָשערע נעשאָמע, לעבט איבער פאַר ביילעס עלטערן. זי אליין האָט קיינמאָל קיינעם ניט באַרעדט און וועט קיינמאָל ניט באַרעדן. אָבער קלאַנגען צו איר דערגייען: ביילעס יינגערע שוועסטער, נעכאָמע, איז אויך אראָפּ פון גלייַכן וועג און ליובעט זיך אויך מיט ניט קיין יידן. טשאַרנע לעבט עס טיף איבער, ניט ווייַל בא יידן קען ווערן מיט צוויי מיידלעך ווינציקער! נאָר ווייַל שווערער פון אלעמען לייַדן פון דעם די עלטערן — סענדער און כאַווע. סענדערן האָט זי עפּשער געזען איין מאָל אין איר לעבן, אָבער כאַווען קען זי פון לאַנג. געווען א צייַט, ווען זיי האָבן צוזאַמען געדאַוונט אין איין ווייַבערשער שול. און עס ציט איר, טשאַרנען, צו זאָגן כאַווען א טרייסט-וואָרט, לייַכטער מאַכן איר האַרץ, טרייסטן א מענטשן אין א שווערער שאָ איז עפּשער די גרעסטע מיצווע. און זי זאָגט וועגן כאַוועז:

— ווי העלפט איר גאָט ביז גאָט וועט העלפן.

טשאַרנע איז דערבייַ זיכער, אז דער אומגליק בא כאַוועז נעמט זיך פון א שלעכט אויג, פון אן אייַנהאָרע. שיינע געראָטענע טעכטער, איז מען מעקאַנע. אָפּשפּרעכן דאַרף מען, די אייַנהאָרע זאָל באָטל ווערן.

נאָך עטלעכע טעג קווענקלעניש איז זי געקומען צו כאַוועז, מיט וועלכער זי האָט אמאָל געדאַוונט אין איין ווייַבערשער שול.

כאַווע איז איר אַרויס אנטקעגן מיט טרערן אין די אויגן.

— טשאַרנע טייַערע, איר ברענגט דאָך מאַזל אין א שטוב, ברענגט אויך מאַזל צו מיר.

— איך בין געקומען אָפּשפּרעכן די אייַנהאָרע פון שלעכטע מענטשן, ניט פאַרגינער, באָטל מאַכן...

— העלפט מיר, טשאַרנע, העלפט.

— צוליבן זכוס פון אווראָם אָווינו, פון סאָרע אימיינו, פון אקיידאַס יִצכאָק, פון דער מוטער ריווקע, פון יאַנקעוו אָווינו, פון דער מוטער ראָכל און לייע... גרויסער וועלט-באַשאַפער, דו האָסט באַשאַפן די גרויסע וועלט און דאָס קליין וועלטעלע, דעם מענטשן. האָסט אים באַשאַפן מיט צוויי הונדערט אַכט און פערציק אייוורים, מיט דרייַ הונדערט פינף און זעכציק אָדערן. איינע פון זייַנע גלידער זייַנען די אויגן, און דייַן פאַרלאַנג, איז, אז דער מענטש זאָל קוקן מיט א גוט אויג אף אלעמען, פאַרגינען יעדערן, וואָס גאָט האָט אים געגעבן.

נאָר ווײַל דער מענטש איז זינדיק און מאנכע מענטשן האָבן א בייז אויג, ניט צו פארגינען א צווייטן, דערום ליגט אין זייער אויג גיפט און עס שאט אפילע, ווען זיי מיינען ניט קיין שלעכטס, דרום בעט איך דיר, באהיט מײַן קינד פון אײַנהאָרע, שיק דײַנע מלאָ־כים, זיי זאָלן מיט זייערע פליגל באשיצן מײַן קינדס געזיכט, עס זאָל אים כאַליִלע ניט בא־געגענען קיין בייז אויג, און איך באשווער אלע בייזע אויגן, וועלכע טוען שאָדן מענטשן, סײַ פון יידן און סײַ פון ניט־יידן, אז איר זאָלט קיין שליטע ניט האָבן אף ביילע באס כאווע, עס זאָל איר ניט שאטן קיין בייז אויג: א שווארצע, א בלויע, א געלע, א גרינע, א קײַלעכדיקע, א פלאטשיקע, א ברייטע, א שמאָלע, אן אויסגעשטארצטע, אן אײַנגעפאלע־נע, סײַ פון א זאָקן, סײַ פון א זקיינע, סײַ פון א באָכער, סײַ פון א בסולע, סײַ פון א פאר־הייראטע, סײַ פון אן אלמאָנע, סײַ פון א פרוי מיט איר שנור, סײַ פון א קאָרעוו אָדער א קרויווע, סײַ פון א פרעמדן אָדער א פרעמדע, סײַ פון א באקאנטן אָדער אומבאקאנטן, איך באשווער אײַך און בין גויזער אף אײַך אלעמען מיט די אויגן פון דעם עוויגן, וועלכע זעען אלעמאָל, זיי שלאָפן ניט און דרעמלען ניט, זיי זײַנען מאשגיִעך שטענדיק, עס זאָל קיין שלעכטס ניט געשען. און איר אײַן־האָרעניקעס זאָלט אָפּטרעטן פון ביילע באס כאווע, פון איר כיידער און פון איר גאנצן הויז, און זאָלט קיין קראפט ניט האָבן שוילעט צו זײַן אף איר ניט באטאָג, ניט באנאכט, ניט וואכנדיק, ניט אין שלאָף, און זי זאָל זײַן גע־היט פון אלע שלעכטע אויגן, אזוויי דער בוירע האָט אויסגעהיט ייִדן אין דער מידבער. צו דײַן הילף גאָט, האָף איך, אָמיין!

כאווע פאלט צו צו טשארנען, קושט זי, האלדזט זי, לאָזט זי ניט אָפּ. עפשער וועט דורך איר קומען די הילף. דער אייבערשטער זאָל זיך דערבארעמען. זי מיטן מאן זײַנען צעבראָכן, קיין גאנצער אייווער איז ניט געבליבן.

— אוי, טשארנע, שאנד און שפּאָט, ווייטעק, כאָטש לייג זיך, סוינע צ'עז, און שטארב. איך וויין זיך אויס, רייד זיך אויס, קלאָג זיך אויס אף דער מאמעס קייווער. אָבער סענדער לײַדט און שווײַגט. טשארנע, ער וועט פּלאצן, ניט אויסהאלטן. אזא הייסער טאטע זאָל האָבן אזוינע געברענטע ליידן פון די קינדער. אין דער טויכעכע איז אזוינס ניט פאראן. טאטע־פאָטער, פארוואָס קומט אונדז!

כאווע האָט געוואָלט מעכאבעד זײַן טשארנען מיט עסנווארג, מיט געלט, טשארנע האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— איך וויל א ריינע מיצווע, איך וויל, אז אונדזער געבעט זאָל גלײַך דערגיין צום הימל, צום קיסיי האקאָוועד.

אף טרייסטן זיך דארף א מענטש ניט קיין סאך. אין יענעם טאָג האָט כאווע געהאָפט, אז די קינדער וועלן באקומען מיטלײַד צו טאטע־מאמע און וועלן אראָפּגיין פון שלעכטן וועג.

10

דעם צווייטן טאָג פייסער זײַנע בענציִען און סימכע געקומען אין געסט צו ביילע לאפשין. געקומען זײַנען זיי מיטן באוווסטזײַן, אז זיי טוען אזוינס, וואָס וועט ניט געפעלן ווערן ניט יעכעזקל גאָטהעלף, ניט זייערע עלטערן, ניט זייערע באקאנטע. זיי טוען עס ניט פון צולאָכעס, זיי ווילן גאָרניט, אז מע זאָל פון זיי זײַן אומצופרידן. זיי ווילט זיך גאָר הײַנט טאָן אזוינס, וואָס זיי אליין פארלאנגען, און ניט וואָס אנדערע פארלאנגען פון זיי. און מער פאר אלץ ווילט זיך זיי זען, ווי ביילע מיט איר מאן פראווען דעם יאָמטעוו פייסעך.

דער פריילעכער יאָמטעוו איז הײַנט א זוניקער. די דעכער זײַנען באלויכטן, די פענצ־טער זײַנען באלויכטן, און אף דער באלויכטענער טרוקענער ערד שפּילן ייִנגלעך אין ניס. יונגע מיידלעך גייען צום טײַך אין נײַע שיינע פייסעכדיקע קליידלעך. אויסגעפּוצטע יונגע פאָרלעך גייען אין וואלד שפּאצירן. פייסעך, פרילינג, א הויכער הימל, אויסגערוטע מענטשן, אלעמען ווילט זיך טראכטן וועגן גוטס. גלײַך ווי מע האָט בא ביילען געעפנט די טיר, האָבן סימכע און בענציִען דערהערט א פריילעכן געלעכטער. אין שטוב זײַנען אויסער ביילען און איר געליבטן געווען ביילעס שוועסטער נעכאמע און יעכעזקלס עלטערע טאָכטער זלאטע מיט איר מאן. דער טיש איז געווען א יאָמטעוודיקער — ווײַן, ניס, מאצע, אייער־קיכל, כרעמזלעך פון מאצע־מעל, קאָנפעקטן... די ייִנגלעך האָט מען אופגענומען מיט פאר־געניגן. און ווידער איז געווען פריילעך און ווידער האָט מען געלאכט.

גייענדיק צוריק אהיים, האָבן סימכע און בענציָען זיך אָנגעקוקט און ארויסגעזאָגט איינע און די זעלבע פראגע: ווי קומען אהער זלאטע מיט איר מאן? זיי גייען אויך אראָפּ פון וועג?

און זלאטע האָט געטראכט: צי דען זײַנען די ייִנגלעך פארסאמט פון ביילעס גענג?

אָף מאָרגן, דעם ערשטן טאָג כאָלעמויעד פּייסעך, האָט זיך פארשפרייט א קלאַנג, אז בא ביילען איז שטוב פירט מען אראָפּ ייִדישע יוגנט פון ריכטיקן וועג, אפילע קינדער. וואָס שווייגט מען?

יעכעזקל גאָטהעלף איז שיר ניט קראנק געוואָרן, ווען צו אים איז דערגאנגען די ידיִע וועגן דעם, אז זײַן טאָכטער זלאטע מיט איר מאן זײַנען ארײַנגייער צו ביילען און איר געליבטן.

— ווי קומט עס צו זײַנע קינדער?

ער האָט מיטאמאָל דערפילט, אז די גאנצע נאציָאָנאלע געבײַדע, וואָס ער האָט פאר זיך אויסגעבויט, פאלט אײַן. ער, יעכעזקל, געהערט צו די, וועלכע באשולדיקן ניט קיין ייִדן, אויב ער דאוונט ניט, אויב ער פאסט ניט יאָמקיפּער, אויב ער עסט טאַרפעס. ער איז סײַווי א ייִד. אָבער אז ער גייט אריבער צו אן אנדער גלויבן, צו אן אנדער פאָלק, בײַט דעם ייִכעס און דעם גורל, דעמלט איז פאר אים אזא ייִד ניט נאָר אויס ייִד, נאָר אויך אויס מענטש. פאר אים איז דער איקער ניט די רעליגיע, נאָר די נאציע, דאָס פאָלק.

ער האָט געבעטן קומען צו זיך די טאָכטער, געקומען איז דער איידעם. פון אָנפאנג האָט עס יעכעזקלען פארדראָסן, דערנאָך האָט ער באטראכט, אז מיטן איידעם וועט זײַן לײַכטער צו ריידן וועגן אזא ערנסטער פראגע. ער האָט געהאַט א טאַעס, יעכעזקל גאָט-העלף, וואָס פארשטייט זיך אין דער בוכהאלטעריע פון ציפער, נאָר פארשטייט הײַנט ווינ-ציקער אין דער בוכהאלטעריע פון מענטשן. ער איז אומרויִק און פּאָרויס שוין אומצופרידן. ניט קיין גוטע שוטפעס פאר סייכל. אומצופרידן איז געווען אויך דער איידעם.

— שווער, זלאטען איז גאָרניט לײַכט צו קומען. אויב איר ווילט א געזונט אייניקל, דארף מען זי שאַנעווען און ניט באומרויִקן מיט איבעריקע זאכן.

— איבעריקע?

— אוודע, שווער-לעבן, וואָס איז געשען? און ווי קומט עס צו אײַך? מיט מײַנע איי-גענע אויערן האָב איך פון אײַך געהערט, אז א ייִד איז דאפקע ניט נאָר דער, וואָס פּילט אויס די הרי״ג מיצוועס, נאָר וואָס לעבט מיטן פאָלק, מיט זײַנע פריידן און ליידן. אזא איז ביילע. זי איז א קאָשערע ייִדישע טאָכטער און האָט ליב א קאָשערן רוסישן מענטשן. איז די אוולע אזוי גרויס? און ווידער... שווער-לעבן, רעב יעכעזקל, בא שלוימע האמיילעך איז די הויפּט-קיניגן געווען די טאָכטער פון א מיצרישן פאַרע. ניט שלוימע איז געוואָרן אויס ייִד, ניט די קיניגן איז געוואָרן אויס מיצרישע טאָכטער. דאָס זעלבע איז דאָך ביילע.

— ניט אומזיסט איז די צונג געשטראָפט א גאנץ לעבן צו זײַן אין דער פינצטער. זי קען אָף ווײַס זאָגן שווארץ, אָף שווארץ — ווײַס. איר קאָסט גאָרניט. דו בארעכטיקסט, וואָס צוויי לאָפּשינס טעכטער זײַנען אראָפּ פון וועג?

— ניין.

— וואָס זשע דען?

— איך בארעכטיק מײַן זלאטען. זי איז אָף דער צײַט, און מען דארף צו איר קיין טײַנעס ניט האָבן. ביילע איז אירע א כאַווערטע נאָך איידער זי איז געוואָרן מײַן פרוי. זי פלעגט ארײַנקומען צו אײַך אין שטוב. מיט וואָס איז שולדיק זלאטע?

— נו, אויב דו האָסט אזוי ליב זלאטען, בין איך מויכל.

— שווער-לעבן, ביילע האָט אויך ליב, זײַט איר אויך מויכל.

בא יעכעזקל גאָטהעלף אין דער אומעטיק-שטילער דירע איז געוואָרן פריילעכער, אלנפאלס טומלדיקער. די ייִנגערע טאָכטער גאָלדע מיט איר מאן יאָסעלע קאָנטאָר, וואָס דינט אין א געלט-קאָנטאָר, קומען אָפט ארײַן צו טאטע-מאמע. דאָס יונגע פּאָרל קאָן ביז איצט ניט מויכל זײַן ביילען, פארוואָס זי איז ניט קיין געבעטענע געקומען אָף זייער כאַ-סענע. א שלעכטער סימען. גאָלדע אליין וואָלט זיך עפּשער געלאָזט איבערבעטן און איבע-ריידן, נאָר איר מאן, כאָטש ער האָט אָפּגעגעבן עקזאמען אָף פיר קלאסן גימנאזיע, איז ער פארבליבן דער זעלבער יעשיווע-באָכער, נאָר אָן פּייעס. א בלאָנדער מיט ליכטיקע אויגן, זעט ער גאָר אויס ניט שטארק ענלעך אָף א ייִדן. מע נעמט אים אפילע אָפט אָן פאר א סלאַוו, איז ער סײַ אין שטייגער, סײַ אין דענקען אָרטאָדאָקסיש ביז איבער דער מאָס. גאָל-דע האלט אים אונטער, נאָר אין הארצן פארדריסט עס איר. איר מאן קלאָגט זיך אָף זלא-

טען, זי קומט אַפּט אַרײַן צו ביילען און צום סטודענט, זי עסט בא זיי טאַרפּעס. און ער ענדיקט: ווי שוויַיגט עס דער שווער? ניט פאַרשטענדלעך.

סימע האָט זיי וויפל מאָל געבעטן ניט צו דערמאָנען וועגן דעם יעכעזקלען, אים קאָסט עס א סאַך געזונט, ער ווערט ניט אויסהאַלטן, נאָר די קינדער פאַרגעסן וועגן דעם.

עס קומט אויך די עלטערע טאָכטער מיט איר מאַן לייבל עסטרין, וואָס אַרבעט אַלס מײַסטער אין לאַנגבאַרדס אײַנבינדערײַ-פאַבריקל. ער קאָן ניט פאַרשטיין זײַן שוואָגער יאָסל, פאַרוואָס יענער איז אַזוי אומגעדולדיק צו ביילען, וואָס ער קאָן איר נאָמען ניט הערן. און ווען ביידע שוואָגערס באַגעגענען זיך בא זייער שווער, זאָגט לייבל צו יאָסלען:

— דו ווילסט מע זאָל דיך ניט פײַנט האָבן, פאַרוואָס האַסטו פײַנט אַנדערע?

— צו איר מאַן האָב איך גאָרניט, ער איז געווען א רוס און איז פאַרבליבן א רוס. אָבער ביילע...

— אָבער ביילע... — כאַפּט אונטער לייבל, — איז געווען א ייִדישע טאָכטער און פאַרבליבן א ייִדישע.

זיי קענען ניט צונאַנדקומען און צעקריגן זיך. ביידע ווילן, אַז יעכעזקל זאָל באַשיידן, ווער פון זיי איז גערעכט. ער האָט ליב ביידע טעכטער און ביידע איידעמס, אים איז ניט לײַכט, ניט גרינג צו מישפּטן, ווער ס'איז גערעכט און ווער אומגערעכט. צוהילף קומט סימע:

— דער טאַטע איז קראַנק, שאַנעוועט אים, לאָזט אים צורו.

יעכעזקלען פאַרדריסט, וואָס ער קען אַפילע פאַר זיך ניט באַשטימען, ווער פון די איידעמס איז גערעכט. ער פאַרשטייט זײַן שוואַכקײַט פון ניט קענען זאָגן דעם גאַנצן עמעס, זאָגט ער גאָרניט. בלײַבט טאַקע גאָרניט סײַ פאַר אים, סײַ פאַר די איידעמס.

11

אַניע איז צופרידן. פריִער, קאָן מען זאָגן, האָט זי זיך אַליין ניט אַרויסגעזען. איצט זעט זי ווײַטער און העכער, זי זעט מענטשן, און מענטשן זעען זי. זיי רופן אַרויס בא איר זאָרג, באַזונדערס די, וואָס זײַנען איר נאָענט, די, וועלכע פאַר זיך רופט זי „מײַנע מענטשן". צו זיי געהערן אויך סימכע און בענציִען.

ביידע ייִנגלעך ווערן אַמאָל פאַר זיך אַליין ניט פאַרשטענדלעך. זיי קענען ניט אײַנ-גאַנצן באַנעמען, וואָס עס ציט איבער און וואָס עס וועגט איבער: צי די אַנגעווונענע מיי-נונג וועגן ביילען, צי דאָס, וואָס זיי אַליין האָבן געזען און געהערט. פון איין זײַט באַקומט זיך, אַז זי איז אַן אַפּטריניקע, פון דער צווייטער — זי און איר כאַסן (אָדער מאַן) זײַנען ווילע מענטשן. לײַכטער אין דעם זין איז בענציִענען, שווערער — סימכען.

בענציִען איז ניט אַזוי אַרומגעוואַקסן מיט שטייגער, מיט פאָלקסטימלעכקײַט, מיט כיידער און כומעש. ער האָט אויך ניט געהערט וועגן ווילנער גאָען, וועגן פּראָגער גוילעם, וועגן מאַטקע כאַבאַד און וועגן נאָך אַזוינס, וואָס סימכע ווייסט עס פון די ערשטע קינ-דער-יאָרן. דעריבער קאָן בענציִען רויִקער אופנעמען, ווען ער דערהערט, אַז עמעצער איז אוועק, זיך געשמאַדט. ער וויל — זאָל ער! זײַן זאַך. סימכען איז עס שווערער. אים פאַר-דריסט פאַשעט. און דערצו ווייסט ער: קומט צו א מעשומעד — קומען צו בילבולים. זײַן כיידער- און כומעש-דערציִונג איז אַף אַזוינס זייער פילבאַר. בענציִענען איז לײַכטער צו פאַרגעבן ביילען און איר כאַסן. סימכע פאַרגיט אויך, נאָר ניט מיט קיין לײַכט האַרץ. אַף אים דריקן די זיידעס און באָבעס, אָנגעהויבן פון אַווראָם און סאָרע.

אַף די ייִנגלעך האַלט אַניע אַן אויג.

אויסער דעם, וואָס זי איז א בעריע, אַלץ ברענט אונטער אירע הענט, האָט זי צו אירע געשעפטן אויך צוגעצויגן דעם טאַטן. זי האָט זיך אויסגעלערנט צו פאַרטרויען אַנ-דערע. דערצו פאַרשטייט זי גוט, אַז דאָס לעבן דאַרף מען ליב האָבן, פון אים האַנאָע האָבן. און, מעגלעך, אַז טאַקע דערפאַר פילט זי א ביסל מיט ביילען. „א ביסל"... אַף מער דערלויבט זי זיך ניט. אַף די ייִנגלעך דאַרף מען אכטונג געבן. זי ווייסט, וואָס אין שטאָט רעדט מען וועגן די, וואָס קומען אַרײַן צו ביילען. די ייִנגלעך קומען אויך אַרײַן. פאַר אַנדערע אַרט זי ניט, אָבער דאָ רעדט זיך וועגן עזרעס ייִנגל און ראַזעס ייִנגל — אירע ייִנגלעך. עמעס, זי קען נאָך אַליין זיך ניט אײַנגאַנצן קלאָר מאַכן: הערן, וואָס אַנדערע זאָגן, צי הערן זיך אַליין. אָפּלייקענען, וואָס אַנדערע זאָגן, קאָן מען ניט, ס'איז די

אַנגעגומענע מיינונג, אַרויסשטעלן אירע אייגענע געדאַנקען איז אויך ניט גוט. עפּשער בע-סער שווײַגן?

מיט זיך, אַלנפאַלס, איז זי זיכער. אָבער די ייִנגלעך?

אַניע זעט אַלץ, נאָר ניט אַלץ. זי ווייסט אַלץ, נאָר אויך ניט אַלץ. זי שטויסט זיך גאָרניט אָן, אַז טעוויע באַגעגנט זיך מיט כאַווירים בא פּערעצן און פּערעלען אין שטוב. אויך מאַשע ווייסט ניט, אַז מיט די זעלבע כאַווירים באַגעגנט זיך אויך עזרע. אַניע מיט מאַשען ווערן צווישן זיך נעענטער. מאַשע איז פּאַרזיכטיק, זי ווייסט, זאָגן איבעריקס טאָר מען ניט. אַניע איז פֿרײַ, זי וויל אַלץ וויסן. קיין שלעכטס מיינט זי ניט, פֿאַרקערט, זי וויל העלפֿן, אָבער מאַשע איז ניט פֿון די, וואָס נעמען הילף. זיי פֿאַריינִיקט זייער דערפֿאַרונג, וואָס קומט פֿון פֿאַרשיידענע לעבנס. יעדערע פֿון זיי ביידן איז טשיקאַווע צו הערן, וואָס די אַנ-דערע דערציילט. מער דערציילט אַניע. מאַשע הערט מער.

אַניע קאָן זיך ניט באַנוגענען מיט דערציילן און הערן. זי טראַכט איצט וועגן די ייִנגלעך, זי שאַנעוועט זיי. מע דאַרף וואָרענען די עלטערן.

— מאַשע, פֿאַרוואָס דאַרף עס סימכע קומען צו ביילען און איר כאָסן?

מאַשע וווּנדערט זיך, זי ווייסט גאָרניט וועגן דעם.

— צוזאַמען מיט בענציענען. געווען דאָרט פּורים, געווען דאָרט פּייסעך.

— אונדז זאָגט ער גאָרניט. ווי קומט עס צו סימכען?

— און זאָגט מיר, ווי קומט עס צו בענציענען?

— אַניע, עפּשער איז עס טאַקע ניט לײַטיש.

אַניע נעמט אָבער פֿאַרענטפֿערן די ייִנגלעך. ניט קיין בייז, עס טרעפֿט. נאָר גענוג. פֿאַר קינדער איז נאָך פֿרי צו וויסן, וואָס ניט אַלע עלטערן וויסן. מאַשען פֿאַרדריסט עפּשער ניט אַזוי, וואָס סימכע קומט אַרײַן צו ביילען, ווי דאָס, וואָס ער דערציילט ניט די עלטערן צו וועמען ער גייט און נאָך וואָס ער גייט. שוין צופֿיל פֿראַנק-און-פֿרײַ, סאַמאָוואַל-צעס. זי זאָגט וועגן דעם עזרען: ייִנגלשקײַט, צעלאַזנקײַט.

— אַוודע ייִנגלשקײַט... — ענטפֿערט עזרע. און פֿאַר זיך טראַכט ער: „ייִנגלשקײַט און צעלאַזנקײַט“ איז עס דערפֿאַר, ווײַל גיין צו ביילען הייסט אויך גיין צום רוסישן סטו-דענט. ער אַליין אָבער, עזרע, טרעפֿט זיך מיטן סטודענט בא פּערעצן אין שטוב, מאַשע וואָלט וועגן דעם געוווּסט, וואָלט זי אויך געזאָגט „ייִנגלשקײַט, צעלאַזנקײַט“, ווייסט ניט מאַשע וועגן דעם.

בא ראַזען אין שטוב האָט מען אָף בענציענס גיין צו ביילען געקוקט א סאַך שטרענ-גער. ניט לײַטיש, עס פּאַסט ניט. און ס'איז דערבײַ אופגעקומען א געדאַנק: אַליין בענציען וואָלט צו ביילען ניט געגאַנגען, ער ווייסט ניט דעם וועג אַהין. ניט אַנדערש — סימכעס ווירקונג. צי איז ניט גענוג אַזא כאַווערשאַפֿט? א שלעכטע ווירקונג קאָן ווײַט פֿאַרפֿירן.

12

מיט א צײַט צוריק וואָלט עס טעוויען זייער געוווּנדערט, איצט אָבער קומט עס אים אויס גאַנץ נאַטירלעך — אַלע טאָג לייענט אַניע א צײַטונג. ניט נאָר לייענט, אינטערע-סירט זיך, זאָגט אַרויס איר מיינונג און אויב איר איז ניט אַלץ פֿאַרשטענדלעך, קומט זי אַרײַן צו יעכעזקל גאָטהעלף, ער זאָל דערקלערן און אויסטײַטשן. די לעצטע צײַט לעבט זי איבער פֿאַר דרייפֿוסן. אָף די פֿראַנצויזן איז זי שטאַרק באַרויגעזט. טעמפּע מענטשן, פֿאַר-שטייען ניט, אַז דרייפֿוס איז אומשולדיק. זי קען וועגן דעם רויק ניט ריידן. אַניעטשקע איז ניט אַזא, וואָס זאָל וואַרפֿן א זאַך אינמיטן, נײַן, זי וואַרט אַלע טאָג אָף גוטע נײַס, זי בעט גאָט, ער זאָל דערווײַזן דעם עמעס. זי איז אַזוי אַרײַנגעצויגן אין דער זאַך, ווי דאָס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן איר פּערזענלעך אָדער וועגן איר טעוויען. באַזונדערס איז אַניע געוואָרן אָנגעצונדן, ווען עמיל זאָליא האָט אָפּגעדרוקט זײַן באַרימטן בריוו „איך באַשולדיק“, וואָס האָט אָנגעמאַכט א רוישעם אָף דער וועלט, און פֿאַרשטייט זיך, אויך אין דער שטאָט גראָדנע, און באַזונדערס — אָף אַניען. איר איז געווען שטאַרק צום האַרצן, וואָס דער בא-רימטער שרײַבער טרעט אַרויס קעגן דעם געריכט, קעגן מיניסטאָרן, קעגן גענעראַל-שטאַב. ער זאָגט גוט און שאַרף אַרײַן. א מיצווע אָף זיי! זי איז געווען זיכער, אַז איצט וועט שוין אַלץ קלאָר ווערן, דרייפֿוסן וועט מען באַפֿרײַען. זי האָט זיך צוגעײַלט. און דעריבער איז זי

געקומען צו יעכעזקל גאָטהעלף, ער זאָל דערקלערן, וואָס אף דער וועלט טוט זיך, וואָס דאָס האָט בא אניען באַטײַט: דרייפוס.

עס איז ניט שווער צו באמערקן, אז בא יעכעזקלען אין שטוב פילט זיך ווידער א שטילער אומעט. קיינער איַלט זיך ניט, ווי אלץ וואָלט שוין געווען אין דער פארגאנגענהײַט, פאָרויס זעט זיך גאָרניט. יעכעזקל איז געוואָרן פול מיט בענקעניש נאָך קינדערשן טומל, נאָך א מיידלשן געלעכטער און אפילע נאָך דער טײַנע, אז אלע גרויסע מענטשן דערקלערט ער פאר יידן. אניע האָט עס גלײַך באמערקט, די שטילע רויִקײַט האָט אראָפּגעזעצט איר ברויזנדיקן אומרו, און זי האָט שוין אליין אויך גערעדט שטילער, ווי אלעמאָל.

— איך דערקען איַך ניט, רעב יעכעזקל, וואָס איז געשען?

— גאָרניט. קיינער קאָן ניט באקומען מער, וויפל אים קומט. א טאטע האָדעוועט קינדער, א זיידע בענקט נאָך די קינדער-אייניקלעך. אזוי פירט זיך. אָט זײַט איר געקומען, וועט זײַן געמיטלעכער.

— געמיטלעכער... אף דער וועלט, רעב יעכעזקל, איז גאָרניט געמיטלעך. איך האָב אלעמאָל געטראכט: פראנצויזן... איידעלע, געבילדעטע, ריידן פראנצויזיש. מערדער!

— אָבער ניט אזוי פּאָשעט, ווי איר מיינט, אניע.

— זייער פּאָשעט. באנדיטן ווילן אומברענגען א מענטשן.

— וויִאזוי אָבער? הערט אויס. איינער א פארעטער האָט ארויסגעגאנוועט פון פראנצויזישן גענעראל-שטאב א וויכטיקן דאָקומענט און איבערגעגעבן די דײַטשן. קעדיי מע זאָל ניט כאפּן דעם שולדיקן, האָט מען באשולדיקט דרייפוסן. אף א ייִדן וועט מען גלייבן. איצט, אניע, באנעמט, ווי קאָנען רעאגירן די פראנצויזן, ווען מע האָט אײַנגערעדט און אָנגערייצט: אן אָפיצער פון גענעראל-שטאב האָט פאראטן פראנקרײַך. די עמעסע שולדיקע שמייכלען און טײַטלען מיט די פינגער אף די אומשולדיקע. זיי שרײַען, אז שולדיק איז דער ייִד דרייפוס! און דאָס, זאָלט איר וויסן, איז נאָך ניט אלץ. מיט דער צײַט האָבן אייניקע פירער פון דער רעגירונג גענומען פארשטיין, אז דרייפוס איז ניט שולדיק. אָבער באפרײַען, בארעכטיקן אים קאָן מען ניט. וואָס וועט זיך באקומען? אלע זײַנען בלינד און פארפירט — דער געריכט, מיניסטאָרן, גענעראל-שטאב, גערעכט איז נאָר איין דרייפוס? ניין, אזוינס טאָר מען ניט דערלאָזן. מע מוז ראטעווען דעם פּרעסטיזש פון דער רעגירונג. ס'איז ארײַן אין אמביציע, אין קאָוועד פון דער פראנצויזישער רעפּובליק, פון גענעראל-שטאב, פון געריכט. בעסער זאָל איינער לײַדן, ער איז שוין סײַווי פארמישפּעט, געפינט זיך סײַווי אפן טײַוול-אינזדל. אויסער געוויסן, אניע, איז נאָך פאראן פּאָליטיק.

— איז דרייפוס א קאפּאָרע-הינדל! — זי האָט א רעגע געשוויגן און געפרעגט: — און עמיל זאָליא?

— בא עמיל זאָליא האָט מען געזעצט שויבן, שטיינער געוואָרפן אין זײַן שטוב מיטן געשריי „פארעטער!" דער געריכט האָט אים פארמישפּעט טורמע, און ער האָט געמוזט אנטלויפן קיין ענגלאנד. אף ייִדן האָט מען געמאכט פּאָגראָמען. די מאשין פון שלעכטס, פון בילבל, פון ליגנס, פון סינע איז א גרויסע און א שווערע, זי קען אלעמען צעטרעטן.

אניע האָט א קרעכץ געטאָן.

— מיט וואָס קאָן זיך עס ענדיקן? די מאשין פּאָדערט א קאָרבן!

אניע האָט ווינציקער גענומען זיך אינטערעסירן מיט די געשעפטן, זי פארלאָזט זיך אף די עלטערן, כאָטש פון צײַט צו צײַט ווערט זי אומרויִק, נאָר אלץ גייט קעשורע, זי מעג זיך פארלאָזן.

דאָס מאָל איז אניע געקומען צו יעכעזקל גאָטהעלף א קאעסדיקע, א צעראשטע, און גלײַך נאָכן „גוטמאָרגן" ארויסגעזאָגט:

— איך וואָלט אים מיט מײַנע אייגענע הענט געפּאטשט. ווי טוט מען עס אזוינס? ס'איז דאָך קאראול צו שרײַען!

— איך פארשטיי, איך פארשטיי, איר ווילט פּאטשן דעם אדוואָקאט קלאָטץ. נעמט אויך מײַנע הענט אף פּאטשן. ווי קומט צו אונדז אזא פארעטער? כאָטש די פראגע איז קיין פראגע ניט. פארעטער וועלן זיך אלעמאָל געפינען.

אן אופגערעגטער, האָט יעכעזקל געהערט די שטים, ווי עס טרעפט מיט אים, ווען ער רעדט וועגן אזוינע, וואָס פארשעמען זײַן נאציִאָנאלן געפיל. ער האָט גענומען אניען גענוי איבערדערציילן וועגן דעם אדוואָקאט קלאָטץ (ברענען זאָל ער דער קלאָטץ, טשאַדען און גליִען, ווי אף פּאָקן!), קעדיי זיך אליין א ביסל באַרויִקן.

— זײַן קאנדידאטור איז ארויסגעשטעלט אלס דעפוטאט פון פראנצויזישן פּאַרלאַ־מענט. קעדיי פאַרגרעסערן זײַנע שאנסן (א ייִד האָט קנאַפּע שאנסן אויסגעוויילט צו ווערן), האָט דער ייִד לוי לוסיען קלאָטץ געמאָלדן, אז ער איז קעגן איבערקוקן דעם איניען דרייפוס.

דער קאמף אין דער געזעלשאפט גייט ארום קעגן איבערקוקן (דרייפוס איז שולדיק, דער אורטייל איז א גערעכטער) און פאר איבערקוקן (דער געריכט האָט דערלאָזט טאָעסן און געמאכט פעלערן, דרייפוס איז ניט שולדיק). קלאָטץ האָט געמאָלדן, אז ער איז קעגן איבערקוקן און איז אויסגעוויילט געוואָרן אין פּאַרלאַמענט.

— ס׳איז דאָך שרעקלעך, מע זעט קיין אויסוועג ניט!

— פאַרלירט ניט די האָפענונג, אניע! איך בין ניט קיין שטארק גלויביקער, נאָר אין דעם פאַל זאָג איך: פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט, ער גיט אכטונג.

13

אניע קאָן ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס טעוויע איז גלײַכגילטיק צום גורל פון דרייפוסן.

— איך וווּנדער זיך, טעוויע, ביסט ניט קיין ייִד, ייִדן אין פראנקרײַך לעבן איבער א שווערע צײַט, א גרויסע צאָרע.

— דו מיינסט, אניעטשקע, אז מיט קרעכצן און מיט טרערן קאָן מען עפּעס אופּטאָן?

— מיט וואָס זשע דען?

— אָט טאקע.. מיט וואָס זשע דען?

זי דערציילט אים, וואָס זי האָט געהערט פון יעכעזקל גאָטהעלף, ווייסט ער עס אליין, טעוויע.

די ייִנגלעך אָבער הערן אופמערקזאם.

מיט די געשעפטן אינטערעסירט זי זיך, ווי פריִער, נעמט אָפּ כעזשבן בא די עלטערן, נאָר דאָס אליין איז איר ווינציק, זי דאַרף וויסן, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, זיך ארײַנ־מישן, זיך אויסטײַנען.

בענציִענען און סימכען איז פאַרבאָטן ארײַנצוגיין צו ביילען. אָבער ארײַנקומען צו דער מומע אניע מעג מען, קאָשער פון אלע זײַטן. אמאָל קומען די ייִנגלעך ארײַן צו יעכעזק־לען און סימען. דער גלאַנץ אָבער פון ארײַנקומען צו ביילען איז פאַרלאָרן געגאנגען. בא אניען און יעכעזקלען איז אלץ פּאַשעט און פּראָסט, ווי בא זיי אין שטוב, אָן דער ריזיקע, אז א זײַטיק אויג זאָל דערזען, ווי מע גייט ארײַן צו ביילען. אניע פאַרשטייט עס, זי פילט מיט די ייִנגלעך. אין איר אליין איז פאַראַן א מיידלשע ייִנגלשקײַט, וואָס פאָדערט עפּעס מער פון דעם, וואָס איז פאַראַן. און ווען די ייִנגלעך קומען ארײַן, דערציילט זי זיי, וואָס זי ווייסט פון די צײַטונגען און וואָס זי הערט בא יעכעזקלען. די ייִנגלעך הערן גערן. עס טרעפט אָבער, אז זיי ווילן הערן, וואָסביידע מיט איר סטודענט זאָגן. זיי בענקען. און זיי ריזיקירן.

אויף ריזיקירן דאַרף מען האָבן א סיבע אָדער א טערעץ. דער טערעץ איז אויסגעפאַלן אויף שוועס — א יאָמטעוו, ווען מע גייט אין געסט און ווען מע איז מעכאבעד מיט געשמאקע מײַכאָלים. דאָס מאָל האָבן די ייִנגלעך געהאט מער מעגלעכקײַט צו באטראכטן ביילעס סטודענט. א בלאָנדער, א ברייטפּלייציקער, ניט קיין הויכער. די האָר פאַרקעמט אויף ארויף איבערן ניט הויכן שטערן. די ארײַנגעקומענע האָט ער באגעגנט מיט א פריילעכן „מאַלאַדצי" (צו אים און ביילען איז דערגאנגען וועגן דעם שטרענגן פאַרבאָט פון די עלטערן ניט ארײַנ־קומען צו ביילען).

— אָבער, — האָט ער פאַרגעזעצט, — ריזיקירן לוינט ניט. איר זײַט נאָך צו יונג ניט צו פאָלגן די עלטערן. זיי מיינען ניט קיין שלעכטס, פאַרקערט, ווילן אײַך אָפּהיטן פון שלעכטס. אָבער איך מיט ביילען ווינטשן אלעמען גוטס.

איצט האָבן שוין סימכע מיט בענציִענען געהאט סייכל ניט צו דערציילן קיינעם, ווו זיי זײַנען געווען דעם ערשטן טאָג שוועס. און דאָך... עפּשער מעגן זיי וועגן דעם פאַרטרויען דער מומע אניע. סימכע איז שוין א ביסל אָנגעשמעקט מיט הערן, זען און שווײַגן.

— די בעסטע זאַך איז גאָרניט דערציילן.

אָבער אניע רופט ארויס צוטרוי. און אָט דער צוטרוי קאָן זײַן א וועג אויף געשטרויכלט ווערן. זיי האָבן קיינעם גאָרניט דערציילט. אניען שײַנט, זי פילט עס, אז די קינדער ווילן

עפּעס דערציילן, ווילן און ווילן ניט, קווענקלען זיך און שווײַגן. א סאַד. און אניע גייט אַרײַן אין דער „שפּיל" — וואָס פאַר א סאַד?

זוכנדיק איין סאַד, האָט זיך אניע אַנגעשטויסן אָף א צווייטן, א וויכטיקערן פאַר איר.

14

מאַשע שטויסט זיך גאָרניט אָן, אַז עזרע באַגעגנט זיך מיט כאַווײרים בא פּערעצן און פּערעלען. זי איז אינגאַנצן פאַרנומען מיט דער מישפּאָכע און מיט איר קומענדיקער מוטערשאַפט. זי קען זיך אפילע ניט פאָרשטעלן, אַז אין איר איצטיקן צושטאַנד זאָל עזרע ריזיקירן מיט זיך און מיט די קינדער. סימכע האָט זיך פון איר דערווײַטערט, און זי באַמערקט עס ניט. צוזאַמען מיטן דערוואַרטן א נײַ נעפּעשל קומען צו א סאַך זאָרגן. מענטשן — מערער, סכירעס די זעלבע. מאַשע איז טאַקע א בעריע, אָבער פון איין רובל קאָן זי דאָך קיין צוויי ניט מאַכן. זי האָט איר גרויסע פרייד, אַלע זײַנען צוזאַמען, זי איז א פרוי, א מאַמע, א באַלעבאָסטע.

אניע האָט געוואָלט דערגיין, אין וואָס עס באַשטייט דער סאַד בא די ייִנגלער, און זיך אַנגעשטויסן אָף טעוויען. איר נעמט דוכטן, אַז אויך טעוויע האָט א סאַד. בא איר רופט אַרויס א כשאַד זײַן אָפּטער אוועקגיין פון שטוב. וווּהין? און צו וועמען? אניעטשקע האָט פײַנט זיך אַליין צו נאַרן, זי פאַרלײַדט ניט, ווען עפּעס בלײַבט הענגען אינדערלופטן, און מיט דער צײַט האָט זי זיך טאַקע דערוווּסט: ער גייט צו פּערעצן און פּערעלען. פאַרשטייט זיך, ער האָט פרײַע צײַט, גייט ער. שפּעטער אָבער האָט איר שטאַרק געוווּנדערט: אין די זעלבע שאָען. פאַרוואָס? ביז איינמאָל האָט זי טעוויען געזאָגט:

— הער אויס, מײַן מאַן, איר זײַט דערוואַקסענע, פאַרוואָס טוט איר נאַרישקײַטן, ווי קליינע קינדער. אַזוינס פּאַסט פאַר סימכען און בענציען.

ער קוקט זי אָן. וועלכע נאַרישקײַטן? ער פאַרשטייט גאָרניט.

— טעוועלע, איך ווייס שוין אַלץ.

— וואָס ווייסטו, אניעטשקע, זאָג מיר אויך.

— אוואַדע וועל איך זאָגן. פריִער אָבער וויל איך פרעגן: טעוועלע, דו האָסט זיך פאַרבענקט נאָך סיביר?

— ווי קומט צו דיר אַזא פראַגע? ווער בענקט?

— דו און דײַנע כאַווײרים.

— כאַווײרים?

— פּערעץ, פּערעלע, עזרע... און... אויך בײלעס סטודענט. אויב איך האָב זיך געקענט דערוויסן, וועלן דאָך אַנדערע זיך אויך קענען דערוויסן. נאַרישע קינדער... אַלעמאָל אין איין טאָג, אַלעמאָל אין איין שאָ.

טעוויע איז געבליבן שטיין איבעראַשט. זי ווייסט. זי איז גערעכט. ער האָט ניט גלײַך געפונען וואָס צו זאָגן.

— אניעטשקע...

— זאָג דײַנע כאַווײרים, אַז אַזוינס איז געפערלעך. ווי פאַרשטייען זיי עס ניט. אויב זיי ווילט זיך דאַפקע באַגעגענען, איז שוין בעסער בא מיר, בא אונדז. אָף מיר וועט קיין כשאַד ניט פאַלן. לאַנג בין איך געווען א קאַלע אָן א כאָסן, זאָל איך נאָך בלײַבן א ווײַב אָן א מאַן, מײַן קינד אָן א טאַטן. איך וויל אײַך אַרויסהעלפן פון א צאָרע, נאַרישע טאַטעס.

כאָטש אניע איז שוין ניט דאָס ערשטע יאָר זײַן פרוי, כאָטש ער ווייסט שוין איר כאַראַקטער, איר באַציִען זיך צו מענטשן, איר אינטערעסירן זיך די לעצטע צײַט מיט צײַטונגען און פּאָליטיק, איז זי פאַר אים, פאַר טעוויען, היינט אופגעקומען גאָר א נײַע, אַן אומבאַקאַנטע, וועלכע רופט אַרויס פאַרוווּנדערונג און אָפּשײַ. אניע? ער דערקענט זי ניט.

ער קוקט זי אָן, ער וויל וויסן, צי פאַרשטייט זי אירע אייגענע אַרויסגעזאָגטע ווערטער, צי באַנעמט זי די באַדײַטונג פון אַזוינע באַגעגענישן אָדער דאָס איז נאָר אַן אויסערלעכקײַט, וועלן טאָן מענטשן טויוועס.

— דו קוקסט אָף מיר, מײַן מאַן, און שווײַגסט. זאָג מיר בעסער, וואָס טראַכסטו וועגן מיר — פון זינען אַראָפּ. אינדערעמעסן, אניע קושניר, די באַלעבאָסטע, די גווירנטע, די שוטעפטע אין א מיל, וויל ראַטעווען פון געפאַר געפערלעכע מענטשן. דו וווּנדערסט זיך און פאַרשטייסט ניט. עמעס?

— עמעס, איך פאַרשטיי ניט.

— הער אויס, וועסטו פאַרשטיין.

צוזאַמען מיט יעכעזקל גאָטהעלפֿס עלטערער טאָכטער זלאַטע איז אַניע עטלעכע מאָל געווען צוגאַסט בא ביילען. זלאַטע האָט שטאַרק געליבט ביילען, און נאָך מער — איר מאַן. פֿון אָנהייב האָט עס אַניע ניט אינגאַנצן פֿאַרשטאַנען, ריכטיקער — ניט אופֿגענומען. ווי קומט עס צו יעכעזקלס אַ טאָכטער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַ שטוב פֿון נאַציאָנאַלע טראַדיציעס? פֿאַר אַ סאַך גראָדנער איזביילע שוין אויסערן קלאַל, און דאַפֿקע עפּשער דאָס איז געווען די סיבע וואָס אַניע האָט געוואָלט מיט אירע אייגענע אויגן זען ביילען מיט איר מאַן. איר וועט עס ניט שאַטן, זי מעג. זי וועט ניט קאַליע ווערן. און דאָך... צי פּאַסט עס? אָבער אַז אַניע וויל עפּעס אויספֿירן, קאָן זי פֿאַרמאַכן די אויגן און גאָרניט זען אַרום זיך, אויסער דעם אָדער דאָס, וואָס זי וויל זען.

פּיאָטער דומנאָוון זעט זי דאָס ערשטע מאָל. און זי זעט אים גאָר אַנדערש, ווי די ייִנגלעך, ניט אויסערלעך. זי שאַצט גלײַך אָפּ, אַז אין אים איז פֿאַראַן אָרנטלעכקײַט און מענטשלעכקײַט סײַ אין די בלויע אויגן, סײַ אין שטילן שמייכל (ניין! פֿאַר געשעפֿט טויג ער ניט, מע וועט אים אָפּנאַרן.), זעט אויס, ער איז אַ קלוגער, אָן כיטרעקײַטן (איך פֿאַרשטיי זיך אָף מענטשן — אַ ריינע רוסישע נעשאָמע), דאָך וויל זי אין אים געפֿינען אַ שוואַך אָרט, וואָס זאָל אָפּלייקענען זײַן גוטסקײַט. אָבער פּיאָטער דומנאָוו פֿאַרשטייט זיך אויך אָף מענטשן, ער באַנעמט, אַז די אַרײַנגעקומענע שאַצט אים אָפּ, באַטאַפּט אים מיט אירע בליקן, וויל וויסן „ווער און וואָס איז ער?"

— איר האָט אַ טאָעס, אויב איר מיינט, אַז איך בין אַזאַ גוטער.

— אײַער גוטסקײַט איז אָפֿן פּאָנעם אָנגעשריבן.

— אָנגעשריבענע קאָן מען אָפּמעקן.

— צי איז עס נייטיק?

— אָפּטמאָל יאָ. ניט אַלעמאָל דאַרף מען זײַן אַ גוטער.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זייער רויִקער געשפּרעך. ער האָט זי גאַנץ דעליקאַט געפֿרעגט:

— זאָגט מיר, ווען מע רירט אָן אײַערס, וואָלט איר געווען אַ גוטע?

— ניין, מײַנס גיב איך קיינעם ניט אָפּ. מײַנס איז מײַנס און ניט קיינעמס.

— ווילט איר זײַן אַ שלעכטע?

— ניין, אַ גוטע פֿאַר זיך, פֿאַר מײַן מישפּאָכע, פֿאַר מײַן קינד, אָבער ניט פֿאַר פֿרעמדע.

— און פֿרעמדע פֿאַר אײַך?

— איך גלייב ניט אין פֿרעמדער גוטסקײַט.

— פֿאַראַן גוטע מענטשן.

— געוויס פֿאַראַן. די גוטע פֿאַרמאָגן גאָרניט — זײַנען זיי גוטע.

— דאָס איז ריכטיק, מאַדאַם קושניר, געשאָסן אין פּינטל.

דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט ביילע, זי פֿאַרשטייט ניט, צי דען וויל פּעטיע אַגיטירן אַניען? אומזיסט. און צווישן אַניען און ביילען קומט פֿאָר אַ געשפּרעך וועגן באַלעבאַטישקײַט און וועגן מאַכן פֿאַרשיידענע געשמאַקע פּאַטראַוועס. ווען אַניע איז אַוועק, האָט ביילע מיט פֿאַרוווּנדערונג געפֿרעגט: צי דען וויל ער זי מאַכן פֿאַר אַן אייגענעם מענטשן.

— ניין, מײַן מיידעלע, זי קען אָבער צוניץ קומען. מיט כאַראַקטער און אַקשאָנעס... מירן זען.

אַניע איז ווידער געקומען. דאָס מאָל האָט זיך ביילע ניט אַרײַנגעמישט, נאָך אַניעס אַוועקגיין גאָרניט געפֿרעגט, נאָר דומנאָוו האָט געזאָגט:

— מיידעלע, קיין גרויסן טאָעס האָב איך ניט געהאַט.

— איך פֿאַרשטיי ניט, אַניע די באַלעבאָסטע איז פֿאַר קלאַסנקאַמף? — האָט מיט פֿאַרוווּנדערונג געפֿרעגט ביילע.

— דער וועג צו אונדז איז אַ פֿאַרשיידענער. בא וועמען קלאַסנקאַמף, בא וועמען נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, בא וועמען אומצופֿרידנקײַט מיט דער פּאָליציייִשער אָרדענונג. אַפֿילע דער דרייפֿוס-פּראָצעס קאָן דאָ אויך שפּילן אַ ראָליע...

15

כאַווע, סענדער לאַפּשינס פֿרוי, איז שטאַרקער פֿון איר מאַן סענדער. זי האַלט זיך קוים אָף די פֿיס, נאָר די פֿיס גייען, און אויב מע דאַרף אײַלן — אײַלן זיי. די הענט לאָזן זיך אַראָפּ, נאָר טוען אַלץ, וואָס אין באַלעבאַטישקײַט דאַרף געטאָן ווערן. און דערצו נאָך

געפינט זי קויעך צו טרייסטן איר מאַן, אפילע א שמייכל טאָן, אים אונטערמונטערן, געבן קויעך, ער זאָל זיך האַלטן און ניט פאַלן. און ער פאַלט און האַלט זיך. ער טראָגט אַלץ אין זיך, שווייַגט. זי בעט אים: סענדער, גיי אַרייַן צום ראָוו, דערציילט אים, רייד זיך אויס, ער וועט דיר געבן א טרייסט. ער גייט ניט, ער שווייַגט. די שאַנד לאָזט אים ניט. מיט זייַנע טעכטער זאָל אַזוינס געשען? ער גייט ניט.

כאַווע דערפרייט זיך, ווען צו איר קומט אַרייַן טשאַרנע. כאַווע לעבט מיט דער האָפע-נונג צו גאָט, אָבער דער אייבערשטער גיט אפילע קיין אָנדייַטונג ניט אָף א טרייסט, זי בעט, זי וויינט, נאָר אַלץ בלייַבט ווי געווען. און נאָר טאַקע, ווען טשאַרנע קומט אַרייַן צו איר, ברענגט א גוט וואָרט, א טרייסט-וואָרט, ווערט איר לייַכטער, אפילע ליכטיקער. טשאַרנע פאַרמאָגט אַזאַ קויעך, אַז אירע פּאָשעטע שטילע רייד דערגייען צום האַרצן. כאַווע נעמט זי אויף, ווי א שאַליעך פון גאָט, ווי א סאָרע באַס טויווים (א מענטשן איז שלעכט, וויל ער גלייבן).

און טשאַרנע זאָגט שטיל-בענימעסדיק, ווי א טרייַע מאַמע צו א שוואַך קינד: צום ראָוו איז אים שווער אַרייַנקומען, די שטאָט וועט וויסן. אָבער צו אַזאַ מענטשן ווי יעכעזקל גאָטהעלף...

כאַווע כאַפּט זיך אָן דעם אָן. עפשער טאַקע... זי צווייפלט אָבער, צי וועט דער מאַן אָף דעם אייַנגיין.

— טשאַרנע-טרייסט, עפשער וועט איר מיט אים ריידן...

— אים גאָטעס ווילן, וואָס רעדט איר. ווי פאַלט עס אייַך אייַן. א נאַרישע ייִדענע וועט געבן אייצעס רעב סענדערן, ער, וואָס זאָגט די בראָכע „שעלוי אָסאַני אישאָ”, וועט זיך צוהערן צו מיר, א נאַרישע זינדיקע אישע. ניין, ניין.

כאַווע פאַרשטייט עס און באַדויערט.

אין א צוויי טעג אַרום קומט כאַוועס מאַן, סענדער לאַפּשין, אַהיים, און כאַווע דער-קענט אים ניט. אַנשטאָט דער אָפּגעשוואַכטקייַט, געפאַלנקייַט, צעבראָכנקייַט איז ער גאָר געקומען אַן אופגערעגטער, א בייזער, מיט אויגן, וואָס בליצן מאַמעש. ער שווייַגט ניט, ער רעדט צו זיך אַליין.

— וואָס איז געשען, מייַן מאַן?

ער ענטפערט: „גאָרניט”, און פרעגט באַ איר, צי ווייסט זי, ווו יעכעזקל גאָטהעלף וווינט.

— אוודע ווייס איך.

און זי טראַכט דערבייַ: טשאַרנע איז טאַקע ניט אַנדערש, ווי א שאַליעך פון זייַן ליבן נאָמען, א סאָרע באַס טויווים. זי זעט פאָרויס, זי ווייסט פאָרויס, סענדער גייט צו יעכעזקל גאָטהעלף זיך אויסריידן, א טרייסט באַקומען.

16

די לעצטע צייַט ערשט, האָט סענדער לאַפּשין אָף אַן עמעס פאַרשטאַנען, ווי ניט גוט איז צו זייַן אָפּגעריסן פון מענטשן. ניט האָבן קיין נאָענטן כאַווער, קיין גוטן פרייַנט, מיט וועמען מע קאָן זיך דורכריידן, ווי מיט זיך אַליין. זייַנע אַלע יאָרן איז ער געווען פאַרנו-מען מיט כאַיונע פאַר דער מישפּאָכע און מיט ליבע צו די קינדער. ער גייט צו יעכעזקל גאָטהעלף, וועמען ער קען נאָר פונדערווייַטן. זייַנע טעכטער האָבן וועגן אים דערציילט. ער מוז אָבער...

— רעב יעכעזקל, א גוטן אייַך. איך בין סענדער לאַפּשין.

— געהערט וועגן אייַך פון מייַנע טעכטער. זיצט, כ'בעט אייַך.

נאָך שטייענדיק, האָט סענדער אָנגעהויבן:

— נעכטן איז צו מיר געקומען א מענטש, וואָס מע טאָר אים ניט פאַרעכענען צו א מיניען, ערגער פון א מעשומעד, אין א ייִדישער שטוב — ניט אַרייַנצולאָזן... — סענדער האָט געמוזט איבערכאַפּן דעם אָטעם.

— באַרויִקט זיך, רעב סענדער.

— איך קען ניט. איך בין דורכויס נערוון. קומט ער אַרייַן, דער אויסוואָרף, מיט א שמייכעלע. אַן אונטערטעניק שמייכעלע אָף די ליפּן און קוקט מיך אָן מיט זייַנע שוואַרצע

ניט דורכדרינגלעכע אויגן. וואָס אַליין זעען זיי, אָבער אַז אַנדערן לאָזן זיי צו זיך ניט צו. דעם דאָזיקן מענטשן זעט מען אָפּט אויף אַ רײַכער כאַסענע, אויף אַ גווירישער לעווײַע. קיינער רופט אים ניט, ער קומט אַליין. איז אַט קומט ער צו מיר אַרײַן און זאָגט זיסלעך-געמיין:

— איך האָב אײַך געבראַכט אַ רעפּוע, רעב סענדער.

— אַ רעפּוע? פאַר וועמען? ווער איז קראַנק?

זײַן זיס-ביטערע שמייכעלע גייט אַריבער אין די אויגן, וועלכע טײַנען: מיר פאַרשטייען זיך דאָך, איך מיין אײַער טאָכטער.

— איך הער אײַך.

— איך וויל ראַטעווען אײַער טאָכטער.

— מײַן טאָכטער?

— אײַער טאָכטער און אײַער מישפּאָכע.

— ראַטעווען? פון וואָס?

— פון שאַנד. די גאַנצע צאָרע איז דאָך דער סטודענט. ער איז אונטערגעגעצט... לײַכט קאָן מען פון אים פּאַטער ווערן. מעלדן...

יעכעזקל איז אויפגעשפּרונגען פון זײַן אָרט. אַ ווײַלע געשטאַנען און דערנאָך האַסטיק גענומען אַרומגיין איבערן צימער.

— אַזוי האָט ער געזאָגט?

— אַזוי געזאָגט.

— און איר?

— איך ווייס, אַז אַזוינעם דאַרף מען פּלעטן דעם קאָפּ. פאַרשטיין פאַרשטיי איך, נאָר טאָן עס קאָן איך ניט.

— אַ שאָד! איך קאָן אויך ניט.

יעכעזקלס „איך קאָן אויך ניט” האָט סענדערן אַ ביסל באַרויִקט, ער האָט דערפילט מיטגעפיל.

— אויף יענעמס אומגליק בויען אַ גליק. מאַסערן, אַ מאָסער! אַזוינעם דאַרף מען אַרײַנלייגן אין קיירעם, — האָט יעכעזקל בייז אויסגעשריִען.

סענדער באַנעמט, אַז יעכעזקל זאָגט אַרויס די ווערטער, וועלכע ער אַליין וויל זאָגן. ער איז אָבער אָנגעפילט מיט אַזויפיל שווער האַרץ און לײדן, אַז איבעריק ריידן קאָסט אים געזונט. ער קאָן פּאַשעט ניט. ער זאָגט נאָר:

— איר פאַרשטייט מיך זייער גוט. אַ דאַנק! — ער שטעלט זיך אויף און זאָגט נאָך שטילער: — אויב איר האָט ניט קעגן, וועל איך צו אײַך נאָך אַרײַנקומען. — און גייט לאַנגזאַם-שטיל אַרויס.

אַהיים איז סענדער געקומען אין אַ גרינגערן געמיט. דער הייסער טאַטע האָט גע-מאַכט זײַן אויספיר: די טאָכטער פאַרשאַפט אים צאָרעס. וועט אָבער לײַדן דער סטודענט, וועט די צאָרעס האָבן די טאָכטער. בעסער וועט ער שוין אַליין לײַדן.

17

דער קלאַנג וועגן דעם, אַז עס האָט זיך געפונען אַזאַ איינער, וואָס איז גרייט צו מאַסערן דעם סטודענט, איז דערגאַנגען סײַ צו עזרען, סײַ צו פערעצן. זיי האָט אַרומגע-כאַפּט אַ גרויסער פאַרדראָס. אַ מאָסער! אַזוינס פאַרשוויַיגט מען ניט, דער קלאַנג איז אויך דערגאַנגען צו אַניען. זי האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט: דער סטודענט קומט אַרײַן צו איר זיך באַגעגענען מיט זײַנע פרײַנט. אויף איר דירע קאָן פאַלן אַ כשאַד, מענטשן קאָנען לײַדן. זי אַליין קומט צו ביילען. נאָך די ערשטע מינוטן פון אומרו און אומזיכערקײַט קומט צו איר זיכערקײַט און דרייסטקײַט. ווער איז דער אויסוואָרף? און ניט לאַנג געטראַכט איז אַניע נאָך אין דעם זעלבן טאָג אוועק צו יעכעזקל גאַטהעלף אַהיים. דורך אים, דורך יעכעזק-לען, איז צו איר דערגאַנגען דער קלאַנג וועגן מאַסערן.

יעכעזקל האָט נאָר געקענט זאָגן, אַז ער איז אויסער-זיך, ער קאָן צו-זיך ניט קומען. אַ וועלט פון אוולעס און אכזאָריעס. ווער אָבער דער מענטש איז, האָט אים סענדער לאַפּ-שין ניט געזאָגט. אויף מאָרגן איז אַניע אוועק צו סענדער לאַפּשין. אין שטוב בא אים האָט זי געטראָפן כאַווען און טשאַרנען מיטן גרויסן פּאַריק. נאָך די ערשטע עטלעכע ווערטער, פאַרשטייט אַניע, אַז די פּרויען ווייסן פון גאָרניט צו זאָגן. אינגיכן איז סענדער אָנגעקומען.

— איך בין אַניע קושניר, מיסטאַמע געהערט.

— ווי דען? געהערט.

— איך האָב צו אײַך, הער לאַפּשין, א געשפּרעך אונטער פיר אויגן.
— ביטע.
— הער לאַפּשין, איך בין א גוטער פרײַנט מיט ביילען. איך מיט מײַן מאַן קומען צו איר אַרײַן. דעריבער, האָף איך, וועט אײַך זײַן פאַרשטענדלעך מײַן ביטע. איר זאָלט אָנרופן דעם נאָמען פון דעם מענטשן, ריכטיקער — דעם אומענטשן, וואָס וויל מאַסערן...
סענדער לאַפּשין האָט זיך צוזאַמען מיטן שטול האַסטיק א רוק געטאָן אָף הינטער. אומדערוואַרט! אומגעריכט! ווי קומט צו דער מאַדאַם קושניר די ידיעה! און וואָס הייסט, זי וויל וויסן, ווער דער מענטש איז? פאַרוואָס וויל זי וויסן? צוליב וואָס?
— הער לאַפּשין, איך פאַרשטיי אײַך, אײַך וווּנדערט, ווי קומט צו מיר די ידיעה וועגן מאַסער. פאַרוואָס בין איך צו אײַך געקומען, פאַרוואָס פרעג איך, ווער...
— אינדערעמעסן... פאַרוואָס? מיט וואָס פאַר א רעכט קומט איר פרעגן. סאָפּקאָל-סאָף, ווער זײַט איר?
— הער לאַפּשין, איך קום ניט פון דער גאַס. איך קום לויט דער רעקאָמענדאַציע פון יעכעזקל גאָטהעלף. איך קום ניט וועגן זיך, אויב איר ווילט וויסן, קום איך צוליב ביילען. צי קענט איר זיך פאָרשטעלן די לאַגע פון אײַער טאָכטער, אויב עס זאָל טרעפן אַן אומגליק...
— דאָס האָט געקענט פּאַסירן נאָר ביז נעכטן. פון נעכטן אָן איז אָפּגעפאַלן דער אומגליק.
— אָפּגעפאַלן? וואָס באַטײַט עס?
— איך פאַרשטיי דאָך, אייגנטלעך, ניט, וואָס איר שטייט צו. וואָס פאַר א שײַכעס האָט עס צו אײַך. איך בין ניט מעכויעוו אַלעמען צו דערציילן.
— ריכטיק! ניט אַלעמען. אין דעם פאַל בין איך ניט אַלע, אין דעם פאַל בין איך אײַער טאָכטער ביילע. פאַרוואָס איז די געפאַר אָפּגעפאַלן?
— גוט, גוט. הערט. דער מענטש איז צו מיר געקומען, געפאַלן אָף די קני, געוויינט, זיך געשלאָגן אַלכעט. ער האָט, זאָגט ער, קיין שלעכטס ניט געמיינט, ער האָט נאָר גע-מיינט מײַן טויווע. ער האָט כאַראָטע, ער איז גרייט אָפּצושנײַדן די צונג, וואָס האָט אַרויס-געזאָגט אַזוינע פרעכע זינדיקע רייד. ער האָט זיך אַליין ניט פאַרשטאַנען. איך זאָל אים מויכל זײַן. „רעב סענדער, ראַטעוועט א מענטש פון אומקום!”
— און איר?
— מויכל געווען. איך קאָן איצט מיטפילן א מענטשן אין א צאָרע.
— און איר זײַט מיט אים זיכער?
— ווי מיט זיך אַליין.
— איז עפּשער גוט טאַקע, וואָס איר האָט זײַן נאָמען ניט אָנגערופן. איך דאַנק אײַך, הער לאַפּשין. איך האָף אויך ביילען באַרויִקן. — זי האָט זיך אופגעשטעלט. סענדער האָט זיך אויך אופגעשטעלט.
— זאָגט מיר, — האָט ער שעמעוודיק געפרעגט, — איר האָט זי לאַנג געזען?
— ניט לאַנג.
— איך בין דאָך א טאַטע. ווי זעט זי אויס?
— גוט. מעג איך איבערגעבן פון אײַך א גרוס?
— ניין. — ער האָט זיך פאַרטראַכט און ווידער צוגעגעבן, — ניין.
— איר זײַט דאָך א טאַטע, הער לאַפּשין.
— א טאַטע, אַוודע א טאַטע, אַן אומגליקלעכער טאַטע. זײַט געזונט, מאַדאַם קושניר.
פון סענדער לאַפּשינס דירע איז אַניע אַרויס א צופרידענע. די געפאַר איז אַראָפּ. קיינער וועט ניט לײַדן. און די ערשטע, וואָס ווייס וועגן דעם איז זי, אַניע קושניר, און ניט איר מאַן טעוויע קושניר, וואָס האָט פון איר סוידעס. הײַנט איז דער סאָד באַ איר, און זי מעג מיט רעספּעקט וועגן זיך זאָגן: ניט אַלע קענען, וואָס זי קען. זי וועט אַרײַנ-קומען צו ביילען. עמעס, קיין גרוס פון איר טאַטן האָט זי ניט, נאָר א גרוס וועגן איר טאַטן האָט זי. דאָס וועט דערפרייען ניט נאָר ביילען, נאָר אויך דעם סטודענט.
דער האַרבסט האָט דערוויַל זיך פאַרשטאַרקט, געגומען אַרומדרייען די שטאָט מיט טונקעלע טעג און פינצטערע נעכט, מיט רעגנס און ווינטן, שוואַכע דערפילן זייער קרענק, געזונטע נעמט דוכטן, אַז זיי ווערן קראַנק. און הײַנט נאָך דאַרף אַניע אָפּגעבן מאַזלטאָוו — מאַשע האָט געבוירן א מיידעלע.

פון דער הײַנטצײַטיקער

סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג

כאַים גורעוויטש

קיין סיביר

אונטער דעם בלויען שטערנדיקן פײַער,
איבער שטעט און דערפֿער אָן א שיר,
ענגע פייגלשע כעוורײַעס
קערן אום זיך קיין סיביר...

דאָס סאמע וויכטיקסטע און בעסטע
פארווירקלעכן דאָ שטייט זיי פאַר:
אין באוווינטע ערטער בויען נעסטן,
זיך ליבן, פאַרזעצן דעם דאָר.

אין הימלשן ווירוואר, אין שטילע נאכלעס
זײַן קעסיידער אופמערקזאם און וואכיק,
די נעסטלינגען דערפירן צו א טאכלעס,
אין פלי פארהארטעווען די שוואכע.

זיי וועלן אויספילן אלצדינג אמבעסטן
און ניט פארלירן זיך אין קיין שום פאל,
ניט אומזיסט דאָך מיט דעם ערשטן שטראל
האָבן זיי זיך אויסגעפיקט, ווי קנאָספּן פעסטע,
אין דעם הארבן סיבירער וואלד.

עס האָט זיי די שטרענגע מאמע-טײַגע
אין דעם גײַסט ספארטאנישן דערצויגן.
אף פליגל שטײַפע,
פונקט ווי צעדער-צווײַגלעך,
פון די נעסטן ס'ערשטע מאָל ארויסגעפלויגן...

דאָ איז מאָך א בינטל אף א גרויען שטיין
פאר זיי ווייכער איידער סאמעט צארטער,
ווײַל דאָ איז זייער אייביקע געגארטע,
די איינציקע אף דעם ערד-קויל היים.

אונטער דעם בלויען שטערנדיקן פײַער
איבער שטעט און דערפער אָן א שיר,
ענגע פייגלשע כעוורײַעס
קערן אום זיך קיין סיביר.

◇

מאָטל גרוּומאן

דרײַ לעבנס

עס האָט מיר דרײַ לעבנס
דער גורל געגעבן.
דאָס ערשטע —
ס'איז פאר דער מילכאָמע דאָס לעבן.
מיט קינדערשן טומל,
מיט שפּילן פארשײַטע,
מיט מײַסעלעך באם פּיאָנערישן שײַטער,
מיט יוגנט געוואגטער,
וואָס אלץ וויל באהערשן,
מיט ליבע דער ערשטער,
מיט לידער די ערשטע...

דרײַ לעבנס עס האָט מיר
דער גורל געגעבן.
דאָס צווייטע —
די צײַט פון מילחמה דאָס לעבן.
מיט מאַרשן און שלאַכטן,
מיט פעלדער און גריבער,
מיט שטענדיקן וואַרטן
א בריוו פון מײַן ליבער.
מיט סרייפעס מיט גרויסע,
מיט פרײַנט, וואָס דערנעבן.
מיט קוילן, וואָס דראָען
פאַרקירצן דײַן לעבן...

עס האָט מיר דרײַ לעבנס
דער גורל געגעבן.
דאָס דריטע —
שוין נאָך דער מילחמה דאָס לעבן...
מיט פרייד פון ניצחון
אַף ראַכוועסן פרײַע,
מיט יאָרן פון וווּנדער,
פון מי און באַנײַונג...
מיט צילן פאַרשײַטע,
מיט קאָסמישע שיפן,
מיט וועגן באַנײַטע
אַף ברייטן און טיפן...

און ווען מע זאָל פרעגן
בא מיר, שוין געניטן:
צי כ׳וואָלט אַף אַן אַנדערס
מײַן לעבן פאַרביטן —
פון קינדהײַט ביז עלטער,
אָן מי, אָן מעהומע,
אָן וויטעק, אָן קעלטן,
בלויז יאָמטעוו און בלומען, —

איך וואָלט דאַן געגעבן
אַן ענטפער באַצײַטנס:
דרײַ זודיקע לעבנס
אַף איינעם —
מע בײַט ניט!

◇

בראָניע סינעלניקאָווע

די פאָן

די פאָן, וואָס עס האָט מיר מײַן זיידע געבראַכט,
צעוויקלט איך האָב און איך האָב זי באַטראַכט,
און טײַער די פאָן איז געוואָרן בא מיר —
קיין שטויב כ׳וועל ניט לאָזן זאָל פאַלן אַף איר.

מיט איר איז מײַן זיידע געגאַנגען אין שלאַכט,
מיט איר האָט מײַן זיידע ניצחון געבראַכט,
מיט איר האָט ער וואַרשע גענומען און ווין,
מיט איר האָט מײַן זיידע גענומען בערלין.

עס פלאַטערט די פאָן איבער אונדז אין דער הויך,
אין איר, זאָגט מײַן זיידע, איז דאָ אזא קויח,
וואָס פריידן זי ברענגט אונדז אין יעטווידער שטוב:
די פאָן דאַרף מען היטן און האָבן זי ליב.

ווי נאָר ס׳קומט א יאָמטעוו, א שׂימחה אין לאַנד,
איך נעם אונדזער פאָן אין דער זיכערער האַנט,
און וואָס אַמאָל שענער זי זעט אויס בא מיר,
מע טאָר ניט, אז שלעכטס זאָל זיך טרעפן מיט איר.

◇

באָריס מאַגילנער

איך בין מעקאַנע

כ׳האָב צו זיך גרויסע טײַנעס.
כ׳זאָל געווען ווערן א שנײַדער,
וואָלט איך עפשער גענייט מאַלבושים פײַנע,
סאַמעטענע צי זײַדענע,
פון ציץ אָדער פון געוואַנט...
איצט גיי כאַפּ צוריק — רעד צו דער וואַנט.

כ׳זאָל געווען א שוסטער ווערן,
וואָלטן עפשער מײַנע פּאַנטאָפל פרויען געפעלן,
דער פלוינעסטע וואָלט איך, אָנשטאָט פונעם הימל א שטערן,
א פּאָר לײַכטע שיכלעך שענקען — לעם בעט זיי שטעלן.
ס׳קאָן זײַן, אז זי וואָלט ווייניקער זיך קלאָגן
אף אירע פלאָגן.

כ׳זאָל געווען ווערן א בעקער,
וואָלט איך עפשער אזא מין קוילעטש געבאַקן,
אז קליין און גרויס זאָלן אים קײַען אף ביידע באַקן.
זאָגסט, אז אף אַלץ דאַרף מען האָבן מאַזל און בראָכע?
איך האָב עס, פאַרשטייט זיך, אויך פאַרשטאַנען,
און דאָך בין איך שטענדיק געווען מעקאַנע
די פאַכלײַט פון דער אָדער יענער מעלאָכע.

ס׳איז גוט, ווען אין שוך שטעקט ניט קיין טשוואָק
און שטעכט ניט אין פּיאַטע,
און ווען דער לערער אין שול איז ניט קיין פוסטער גלאָק,
און דער ראָש אין מישפּאָכע איז ניט קיין שמאַטע.

א געוויינלעכער כידעש —
פליִער וואַגן און קענען אין קאָסמאָס שוועבן.
אין די הענט בא מיר — ברויט, וואָס איז נאָך וואַרעם און ווייך
און שמעקט מיט לעבן.
איך לאַך און איך וויין —
ס׳איז געוויס א מעכײַע
לייענען מײַן כאַווערס לידער נײַע.

איך בין מעקאַנע די פאַכלײַט,
וואָס טוען גוט זייער מעלאָכע.
גוואַלד, וויאַזוי ווערט מען צו זיי געגליכן?
זאָל זײַן כאָטש שפּעטער, זאָל זײַן ניט אינגיכן.
כ׳וואָלט זייער וועלן ווערן א מײַסטער —
אַן עכטער באַלמעלאָכע
און שאַפן באַגײַסטערט
און האָבן האַצלאָכע.

◇

מאקס ריִאנט

אבי מיט דיר

אָפּט דײַנע רייד
איך הער אין שלאָף
און מיט א פרייד
אף עפּעס כ׳האָף.

אין אזא וועלט
איך קום אריַין,
וואָס קאָן זיַין העל
און גאָר ניט זיַין...

עפּעס כ׳פארליר,
עפּעס כ׳געפין,
איך גיי מיט דיר
ווער ווייסט וווהין?

נאָר אָט ביסטו
ערגעץ אוועק,
און כ׳בליַיב ווי שטום
אינמיטן וועג.

קיין קאפּל שיַין,
ס׳איז שווער צו גיין,
נאָך שווערער זיַין
איז איין-אליין.

און דיַינע רייד
כ׳דערמאָן אין שלאָף,
און ווידער — פרייד,
און ווידער כ׳האָף...

◇

הירש רעלעס

בא דער טרויעריקער ווערבע

הינטער אָט דער ווערבע,
וויַיטלעך פונעם יישעוו,
אומבאמערקט כ׳פלעג ווערן,
ווי א קינד פארקישעפט.

נאָך איר צארטן אויסזען,
נאָך די לאָקן גרינע
פלעגן מאמעש אויסגיין
די שטערן ביז באגינען.

און אפילע ס׳וואסער
אין דער ווערבעס שאָטן
פלעגט שווימען מער געלאסן,
מיט פארכאפּטן אָטעם.

פון אירע צוויַיגן לאנגע
און די בלעטער דינע
אָן ווערטער און אָן קלאנגען
געטריפט האָט מיט נעגינע.

כ׳פלעג זיצן אן אנציקטער
ביז באגינען העלן,
נאָר עפּעס שטארק געדריקט האָט
א פאָרגעפיל א שווערער,

וואָס ניט געקאָנט גענוי כ׳האָב
באַנעמען און פאַרשטיין עס
אין דורכזיכטיקער בלויקייט,
אונטער גינגאָלדענער זעונג,

וואָס פלעגט מיט ריינער שיינקייט
אין אָפּגלאַנץ זיך צעוויגן,
און ווינקעוודיק, זיך כיינדלען
אין שווימענדיקן שפּיגל.

...אין קריג, אין רויך און פלאַמען,
ווען גערעוועט דאָס געווער האָט,
אַזוי ווי כ׳האָב פאַרשטאַנען
יענעם פאַרגעפיל דעם שווערן!

אין יענע שוידער-יאָרן
פיל נאָענטע און ליבע
אף אייביק כ׳האָב פאַרלאָרן...
די ווערבע איז פאַרבליבן.

זי זעט איצט אויס פיל ברייטער
און מערער נאָך געלאָסן,
און די קרוין פאַרנייגט איז
נעענטער צום וואַסער.

— אוי, איוווּשקע צעצווייַגטע,
צי האָסטו מיך פאַרגעסן?
מיט דייַן צאַרטן שווייַגן
נעם מיך אין דייַן הערשונג!

נאָר ס׳קאָן שוין ניט די ווערבע
מיך פאַרקישעפן, ווי פריִער,
דערינערונגען שווערע,
ווי האַלאָוועשקעס, טליִען.

זי איז איצט, ווי א דענקמאָל
נאָך די נאָענטע און ליבע,
נאָך וועלכע אזא בענקשאַפט
אין הארצן איז פאַרבליבן.

◇

מישע מאָגילעוויטש

איך קאָן ניט פאַרגעסן

כ׳וואָלט וועלן פאַרגעסן און מער ניט דערמאָנען
די ביטערע שלאַכטן פון פאַריקן קריג,
נאָר ס׳רייַסט מייַן זיקאָרן זיך אוף פון קאַנאָנען,
די ווייַטע מילכאָמע שטייט אוף פאר מייַן בליק.

איך וויל אים ניט רעגן, דעם שווערן זיקאָרן,
ווייַל כ׳בין פון די שווערע געדאַנקען שוין מיד,
נאָר ס׳קערן זיך אום אינעם שלאָף יענע יאָרן
און גיבן אין הארץ און אין זינען א שניט.

און ס׳דאַכט זיך, אז ווידער איך גיי אין אטאקע,
און אָט אונטער מיר וועט צעשפּאָלטן די ערד,
דאָס רייַסט מייַן זיקאָרן זיך אוף פון גראַנאַטעס,
פון קוילן און שפּליטערס צעריסן ער ווערט.

מיר האָבן פאַרטיליקט דעם סוינע דעם גרעסטן,
אוועלכן די וועלט ניט געוווּסט האָט ביז הייַנט.
און ס׳וואַכט מייַן זיקאָרן, ער קאָן ניט פאַרגעסן
די ביטערע שלאַכטן, דעם אומקום פון פרייַנט.

◇

אווראָם קאצעוו

צו די, וואָס מאכן אָן א כורבן

פון סדוים — אײַער ווײַנשטאָק, און דאָס, וואָס איר טוט,
קאָן גוט זײַן פאר סדוים, פאר אמוירע זײַן גוט.

די ווײַנטרויבן — ביטער, און ווײַן פון זיי טריפט
אזא, ווי בא שלענג פון די צינגער דער גיפט.

איר גראָבט פאר זיך גריבער און נעצן איר שפּינט,
און גרויזאם די שטראָף איז, וואָס איר האָט פארדינט!

◇

מוישע פּענס

די קינדער פון די בערג

אין שול ארײַן קומען די קינדער פון די
בערג,
פון שנייִיקע, זוניקע הייכן.
זיי זײַנען פאר מיר ווי א סוידעספּול ווערק,
וואָס רעגט מיט פארבאָרגענעם סייכל.
ווי אנדערע קינדער, מע שפּילט און מע שטיפט,
מיט גאָלדענע טרוימען באהעלטע.
אָט זיצט מען פארשטילטע, אין ביכלעך
פארטיפט,
אָט זינגט מען, אָט קערט מען שוין וועלטן.

און ווען מיט א פּאכעד אין הארץ איך
באמערק,
ווי דרייסט איבער אָפּגרונט זיי שפּרינגען,
דאן דאכט זיך מיר אויס,
אז דער גײַסטער פון בערג
פון קינדערשע אויגן מיר ווינקען.
און פול מיט פארקישעפטקײַט ווערט דער
ארום —
די פעלדזן, דער טײַך, די געוויקסן.
און ס'קוקן די בערג אָף מיר סוידעספּול-שטום
מיט אייביקײַט-בליקן פון ספינקסן.

◇

לעוו בערינסקי

א סאָד

באנאכט און באטאָג, אף דער גאס און אין סאָד
הערט זיך א פריילֿעך געלֿעכטער אין שטאָט.

אף שריט און אף טריט און באם פאָרן און גיין
הערט זיך אין שטאָט א פארשטיקטער געוויין.

אין פארק, אף יארידן, באם טײַך און ארום
הערט זיך א שווײַגן אין שטאָט, אינעם זשום.

די איינזאמע אײַנוווינער דאָ, אין דער שטאָט,
ווייסן, נאָר גיבן ניט אויס זייער סאָד.

◇

מישע לעמסטער



איך גלייב

א שטילֿע זומערדיקע נאכט,
די שטערן ריידן צו די מענטשן.
און אונטער זיי איעדע זאך
פולֿ איז איצט מיט בענטשונג.

די צײַט איז הײַנט געבלֿיבן שטיין.
מיר דאכט, אָט באלֿד, אָט-אָט,
די אייביקײַט וועלֿ איך פארשטיין,
דעם גרויסן לֿעבנס-סאָד.

מיר דאכט, איך בין שוין הי געוועזן
צוריק מיט טויזנט יאָר.

איך גלייב, די וועלֿט וועלֿ איך נאָך זען
אויך מיט א ווײַטערדיקן דאָר.

און אין דער שיינער שטילֿער שאָ
וואָס שײַעך סייכלֿ, כ׳שפיר:
אין מיר — פון אלֿעמען איז דאָ,
אין אלֿעמען — איז דאָ פון מיר.

דערפאר פארשטיי איך יעדנס שפראך
און אף מײַן שפראך כ׳גיי בענטשן.
א שטילֿע זומערדיקע נאכט,
די שטערן ריידן צו די מענטשן.

◇

פ י נ י ע   ק י ר י ט ש א נ ס ק י

ניט גרינג און ניט פראָסט

ס'איז דאָס לעבן ניט גרינג און ניט פראָסט,
און די צײַט איז סײַ זיס און סײַ ביטער.
ס'לעצטע בלעטל די צווײַג האָט פארלאָזט
מיט צעצונדענער פרייד און מיט ציטער.

ווי די דימענטן, טראָפּנדלעך טוי,
זיך צעגלאַנצן אַף געלינקע גרעזלעך,
שטייט פארכאַלעמט דער נאקעטער בוים,
וואָס איז יאָמטעוודיק נעכטן געווען.

און דאָס הארץ מײַנס — אוי קלאפּט עס,
דאָס הארץ,
און מאכשאָוועס וועקט פריילעכע, טריבע...
אונטער רעדער פון גאָלדענעם הארבסט
איז דער שאָרך פון די בלעטער פארבליבן.

◇

מ אָ ט ל   ש ט ו ר מ א ן

געלויבט זאָל זײַן

איך האָב
דאָס ערשטע מאָל
דײַן קאָל דערהערט
אַף גרינער
קישעפדיקער ערד.

פון יענעם
זומער-קאנט,
עס שטאמען
מײַנע ערשטע ווונדן.
כ'האָב דאָרט דערשפּירט

צום ערשטן מאָל
דעם ליבע-ווונדער.
דעם ערשטן
צאפּלדיקן ריר
פון ערשטער שורע
וועגן דיר.

געלויבט זאָל זײַן
די שאָ, די רעגע,
ווען איך האָב דיך באגעגנט.

◇

וועלוול טשערנין



די בלעטער

אין ביינהאשמאַשעס ציטערן די בלעטער,
האגאם ס׳איז גרייט שוין צו דעם שלאָף דער ווינט,
און דער לעוואָנע-קעז דער פעטער
זיך קײַקלט שטיל צום שטערן-לאבירינט.

די בלעטער ווארטן ביז די נאכט וועט פאלן
און וועט פארדעקן מיט איר גוף די וועלט,
זי וועט דערוועקן כײַישע געשאלן
אין וואלד, אין שטאָט, אף בארג, אין פעלד...

די בלעטער ציטערן, נאָר קיינער זעט עס,
די פינצטערניש מאכט שוואך די ריִע גלײַך.
דער גוירל בלעטערט זייערע אנקעטעס
אוןווארפט זיי בלינדערהייט אין צײַטן-טײַך.

◊

יאנקעוו עלקיס

* * *

וואָלט איך זײַן א פאלנדיקער שטערן —
בייסן פאלן אויך באמערקט צו ווערן,
כאָטש א רעגע נאָר געדויערן...

זע נאָר, ווי ס׳צעעפענען זיך טויערן
פון ביז הער געשלאָסענעם גאניידן!
אָבער כ׳קאָן זיך מיט מײַן ערד ניט שיידן!

◊

וועלוול ווערניק

ווען א קינד אין וויגל קוועלט

ווען א קינד אין וויגל קוועלט,
פריילעך איז די גאנצע וועלט,
און די זון צופרידן שמייכלט
פון די בלויע הימל-הייכן.

און די בערעלעך אין וואלד
אין א טענצל גייען באלד,
צווישן הויכע פעלדער-גראָזן
שפרינגען פריילעכע די האָזן.

האָבן פיש דערהערט דאָס גלייַך
און צעשפּילט זיך אינעם טייַך,
אז די וואסערן אפילע
שטיין געבליבן זייַנען שטילע.

ווען א קינד אין וויגל קוועלט,
פריילעך איז דער גאנצער וועלט.

◇

זיסי ווייצמאַן

דער שלייַפער

— מייַן אלטישקער שלייַפער,
דו מייַסטער פון פייַער,
דו ביסט ווי א זייכער
פון קינדהייַט מיר טייַער.
איך האָב זיך פארבענקט
נאָך דייַן קונציקער ראָד,
און כ׳האָף, אז ביז איצטער
נאָר פונקען זי האָט...

. . . .
. . . .

עס האָט מיך דער אלטיטשקער
שלייַפער דערהערט,
און ס׳האָט זיך א דריי געטאָן
ווידער די ערד.

דאָס רעדעלע דרייט זיך,
און פונקען זיך שיטן —
א פריילעכער רעגן,
און איך בין אינמיטן.

דאָס רעדעלע דרייט זיך,
און בלוי איז דער רוים,
און אומגעקערט האָט זיך
מייַן קינדערשער טרוים.
אין טייַגע, בא טייַכן
פארשוווּנדן די קעלט.
צו מיר איז קיין גלייַכן
ניטאָ אף דער וועלט.

◇◇◇



אלעקסאנדער ליזען

שטערן הוידען זיך



1

טיפע נאכט. א פּאַרק. צווישן די ביימער פליט וועז-ניט-וועז דורך א נאכט-פויגל מיט שטײַף-צעשפּרייטע פליגל.

דער פּאַרק איז ווי א וואלד: גרויס, הויך, צעוואָרפן.

מאכמעס דעם, וואָס די פינצטערניש פארפילט דעם גאנצן רוים צווישן די שטאמען, צווייַגן, בלעטער, זעט דער פּאַרק אויס געדיכט און מוירעדיק-שווארץ.

זיי זײַנען געזעסן אף א באנק אונטער א לאמטערן. זײַן שײַן האָט שארף דורכגע-שניטן דעם כּוישעכדיקן ארום.

— די באַנק מיטן פּיצל ערד אונטער איר זעט אויס ווי אַ ליכטיקער אָאַזיס אין אַ מידבר, — האָט ער געזאָגט, און זי האָט גאָרנישט ניט געענטפערט, געזעסן אומבאַוועגלעך, דער קאָפּ פאַריסן, און אָנגעשטרענגט געקוקט אויף די אַראָפּהענגענדיקע בלעטער: „זיי זייַנען בלייך. זייער בלייך, און פאַרגליווערט. טויט-פאַרגליווערט, ווי דערמאָרדעטע...״

די איַינגעשטאַנענע פינצטערניש האָט זיי אַרומגערינגלט פון אַלע זייַטן. בלויז פון אויבן איז זי געווען אַ קאַפּעלע שיטערער. נאָר דער הימל איז געשלאָפן, אָן אייַנגעדעקטער מיט פּוכקע וואָלקנס. און די ערד פון אונטן איז געווען פאַרגליווערט פון דער נאַכטקילקייַט. איבער די פיס קריכט דער גליווער צו פאַיִנעס איינגעווייַדן, נאָר זי פילט ניט קיין קעלט, בלויז עפּעס אַ מעשונעדיקע פוסטקייַט.

זיי ביידן, און דעריקער פאַיִנען, האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז שוין געזאָגט. און איבערגעזאָגט. פאַר איר וואָלט איצטער מיסטאַמע בעסער פון אַלץ געווען, ווען דאָס האַרץ זאָל אַ דרעמל טאָן און דער קאָפּ — אויך: ניט ריידן, ניט קלערן וועגן גאָרניט. פּאָשעט זיצן און שווייַגן און וואַרטן, געדולדיק וואַרטן אויפן קאַיאָר און נאָכדעם גיין צו דער אויטאָבוס-סטאַנציע, נעמען אַ בילעט און פאַנאַנדערפאָרן זיך מיט אָט דעם אומבאַקאַנטן מענטשן אין פאַרשיידענע ריכטונגען.

אייַנשלאָפן? ניין, מע דאַרף ניט. בעסער — אַ פוילער דרעמל. נו, גוט. גוט. זי וועט זיי סייַווי איבערכיטרעווען, די צעטראָגענע קלערענישן. וואָס דרייען זיי זיך אַלץ אַרום איר? זיי קאָנען דאָך אויסקלייַבן עמעצן אַנדערש. אָט, אַשטייגער, טאַסיען, איר געוועזענע שולכאַווערטע, די פלעגמאַטישע און באַדאַכטע טאַסיע. ס׳איז אַ מעכייַע געווען צו כאַווערן זיך מיט איר. זי איז געווען אַ ווילדע, אַ נאָכגיביקע. קיינמאָל ניט אַקצעפּטירט איר „איך״. אַזוי איז רויִקער, לייַכטער...

אין דרעמל צעוואַקסט זיך טאַסיע. אַ גוטמוטיק פּאָנעם, אַ קייַלעכדיקס. פאַיִנע וואָלט געוואָלט זייַן אַזאַ, ווי זי. ס׳איז אומעגלעך. זי פאַרשטייט, — אָבער כאָטש אין שלאָף...

דאָס פּעדעמל פון אויסטערלישע קלערענישן ציט זיך ווייַטער... יעדער מענטש האָט זייַן שאָטן. איז לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער שאָטן האָט זיך פּלוצעם אָפּגעטיילט און פון איין מענטשן איז געוואָרן צוויי פרויען. איינע זיצט אין אָאַזיס פון שייַן, און די צווייטע קוקט אויף דער ערשטער, אַ צעפּלאָסענער אין דער אַרומיקער כאַשכעס... און קעדייענדגילטיק אָפּשיידן איינע פון דער צווייטער, האָט יעדערע זיך געגעבן אַ באַזונדערן נאָמען. די, וואָס זיצט מיט אַ שווער-צעטומלט האַרץ, אין ערנסטע, אַ סאָלידע, איז פאַיִנע זינאָוויעוונע. און די צווייטע איז פּאָשעט פאַניע, פאַניעטשקע, אַ פאַרשייַט מיידל, אַ לאַכערקע.

— נו, וואָס ביסטו אַזוי מאָרעשכוירעדיק? — טוט פאַניעטשקע אַ שמייכל, און די פינצטערניש אַרום דעם שמייכל ווערט שיטערער.

— האָסט אַ רעפּוע?

— וואָס דען! נאָך אַ מין!

— איז שווייַג ניט. זאָג!

— אַלץ אויף דער וועלט איז מעגלעך.

— גוטס?

— גוטס אויך.

— גלייבסט?

— יאָ.

— דו ביסט אָבער צוויי מאָל ייִנגער פון מיר... ווי האָסטו געזאָגט?

— אַלץ אויף דער וועלט איז מעגלעך, — האָט קינדעריש איבערגעכאַזערט פאַניעטשקע, — איר דאַרפט אַ באַווייַז, כאָשעווע פאַיִנע זינאָוויעוונע? ביטע, צי האָט איר זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אָט הייַנט באַנאַכט וועט איר זיצן מיט עפּעס אַ ווילד-פרעמדן מענטשן אין אַ ווילד-פרעמדן פּאַרק פון אַן אומבאַקאַנטער שטאָט? און דאָך...

פאַיִנע האָט פאַרמאַכט די אויגן.

— איר ווילט אַ דרעמל טאָן? — ער, דער ווילד-פרעמדער האָט זיך צוגערוקט נעענטער. — שפּאָרט אָן דעם קאָפּ אויף מייַן אַקסל. עס וועט אייַך זייַן באַקוועמער און ווייכער, ווי אויפן הילצערנעם ווענטל פון דער באַנק.

— ניין, — האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ניט עפענענדיק די אויגן.

— איר האָט מוירע אַנשלאָפן ווערן?

פאַיִנע האָט געשוויגן. פרעגט ער ווידער:

— איר האָט נאָך אַלץ מוירע?

זי האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף זײַן אַקסל. אַזימיטש האָט זיך צעלאַכט. ניט הויך. נאָר אין דער נאַכט־שטילקייט האָט דער געלעכטער דורכגעשאַלט הילכיק און ניט אָנגענעם. עפּעס ניט נאַטירלעך.

פאַינע האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— יאָ. כ'האָב מוירע. און כ'ווייס אַליין ניט פאַרוואָס... און פאַר וועמען... כ'בין בּיכלאַל אַ שרעקעוודיקע...

וויקטאָר פּעטראָוויטש האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסל.

— מאָדנע. דאָס לעבן האָט דאָך אײַך געפּעסטעט און ניט געשראָקן.

— פונוואַנען ווייסט איר?

— איר האָט דאָך אַליין דערציילט.

— איך?

זי האָט פאַרכידעשט געעפנט די אויגן. אַזימיטש האָט שיר זיך ווידער ניט צעלאַכט. אין זיך האָט ער נאָך אַלץ געשמייכלט, קוקנדיק ווי די בויגנס פון אירע ברעמען האָבן זיך אויסגעגלײַכט שטוינענדיק. דאָס ווײַסע דרײַעקל פונעם זויבער־ריינעם שטערן צווישן די שוואַרצע פאַסמעס האָר האָט זיך קינדעריש־לעכערלעך פאַרקנייטשט.

— „ניט קיין לעבן, נאָר עפּעס אַ דורכויסיקער יאַמטעווו..." איר געדענקט?

די פרוי האָט אַ שמייכל געטאָן. די קנייטשן אויפן שטערן זײַנען פאַרשוווּנדן. „און צוזאַמען מיט זיי — אַ צענדליק יאָר", — האָט אַזימיטש אַ קלער געטאָן.

— כ'געדענק. אָבער ניט איך האָב עס געזאָגט...

— ווער דען?

— פאַניעטשקע. די קליינע ליגנערטע.

— אַ! ס'הייבט זיך שוין ווידער אָן...

— עס געפעלט אײַך ניט?

— געפעלט. אוואַדע געפעלט. בונטע מאָזאַיִק. אַ שטיקל לעבן און אַ שטיקל מײַסעלע...

ער האָט איר געוואָלט ענטפערן אײַנגעהאַלטן און אַנציקט. אײַנגעהאַלטן — דער פרוי, פאַינע זינאָוויעוונעז. אַנציקט — דעם מיידל, דער אימפולסיווער פאַניעטשקע. ער האָט אָבער ניט באַוויזן. פון דער פינצטערניש, פון עפּעס אַן אומבאַשטימטער ווײַט האָט זיך דערהערט אַ געביל, לאַנג און אָפּגעבראָכן, גלײַך ווי אַליין דער הונט וואָלט זיך אײַנגעהערט בעשאַס די פּויזעס צום ווידערקאָל פון זײַן בילן.

פאַינע זינאָוויעוונע האָט אַ ציטער געטאָן. וויקטאָר פּעטראָוויטש האָט צאַרט אַ גלעט געטאָן איר האַנט. זי האָט האַסטיק פאַרבאַהאַלטן אירע הענט צווישן די קני. אַזימיטש האָט מיט פאַרדראָס אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ. פאַינע האָט צעשטרייט געקוקט אויף אים. זײַן קאָפּ האָט אויסגעזען צו קליין אויף דער הויכער פיגור. „ניט אַנדערש, — האָט זי אַ קלער געטאָן, — ווי מ'האָט אָט דעם אַקוראַטן און עפּשער אַפילו עלעגאַנטן קאָפּ איבערגעזעצט אַזימיטשן פון עמעצנס פרעמדע פּלייצעס."

ער האָט געזאָגט:

— און איך האָב ליב אָט דעם באַנאַכטיקן געביל. ס'דערמאָנט מיר מײַן קינדהייט. איך בין דאָך געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף.

פאַינע האָט אַ קערעווע געטאָן צו אים איר דאַר און בלייך פּנים, אופגעהויבן אויף אים די אויגן. גרויסע און אויסדריקלעכע.

— און באַ מיר רופט דאָס אַרויס אינגאַנצן אַנדערע געפילן... כאָטש ס'האָט אַ שײַכעס אויך צו מײַן קינדהייט... איך בין געווען דעמאָלט נאָך גאָר אַ קליין מיידעלע. נאָר כ'האָב עס פאַרגעדענקט. פאַרגעדענקט דאָס, וואָס איך באַמי זיך צו פאַרגעסן דאָס גאַנצע לעבן מײַנס. ס'העלפט אָבער ניט. אײַנגעקריצט אין האַרצן אויף אייביק...

זי איז אַנשוויגן געוואָרן. וויקטאָר פּעטראָוויטש האָט פאַרטײַעט דעם אָטעם. געוואַרט. אומזיסט. די פרוי איז געזעסן מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן.

ער האָט געפרעגט, שטיל, אײַנגעהאַלטן, ווי מע פרעגט אויס אַ סאָד, וואָס אַפילו ביימער טאָרן וועגן אים ניט וויסן.

— וואָס זשע איז דעמאָלט געשען?

זי האָט פאַנאַנדערגעפּרעסט די ליפּן:

— מע דאַרף ניט...

— אומאָנגענעם?

— ניין. גרויליק.

ער האָט אנטשלאָסן א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, געזאָגט:

— וואַרפט אראָפּ דעם שטיין פונעם הארצן.

זי האָט געקוקט אף אים און געפּרווט פארטרײַבן דאָס גרויליקע מיט געווײנלעכע, עטוואָס לעכערלעכע באָאַבאַכטונגען: מאָדנע שאָקלט מיטן קאָפּ אָזימיטש. ניט פון אויבן אראָפּ און ניט פון רעכטס אף לינקס. ניט יאָ און ניט ניין. נאָר עפּעס טיף און פּאַראַקשנט. גלײַך ווי ער וואָלט וועלן בײַקומען מיט אָט דער שארפער באַוועגונג געוויסע ספּייקעס. „וואַרפט אראָפּ דעם שטיין פונעם הארצן!" האָט זי דען איין מאָל דאָס געפּרווט טאָן?..

— ...א שוידערלעכער געביל פון בייזע וואָלפהינט, געמישט מיט שרעקלעכע יעלאָ-לעס און געשרייען פון מענטשן... פון פרויען און קינדער...

זי איז אנשוויגן געוואָרן. אָזימיטש וואַרט. געדולדיק. א געפיל פון ראַכמאָנעס האָט פּאַרקלעמט זײַן הארץ. נאָר ער פרעגט נישט גאָרניט. עפּשער מוז זי זיך אויסשווײַגן?..

די שטילקײַט איז פּלוצעם צעבראָכן געוואָרן פון א זייגער-געקלאַנג. פּאַינע נעמט זיך ציילן אף א קאָל:

— איינס, צוויי, דרײַ... — עס וואָלט שוין געדאַרפט טאָגן.

— וויפל האָט איר אָנגעציילט?

— זיבן מאָל.

— הייסט עס, אז ס'איז ערשט דרײַ. דער דאָזיקער זייגער שלאָגט יעדער פערטל שאָ. די ערשטע פיר קלונגען באַטײַטן פיר פערטלען. און איר האָט געציילט אלע נאָכאנאנד.

— אזוי גאָר? א שאָד. און איך האָב געמיינט... א מאָדנע זייגער. וווּ איז ער?

— אפן ראַטהויז.

— ראַט-הויז? וואָס הייסט עס?

— דאָרטן איז אצינד דער שטאָטראַט. נאָר די היגע אײַנוווינער רופן די געבײַדע, ווי אמאָל, — ראַטהויז. כ'האָב זי אײַך געוויזן. איר געדענקט? ווען מיר האָבן ארומגעשפּאַ-צירט איבער דער פארשלאָפענער שטאָט.

די פרוי האָט איבערגעכאַזערט:

— ראַטהויז... א מאָדנע וואָרט. פון עפּעס א ווײַטן יאָרהונדערט...

דערנאָך האָט זי פּאַרגעזעצט זייער שטיל, ווי צו זיך אליין, קימאַט שעפּטשענדיק:

— ...פּונקט אזוי פלעגט דער זייגער שלאָגן, מעסטנדיק די צײַט, מיט הונדערט, צוויי הונדערט, דרײַ הונדערט יאָר צוריק... די דאָזיקע באַנק, אף וועלכער מיר זיצן אצינד, איז דעמלט עפּשער ניט געווען. אָבער די ערד איז געווען. און דער הימל איז געווען. און צווישן זיי — דער רוים. און די צײַט איז אויך געווען. דער זייגער האָט זי געמאָסטן און געמאָלדן וועגן דעם אלע פערטל שאָ... אניט פונוואַנען וואָלט מען פון איר געוווּסט, אז מע זעט זי ניט...

אָזימיטש האָט געזאָגט:

— פּאַינע... פּאַינע זינאָוויעוונע, ווען איר הייבט אָן אָט אזוי פאַנטאַזירן, ווײַזט זיך מיר אויס, אז איר שארט זיך פּאַמעלעכן ארויס, ווי א שאָטן, פון אונדזער ליכטיקן אָזיס און ווערט אנטרונען אין דער ארומיקער פינצטערניש, באַהאַלט זיך אויס צווישן דיביימער... איר פארטײַעט זיך ערגעץ דאָרטן און פארשלעפערט מיך מיטן געמאָסטענעם פּאַכען פון אײַערע שווארצע פליגל... זאָגט מיר, ס'איז א כאָלעם צי וואָס? ווו בין איך? אינעם אויטאָ-בוס, וואָס פאָרט שוין קיין טאָמאָל, צי טאַקע ווירקלעך אָט דאָ, אין דעם דאָזיקן פּארק, אף דער דאָזיקער באַנק, לעבן אײַך, מיט אײַך, אבסאָליוט אן אומבאַקאַנטער? מיט אײַך, אזא ווײַטער, און אזא נאָענטער, ווי איך וואָלט אײַך געקענט שוין צענדליקער יאָרן...

אָזימיטש האָט ענערגיש א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. צעטריבן די נאַכט-געשפּענסטער. ס'איז פארבליבן די ווירקלעכקײַט.

— נו, לאָמיר זיך אָקאָרשט דערמאָנען, ווי'אזוי איז דאָס טאַקע פּאָרגעקומען. כ'מיין — דעם הוילן פּאַקט... כאָטש וואָס פאר א פּאַקט! ס'איז געווען א פּאַשעטער צופאַל. ווען דער צוג וואָלט ניט פארשפּעטיקט אף אוועלכע צוואַנציק מינוט, וואָלטן מיר דען געזעסן דאָ צוזאַמען?..

איר געדענקט?

מיר זײַנען פארבליבן אליין אף אָט דעם פאר עטלעכע געציילטע רעגעס פּוסט געוואָרע-נעם פּעראָן. אינצווייען, ס'הייסט, ניט אינצווייען. נאָר טאַקע אליין. יעדערער באַזונדער, מיט זײַן באַזונדערן טשעמאָדאַן. אונדז האָט אָפּגעשיידט איינס פונעם אנדערן א צוואַנציק מעטער רוים און די באַדינגלעכקײַט פון מענטשלעכע פארהעלטענישן. ווו אהינטאָן זיך? קיינער האָט אף אונדז ניט געוואַרט. מיר האָבן געקוקט איינער אפן אנדערן, צעמישטע, צערודער-

טע. איך שטעל דעם ערשטן טראַט, איר — דעם צווייטן. אזוי האָט מיר, יעדנפאַלס, זיך אויסגעוויזן. איז אַט, ווען מיר האָבן זיך דערנעענטערט, זײַט איר געוואָרן מײַן ווידערקאָל. אײַך האָט אפילו ניט פאַרוווּנדערט מײַן פרײַ האַלטן זיך.

— א גוטן אָוונט אײַך!

— א גוטנאָוונט...

— אָט אַן אומגליק! איך מוז זיך נאָך דערשלעפּן אהיים מיטן אווטאָבוס.

— און איך אויך... איך מוז זיך נאָך דערשלעפּן...

— דאַכט זיך אָבער, אז איך האָב א ביסל פאַרשפּעטיקט.

— דאַכט זיך... א קאַפּעלע... פאַרשפּע-עטי-יקט...

איך האָב ארויסגעכאַפּט פון אײַער האַנט דאָס טשעמאָדאַנדל. איר האָט פּראָטעסטירט. האָב איך אײַך באַרויִקט: איך טו דאָס צוליב גלײַכגעוויכט. זאָל די רעכטע האַנט ניט בור־טשען, אז איר קומט אַלעמאָל אויס שווערער ווי דער לינקער.

מיט צוויי טשעמאָדאַנען אין די הענט האָב איך זיך געלאָזט לויפן צו דער אווטאָבוס־סטאַנציע. צום גליק, געפינט זי זיך לעבן וואָקזאַל. איר זײַט מיר נאָכגעלאָפן מיט אויסגע־שטרעקטע הענט, ווי נאָך א רויבער. איר האָט אָבער קיינעם ניט גערופן צוהילף. איר האָט נאָר געלאַכט. איר שטעלט זיך פאָר דאָס בילד? א לאַכנדיקע פרוי אויף א ריזיקן פוסטן וואָקזאַל־פּלאַץ, א ריזיקן, ווײַל א פוסטער, אָן מענטשן, אָן טומל, מיט לאַנגע פאַרכאַלעשטע שאָטנס איבער דער ערד...

איר זײַט פּאָשעט... זײַט מיר מוחל... עפּעס אַן אומנאָרמאַלע. איך ראַבעווע אײַך, און איר לאַכט גאָר!

— ראַבעוועט?.. כאַ־כאַ! ס׳איז דאָרטן נישטאָ וואָס צו ראַבעווען, אינעם טשעמאָדאַן.

— אזוי גאָר? עפּשער זײַט איר טאַקע גערעכט. און איך טראַכט: וואָס איז ער אזוי גרינג, דער טשעמאָדאַן?..

און שפּעטער, ווען מיר האָבן פאַרסאַפּעטע אַרײַנגעגראָבן זיך מיט די נעזן אין דעם באַוועגונג־גראַפיק פון די אווטאָבוסן, זײַט איר ווידער געוואָרן מײַן ווידערקאָל.

— דער לעצטער אווטאָבוס קיין טאָמאַל איז אוועק מיט צען מינוט צוריק.

— דער לעצטער... אווטאָ־אָבוס... קיין באַלין... איז אווע־עק...

— איז וואָס זשע טוט מען?

— איז וואָ־אָס טו־וט מען...

איך האָב אראָפּגעלאָזט די טשעמאָדאַנען, אראָפּגענומען די שליאַפּע, זיך פאַרנייגט פאַר אײַך:

— כ׳האָב א געדאַנק. אויב איר וועט ניט זײַן קעגן...

מיט אײַער באַצויבערנדיקן שמייכל האָט איר מיר געהאָלפן פירן די שפּיל ווײַטער:

— אשטייגער?

— לאָמיר פאַרשליסן די וואַליזקעס אין אײַזערנע שטײַגן און זיך לאָזן בלאָנקען איבער דער שטאָט.

איר האָט א פיר געטאָן מיטן קאָפּ, כאָטש דער שמייכל האָט נאָך געפינקלט אין אײַע־רע אויגן:

— ניין.

— פאַרוואָס?

— כ׳האָב מוירע.

— מוירע? פאַר וועמען, פאַר מיר?

— און פאַר אײַך אויך.

— אָ! כ׳פאַרשטיי. אָט וועל איך אײַך פאַרפירן אין א פינצטערער בראָמע און...

איר האָט געקוקט אויפן הימל. דער הימל איז געווען ריין. האָב איך געלאָזט צורו די פינצטערע בראָמע.

— שרעקט זיך ניט, טײַערינקע. איך וועל זײַן אײַער געטרײַער גיד און כ׳וועל אײַך באַקאַנען מיט דער שטאָט, וואָס איז שיין מיט א טאָפּלטער שיינקייט: אַן אוראַלטער און א מאָדערנער... צי זײַט איר שוין אמאָל דאָ געווען?

— געווען. נאָר זייער ווייניק. די שטאָט קען איך קימאַט ניט.

— און איך קען זי גוט. געווען דאָ ניט איין מאָל און געהאַט א מעגלעכקײַט זי גרינט־לעך באַקוקן.

— ווי־אזוי אָבער וועלן מיר זיך דערקלײַבן צו אײַער טאָפּלטער שיינקײַט? ניט קיין טראַמוויי, ניט קיין טראָלייבוס, ניט קיין טאַקסי...

— מיט די אייגענע פיס. אין דעם גראָד וועט זײַן דער זיבעטער כיין. מע קאָן אַצינד גיין ווו דו ווילסט און וווהין דו ווילסט, קיינער וועט זיך צו דיר ניט טשעפּען, קיינער וועט ניט שטערן, ניט קיין מאשינעס, ניט קיין סוועטאָפאָרן, גיי ארום, שפּאַציר ארום פראנק-און-פרײַ, פארײַס דעם קאָפּ וואָס העכער און שפּיגל זיך אין די בילדשיינע הויכע קלויסטערס און געבײַדעס מיט אויסטערלישע טורעמלעך, געוועלבן, פּאָרטאלן...

איר געדענקט?

איך פרעג אײַך — „איר געדענקט?", ווי דאָס וואָלט פאָרגעקומען מיט א צענדליק יאָר צוריק. און דאָס האָט געטראָפן בלויז מיט צוויי שאָ צוריק. איז פארוואָס אפּעליר איך צו אײַער זיקאָרן, גלײַך ווי פאר די דאָזיקע צוויי לאנגע שאָ, וואָס מיר, אײַנגעהילטע, פולקום אײַנגעהילטע אין דער נאכט-שטילקײַט, האָבן ארומגעבלאָנקעט איבער די פּוסטע גאסן און פּלעצער און ווי קינדער, ווי קליינע אנציקטע קינדער, געהאלטן אין איין אײַקען: „אײַ, וואָס פאר א מעכטיקע קאריאַטידן!", „אײַ, וואָס פאר א גוואלדיק הויכע גאָטיק-שפּיצן!", „און די פּאָרטאלן!", „און די סקולפּטורן!", „און די קאָסטיאָלן!" — איז אָט... יאָ, טײַערע פאניעטשקע... ס'האָט זיך באקומען אזוי, גלײַך ווי מיר וואָלטן פאר אָט די צוויי קורצע און לאנגע שאָ דורכגעלעבט א גאנץ לעבן. און עפּשער אפילע ניט קיין איין לעבן, נאָר צוויי. איר — אײַערס, איך — מײַנס. דערנאָך האָבן מיר זיך געביטן מיט די לעבנס. איר האָט איבערגעלעבט מײַנס, איך — אײַערס. נאָר דאָס איז שוין געשען נאָכדעם, דעמלט ווען מיר, מידע, צעקריגטע און קימאט גליקלעכע, האָבן זיך פארשלעפּט אהער, אין דעם דאָזיקן פּארק. איר זײַט געוואָרן דרייסטער. איר האָט אפילע זיך דערוועגט פּאָרלייגן, אז מיר זאָלן אָפּזוכן עפּעס אן אָפּגעזונדערטע באנק און צוזעצן זיך א ביסל אָפּרוען. עפּשער דערפאר, וואָס בייס מיר זײַנען פארבײַגעגאנגען לעבן דעם שטיינערנעם פּאָסיידאָן מיט זײַן דראָענדיקן דרײַצאָן האָט איר זיך פארקוקנדיק אף אים, פארטשעפּעט אין א שטיינדל און שיר ניט אומגעפאלן. איך האָב אײַך אונטערגעכאפּט, עס האָט זיך באקומען ווי האלבארומגענומען, נאָר איך בין געוועזן קאלט ווי אײַז, דאָס איז אײַך, ווײַזט אויס, געפעלן געוואָרן. כ'האָב אײַך אפילע לוסטיק געמאכט, ווען כ'האָב ארויסגערעדט מיט אײַער טאָן:

— איר ווייסט... כ'האָב מוירע צו גיין מיט אײַך אין אָט דעם געדיכטן וואלד...

איר האָט זיך צעשמייכלט (איר האָט א שיינעם שמייכל, נו, עפּשער ניט אזוי שיין, ווי מילד. א קאפּעלע א שעמעוודיקער, ניט קיין זיכערער, מיט קימאט צונויפגעפּרעסטע ליפּן — א בלייכער שאָטן פון א שמייכל) און געזאָגט:

— איר גייט דאָך אָבער...

דערנאָך האָט איר צוגעגעבן שוין מיט מײַן טאָן:

— וועל איך, הייסט עס, אײַך פארפירן אין א פינצטערער אליי...

נאָר דאָס איז פאָרגעקומען שפּעטער.

צוערשט האָבן מיר געהאלטן אין איין בארימען זיך איינס פארן אנדערן, געלויבט אין טאָג ארײַן, עמעס ניט זיך, — אונדזערע לעבנס-באגלייטער. איר — אײַער מאן, איך — מײַן פרוי. פאר אײַך איז דאָס געוועזן ווי א פּאנצער: מײַן מאן איז א גוטער, איך האָב אים ליב. אזוי אז איר זאָלט אפילע ניט...

אזוי גאָר? איז גוט. ביטע. צי ווייסט איר אָבער, וואָס פאר א פרוי איך פארמאָג? א גאָלד. א טײַערע נעשאָמע! מיט איין וואָרט, — א טרוים!

איר האָט ניט געהערט, וואָס איך רעד, ווײַל איר האָט געהערט נאָר זיך. איבעריקנס, דאָס, וואָס איר האָט באדארפט, האָט איר יאָ געהערט, אפילע פארגעדענקט.

— מײַן מאקס איז זייער א דעליקאטער מענטש. אגעוו, פלעגט ער ניט באנוצן אזעלכע... אזעלכע אויסדרוקן...

— „א גאָלד", „א טרוים". יאָ?

איר האָט פאָרגעזעצט צו לויבן אײַער ליבהארציקן מאקסן. מיר איז נימעס געוואָרן די דאָזיקע פּאטעקע. כ'האָב אײַך איבערגעשלאָגן.

— פארוואָס האָט איר געזאָגט: „פלעגט ער ניט באנוצן"?

— וויאזוי דען האָב איך געדארפט זאָגן?

— „ער באנוצט ניט".

— כ'האָב דען געזאָגט „פלעגט ער ניט באנוצן"?

— יאָ. גרײַלעך אזוי האָט איר זיך אויסגעדריקט.

איר האָט א צוק געטאָן מיט די אקסלען:

— נו... עפּשער האָב איך געהאט א טאָעס... אָבער וואָס גייט עס אײַך אָן?

— גאָרניט. גלאַט אַזוי.

דערנאָך האָב איך צוגעגעבן:

— דעם עמעס. דעם ריינעם עמעס.

נאָר אויך דאָס האָט איר ווי פאַרהערט.

— ...מײַן באָבע האָט ליב געהאַט מאַקסן. איך געדענק ווי הײַנט — ער האָט דעמלט ערשט אָנגעהויבן אוכאַזשעווען נאָך מיר, — פלעגט ער זיך אַרײַנכאַפּן צו אונדז, אַנידערזעצן זיך אַף א נידעריק בענקעלע אין קיך, העלפן דער באָבען שיילן קאַרטאָפל און געבן איר צו פאַרשטיין דעם כּילעק צווישן פעאָדאַליזם און קאַפּיטאַליזם. די באָבע שאָקלט צו מיטן קאָפּ, שעפּט נאַכעס, נאָר וואַרפט אים בעשאַסמײַסע פּאָר, וואָס בא אים באַקומט זיך גראָבע שאָלעכץ, אין קאַרטאָפל קאָסט אַצינד טײַער אַפן מאַרק...

האָב איך אײַך ווידער איבערגעשלאָגן:

— פאַרוואָס האָט איר געזאָגט: „האָט ליב געהאַט"?

— וויאַזוי דען האָב איך געדאַרפט זאָגן?

— „האָט ליב".

— נאָר די באָבע איז דאָך שוין געשטאָרבן.

קלאָר. כ'האָב דערלאָזט א פעלער. כ'האָב אָבער אַזאַ מעשוגענעם כאַראַקטער, אַז דאַפקע אין אַזאַ פאַל ווער איך באַזונדערס צעיאָצט.

— יאָ־יאָ. וואָס דען! אַן עמעסע קאַרטאָפל־אידיליע!.. נו, און ווי געפעלט אײַך דאָס „אוכאַזשעווען"? אַן אַנטיק! שוין זשע ווייסט איר ניט, אַז דאָס דאָזיקע וואָרט איז שוין לאַנג אַרויס אין טיראַזש, ווי, אַשטייגער, „פּאַקן"?

איך האָב זיך געהיצט, און איר זײַט געזעסן מיט פאַרלייגטע אויערן. קיין סימען פון פאַרדראָס. איר האָט, ווײַזט אויס, זיך אָנגעשטעקט מיט איידלקײַט פון אײַער היוכמוטיקן מאַקסן...

— יאָ. די באָבע איז געשטאָרבן. ס'איז פאַר מיר געווען א שרעקלעכער בראָך. כאָטש איר, האָב איך דאָך קיינעם ניט געהאַט. און זי האָט מיר אַמאָל דאָס לעבן געראַטעוועט...

אָ, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש! איך שלאָג איבער און פרעג:

— געראַטעוועט? ווען? בא וועלכע אומשטענדן?

איר ענטפערט מיר אָבער ניט. ווײַזט זיך מיר אויס, אַז איר רעדט גאָר פון שלאָף.

— ...כ'ווייס ניט, וואָס מיט מיר וואָלט געשען, ווען מאַקס זאָל ניט געווען זײַן דערנעבן. איך בין געלעגן ווי א שטיין. קיין טרערעלע. האָט מיר מאַקס געזאָגט: „לאָמיר גיין צו דער באָבעשי, וועסטו זיך אויסוויינען אַף איר קייווער". דאָס וואָרט „קייווער" האָט ער אַרויסגערעדט קוים וואָס מע האָט געהערט. האָט זיך עס באַקומען ווייך, גלײַך ווי ער וואָלט געזאָגט: „לאָמיר גיין צו דער באָבעשי אין קיך..."

אָ! הייסט עס, אַז איר האָט ליב, ווען מע רעדט שיין... אַלעמאָל אַנטדעק איך בא אײַך א נײַע צילבערט פאַר מײַנע נאַרישע אָנפאַלן. און פאַר מײַן אופריכטיקער אַנציקונג.

נו, גוט. ס'איז זייער רירנדיק. אָבער וואָס פאַר א טראַגעדיע איז דאָס? האַלעוויי וואָלטן געשטאָרבן נאָר באָבעס און זיידעס.

— מײַן באָבע איז געווען ניט בלויז א באָבע, — האָט איר שטיל געזאָגט. איך האָב עס דערהערט, נאָר געמאַכט זיך ניט הערנדיק און אָקשאָנעסדיק פאַרגעזעצט מײַנס.

— מײַן טאַטע האָט מיר דערציילט, וויאַזוי ס'איז געשטאָרבן זײַנער א פראָנט־כאַווער, ער איז געווען נאָך זייער יונג, אויסגעזען ווי א שילער פון אַכטן קלאַס, וועלכער האָט אָנגעפרענדעט אַף זיך א שינעלכל צוליב א מאַסקאַראַד. מיט האַמעטנע הענט האָט ער געשטופּט די אַרויסגעפאַלענע געדערים צוריק אין בויך אַרײַן, און די אויגן זײַנען פול געווען מיט קינדערשן גרויל. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן וויפל ווייטעק, וויפל שוידער און אַנגסט איז געווען אין זײַנע שטאַרבנדיקע אויגן!..

איר האָט מיך מאַמעש געפּלעפט מיט אײַער פראַגע:

— וואָס זײַט איר אַזוי בייז?

דאָס איז געווען פאַר מיר אומדערוואַרט. כ'האָב געמיינט, אַז איר וועט פאָרזעצן אײַער ליבעגעזאַנג מאַקסן. אויב עס וואָלט טאַקע אַזוי געטראָפן, האָב איך פאַרפריִער צוגעגרייט אַן אַנטשלאָסענעם אויסרוף:

— גענוג! איצטער איז מײַן ריי!

אַף קאַפּאָרעס האָב איך אים אַצינד געדאַרפט, דעם דאָזיקן אויסרוף. ער איז אָבער שוין געווען צוגעגרייט. מאַשינעל האָט ער זיך געריסן אַרויסגערעדט צו ווערן. און איך, ווידער, האָב געדאַרפט זוכן א טערעץ אַף דער קאַשע, פאַרוואָס איך בין אַזוי בייז. נו, אײַנ-

דערעמעסן טאַקע, פֿאַרוואָס? שוין אָפּגערעדט אײַך, — זיך אַליין וואָלט איך דערוף ניט געקאָנט ענטפֿערן. דאָס איינציקע, וואָס כ'וואָלט געדאַרפֿט מוידע זײַן אָפֿן און אופֿריכטיק: אויב איך בין טאַקע בייז, איז צום אַלעם ערשטן אויף זיך אַליין. כ'האָב פּלוצעם דערשפּירט, אַז דער ווייכער שעמעוודיקער מאַקס איז אַ סאַך שטאַרקער פֿון מיר, פֿון דעם געניטן, אַזעסדיקן און אײַנגעשפּאַרטן אַזימיטשן... דאָך האָב איך פֿאַרגעזעצט דעם לעפּישן געמיש פֿון לייצאַנעס און איראָניע:

— זײַט וויסן, טײַערינקע, אַז מײַן נינעל איז ביז גאָר אַ ווירדיק ווײַב און דערצו נאָך אַן אויסגעצייכנטע מוטער. יאָ־יאָ, פֿאַינע זינאָוויעוונע, זײַענדיק אין די הויכע כאַדאָ־שים, האָט זי אָפּגערוט אינעם דאָרף, פֿונוואַנען עס שטאַמט איר מוטער און מײַן שוויגער. אין אַ בריוו צו איר מוטער און מײַן שוויגער, וואָס איז געבליבן אין שטאָט מיט מיר, האָט זי געפֿרעגט, וויפֿל ווינדעלעך, וויקעלעך און אַנדערע בעגאַדימלעך דאַרף זי צוגרייטן. די שוויגער האָט געלייענט דעם בריוו און געוויינט דערבײַ. דאָס האָט מיך ביז גאָר פֿאַרכי־דעשט. וואָרעם איך מוז אײַך צוטרויִלעך זאָגן, אַז נינעלס מוטער צייכנט זיך ניט אויס מיט קיין באַזונדערער פֿילבאַרקײַט. פֿרעג איך זי: „וואָס איז מיט אײַך, אַנטאָנינע גרי־גאָריעוונע?" צעכליפּעט זי זיך נאָך העכער. „מע מעג דען, — זאָגט זי, — פֿאַרפֿריִער אָנגרייטן ווינדעלעך? סע זאָל נאָך, כאַלילע, ניט פֿאַרשאַטן דעם אייפּעלע..."

עפּשער וואָלט שוין געווען גענוג, האַ, אַזימיטש? איז ניין. פֿאָרסט ווײַטער: — ...וואָדען! אַ גוטהאַרציקע שוויגער! ווייך, ווי אַ האָניק־טייגל... און איך ווייס דאָך גוט, פֿאַרוואָס זי האָט זיך פֿאַרגאָסן מיט טרערן. פֿאָשעט און פּראָסט. ניט געוואָלט ווערן אַ באָבע. זיך יונג געהאַלטן...

איך האָב זיך געקרימט, און איר האָט געשוויגן. אַ דאַנק אײַך, מײַן טײַערע. כ'וועל עס קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן...

נינעל, ווידער, האָט ווירקלעך זיך איבערגעאַנדערשט. מיט שטילן שטאָלץ געטראָגן איר גרויסן בויך. דאָס געזיכט איז רויִק. אָפֿענע מילדע אויגן, נאַטירלעכע, אָן קאָלערלײַ שאָטנס, שטריכן און אַנדער גרים. אויף די ליפּן — אַ שמייכל, אַ סוידעספּולער, ווי אין זיך געוווּנדט, אָדער ווי זי וואָלט שוין צו איר קינפּטיק אייפּעלע געשמייכלט...

האָט איר אַ פֿרעג געטאָן, פּונקט ווי איר וואָלט נאָכאַמאָל געוואָרן מײַן ווידערקאָל:

— פֿאַרוואָס „זיך איבערגעאַנדערשט"? הייסט עס, אַז נינעל איז פֿריִער געווען אַן אַנדער מענטש, ניט אַזוי?

אויף אָט דער פֿראַגע וועל איך אײַך ענטפֿערן נאָכדעם. כ'וועל נאָך באַווײַזן... דער זייגער שלאָגט ווידער? איז וואָס? ער שלאָגט יעדער פֿערטל שעה. און מיר פֿאַרמאָגן נאָך קימאַט זעקס שעה. זעקס שעה! אַ פֿערטל מעסלעס. פֿאַר די דאָזיקע זעקס שעה וועט דער זייגער שלאָגן... וויפֿל מאָל? לאָמיר מאַכן אַ כעזשבן און פֿאַרגעסן, אַז איר האָט מיר גע־וואָלט פֿאַרגעבן נאָך אַ צווייטע פֿראַגע. הייסט עס, פֿאַר דער ערשטער שעה וועט דער זייגער שלאָגן עלף מאָל, ניט אַזוי? איינס פּליוס צוויי פּליוס דרײַ פּליוס פֿיר פּליוס איינס. פֿאַר דער צווייטער שעה — צוועלף. פֿאַר דער דריטער — דרײַצן. און אַזוי ווײַטער. אַזוי־אַרום באַקומט זיך, אַז פֿאַר די זעקס שעה... וויפֿל באַקומט זיך? וואָס שווײַגט איר? העלפֿט מיר באַרעכענען. עלף פּליוס צוועלף איז דרײַ און צוואַנציק. דרײַ און צוואַנציק פּליוס... אײַער צווייטע פֿראַגע, אַזאַ פֿאָשעטע, אַזאַ נאַיִווע...

כ'מיין אָבער, אַז זי איז אַ קאַפּעלע זיסלעך. זי שמעקט מיט מאָראַל. איך, ווידער, סטאַרע זיך מיט אַלע קויכעס אויסזען אין אײַערע אויגן ווי אַן אומפֿאַרשעמטער ציניקער. צוליב וואָס? כ'ווייס ניט. איך ווייס ווירקלעך ניט. איך מוז נאָך אַ קלער טאָן וועגן דעם... דערפֿאַר אָבער האָב איך פּינקטלעך אונטערגערעכנט: איין און אַכציק מאָל. יאָ, אונדזער צײַט וועט צעשפּליטערט ווערן דורך די אוראַלטע קוראַנטן אויף דעם דאָזיקן טורעם אויף איין און אַכציק שטיקער...

גראָד דעמלט זײַנען מיר דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ דעם ראָטהויז. מיט פֿאַרטײַטער ער־פֿורכט האָבן מיר זיך צוגעהערט צו דער שטילקײַט, צוגעקוקט זיך צו די באַנאַכטיקע שאָטנס. פֿון ביידע זײַטן פֿון דער אײַן טונקלקײַט פֿאַרהוילענער געבײַדע — צוויי גע־שטערן, און אין יעדן געשטערן — פֿינף אַלטערטימלעכע לאַמטערנס. סטאַטועס פֿון אַלט־גריכישע געטער און געטנס. עטוואָס ווײַטער — אַ קלויסטער. אָבער ניט יענער, גאָטישער, שפּיציקער, וואָס איז ענלעך אויף אַ מיטלאַלטערלעכער ראַקעטע, נאָר אַן אַנדערער, עפּשער אַפֿילע אַ מער כשיוועסדיקער, ייִכעסדיקער. פֿון אַלע זײַטן רינגלען אים אַרום און באַוואַכן שטיינערנע הייליקע. שמאָל־פּענעמדיקע, מיט שטויב פֿון דוירעס באַדעקטע, זײַנען זיי געשטאַנען אָדער געזעסן מיט ציילעמס אין די הענט און צעעפֿנטע ספֿאָרים מיט פֿאַרגלי־

ווערטע בלעטער, וואָס האָבן זיך קיין איין מאָל ניט א בלעטער געטאָן, ווען א פאַרשײַט ווינטל זאָל ניט געווען דורכפליִען איבער זייער שטיינערנער פאַרשטאַרטקײַט, זײַנען זיי געשטאַנען אַדער געזעסן מיט צעשפּרייטע בענטשנדיקע דלאָניעס. איר האָט געגאַפּט אַף זיי אזוי דורכדרינגלעך, אז כ׳בין געוואָרן אייפערזיכטיק צו זיי. כ׳האָב אײַך גענומען ווי אן אײַנגעשפּאַרט מיידעלע פאַר דער האַנט און אוועקגעשלעפּט אין אן אוראַלט, שמאָל, פינצטער, זיבנהונדערטיאָריק געסל, ווו דער הימל האָט אויסגעזען טינקלער און די שיטערע שטערן האָבן געשײַנט העלער. דער מעכטיקער אָטעם פון דער אײַנגעשלאָפענער שטאָט האָט זיך אהער דערטראָגן פאַרדומפּט, און די נאַכט-שטילקײַט איז געווען דאָ נאָך שטילער. און פּלוצעם האָט זיך דערהערט הויך און הייזעריק: „מיכאַלינאַ! מי-כאַ-לי-נאַ!..“ אזא אַנשיקעניש! כ׳וואָלט בעסער אײַך מעכאַבעד געווען מיט א סערענאַדע און גיטאַרע-קלאַנגען. דאָס וואָלט מער געפּאַסט אי אײַך, אי דער פאַרצויבערטער נאַכט. נאָר בין איך דען שולדיק, וואָס עפּעס א שיקורניק האָט איבערגעריסן דעם פאָדעם פון צויבער? ער איז געשטאַנען ניט גאָר פעסט אַף די פיס, דעם קאָפּ פאַריסן צו עפּעס א געקינצלט פענצטער און צעפילדערט זיך איבער דער גאָרער שטילער וועלט: „מי-כאַ-לי-נאַ! מי-כאַ-לי-נאַ! איך זוך דיך גאַנצע צוואַנציק יאָר, און דו זוי-נע פאַס-קוד-נע באַהאַלטסט זיך אויס פון מיר...“

איר זײַט מיטאַמאָל ווי מיט עפּעס געפּלעפט געוואָרן. די קינדערשע היספּײַלעס האָט זיך אויסגעדעמפּט. איבער אײַער פאַר איין ווײַלע פאַרגרויט, פאַרעלטערט געוואָרן פּאָנעם איז דורך א ווייטעק-קראַמף.

צוואַנציק יאָר? ווייניק. איך וואָלט געצוווּנגען דעם דאָזיקן שיקער בלאָנקען איבער דער וועלט און זוכן זײַן מיכאַלינע הונדערטער יאָרן, אויב ער וואָגט צו פאַרשוועכן די לופט פון דער דאָזיקער אוראַלטער הערלעכער שטאָט מיט זײַן שיקערן אָטעם און קאַצן-מוזיק... כ׳האָב אײַך אזוי לאַנג געטרייסט און באַרויקט, ביז וואַנען דער ווייטעק איז ווי צעשוווּמען געוואָרן און פאַרבאַהאַלטן זיך אין די גריבעלעך אַף אײַערע באַקן, און איר האָט מיר פאַרגעבן יענע פראַגע, די צווייטע:

— צי וואָלט איר נאָך געקאָנט זיך איבעראַנדערשן?

— ס׳הייסט, וויאַזוי?

— אשטייגער, ווי אײַער נינעל.

נינעל? זי האָט זיך דאָך געגרייט ווערן א מוטער. שוין זשע פאַרשטייט איר ניט? ס׳איז דאָך א וווּנדערבאַרער שעפערישער אַקט! ווען מע וואָלט אויסגעקליבן דעם גאָט דעמאָקראַטיש, דורך געהיימער אָפּשטימונג, וואָלט מײַן קאַנדידאַטור געווען א פרוי...

כיטרעוועט ניט, וויקטאָר פּעטראָוויטש, און פּרווט זיך ניט אַרויסדרייען פון א די-רעקטן ענטפער. צי דען איז גרייטן זיך ווערן א פאָטער ניט קיין גענוגנדיקע סיבע צוליב... נו, גוט. שלאָגט מיך ניט איבער, אַזימיטש. כ׳ווייס, מע קאָן ניט פאַרגלײַכן. א פאָטער זיפצט נאָר מיטפילנדיק, און די געבורט-ווייען פאַלן אויס דער מוטער...

אָבער עס קאָן זיך מאַכן... עפשער, ווי מאַקס?

— אזוי גאָר! הייסט עס, אז ער, אײַער טײַערינקער מאַקס, האָט זיך אויך אי-בער-גע-אַנ-דערשט, האַ? אויב אזוי... דערלויבט מיר, טײַערע... ס׳הייסט, זײַט מויכל, כ׳וועל זיך אויסדריקן ספּאָרטסמעניש: דערלויבט מיר, הייסט עס, אָפּפּוטבאַלעווען אײַך צוריק אײַער ערשטע פראַגע. קומט אויס, אז מאַקס איז אויך געווען אן אַנדערער, ביז ער האָט גענומען זיך איבעראַנדערשן, ניט אזוי? און ביכלאַל וואָס איז דאָס פאַר אן איבעראַנדערשן זיך? שוין זשע גלייבט איר אין דעם?

ניט וואַרטנדיק אַף קיין ענטפער, האָב איך זיך א קער געטאָן און אוועקגעלאָפן. איר האָט זיך איבערגעשראָקן.

— וווּהין?

כ׳האָב א געשריי געטאָן:

— ערגערט זיך ניט, טײַערע, וואַרט צו א ווײַלע. ער איז מיר דערווידער אָט דער טיפּ.

דער שיקורניק האָט ברייט צעעפנט זײַנע אָרעמס. ער האָט עפשער געמיינט, דער זויפער, אז כ׳בין מיכאַלינעס שאָליעד. איך האָב ניט געענטפערט אַף זײַן שיקערער פרײַנטלעכקײַט. ער האָט זיך אָבער ניט באַליידיקט אַף מיר, ווײַל כ׳האָב זיך גענומען אים אונטערזינגען: „מי-כאַ-לי-נאַ! מי-כאַ-לי-נאַ! איך זוך דיך שוין צוויי הונדערט יאָר, און דו... באַשערטע מײַנע, געגאַרטע, באַהאַלטסט זיך אויס פון מיר...“

דערנאָך האָב איך זיך אומגעקערט צו אײַך און געזאָגט:

— איר ווייסט... מיר ווײַזט זיך גאָר אויס, אז איר לויבט אײַער מאַקסן מיט עפּעס א פאַרביטערטקײַט...

2

— איר האָט אים ליב געהאַט?
— ער איז אַזאַ ווילער...
— איך פרעג אײַך: איר האָט אים ליב? יאָ? ניין? ענטפערט קורץ און גענוי.
— וואָס איז דאָס פאַר אַ טאָן!
— אַנטשולדיקט.

דורך די טונקעלע בלעטער האָט דער הימל אויסגעזען געשטוקעוועט. שפּליטערס פון צײַט. שערבלעך פון רוים... און טראַנטעס — קלערעניש.

פאַרוואָס גייט עס אים אין לעבן צו דערוויסן, אַז אָט די פרוי האָט ניט ליב געהאַט איר מאַקסן? וואָס פאַר אַ נאָפּקעמעניש איז אים! עמעס? האַלבער עמעס? איליוזיע? וואָס גייט עס אים אָן! אין עטלעכע שאָ אַרום וועלן זיי זיך פאַנאַנדערפאָרן, פאַנאַנדערגיין ווי שיפן אין יאַם — און אויס!

— אַנטשולדיקט, — האָט אַזימיטש ווידער איבערגעבעטן, — לאָמיר בעסער ריידן פון פרייליכערע זאַכן. אָדער לאָמיר זיך דורכשפּאַצירן. איר ציטערט. עפּשער פון קעלט?

פאַינע זינאָוויעוונע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: ניין.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, איר בליק האָט זיך אַ גליטש געטאָן איבער די שאָטנס פון די געדיכטע ביימער-קרוינען, וואָס האָבן זיך געשפּרייט איבער דער ערד. פון דער קאַלטער פינצטערניש, וועלכע האָט אַרומגערינגלט זייער ליכטיקן מיקלעט, ווי אַן אומדורכדרינגלעכע וואַנט, האָבן זיך צײַטנווײַז דערטראָגן פּלוצעמדיקע ווינט-געווירבלען. דעמלט פלעגן זיך די שאָטנס וואָרפן אין אַלע זײַטן, ווי צעפלאַכטע פייגל. מאַכמעס דעם האָט די ערד אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך געוויגט, און די באַנק, אויף וועלכער זיי זײַנען געזעסן, — ווי אַ הוידעלקע.

— ניט פון קע-עלט, ניי-יין... — האָט זי אַרויסגערעדט שטילערהייט, צעציטערנדיק די ווערטער און די זילבן, אַליין נאָך ניט וויסנדיק, וואָס פאַר אַ וואָרט עס וועט איר קומען אויף דער צונג. — ס'איז גיכער פון עפּעס... עפּעס אַן אומבאַגרײַפלעכער שרעק...

—-וואָס האָט איר מוירע?

די אויגן גלעטן איר פּאָנעם, באַרויִקן מיט פינקלענדיקע שמייכלענדיקע שוואַרצאַפּלען:

— פאַר וועמען האָט איר מוירע? פאַר מיר?

— ניין, — האָט פאַינע האַסטיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — ניין, פאַר אײַך האָב איך שוין ניט מוירע. כ'הייב שוין אָן זיך צוגעוווינען צו אײַך.

— איז פאַר וועמען?

די פרוי האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— כ'ווייס אַליין ניט.

אויב זי אַליין ווייסט ניט, איז פונוואַנען קאָן ער, אַזימיטש, וויסן?

עפּעס אויף אַ ווײַלע האָבן בײַ אים אין מוייעך זיך פּלוצעם אָנגעצונדן די שוין פאַר-געסענע פאַרלאָשענע ווערטער: „אַ שווידערלעכער געביל פון בייזע וואָלפהינט, געמישט מיט שרעקלעכע יעלאָלעס און געשרייען פון מענטשן... פון פרויען און קינדער...”, און ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דער פּאַכעד ליגט בײַ איר פאַרבאַהאַלטן ערגעץ אינווייניק פון דער קינדהײַט אָן. ער האָט אָבער האַסטיק אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן געדאַנק, ווי נאָר זי האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— עס דאַרף עפּעס געשען... ווײַל... ווײַל ס'איז מיר איצט אַזוי גוט...

אַזימיטש האָט גענומען איר האַנט אין זײַנער, שווײַגנדיק זי אַ גלעט געטאָן און צוגע-טוליעט צו זײַנע ליפּן.

פאַינע האָט ווייך באַפרײַט איר האַנט.

— מע דאַרף ניט. לאָמיר זיצן ווי פרעמדע.
— פרעמדע... פרעמדע...

ער האָט צוויי מאָל איבערגעבעטן דאָס דאָזיקע פריקרע וואָרט.

פאַינע האָט געזאָגט:

— נו, גוט. זאָל זײַן ווי אומבאַקאַנטע. ס'איז דאָך ווירקלעך אַזוי. וויפל זײַנען מיר שוין באַקאַנט?

— הונדערט יאָר.
— און אויב פּינקטלעכער?
— צוויי שאָ זיבן און פערציק מינוט נײַן און פופציק סעקונדעס.

— זייער א קורצע אייביקייט...
— עפשער פארקערט, זייער לאנגדויערנדיקע סעקונדעס.
— דער זייגער שלאָגט ווידער...
— ער שלאָגט יעדער פערטל שאָ... צי מעג איך אייך פארגעבן א פראגע?
— אויב וועגן דעם זעלבן, איז בעסער דארף מען ניט. גלייכער דערציילט עפּעס. און איך וועל א דרעמל טאָן.
— זייער פיין!
ביידע האָבן זיך צעלאכט.
— כ'האָב, דאכט זיך, געזאָגט עפּעס א נארישקייט. נו, באַליידיקט זיך ניט. מע דארף ניט. מיר דוכט, אז איך שלאָף שוין אַף האלב. עס קאָן זיין, אז כ'האָב עס געזאָגט ניט אייך, נאָר דעם, וועמען כ'האָב געזען אין כאָלעם...
— אוואדע מאקסן.
— יאָ. מאקסן...
— ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פונעם בעסוילעם אהיים, האָב איך נאָך אַלץ געוויינט. איך האָב זיך אָן קויכעס אראָפּגעלאָזט אַפן טאָפּטשאַן. מאקס האָט מיר דערלאנגט א קישעלע, כ'האָב זיך צוגעלייגט. ער האָט צוגערוקט א בענקל, צוגעזעצט זיך און געזאָגט:
— וויסטו וואָס, פאניעטשקע. כ'וועל דיר דערציילן א מייסע וועגן א צוקינפטיקער שטוב, וואָס וועט זיין גרויס ווי א שטאָט, מיט פינף הונדערט שטאָקן און פופציק טויזנט איינוווינער, און דו פּרווו אנשלאָפן ווערן.
איך האָב א גלעט געטאָן זיין האנט און בין טייקעף אנדרעמלט געוואָרן.
— און מאקס איז אַלץ געזעסן?
— יאָ. ווען איך האָב זיך אופגעכאפּט, אופגעעפנט די אויגן, איז ער נאָך אַלץ געזעסן.
— אייער מאקס איז ניט קיין לעקיש?
פאַינע — אופגעבראכט:
— ניין, ער איז ניט קיין לעקיש. ער איז זייער אַן אַנגעלייענטער און אַן אנטוויקלטער.
דערנאָך צוגעגעבן:
— אָט זיצט איר דאָך אויך.
— איר שלאָפט אָבער ניט.
— און ווען איך וואָלט אנשלאָפן געוואָרן, וואָלט איר דען אוועקגעגאנגען?
— וואָס הייסט אוועקגעגאנגען? פארקערט, כ'וואָלט זיך צוגערוקט נעענטער צו אייך.
— מאקס האָט זיך ניט צוגערוקט. ער האָט נאָר ניט אראָפּגעלאָזט פון מיר די אויגן קאָלזמאַן כ'האָב געדרעמלט.
— פונוואַנען קאָנט איר דאָס וויסן, אויב איר זייט געשלאָפן?
— כ'וויס. כ'בין זיכער. מע קאָן זען מיט פארמאכטע אויגן.
— ער איז געווען א געדולדיקער, אייער מאקס. ער איז זיינס אויסגעזעסן.
— שטעלט אייך פאָר... מיר האָבן אינגיכן כאַסענע געהאַט.
— און געווען גליקלעך?
— יאָ. און געווען גליקלעך.
— געהאַט צוויי קינדערלעך. א יינגעלע און א מיידעלע.
— ניין. קיין קינדער האָבן מיר ניט געהאַט.
— א שאָד.
— כ'האָב מוירע געהאַט, כ'וועל זיך ניט ספּראַווען מיט זיי.
— פאר אַלץ אַף דער וועלט האָט איר מוירע... — נאָכדעם צוגעגעבן! — און איך האָב א גאנצע כאַפּטע.
— און אויב פּינקטלעכער?
— איינס.
זיי האָבן זיך ווידער צעלאכט. צוערשט — פאַינע, און נאָכדעם — וויקטאָר פּעטראָוויטש.
— איר לאכט געשמאַק, פאַינע זינאָוויעוונע. אַנשטעקנדיק. איז זייט וויסן, טייערינקע, אז עס פּאַסט אייך בעסער לאכן און פרייען זיך, איידער מוירע האָבן און זיפצן.
— כ'וויס. די באָבעשי פּלעגט עס מיר אויך זאָגן. זי איז געווען אַליין א פריילעכע. און עפשער האָט זי זיך א קאַפּעלע געמאַכט פריילעך...
— וואָס הייסט געמאַכט? צוליב וואָס?
— צוליב וועמען...
— צוליב וועמען?

— כ׳מיין, אז צוליב מיר. עפשער קעדיי צו פארטויבן אין מײַן הארצן...
פאַינע זינאָוויעוונע איז אנשוויגן געוואָרן.

— „וואָס פארטויבן?״ — האָט געקלערט אַזימיטש. נאָר ניט געפרעגט. אז זי זאָגט אליין ניט...

און ווידער זײַנען אופגעשווומען יענע ביטערע ווערטער, און ער האָט שטיל, ווי צו זיך אליין, ארויסגערעדט:

— כ׳פארשטיי... צו פארטויבן דעם געמיש פון געביל און געיאָמער...

ווי אַפּטרייסלענדיק פון זיך די שווערע געדאנקען, האָט פאַינע האסטיק זיך אופגעהויבן פונעם אָרט אין האָפערדיק געזאָגט:

— מאקס האָט ליב געהאט די באָבע. ער פלעגט איר גערן העלפן אין דער באלעבא-טישקײַט. אפילע קארטאָפל שיילן.

אַזימיטש האָט זיך דערפרייט. ער האָט געפרוווט העלפן דער פרוי זיך ארויסרײַסן פון די גרויזאמע אָרעמס פון עפּעס א גרויליקער זוגג. ער האָט אויסגעשריִען:

— וואָס דען! מאקס האָט זיך געסטארעט געפעלן ווערן דער באָבען צוליבן איינִיקל. ניט אזוי?

— זי האָט געוואָלט מיך וואָס גיכער כאסענע מאכן. עפשער האָט זי געהאט עפּעס א פאָרגעפיל...

— פון וואָס?

— פון טויט... און זי האָט טאקע ניט דערלעבט. די כאסענע האָט מען געפּראוועט שוין אָן איר.

— איר האָט זי פארגעדענקט?

— וועמען? די באָבע?

— ניין. די כאסענע.

— ווי דורך א געדיכטן נעפּל...

זי האָט א שמייכל געטאָן.

— ווען עס וואָלט פאָרגעקומען א צווייט מאָל, וואָלט איך עפשער פארגעדענקט. און דאָס ערשטע מאָל... כ׳בין געווען שטארק אופגערודערט. געבליבן אין זיקאָרן זײַנען קליינִי-קײַטן. אשטייגער אזא: מיר איז געווען אומבאקוועם כאסמענען זיך אין דער הענטשקע, און כוץ דעם האָב איך מוירע געהאט, זי זאָל ניט פארשמוצט ווערן, זי איז געווען אזא ווײַסינקע, אזא רײנינקע...

— כ׳מיין... אנטשולדיקט, פאַינע זינאָוויעוונע, ס׳איז בלויז מײַן השאָרע... אָט זעט, ווי העפלעך איך בין, איך פּרווו א קאפּעלע צוקעמען מײַן צעשויבערטן כאראקטער, כ׳מיין, עס גייט ניט אין דער הענטשקע, אין וועלכער ס׳איז אײַך געווען אומבאקוועם זיך כאסמע-נען. איר האָט פּאַשעט זיך געקווענקלט. דערפאר זײַט איר געווען אזוי צערודערט. קורץ — איר האָט אים ניט ליב געהאט.

די פרוי האָט א ציטער געטאָן.

— איר זײַט א שרעקלעכער מענטש! וואָס גייט עס אײַך אָן, צי איך האָב אים יאָ ליב געהאט, צי ניין? און צוליב וואָס סטארעט איר זיך דערווײַזן אזוי אײַנגעשפּארט... אײַנגעשפּארט...

— איך בין אים פּאַשעט מעקאַנע.

די פרוי האָט זייער שטיל געזאָגט:

— איר האָט אים ניט וואָס מעקאַנע צו זײַן...

זי האָט געקוקט מיט גרויסע אויגן אין דער פינצטערניש. דערנאָך האָט זי טיף אָפּגעזיפצט („ווי א קינד נאָכן וויינען״ — האָט אַזימיטש צארט א טראכט געטאָן) און דער-קלערט:

— ער איז געווען עלנט... ער האָט געגאַרט צוטוליען זיך צו עמעצן. איינמאָל זאָגט ער מיר: „מע טאָר זיך ניט פארשאפן צופיל פארגעניגן...״ קוק איך אף אים מיט פאַר-וווּנדערונג. זעצט ער פאָר: „מע זאָל ניט פארגעסן...״ פארשטיי איך ווידער ניט, וואָס ער מיינט...

ערשט אין א צײַט, ווען כ׳האָב זיך נעענטער באקאַנט מיט מאקסן, מיט זײַן פאָר-גאנגענהײַט, איז צו מיר דערגאנגען דער זין פון זײַנע ווערטער. זײַן מוטער האָט מוטיק געראנגלט זיך פאר זייערעביידע לעבנס בייס דער עוואקואציע. און אָט איז געקומען דער ליכטיקער טאָג פון זיג. דאָס אויסגעמאטערטע הארץ פון דער מוטער האָט ניט גע-קאָנט אויסהאלטן די כוואַליע פון גליק און פרייד. עס האָט זיך פארכלינעט, ווי נאָר זיי

האָבן זיך אומגעקערט אהיים, און זי האָט דערזען איר שטאָט, איר גאַס, איר... ניין. די שטוב האָט זי ניט דערזען. דער קליינער מאַקס האָט געקוקט אַף דער אומגעלומפּערטער שוואַרצער כורווע און ניט באַמערקט, ווי די מוטער האָט זיך אַנמעכטיק אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד... איז ער פאַרבליבן אַ קיילעכדיקער יאָסעם. דער פאָטער איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע.

אַזימיטש האָט געוואַרט. פאַינע האָט געשוויגן. האָט ער איבערגעכאַזערט:

— אַנטשולדיקט, פאַינע זינאָוויעוונע. איך בין ווירקלעך אַ גראָבער נעפּעש. אויב איר ווילט, וועל איך פאַלן פאַר אייַך אַף די קני, ווי אין די גוטע אַלטע צייַטן, און בעטן אַנטשולדיקונג.

די פרוי האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ. זי האָט געקוקט ערגעץ אין דער פייַכטער כאַש-כעס, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען אָן עפּעס אַזוינס, וואָס איז אינדערעמעסן גאָר קיינמאָל ניט געשען, און געגומען ריידן זייער שטיל און צעצויגן, וואָרט — פּאַוזע — וואָרט, עפּעס אַזוינס, וואָס זי וואָלט דאָס עפּשער ניט געוואָלט אַרויסברענגען.

— בייס דעם כאַסענע-טומל, ווען די מוזיק האָט אָן אופהער געהילכט, און דער אוילעם האָט אָן אופהער געזויפט און געהאַלטן אין איין שרייַען „גאָרקאָ!“, איז די קאַלע פלוצעם פאַרשוווּנדן, שטילערהייט אַרויסגעשאַרט זיך צוזאַמען מיט איר שול-כאַווערטע טאַסיען, אין וועמעס פאָטער זי איז בעסאָד-סוידעס געווען פאַרליבט. זי האָט אומבאַ-דינגט געוואָלט, אַז ער זאָל זייַן אַף איר כאַסענע. און ער איז ניט געקומען. אויב אַזוי, וועט זי אַליין גיין און ברענגען אים אַף דער כאַסענע.

נו, אָט, וויקטאָר פּעטראָוויטש. איר האָט אייַערס געפּויעלט. איך דערצייל אייַך אַלץ, אַלץ. האָט אַבער אין זינען, אַז סע רעדט זיך ניט וועגן, מיר. עס רעדט זיך וועגן אַ מיידל, וואָס הייסט פאַניע.

פאַניע האָט פאַרטרויט טאַסיען, אַז זי איז האָפּענונגסלאָז פאַרליבט אין איר פאָטער.

אַ פלעגמאַטישע לויט דער נאַטור, האָט טאַסיע באַדאַכט דערקלערט, אַז זי קאָן אַזוינס ניט דערלאָזן, איר פאָטער האָט אַ פרוי — איר, טאַסיעס, מוטער.

דערויף האָט פאַניע געענטפערט, אַז זי ווייסט אַליין גאַנץ גוט — ס'איז ניט פּייַן פאַרליבן זיך אין אַ באַווייַבטן מאַנצבל, און ביפּראַט — צעשטערן דאָס פאַמיליע-לעבן פון איר בעסטער כאַווערטע, זי קאָן אָבער גאָרנישט ניט מאַכן מיט זיך.

טאַסיע האָט געהייסן פאַניען אַרויסוואַרפן דאָס מעשוגאַס פון קאָפּ.

פאַניע האָט אומעטיק באַמערקט, אַז פונעם קאָפּ וואָלט זי עס עפּשער נאָך געקאָנט אַרויסוואַרפן, נאָר פונעם האַרצן איז אוממעגלעך.

דעמלט האָט טאַסיע דערקלערט, אַז פאַניע איז אָן אויסגעלאַסן מיידל, און ווען זי וואָלט ניט געווען איר בעסטע כאַווערטע, וואָלט זי איר אַרייַנגעטיילט אַ רעכטע פּאַרציע פּעטש.

פאַניע איז מאַסקים געווען מיט טאַסיעס מיינונג וועגן איר און צוגעגעבן, אַז איר איז גאָרנישט ניט פאַרבליבן, ווי נאָר באַגיין זעלבסטמאָרד.

טאַסיע האָט באַקומען ראַכמאָנעס אַף איר אומגליקלעכער כאַווערטע און אַ פּרווו געטאָן באַטראַכטן די דאָזיקע פראַגע פון אַ צווייטער זייַט, פאַרמינערנדיק אפילע דערבייַ אין אַ געוויסער מאָס די מייַלעס פון איר אייגענעם פאָטער.

— וואָס האָסטו זיך אין אים אַזוי פאַרליאַפּעט? ערשטנס, איז ער צוויי מאָל עלטער פון דיר, ניין, אפילע מער ווי צוויי מאָל...

— זאָל זייַן. אַלציינס האָב איך אים ליב.

— ...צווייטנס, ביסטו אַזאַ שיין מיידל, עפּשער אפילע שענער פון מיר, די יינגלעך שטאַרבן אוועק נאָך דייַנע טריט, און וואָס פאַר אַ יינגלעך! וואָס האָבן די ווערט נאָר די שעוועליורעס זייערע! און מייַן טאַטע... אויב זיך אייַנקוקן, קאָן מען שוין זען בא אים דעם אָנהייב פון אַ פּליך אפן קאָפּ...

— זאָל זייַן. אַלציינס האָב איך אים ליב.

די פלעגמאַטישע טאַסיע האָט פאַרגעזעצט:

— ...דריטנס, אויב דו ווילסט כאַסענע האָבן מיט מייַן טאַטן, מוז ער זיך פריִער געטן מיט מייַן מאַמען. און די מאַמע האָט אַ קראַנק האַרץ, זי וועט עס ניט איבערלעבן...

האָט פאַניע איבערגעכאַזערט צום דריטן מאָל:

— זאָל זייַן. אַלציינס האָב איך אים ליב.

טאַסיע האָט אַ קוק געטאָן אַף פאַניען מיט בייזע אויגן. זי האָט פּאַשעט ניט גע-

גליבט אירע אויערן. די ליבע האָט ניט בלויז אָפּגענומען בא פאַניען דעם סייכל, זי האָט פארשטיינערט איר האַרץ!

וויל טאַסיע א פּאַטש טאָן איר כאַווערטע אין פּאָנעם. צוליב דעם האָט זי איבער־געלייגט די טעקע מיט די ביכער פון דער רעכטער האַנט אין דער לינקער. זי האָט דאָס אָבער דורכגעמאַכט אַזוי פּאַמעלעך, אַז איר צאָרן איז בעשאַסמײַסע אַ קאָפּ קילער גע־וואָרן אָף איין אָדער צווײַ גראַד, ניט מער, אָבער פּונקט אָף אַזויפיל, אַז זי זאָל ווידער קאָנען ווערן באַדאַכט, און טאַקע דעמאָלט איז איר פולקום קלאָר געוואָרן, אַז פאַניע איז טויב געוואָרן פון ליבע, טויב ווי די וואַנט, ניט זי הערט, ניט זי וויל הערן, וואָס טאַסיע רעדט צו איר און דערוויַיזט איר. זי האַלט נאָר אין איין איבערכאַזערן מעכאַניש, ווי אַן אָנגעדרייטע, איינע און די זעלבע פראַזע, וואָס זי האָט מיסטאַמע אויסגעלייענט אין עפּעס א גראָבן ראָמאַן, וואָס פלעגט געוויינלעך ליגן פאַרמאַסקירט אָף דער פּאַרטע אונטער א לערנבוך: „זאָל זײַן. אַלציינס האָב איך אים ליב!"

האָט טאַסיע געמוזט אָנווענדן דעם סאַמע שטאַרקן אַרגומענט:

— ...פּאַרטנס, אויב דו וועסט כאַסענע האָבן מיט מײַן טאַטן, וועסטו ווערן פאַר מיר ניט קיין כאַווערטע, נאָר גאָר א מאַמע...

נאָר פאַניע האָט דאָס פּאַרטע מאָל איבערגעכאַזערט:

— זאָל זײַן!..

טאַסיע בעט זיך בא איר, ווי בא א גאַזלען:

— פאַי̆נע! דו הערסט כאָטש, וואָס איך רעד צו דיר?

— כ'הער.

— איז וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

— אַז בא דײַן טאַטן איז א קראַנק האַרץ... זאָל זײַן! כ'וועל אים היילן. כ'וועל אים קויפן אין אַפּטייק וואַלעריאַן־טראָפּנס. נו, און וואַלידאָל אויך.

טאַסיע קוקט אָף איר כאַווערטע:

— זאָג מיר, פאַניעטשקע, דו ביסט בא אַלע געדאַנקען? ענטפער מיר, אָבער גיך: וויפל וועט זײַן דער קוואַדראַט־וואָרצל פון הונדערט פיר און פערציק?

— צוועלף.

— בא אַלע...

טאַסיע האָט זיך אומבאַהאָלפן אַרומגעקוקט. זי האָט דערזען, ווי אַן אַלטע באָבעשי שטייט א צעמישטע לעם דעם איבערגאַנג. דער סוועטאָפאָר איז שוין עטלעכע מאָל רויט, געל און גרין געוואָרן, און זי האָט נאָך אַלץ זיך ניט אײַנגעשטעלט אַריבערגיין אָף יענער זײַט גאַס.

— אַנו, פאַניע!

זיי זײַנען ביידע צוגעלאָפן צו דער אַלטיטשקער, גענומען זי אונטער די הענט, און אַריבערגעפירט זי, דאַן האָט טאַסיע געזאָגט פאַניען:

— און עפשער וואָלסטו ראַכמאָנעס געהאַט כאָטש אָף דײַן באָבען, זי וועט דאָך...

און ווען פאַניע האָט ווידער איבערגעשלאָגן טאַסיען די רייד מיט איר „זאָל זײַן!", איז איר כאַווערטע ענדלעך אַרויס פון די קיילים, און אומבעראַכמאָנעסדיק באַשלאָסן:

— איז אויב אַזוי, נעם זיך דאָס לעבן!

קומענדיק צו אַזאַ באַשלוס, האָבן זיי גענומען באַטראַכטן, ווי̆אַזוי וואָלט געווען בע־סער צו פאַרווירקלעכן אים.

טאַסיע האָט באַמערקט, אַז ווײַבאַלד פאַניע האָט נישט ניט קיין פּיסטאָלעט, ניט קיין ביקס, און דערטרינקען זיך איז קאַלט, און ניט אָנגענעם, ווײַל קאָלערלײַ פיש און זשאַ־בעס און קרעבסן וועלן קריכן צו דײַן קערפּער מיט זייערע העסלעכע שנויצן און באַשמעקן אים פון אַלע זײַטן, איז פאַרבלײַבט... וואָס פאַרבלײַבט? ניט אויסגערעדט זאָל דאָס זײַן... זיך הענגען? אָ, גאָט מײַנער! ס'איז דאָך עקלהאַפט! ס'איז קיינמאָל אַפילע ניט אויסגע־קומען צו הערן, אַז א פאַרליבטע קאָן זיך שיידן מיטן לעבן אָף אַזאַ העסלעכן אויפן, מיט א פאַרבלאָווט פּאָנעם און... וואָס וועט איר געליבטער פילן, קוקנדיק אָף איר דורך פאַרשפּעטיקטע טרערן אין די אויגן?

פאַניע האָט פאַרגעלייגט זיך וואַרפן אונטער א מאַשין, אָט ווי אַנאַ קאַרענינאַ אונטער א צוג.

טאַסיע האָט נאָכאַמאָל באַמערקט, אַז דאָס איז ניט קיין זיכערער גאַנג. מע קאָן נאָך בלויז צעקאַליעטשעט ווערן...

דאכט זיך, אז דער זייגער האָט ווידער געשלאָגן. נאָך א פערטל שאָ — פופצן מינוט, וואָס וועלן קיינמאָל זיך שוין ניט אומקערן.

וויקטאָר פעטראָוויטש איז געווען אנציקט פון דער פרוי, וואָס איז געזעסן דערנעבן, אָן איידעלע, צארטע פרוי, — קוק מיך אָן און ריר מיך ניט אָן, — מיט גרויסע אומעטיקע אויגן אָף דעם בלייכן געזיכט, מיט א קוים מערקבארן שמייכל אָף די צוניפגעפּרעסטע ליפּן. די אויגן זײַנען אירע, פאַינע זינאָוויעוונעס, און דער שמייכל געהער צו פאניען, דער ווײַטער פאניעטשקען, — דער ליבער, פארטרוימטער פאניעטשקע... עפּעס פון איר האָט נאָך אין זיך פאַינע זינאָוויעוונע. קינדערישקײַט. טמימעסדיקײַט. שטענדיקע גרייטקײַט אײַנ־הילן דאָס ארומיקע לעבן, דאָס פּאָשעטע, וואָכעדיקע לעבן אין א צו נאָבעלן אָדער צו גרויזאמען שלייער.

ווען עס זאָל זײַן געווענדט אין אָזימיטשן, וואָלט ער מיט פארגעניגן אָפּגעשטעלט די ווײַזערס פונעם זייגער און פון דער צײַט. נאָר די צײַט הערט אים ניט. זי פליסט, בלינצלט, שווינדלט, ווי אָפן עקראַן פון א קאליע געוואָרענעם טעלעוויזאָר.

זעט אויס, אז וויקטאָר פעטראָוויטש האָט ניט פינקטלעך אויסגעדריקט זײַנע געדאנקען. פאַינע זינאָוויעוונע האָט אים ניט פארשטאנען. אָדער ניט געהערט. אָדער אנשלאָפן גע־וואָרן.

נאָר אָט הייבט זי זיך אויף:

— לאָמיר זיך דורכשפּאצירן, אניט וועלן מיר נאָך צוגעפרוירן ווערן צו דער באנק.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין. די שאָטנס זייערע האָבן זיך געשארט פאָרויס, ווי אויס־שפּירער.

פון פאָרנט האָט עפּעס א בלישטשע געטאָן.

— ווי אן אראָפּגעפאלן שטערנדל, — האָט אָף א קאָל א קלער געטאָן פאַינע.

— כ׳מיין, ס׳איז פּאָשעט א שטיקל גלאָז, — רופט זיך אָפּ ווידערשפּעניק־נאריש אָזימיטש, און האָט גלײַך כאראָטע געהאט, באמערקנדיק, ווי א קראמף האָט דורכגעשניטן פאַינעס געזיכט.

— איך ווארט אָף א פאָרזעצונג, — האָט ווייך געזאָגט אָזימיטש.

דער ווינט האָט בייז א ברום געטאָן צווישן די ביימער־שפּיצן. פאַינע האָט צוגעוווארט, ביז עס איז שטילער געוואָרן.

— מיר האָבן באשלאָסן...

— ווער זײַנען די „מיר"?

— איך און טאסיע, ס׳הייסט, פאניע און טאסיע.

— איז וואָס האָט איר באשלאָסן?

— אראָפּוואַרפן זיך פון א באלקאָן. מיר האָבן געהאלטן, אז דאָס איז זיכערער, ווי ווארפן זיך אונטער א מאשין. פון פינפטן שטאָק, אשטייגער. דאָס איז מאָמענטאלער טויט.

אָנגענומען אזא באשלוס, האָבן מיר אָגעהויבן באטראכטן אייניקע דעטאלן:

ערשטנס, — ווו?

— פארשטייט זיך, בא מיר, — האָט פאניע געזאָגט. — צוליב וואָס באומרויִקן דײַנע עלטערן? כוץ דעם, וווין איך אָפן פינפטן שטאָק און דו — אָפן פּערטן.

— צווייטנס — ווען?

באנאכט. אוודע באנאכט.

באנאכט וועט קיינער ניט דערזען. אויב כ׳וועל ניט אויסהאלטן און זיך נעמען קלאָגן אָדער קרעכצן, וועט קיינער ניט דערהערן אָדער ניט וועלן דערהערן. עס גלוסט זיך ניט אופשטיין פון ווייכן בעט. כוץ דעם, איז דאָס געפערלעך. מע קאָן נאָך אָנטרעפן אָף א מעסער אָדער אָף א קויל.

ביידע כאווערטעס זײַנען געקומען צו פאַינען אהיים. ס׳איז שוין געווען שפּעט. זיי האָבן געמיינט, אז די באָבע שלאָפט שוין. נאָר די באָבע האָט געוואַרט אָפן אייניקל.

— וואָס ביסטו אזוי בלייך, מיידעלע מײַנס? — האָט זי געפרעגט פאניען.

— באָבעשי, לייג זיך שלאָפן, — האָט פאניע געזאָגט. — און מיר מיט טאסיען וועלן נאָך א ביסל זיצן און מאכן די לימודים.

— אזוי שפּעט?

— מ׳האָט אונדז הײַנט פארגעבן א סאך אופגאבעס.

— יאָ, — האָט טאסיע באשטעטיקט.

די באָבע האָט גענומען בעטן דאָס גערעגער. פאַניע האָט עפּעס געברומט און צו־געזונגען, טאַסיע האָט זיך צוגעהערט און אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אַן אַנגעדרייטע ליאַלקע.

„מיר האָט זיך געכאָלעמט — אַ זון שײַנט באַנאַכט, אַ ריזיקע זון. פאַרשווּנדן איז ערגעץ דער כווישעך... ליכטיק געוואָרן אַרום, ווי באַטאָג... מיר האָט זיך געכאָלעמט — מיט כמאַרעס באַדעקט אַ לעוואָנע באַטאָג אויפֿן הימל... ניט ווערן וועט אָבער פֿון טאָג נאַכט..."

— פאַינע זינאָוויעוונע, פאַניטשקע, פאַרקישעפּטע מײַנע, און איר האָט דאָס אַלץ פאַרגעדענקט...

די פֿרוי האָט אַ ציטער געטאָן.

— איר האָט עפּעס געזאָגט?

— איך האָב אײַך אופגעוועקט?

— וועקט מיך ניט, כ׳בעט אײַך. אויב איר ווילט — הערט. אויב איר ווילט ניט — שווײַגט. טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש. איך דערצייל דאָס אַלץ זיך. זיך אַליין, איר פאַר־שטייט?..

ווען די באָבע איז אײַנגעשלאָפֿן, האָט פאַניע אַ ווונק געטאָן צו טאַסיען. זיי האָבן פאַרזיכטיק, די בענקלעך זאָלן ניט אַ סקריפּע טאָן, זיך אופגעהויבן, אויסגעטאָן די שיך און שטיל אַרויס אויפֿן קליינעם באַלקאָן, צו די פּאַרענטשעס פֿון וועלכן ס׳איז געווען צוגע־בונדן מיט דראָט אַ לענגלעכער קעסטל מיט קווייטן.

— איך האָב באַקומען פֿון אים אַ בריוו, — האָט פאַניע סוידעסדיק געזאָגט.

— פֿון וועמען?

— פֿון דײַן טאַטן.

—וואָס פאַנטאַזירסטו!

— איך האָב באַקומען פֿון אים אַ בריוו, — האָט אײַנגעשפּאַרט איבערגעכאַזוערט פאַניע.

— הער נאָר, פאַנקע! צווינג מיך ניט, כ׳זאָל דיך פײַנט באַקומען ערעוו דײַן צע־שיידונג מיטן לעבן. מײַן טאַטע איז ניט אַזאַ מענטש, ווי דו מיינסט.

— אָבער כ׳האָב באַקומען פֿון אים אַ בריוו.

— דו ביסט אַ ליגנערן — אָט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן. כ׳האָב דאָך דיך געפֿרעגט: „האָסט געזאָגט מײַן טאַטן, אַז דו האָסט אים ליב?" וואָס זשע האָסטו געענטפֿערט? „וואָס רעדסטו, כ׳וואָלט געשטאָרבן פֿון בושע". געדענקסט? דו האָסט עס געזאָגט צי ניין?

פאַניע פאַראַקשנט:

— אָבער כ׳האָב באַקומען אַ בריוו.

טאַסיע האָט גוט געוווּסט, אַז אויב פאַניע נעמט זיך אײַנריידן עפּעס עמעצן און זיך אַליין, האָט ניט קיין זין צו אַמפּערן זיך מיט איר. זי הערט אײַך פּאַשעט ניט, האָט זי געמאַכט אַ שווײַג.

— ווייסט וואָס ער שרײַבט? — טרעט פאַניע ניט אָפּ פֿון טאַסיען. — איז הער. „איך בין צוויי מאָל עלטער פֿון דיר. געווען עלטער. איצט האָב איך זיך אויסגעגלײַכט מיט דיר אין די יאָרן. איך בין ייִנגער געוואָרן אויף זיבעצן יאָר, איז מיר איצט נאָר זיבעצן, אַזויפֿיל ווי דיר..."

— נאַרישקײַטן! — האָט טאַסיע ניט אויסגעהאַלטן. — מײַן טאַטע איז אַלט מער ווי פֿיר און דרײַסיק יאָר.

— ניט וויכטיק. הער ווײַטער. „וויאַזוי זשע איז געשען אַזאַ וווּנדער? כ׳ווייס אַליין ניט. אין דײַן אָנווּעזנהײַט הייב איך פּאַשעט אָן ייִנגער ווערן. נאָר אצינד איז דאָס שוין אויך ניט קיין מוז־זאַך, דײַן אָנווּעזנהײַט. כ׳האָב זיך אויסגעלערנט אַרויסרופֿן דײַן גע־שטאַלט. איך דאַרף דערבײַ פאַרמאַכן די אויגן, אַניט וועל איך דיך ניט דערזען. און ווען דו דערשײַנסט פֿאַר מיר אַזאַ לופּטיקע, אַזאַ הערלעכע, ווי אַ טרוים, הערט מײַן רוקן אויף זיך הויקערן..."

— מײַן טאַטע הויקערט זיך אַזוי אויך ניט.

— ניט וויכטיק. „...איך ווער אַפֿילע וווּקסיקער, העכער..."

— מײַן טאַטע איז אַזוי אויך אַ הויכער.

— ניט וויכטיק. „...און פֿון דער הייך, פֿון דער דאָזיקער אפּסנײַ דעראָבערטער הייך, קוק איך אויף דער וועלט און זאָג איר: דו ביסט אַ גוטע, דו ביסט אַ שיינע, דו ביסט אַ ווונדערלעכע, אויב דו האָסט געקאָנט באַשאַפֿן אַזוינס, וואָס הייסט פאַניע, פאַניטשקע..."

איצט האָט טאַסיע געדולדיק אויסגעהערט פאַניען. און איר ווייך האַרץ האָט געטליִעט א פּינק פון האָפענונג: עפּשער וועט איר כאַוורטע אַזוי פאַרכאַפּט ווערן פונעם בריוו, אַז זי וועט פאַרגעסן אַף וואָס זי האָט זיך אַנטשלאָסן.

נאָר פאַניע איז פּלוצעם אַנשוויגן געוואָרן.

מיט א געזעגענונגס-בליק האָט זי באַקוקט די איינשלאָפנדיקע שטאָט.

— ווייסט, פאַרוואָס איך האָב אים ליב? ער האָט א גרויס, א ריין, און איידל האַרץ. ווען אַלע מענטשן פון דער וועלט וואָלטן פאַרמאָגט אַזעלכע האַרצער, וואָלט קיינמאָל ניט געטראָפן אַזאַ שווידער... דו געדענקסט, טאַסיע, איך האָב דיר דאָך דערציילט...

— יאָ. כ׳געדענק. א מוירעדיקער געמיש פון געביל און געיאָמער...

פאַניע האָט זיך פּלוצעם אָנגעבויגן צו טאַסיען, וואָס איז געווען נידעריקער פון איר, און איינגערוימט איר אין אויער:

— דו ווייסט כאָטש, אַז דיין טאַטע איז מיין באָבעס זון...

— דו ביסט פון זינען, פאַניע! — האָט טאַסיע אויסגערופן.

— ש-שאַ... דו וועסט אופוועקן די באָבע.

— וואָס זשע ווילסטו זאָגן, אַז דיין באָבע איז מיין באָבע?

— ס׳איז ניט מיין באָבע.

— וואָס הייסט?

— נאָר זי איז טויזנט מאָל בעסער אפילו פון אן אייגענער באָבע. זי האָט מיך געראַטעוועט פון טויט...

— און געאָרגי וואַסיליעוויטש, דיין טאַטע האָט איר געהאָלפן...

טאַסיע שאָקלט מיטן קאָפּ:

— כ׳ווייס ניט. כ׳קאָן ניט וויסן, צי דאָס, וואָס דו זאָגסט, איז עמעס, צי דו רעדסט גאָר פון היץ... וואָס כ׳ווייס יאָ אַף זיכער — מיין טאַטע איז ניט דיין באָבעס זון.

— כ׳מיין — גייסטיק... נו, און איצטער — גיי אוועק!

טאַסיע קאָן ניט אוועקגיין, זי קאָן ניט איבערלאָזן איר בעסטע כאַוורטע אין אַזאַ צושטאַנד.

— הייבסט ווידער אָן? — האָט פאַניע אָנגעשטעלט אַף איר צוויי גרויע שיינענדיקע און בייזע אויגן.

טאַסיע האָט נאָכגעגעבן. גוט. זאָל זיין אַזוי. נאָר זי, טאַסיע, וויל זיין מיט איר ביזן לעצטן... שוין זשע האָט זי עס ניט פאַרדינט בא איר?

— גוט. נאָר גיי אוועק אין א זייט און שטער מיר ניט. איך נעם זיך געזעגענען מיטן לעבן...

טאַסיע האָט געקוקט אַף פאַניען, ווי אַף א פּאַרקישעפטער.

גלייך ווי זי וואָלט אויסגעפירט עפּעס אן אוראַלטן מינהעג, האָט פאַניע זיך פאַרנייגט אין אַלע פיר זייטן, און יעדעס מאָל שטיל, נאָר דייטלעך אַרויסגערעדט: זיי מיר מויכל, לעבן! זייט מיר מויכל, געאָרגי וואַסיליעוויטש! און דו, מיין געטרייע כאַוורטע, טאַסיע, זיי מיר מויכל! און דו, מיין טייערע באָבעשי-מאַמע! אַלדאָס בעסטע אייך אַלעמען! אַלדאָס גוטס!

דערנאָך האָט זי פאַרהויבן דעם קאָפּ און ווידער זיך פאַרנייגט, געזעגענענדיק זיך מיטן הימל, מיט דער לעוואָנע, מיט די שטערן.

לעסאָף האָט זי זיך פאַרנייגט פאַר דער ערד:

— זיי מיר מויכל, ערד! נעם מיך ליבלעך צו אין דיינע פייכטע אָרעמס...

און דאַ האָט זי זיך אַזוי ביטער צעוויינט, אַז אפילו די מעיושעוועו טאַסיע האָט זיך א וואָרף געטאָן צו איר, צוגעדריקט זי צו איר ברוסט און, קושנדיק איר פייכט פּאָנעם, זיך אויך צעוויינט, און די טרערן פון ביידע כאַוורטעס האָבן זיך אויסגעמישט.

אינגיכן אָבער איז טאַסיע געקומען צו-זיך, אויסגעווישט די טרערן מיטן שול-פאַרטעך און זאַכלעך געפרעגט:

— ווען זאָל איך אָנקלינגען דער „גיכער הילף" איצטער צי דערנאָך?

...און איך האָב געזען זונען. א סאַך זונען. זיי האָבן געפלאַקערט אין הימל. די שטאָט, די גאַנצע שטאָט, איז איינגעהילט געווען אין פלאַמען. די שטיבער האָבן זיך ווי אַף שפּיץ פינגער געהויבן, ציִענדיק זיך צום הימל. זיי האָבן אויסגעזען ווי שטורקאַצן. ווער האָט גע-זאָגט, אַז די ערד איז פייכט? מיט אַזוי פיל זונען? זי ציט מיך מיט אַזאַ קראַפט, אַז איך קאָן זיך מער ניט האַלטן פאַר די פּאַרענטשעס פונעם באַלקאָן. איך האָב שוין ניט קיין קויעך זיך קעגנשטעלן דער ערד. זיי געזונט, טאַסיע! איך שפּרינג!

איך בין שוין אראָפּגעשפרונגען, טאַסיע. ס'איז א ליגן, אז איך האָב זיך פאַרטשעפּעט מיטן קליידל פארן עק פונעם דראָט, וואָס האָט ארויסגעשטארצט פון אונטער דעם קעסטל מיט קווייטן. דאָס האָט טאַסקע אויסגעטראַכט. איך בין אראָפּגעשפרונגען, וויקטאָר פּעטראָוויטש...

— איך גלייב אײַך, מײַן טײַערע. איר זײַטווירקלעך אראָפּגעשפרונגען, נאָר...

— נאָר וויאַזוי בין איך געבליבן לעבן? יאָ?

— יאָ.

איך האָב געהאַט א פּאַראַשוט. א זיכערן פּאַראַשוט. מײַן טרוים. ווען איך האָב א שפרונג געטאָן, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט. און איך האָב געשוועבט אינדערלופטן, אראָפּלאָזנדיק זיך לאַנגזאַם אפן ברוק... איר שמייכלט? איר גלייבט מיר ניט?

— כ'גלייב. כ'גלייב. אין זײַט וויסן, פאַינע זינאָוויעוונע... אָט ווען איר זײַט אזא... אזא... ווילט זיך מעסוקן אײַך א קוש טאָן. צי קאָן איך האָבן א שטיקל האָפענונג, נו, א פּיצעלע... אף אײַער ענטפער-געפיל...

— ניין. איר קאָנט ניט. איך האָב קיינמאָל קיינעם ניט געקושט.

— און מאַקסן אויך ניט?

— מאַקסן אויך ניט.

— איז וואָס האָט איר, צו אלדי רוכעס, געטאָן, ווען אף דער כאַסענע האָבן אלע געשריִען „גאָרקאָ!”?

— זיי האָבן געשריִען, נאָר איך האָב סײַווי אים ניט געקושט. כ'האָב זיך בלויז צוגערירט פון דער גרינג מיט מײַנע ליפּן צו זײַנע.

— איז דערלויבט מיר אײַך א קוש טאָן, ניט האָפנדיק אף גאָרניט.

— גוט. קושט. נאָר ניט אין די ליפּן. און ניט אין פּאָנעם.

מיט א זשעסט פון א קיניגן האָט זי אים אויסגעשטרעקט א האַנט. אָזימיטש האָט זיך צוגעדריקט צו איר מיט די ליפּן.

3

— אלץ האָט אָבער אויסגעזען אנדערש... אנטשולדיקט, וויקטאָר פּעטראָוויטש... וואָס כ'האָב זיך דערלויבט... פריִערן זײַנען טאַקע געווען. נאָר...

— מע דאַרף ניט. זאָל אלץ זײַן אזוי, ווי איר האָט דערציילט. דאָס פּאַסט אײַך בעסער. און מיר איז עס אויך מער צום האַרצן. פאַנקע איז א מאַזיק. זי איז אראָפּגעשפרונגען. דער טרוים האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט, ווי א פּאַראַשוט, און זי אונטערגעכאַפּט. אזוי?

— ניין. ניט אזוי.

צופיל קלעפּ האָב איך באַקומען פונעם לעבן דערפאַר, וואָס איך פאָדער פון דעם צופיל. ס'טוט וויי, ווען עפּעס דערהויבנס ווערט פאַרוואַנדלט אין עפּעס לעכערלעכס. דריקסט צו צו דער ברוסט א קינד, לאָזט זיך אויס, אז ס'איז ניט מער ווי א ליאַלקע פון פּלאַסטמאַסע. טאַסיען איז גרינגער צו לעבן אף דער וועלט.

זי איז געווען זיכער, אז אין דער לעצטער ווײַלע וועל איך זיך אָפּזאָגן פונעם טויט-שפרונג. נאָר מײַן זעלבסטווירדע האָט דאָס ניט געקאָנט דערלאָזן.

טאַסיע האָט זיך איבערגעבויגן איבער די פּאָרענטשעס, געכאַפּט א קוק אראָפּ.

— שרעקלעך?

— זייער... כ'מיין... ס'וועט מיר ניט קלעקן קיין ווילנסקראַפט.

„א-האַ!” — פיל איך, וויל זי זיגעריש א געשריי טאָן, נאָר האַלט זיך אָפּ.

דאָך האָט זי זיך דערלויבט צו באַמערקן, ניט געײַלט, קימאַט אָפּשפּעטעריש:

— וואָס שייַעך ווילנסקראַפט, — ווייס איך ניט. אָבער אז ס'פעלט דיר אין קאָפּ א קלעפּקע, בין איך זיכער.

און ווען איך... ס'הייסט, ווען פאַניע האָט אריבערגעוואָרפן א פוס איבער דער פּאָרענטשע (גלײַך ווי זי וואָלט אריבערגעטראָטן איבער איר אייגענעם ווילן), האָט טאַסיע אויסגעשריִען:

— וואָס טוסטו, מעשוגענע! דו קאָנסט נאָך אפאַנעמעסן אראָפּפאַלן!.. נו, וואַרט צו א ווײַלע. אָט וועל איך א לאָף טאָן און כאַטש אונטערלייגן א מאַטראַץ אפן ברוק.

טאַסיע האָט נעבעך מיט אלע קויכעס זיך געסטאַרעט מיך מאַכן לאַכנדיק. נאָר געלעכטער און אומגליק הויזן ניט. און ווען עס האָט ניט געהאָלפן, איז טאַסיע אוועקגעלאָפן וועקן די באָבע.

און פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ פֿאַרצוויפֿלטער געשריי.
דאָס האָט פֿאַניע געשריִען.
אין איין העמד איז אַפֿן באַלקאָן אַרויסגעלאָפֿן די פֿאַרשלאָפֿענע באָבע. הינטער איר האָט זיך באַהאַלטן די פֿאַרעטערן טאַסקע.
— וואָס איז געשען? — די באָבע האָט אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט. — וווּהין ביסטו עס, דער רוער ווייסט, פֿאַרקראָכן! קאָנסט נאָך, כאָלילע, אַראָפּפֿאַלן און זיך צעגעריקן אַף טויט!
פֿאַניע האָט רויִק געענטפֿערט:
— כ'האָב געוואָלט צורעכט מאַכן דאָס קעסטל, ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון איין זײַט און קאָן נאָך עמעצן אַראָפּפֿאַלן אַפֿן קאָפּ. האָב איך זיך פֿאַרטשעפּעט פֿאַרן דראָט.
— נישקאָשעדיק זיך פֿאַרטשעפּעט! האָסט דאָך אינגאַנצן צעריסן דאָס קליידל. אַנו, מאַרש שלאָפֿן!
די באָבע האָט אַזאַ געגעץ געטאָן, אַז איר שטרענגע בראָדעווקע איז פֿאַרשוווּנדן אין די פֿאַלדן פֿון פּאָנעם און באַלד ווידער אַנשלאָפֿן געוואָרן.
טאַסיע האָט געבראַכט צו טראָגן אַ נאָדל-פֿאָדעם. פֿאַניע האָט אויסגעטאָן דאָס קליידל און זיך גענומען עס פֿאַריכטן.
...די שטאָט-פֿײַערן האָבן זיך פּאַמעלעך אויסגעלאָשן. ס'איז שוין געווען שפּעטע נאַכט.

איצט האָבן זיי זיך דערנעענטערט צו אַן אַלטאַנקע, אַ מין גאָרטן-פּאַוויליאָן. זיבן ליכ-טיקע זײַלן און אַ קופּאָל ווי באַ אַ מעטשעט. דער פּאַוויליאָן האָט אויסגעזען טונקל און כמור-נע, עפּשער ווײַל צווײַגן פֿון די נאָענט שטייענדיקעביימער זײַנען נידעריק אַראָפּגעהאַנגען איבער אים.
פֿאַניע האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט.
— וואָס איז מיט אײַך? — האָט אָזימיטש מיט אומרו געפֿרעגט. — איר זײַט אַזוי בלייך געוואָרן. אַפֿילע די האָר. ווי זיי וואָלטן פּלוצעם גראָו געוואָרן...
זי האָט אַ שמייכל געטאָן מיט צוויפֿגעפּרעסטע ליפּן.
— גאָרניט. ס'איז פּאָשעט פּוך פֿון די טאָפּאָלן.
דערנאָך צוגעגעבן:
— אייב איר האָט ניט קעגן, לאָמיר זיך צוזעצן אין פּאַוויליאָן. כ'בין עפּעס מיד גע-וואָרן.
ווען זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט, האָט וויקטאָר פּעטראָוויטש געפֿרעגט:
— איר האָט פֿאַרהיט דעם בריוו?
— וועלכן בריוו? — האָט די פֿרוי זיך פֿאַרוווּנדערט.
— יענעם בריוו... שוין זשע האָט איר אַזוי גיך פֿאַרגעסן? עפּשער אײַך דערמאָנען? „און ווען דו דערשײַנסט פֿאַר מיר אַזאַ לופֿטיקע, אַזאַ הערלעכע, ווי אַ טרוים..." אַזוי, דאַכט זיך?
— אָ! יאָ. אַזוי. נאָר כ'האָב אים פֿאַרבראַנט.
— אַ שאָד.
— סײַווי געדענק איך אים אַף אויסווייניק.
— איז לייענט מיר אים פֿאָר.
— ער איז לאַנג און...
— עס מאַכט ניט אויס. נו, זאָל זײַן כאָטש אַ טייל.
— „...דו האָסט זיך באַוויזן, און די בלומען, די שוין פֿאַרוועלקטע פֿאַרטריקנטע בלומען האָבן מיטאַמאָל אויפֿגעלעבט, זיך צעבליט, גלײַך ווי צוזאַמען מיט דיר איז אַרײַן צו מיר דורכן פֿענצטער די געטן פֿון פֿרילינג. און עפּשער ביסטו אַליין געווען די געטן..."
— עס געפֿעלט אײַך?
— יאָ. זייער. און אײַך ניט? פֿאַרוואָס שווײַגט איר? עפּשער וועט איר ווידער זאָגן: פֿאַטעקע. אײַך געפֿעלט בעסער דער לעקסיקאָן פֿון מיכאַלינעס שיקערן פֿאַרערער? יאָ?
— נו-נו, ערגערט זיך ניט, פֿאַניעטשקע. כ'האָב אײַך נאָך גאָרניט געזאָגט. לייענט נאָך.
— ניין. כ'וויל ניט.
— וואָס איז מיט אײַך, פֿאַניעטשקע!
— ניט פֿאַניעטשקע, נאָר פֿאַינע זינאָוויעוונע.
— אַנטשולדיקט. אָט וואָס, פֿאַינע זינאָוויעוונע. איך... אַלנפֿאַלס, איך מיין אַזוי, איך בין אײַך נעענטער... כ'האָב אין זינען... נעענטער לויטן גײַסט, ווי איר מיינט. פֿאַר אונדזערע

אויגן, ערגעץ אין אן אומדערגרייכבארער הייך פֿלאַטערט איין און דער זעלבער פֿײַערפֿויגל... זעצט פֿאָר.

— „...דו זעסט, כ'ווער סענטימענטאַל..."

— און וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? ער פֿאַרשטייט עס אַליין.

— שלאָגט מיך, ביטע, ניט איבער. איך לייען דאָך אַף אויסווייניק. ניט שווער האָבן א טאָעס...

— אנטשולדיקט.

— „נאָר דו ביסט ניט שולדיק אין דעם. און איך — אויך ניט.

שולדיק איז די צײַט. איך האָב אופגעהערט אראָפּרײַסן די בלעטלעך פֿונעם קאַלענדאַר. כ'וויל זיך ניט עלטערן. דאָס גאַנצע לעבן האָב איך געהאַלטן אין איין אײַלן זיך. און איצטער רעד איך אײַן די צײַט: נו, זײַ אַזוי גוט, שטעל זיך אָפּ אַף א ווײַלע, רו זיך א ביסל אָפּ..."

ווידער האָט זיך דערהערט א געביל. ווײַל ער האָט דורכגעשאַלט ערגעץ העט-ווײַט, האָט זיך אָזימיטשן אויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע ווײַטקײַט איז ניט אין רוים, נאָר אין צײַט. עלע-היי אָט דאָס בילן וואָלט געקומען פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט, פֿון זײַן קינדהײַט. ווען ער האָט געוווינט אין א דאָרף און, ליגנדיק אַף א הארט באַנקבעטל, פֿלעגט ער זיך צוהערן, ווי דער הונט האווקעט, און פֿאַרטראַכטן: אויב ער וועט נאָכאַמאָל א האווקע טאָן, וועט ער, וויקטאָר, מאָרגן ארײַנכאַפּן א צוויי אין שול.

— פֿאַרוואָס זעצט איר ניט פֿאָר?

— ניטאָ קיין כיישעק... ניט קיין פּאַסיקער אַקאָמפּאַנעמענט...

— נו, גוט. כ'פֿאַרשטיי. די שטימונג איז קאַליע געוואָרן. פֿונדעסטוועגן וואָלט איך אײַך געבעטן מיר ענטפֿערן אַף איין פֿראַגע. אין דעם בריוו זײַנען ניט געווען אַזעלכע פֿראַזעס, ווי „איך האָב דיך ליב ווי די קרוין פֿון קאָפּ", אָדער „איך וועל דיך ליב האָבן אייביק, און נאָכ-דעם — נאָך הונדערט יאָר..."?

— הערט אויף! — האָט די פֿרוי מיט צאָרן אײַסגערופֿן. — וואָס איז דאָס פֿאַר א מאַניר אַלץ אויסלאַכן...

ער האָט דערווידערט:

— ניין-ניין! גאָט זאָל אָפּהיטן. כ'האָב אפֿילע ניט געטראַכט... אויב איך לאַך פֿון עמעצן, איז צום אַלעם ערשטן — פֿון זיך אַליין.

— פֿאַרוואָס גראָד אַזעלכע ווערטער האָט ער מיר געדאַרפֿט זאָגן?

— ווײַל זי פֿלעגט מיר אויך דאָס זאָגן.

— ווער?

— נינעל. און אין צוויי יאָר ארום זײַנען מיר געלעגן אין בעט, גערייכערט, געקוקט אַפֿן עקראַן פֿונעם טעלעוויזאָר און באַטראַכט אייניקע דעטאַלן פֿונעם געט. איינע פֿון זיי איז, אַגעוו, געווען: ווער וועט בייסן טיילן דאָס פֿאַרמעגן באַקומען אָט דעם טע-לעוויזאָר.

ס'איז פּאַשעט געווען אַף כידושים. אַפֿן עקראַן האָט מען אויך פּונקט געוויזן א פּאָר-פֿאָלק, וואָס גערט זיך. וואָלט איך געזאָגט, דאָרטן האָט דאָס אויסגעזען עפֿעקטפֿול. סצעניש, דראַמאַטיש. און באַוויזן געוואָרן איז עס מיט אַלע פּישטשעווקעס, אַזוי אַז מיר, ווי א צושויער, האָט עס אפֿילע צוגעגעבן כיישעק זיך גערטן. נאָר איך בין דאָך ניט געווען קיין פּאַשעטער צושויער. בא מיר מיט נינעלן איז דאָס אַלץ צוגעגאַנגען א סאַך וואָכעדיקער.

איך פֿרעג זי:

— וואָס זאָל איך מאָרגן בייסן געריכט זאָגן?

— זאָג, וואָס דו ווילסט.

כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז נינעל וועט אַזוי ענטפֿערן, דעריבער האָב איך גלײַך פֿאַרגעבן איר א צווייטע, אפּריִער צוגעגרייטע פֿראַגע.

— ס'איז דיר דען אַלצוינס? און זאָל וועלן דאָך מיסטאמע זײַן פֿרעמדע מענטשן.

— כ'וועל בעטן דעם געריכט, מע זאָל זיי באַזײַטיקן.

— ס'וועלן דאָך אָבער פֿאַרבלײַבן דער ריכטער, די בײַזיצער, דער סעקרעטאַר.

— א נעבעך אַף דיר! דערקלערן זיך אין ליבע אַלערליי נאַפּקעס — אַף דעם קלעקט אים לאָשן, און דאָ — ווי ס'וואָלט אים די צונג אָפּגענומען!

— סעניאָרע! איר דריקט זיך אויס ניט איבעריק איידל. דאָס איז איינס. און, צווייטנס... מע דאַרף ניט קיין צווייטנס, כ'וועל אויסשטרעקן מײַנע הענט צו די ריכטער און זיך בעטן בא זיי: אום גאָטעס ווילן! געט אונדז וואָס גיכער, וואָרעם אונדזער לעבן איז קיין לעבן ניט...

— נאַרישער כאָכמאַטש!

כ'בין געווען זיכער, אז אזוי וועט זי זאָגן — „נארישער כאָכמאטש!" נינעלס לעקסיקאָן באשטייט פון הונדערט ווערטער, ניט מער, און איך קאָן זיי אַלע אף אויסווייניק.

— איך האָב געקענט איינעם א דיכטער, נינעל. ווען ער האָט זיך געגעט מיט זײַן דריט ווײַב, האָט ער פאַרגעלייענט פארן געריכט א טרויעריקע ליד וועגן דעם, אז קיין איינע פון זײַנע דרײַ לעבן-באַגלייטערנס האָט אים ביזן סאָף ניט פארשטאַנען.

איצט, בין איך געווען זיכער, וועט זי אויסרופן: „נארישער קאטאָוועסטרײַבער!"

נאָר נינעל האָט געשוויגן. זי האָט געקוקט אפן עקראַן און געווײנט.

בין איך דען טאקע ניט קיין נארישער כאָכמאטש? הא?

אפן עקראַן האָט מען זיך געגעט לויט אַלע אָנגענומענע קלאָלים. צוערשט האָט מען געקלאַפּט מיט די טירן. דערנאָך האָבן זיך געגאָסן טרערן. עס האָבן זיך געשאָטן קעגנזײַטי-קע באשולדיקונגען אין א צאָל, וואָס וואָלט געקלעקט אף א צענדליק געטן. און ווען דער צו-שויער האָט זיך ענדגילטיק איבערצײַגט, אז קיין געמיינזאַם לעבן צווישן די דאָזיקע מאַן-און-ווײַב איז אבסאָליוט אומעגלעך, האָט דער געריכט אומדערוואַרט געפּויעלט, זיי זאָלן שליסן א זיסלעכן שאָלעם. אַלע פריִערדיקע פאַרוואורפן זײַנען פארגעסן געוואָרן. דאָס פּאָר-פאָלק האָט פארשעמט געשמייכלט איינער צום אנדערן, און נינעל איז געלעגן באַנאַנד מיט מיר אפן בעט, געדרייכערט און געוויינט.

טײַערע מענטשן מײַנע, כ'האָב טאקע אף אן עמעס ניט געוווּסט, וויאַזוי איך דאַרף זיך האַלטן אפן געריכט. כ'האָב דאָך ניט געהאַט קיין שום דערפאַרונג. כ'האָב זיך קיינמאָל מיט קיינעם ניט געגעט. יענער דיכטער — איז עפּעס אנדערש. ער האָט דורכגעמאכט דרײַ עקס-פּערימענטן. הא, נינעל?

מיט א זײַטיקן בליק באמערק איך, ווי נינעל רײַבט די אויגן, איניינעם מיט די דורכזיכ-טיקע טרערן צעשמירט זי איבער די באקן שווארצן טוש. אצינד איז זי גיכער ענלעך אף א גרויס מיידעלע, ווי אף א קליינער מאמע.

כ'וויס נינעלס שוואַכקײַט. זי האָט מעסוקן ליב סענטימענטאַלע געשיכטעס. איצטער רופט זי מיך כאָכמאטש, קאטאָוועסטרײַבער. און אמאָל האָט זי געשעפּט נאכעס פון מײַנע עקספּראָמטן:

„דו ליגסט אפן האמאק מיט א בוך אין די הענט. דײַנע פינגער מישן די בלעטלעך, נאָר די בלויע אויגן דײַנע זײַנען געוועגדט אין א בלויער ווײַט, און דאָרטן לייענסטו אויס דאָס, וואָס אין קיין בוך וועסטו ניט געפינען..."

נינעל איז געווען אנציקט. איר איינציקע באמערקונג: אירע אויגן זײַנען ניט קיין בלויע. מאסקים.

„דו שפּאַצירסט מיט יונגעלײַט צווישן ביימער. דײַנע גרויע אויגן זײַנען אראָפּגעלאָזט, און דו ביסט אזוי אין זיך פארטיפט, אז סײַ די ביימער, סײַ די יונגעלײַט זײַנען דיר קימאַט אַלציינס. די ביימער זײַנען דיר אפילע ליבער, וואָרעם זיי דרייען זיך ניט אונטער די פיס און פּרוּוון זיך ניט כיינדלען צו דיר".

נינעל האָט מיך דעמלט באלוינט מיט א קוש.

און איצטער געטן מיר זיך.

אפן עקראַן זעט דאָס אויס עכטער ווי אין לעבן. עפּשער דערפאַר, וואָס די, וואָס געטן זיך אין לעבן, האָבן פּאַשעט ניט קיין צײַט ארומצושטעלן די דאָזיקע געשעעניש מיטן געהע-ריקן רעקוויזיט. כוץ אַלעמען, דארפן זיי דאָך אכט שאָ אין טאָג ארבעטן, דרײַ מאָל אין טאָג עסן, און די פרויען דארפן נאָך אָפּקאָכן א באָרשטש און פּרעגלען קאָטלעטן. און אָט מוז אויך נינעל זיך אופהייבן פונעם בעט. זי דריקט צו דאָס סיגאַרעטן-אָפּשניצל צום אש-בעכער, ווי אן עמעסער רויכערער (און זי רייכערט נאָר דעמלט, ווען זי איז אופגערעגט), וואָרפט ארוף אף זיך א צעקנייטשט כאַלאַטל און לאָזט זיך גיין אין קיך. הײַנט גרייט נאָך נינעל אָוונט-ברויט פאר צוויי פּערזאָן. מאָרגן — ניין. מאָרגן וועט יעדערער פון אונדז זיצן מיט זײַן פּרע-זשעניצע. נאָר וויאַזוי וועלן מיר צעטיילן איין צימער?

נינעל האָט א שיין מויל. די ליפּן זײַנען מיט א כיינעוודיקן אויסבייג. זי קושט געשמאַק. און מיר פאַסטן שוין עפּשער א גאַנצן כוידעש.

נינעל איז א מוטער. נאָר גיך וועט זיך לאָזן הערן דער אָנדערהאַלבניאָריקער ווילִיק. און אים, ווילִיקן, וועלן מיר אויך טיילן? הא, נינעל?

שפּעטער, — איר שלאָפט ניט, פאַינע זינאָווייעוונע? — ווען מיר האָבן זיך שוין געגעט, האָב איך עס אַליין אָנגעווירן, בלויז צופעליק איז בא מיר געבליבן שטעקן אין קעשענע דער שליסל פון אונדזער דירע.

איינמאָל האָב איך אים אָנגעטאָפּט.

ווי א גאנעוו האָב איך זיך געפּרוווט דורכשליַיכן אין מיַין אייגענער דירע.

כ׳האָב פּאַרזיכטיק אריַינגעשטעלט דעם שליסל אינעם שלאָסלאָך, ווייך אים א דריי געטאָן. קיין שום קלאַנג זאָל זיך ניט דערהערן. אַף דעם פּאַדערט זיך אמערסטן דריַיסיק-פּערציק קלעפּ פונעם הארצן, און איך האָב געפּאַטערט דריַי מאָל מער, וויַיל כ׳האָב זיך צוגעהערט ניט נאָר מיט די אויערן, נאָר מיטן הארצן אויך, מיטן גאנצן וועזן מיַינעם, און כ׳האָב אָנגעטראָפן אַף א שטאָק שטילקיַיט. זאָל זיַין, אז נינעל האָט זיך פארהאלטן אַף דער ארבעט. און ווילי? ווו איז ער? פאר מיר איז ער נאָך אַלץ אלט אָנדערהאלבן יאָר. און עפּשער גייט ער שוין אין א קינדערגאָרטן.

און קאָן זיַין, ער איז גאָר בא דער באָבען, וואָס וויל נאָך ניט זיַין קיין באָבע? א שוויגער — אַף כּידושים א באנאַלע. ווי אפן עקראַן. א שאַ ציַיט קאָן זי באַלעבעטשען בוידעם מיט לאָקש מיט א ביז גאָר ערנסטן אויסזען. שיר וואָס זי שווערט ניט, אז זי האָט מיך מיט די אייגענע אויגן געזען שפּאַצירן מיט עפּעס א בארימטער קראַליע. וועראיז די קראַליע, ווייס איך ניט, מיט וואָס איז זי בארימט — אוואדע ניט. נינעל זאָגט: „איַי, מאמע! גענוג!" פונדעסטוועגן פאַרגעדענקט זי יעדעס וואָרט, און בא דער ערשטער געלעגנהייט באַלעבעטשעט זי דאָס זעלבע. נאָר מיט טרערן.

ווי א גאנעוו פרווו איך זיך דורכשליַיכן אין מיַין אייגענער דירע. ווי א געליבטער — צו מיַין געוועזענער פרוי. ס׳האָט מיך אָבער באגעגנט א פּוסטקיַיט. בין איך ארויסגעגאנגען אַף דער מיט פונעם צימער און גענומען זיך ארומקוקן מיט ניַיגער און בענקשאַפט. ניַיגער? ניין. איך מאַך כּוויזעק פון זיך זעלבסט. בענקשאַפט, בענקשאַפט, בלויז בענקשאַפט...

ס׳איז שוין אפּדערנאַכט. איך שליס אָבער ניט איַין די שיַין. ווען נינעל וועט, אומקערנדיק זיך אהיים, צוקומען צו דער שטוב און דערזען שיַין אין פענצטער, קאָן זי נאָך ווירקלעך מיינען, אז גאנאַווים זיַינען אריַין אין דער קווארטיר און אופהייבן א גוואַלד איבער דער גאנצער גאַס, און איך בין דאָך געקומען צו איר אַף א געהיימען ראנדעוווּ...

נאָר דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען שפּעטער. איצטער האָט נינעל געפּרעגלט צוויי פּרעזשעניצעס אין קיך. מאָרגן אפּדערנאַכט וועט זי פרעגלען נאָר איינע, וויַיל באטאָג גייען מיר זיך געטן. איז וואָס זשע טאַקע זאָל איך מאָרגן זאָגן?

די בעסטע פּאַרמול: אונדזערע כּאראַקטערן הארמאָנירן ניט. דאָס איז אי איידל, אי אַנשטענדיק. קיין שום שמוץ, קיין שום קעגנזיַיטיקע פאַרוווּרפן און באשולדיקונגען. ס׳איז אָבער ניט עמעס. אונדזערע כּאראַקטערן, נינעלס און מיַינער, הארמאָנירן דאַפקע יאָ. מיט דער ציַיט, ווען די שוויגער וועט ניט זיַין, וועט נינעל געוויס ווערן א גוט וויַיב. עפּשער איז זי א ביסעלע... נו, לאָמיר זאָגן, א ביסעלע פלאטשיק... נאָר....

— און איך האָב געמיינט, אז איר זיַיט א דזשענטלמען, — האָט אים פאַינע איבערגעשלאָגן. — ווען איר וועט קומען קיין טאַמאַל, וועט איר אויך אַלעמען דערציילן, ווי איר האָט, ניט האָבנדיק וואָס צו טאָן, דורכגעפירט א נאַכט מיט איינער א פרוי, א ביסעלע א נאַרישעוואטע...

אַזימיטש האָט זי ניט געלאָזט פאַרענדיקן.

— וואָס רעדט איר, פאַינע זינאָוויעוונע! ווי קאָן עס איַיך קומען אפן זינען! איר מיינט, אז איך לאַך פון נינעלן? זיך אַליין לאַך איך אויס. ס׳איז איראָניע, וואָס האָט די אייגנשאַפט פון א בומעראַנג... מיַין צונג איז צו בייז, צו סאַרקאַסטיש, און כ׳ווייס ניט פאַרוואָס. ס׳הייסט, כ׳ווייס, נאָר כ׳קאָן עס איַיך ניט דערקלערן...

בא די וויַיסע זיַילן — שאַלעכץ פון קערלעך. נאָר א ביסל וויַיטער זעט די ערד אויס פאַרפּוצט. אין שווארצן האפּט פון שאָטנס.

אַזימיטש זאָגט:

— כ׳האָב אנומלטן אַף אן אויסשטעלונג געזען א בילד. דאכט זיך, פון א פּוילישן מאָלער. געוועזן א מאבל אַף דער ערד. קעדיי צו ראַטעווען זיך האָט בויעך געמאַכט א טייוועל. אָבער בויעכס טאַכטער וויל זיך ניט ראַטעווען אין דער טייוועל. זי וויל ניט פאַרלאָזן איר געליבטן אימאַנועל. און זיי קומען ביידע אום בעשאַסן מאבל. אָבער אפן בילד זעען מיר זיי א ווילע, איידער זיי זיַינען אומגעקומען. און אין דער דאָזיקער קורצער וויַילע שטעקט אן אייביקיַיט. אימאַנועל שטייט אַף א הויכן פעלדז. ער האלט זיַין געליבטע אַף די הענט, און גרויסע מוירעדיקע כוואַליעס הייבן זיך ארום פעלדז אַלץ העכער, אַלץ נעענטער...

— אַט אזא געפעלט איר מיר, — האָט געזאָגט די פרוי.

— איך האָב ניט פאַרענדיקט מיַין געדאַנק, — האָט וויקטאָר פּעטראָוויטש געזאָגט, אופהייבנדיק די אויגן צום הימל, גלייַך ווי ער וואָלט דאָרטן דערזען דאָס בילד, וועגן וועלכן ער רעדט. — איך וואָלט געוואָלט אזוי שטארבן, האלטנדיק איַיך אַף מיַינע הענט. איך וואָלט

געוואָלט איך ראַטעווען, מאַקריוו זײַענדיק צוליב אײַך, מײַן נאַרעלע, דאָס לעבן... וואָס און ווען קאָן איך וועגן דעם דערציילן?.. נאָר אויב איר וועט מיר געבן אײַער אַדרעס, וועל איך אײַך שרײַבן אַזוי: „א גוטמאָרגן דיר, לעבן מײַנס, מײַן נאַרעלע — מײַן קיניגן...״

— מיר געפעלט אײַער נינעל. מיר ווײַזט זיך אויס, אַז זי איז ענלעך אַף טאַסיען. צי עפשער האָב איך א טאָעס?

— ניין. אין עפּעס זײַט איר גערעכט. נינעל איז באַדאַכט. זי איז אַן איבערגעגעבענע מוטער. אין דער זעלבער צײַט איז זי אָבער מיט עפּעס ענלעך אויך אַף איר מאַמען. אומבאַקאַנטע מאַנצבלען פלעגט זי זאָגן, אַז ווילק איז איר עלטערער שוועסטערס ייִנגעלע. אינדערפרי קלערט זי לאַנג, וואָס פאַר א קלייד היינט אָנטאָן. איבער דעם פּערשפּעקטיוו זי אַלע מאָל אַף דער אַרבעט. איך האָב איר געייצעט ווארפן גורל, וועט עפשער זיך באַקומען גיכער. כ'האָב ניט געוואָלט זיך געטן מיט איר. נינעל האָט א ווייכן כאַראַקטער, איז נאָכגיביק. אָבער די שוויגער האָט געהאַלטן אין איין אָנעמען זיך פאַר „דער ערע פון איר טאַכטער". זי האָט פײַנט געהאַט אַלע מאַנצבלען, ווײַל איינער פון זיי האָט זי אַמאָל פאַרלאָזט.

איך האָב לאַנג זיך געבראַכן דעם מויעד, וויאַזוי צוריק געווינען נינעלס צוטרוי. אַט שטייט אַפן טישל א גראָב-געמאַכטער שוואַרצער אײַזערנער לײַכטער. ער שטייט א באַליידיקטער. כ'האָב געוואָלט כאָטש איין מאָל אין לעבן צוליב טאָן דער שוויגער. געקויפט דעם דאָזיקן לײַכטער אין א סוווענירן-קראָם, געשענקט דער שוויגער צו איר געבוירן-טאָג. איז זי אופגעקאָכט געוואָרן. זע נאָר זע! מײַן איידעמל האָט זיך צעגאַרטלט: אײַזנברוך מיר געשענקט. ווער דאַרף עס?

איז עפשער וועט דאָס צוניץ קומען? ס'האָט דאָך ווידער אויסגעבראָכן א בענקשאַפט נאָך אַלטערטימלעכס, פּאַרצײַטיקס: אַט לויפט מען אין א רעסטאָראַן, וואָס זעט אויס ווי א ווינטמיל, אַט יאָגט מען זיך נאָך אַלטפרענקיש מעבל...

דער לײַכטער האָט דרײַ רערן, און איך האָב געפונען נאָר איין ליכט. זאָל זײַן. כ'האָב גענומען א מעסער, צעשניטן דאָס ליכט אַף דרײַ טיילן, אַרײַנגעשטעלט זיי אין דעם פאַרוווּנדערט געוואָרענעם לײַכטער, מיט א שוועבעלע זיך דערקליבן צו די קנייטלעך און זיי אָנגעצונדן.

ווען נינעל האָט זיך באַוויזן אַף דער שוועל, האָב איך זיך געגעבן א שטעל אוועק לעבן לײַכטער און פײַערלעך געמאָלדן:

— איך שווער דיר, נינעל, איך בין דיר פונקט אַזוי טרײַ, ווי מיט צוויי יאָר צוריק.

געזאָגט — און געוואַרט אַפן עפעקט. וואָרעם איך קען מײַן נינעל. זי האָט ליב זיסוואַרג, העלע קליידער און נאָבעלע דעטעקטיוון. זי איז אָבער געשטאַנען ווי א צוגעשמידטע, איבערפירנדיק דעם בליק פון מיר אַפן עקראַן פונעם טעלעוויזאָר.

דעמלט האָב איך זיך אויך א קער געטאָן צום טעלעוויזאָר. אַפן עקראַן האָבן געברענט זיבן ליכט אין א גרויסן זילבערנעם לײַכטער. לעבן אים איז געשטאַנען א יונגערמאַן פון צוריק מיט הונדערט יאָר, ער האָט געהאַלטן די האַנט באַם האַרצן און מיט פּאַטאָס געמאָלדן:

— איך שווער דיר, אַקולינע, אַז איך בין דיר...

באַנאַנד מיט אים איז געשטאַנען א פאַרוויטלטע יעפייפיע מיט א לעוואָנע-פּאָנעם, וועלכע איז ענלעך אַף א דינסט-מיידל.

און באַנאַנד מיט מיר איז געשטאַנען נינעל.

זי האָט געזאָגט:

— די פּרעזשעניצע וועט קאַלט ווערן.

און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אין קיך. מיר עסן אַלע מאָל אין קיך.

— עס געפעלט דיר דער דאָזיקער וואָדעוויל? — האָט נינעל געפרעגט, אומיסטן הילכיק טשאַווקענדיק, קעדיי צו זײַן ענלעך אַף אַקולינען.

וואָס זאָגט איר אַף נעליטשקען!

איך דערלאָז אַלעמאָל איין און דעם זעלבן טאָעס. פּרווו אָפּשאַצן די גײַסטיקע גאַבאַריטן פון א מענטשן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. דאָס שײַנט מיר צו זײַן אי ריכטיק, אי יושרדיק. אָבער אינדערעמעסן דאַרף מען דאָ שטענדיק דערוואַרטן עפּעס מעררס, עפּעס אַזוינס, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין אויסשליסלעכע מאָמענטן. כ'האָב זיך איבערצײַגט, אַז יעדער מענטש פאַרמאָגט געוויסע גײַסט-רעזערוון, וואָס דרעמלען ביז א צײַט און ברויזן אוף מיט אַן אומדערוואַרטן קויעך אין האַרבע אומשטענדן...

— באַ דיר האָט זיך, דאַכט זיך, פאַרהיט א פּלעשל „טשאַרדאַש". איז לאָמיר א הוליע טאָן דאָס לעצטע מאָל, — האָט נינעל האַפערדיק געזאָגט.

דער ווײַן איז געשטאַנען אין סערוואַנט.

איך האָב געבראַכט און געעפנט די פלאַש, אָנגעגאָסן צוויי קעלישקעס, איינס אופגעהויבן און עס געהאַלטן שווײַגנדיק אין דער האַנט.

— פאַר וואָס וועלן מיר אויסטרינקען?

— פאַר א גליקלעכן געט.

ס'איז געווען זייער זויערער ווײַן. נינעל האָט געטרונקען צו ביסלעך און פאַסמאַקעוועט.

— האָסט שוין עפשער צוגעטראַכט, וואָס דו וועסט זאָגן אפן געריכט?

— איך וועל איבערכאַזערן מײַן שוווּע. איך בין דיר טרײַ, נינעל, פונקט ווי מיט צוויי יאָר צוריק.

— און איך? וואָס זאָל איך זאָגן?

— דאָס זעלבע.

— דו טראַכסט, אז מע וועט אונדז נאָך אזעלכע שווּעס גלייבן?

— ניין. געוויס ניט.

— זאָג מיר, וויטיע, און מיט צוויי יאָר צוריק ביסטו מיר געווען טרײַ?

— דײַנע רעכט, נעליטשקע, זײַנען באַגרענעצט אין צײַט. דאָס, וואָס איז געווען ביז מיר האָבן זיך מיט דיר באַגעגנט, האָט צו דיר ניט קיין שײַכעס. אפילע דער געזעץ האָט ניט קיין קראַפט ווירקן אף צוריק.

— נו, און מיט יענער... מיט יענער ביסטו דאָך געווען באַקאַנט פריִער, ווי מיט מיר? מיט וועלכער יענער?

נאָר אויב איך וועל איר פאַרגעבן די פראַגע, וועט זיך ווידער אלץ אָנהייבן אפסנײַ. נינעל וועט ווידער ווערן צופיל ענלעך אף איר מוטער. און איך וואָלט דאָס ניט געוואָלט, איבערהויפּט — איצט.

— יאָ.

נינעל האָט ענדלעך אויסגעטרונקען דעם ווײַן.

— וויטיע, דאַכט זיך, אז דאָס קינד וויינט, גיב עס א וויג צו.

איך האָב געפאָלגט.

— און קוק זיך גוט אָן אף דעם... — האָט זי מיר נאָכגעשריִען.

ווילִיק איז געלעגן אָפּגעדעקט. די סאָסקע האָט זיך אראָפּגעשאַרט פונעם קישן. כ'האָב אים צוגעדעקט, ארײַנגערוקט די סאָסקע אין מויל, האָט ער זיך גלײַך גענומען זויגן און אנשוויגן געוואָרן. איך פיל האכנאָעדיק אויס נינעלס אָנזאָג און קוק זיך אײַן אין ווילִיקס מילד פּנעמל, קוק און קוק...

ווען כ'האָב זיך אומגעקערט, איז נינעל געזעסן און געטרונקען. אף אירע קני איז געלעגן אויסגעבויגן אזע, א קעצל מיט צו גרינע אויגן, וואָס שעפּט נאַכעס פון דעם, וואָס די באַלעבאָסטע גלעט עס לײַדנשאַפטלעך.

— וויִאזוי הייסט זי? — פרעגט נינעל.

— דו ווייסט קלוימערשט ניט. זאַרינע.

— און מײַנער הייסט אָרעסט. דיר געפעלט אזא נאָמען?

— מעסוקן.

— וועלן מיר, הייסט עס, טאַקע אזוי מעלדן אין געריכט. דו — „איך האָב ליב זאַרינען". איך — „איך האָב ליב אָרעסטן". געט אונדז, ביטע, קעדיי מיר זאָלן זיך קאָנען פאַרייניקן מיט די, וואָס מיר ליבן.

נינעל האָט ווידער זיך אָנגעגאָסן א פול קעלישעקל.

— דו וועסט ניט שיקער ווערן?

— און אז יאָ — איז וואָס?

אירע באַקן האָבן געפלאַמט. די שיינע ליפּן זײַנען געווען עטוואָס פאַרבאַקן, ווי זי וואָלט געהאַט היץ. זי האָט געטרונקען און געלאַכט, און לאַכנדיק געלאָזט א טרער.

פלוצעם האָט נינעל אויסגעצויגן די פיס, אָנגעשפּאַרט זיך מיט זיי אָן די פיסלעך פונעם טיש און מיט א געפערלעכער טראַסקערײַ, זיצנדיק אפן בענקל, גענומען זיך רוקן אף צוריק. דאָס אף טויט איבערגעשראָקן קעצל איז אראָפּגעשפּרונגען פון אירע קני. מיט א נאַכלעסיקער באַוועגונג האָט נינעל ארופגעלייגט איין פוס אפן אנדערן, דאָס קורצע קלײדל האָט זיך פאַרקאַטשעט און שיר ניט אנטבלויזט די היפּטן.

— כאַוויירים ריכטער! — האָט נינעל ארויסגערעדט מיט א געדיכטער באַס-שטים, נאָכמאַכנדיק עפּעס אן אויסגעדאַכטן פּראָקוראָר. — טוט א קוק אף דעם דאָזיקן פּאָרל. פון

איין זײַט — ער. פֿון דער צווייטער — זי. און צווישן זיי — דער קלײנינקער אומבאַהאָלפֿע־
נער וויליק. דאָס קינד איז נעבעך אופֿגערעגט. וואָרעם זײַנע טאַטע־מאַמע זיצן מיט די
רוקנס איינער צום אַנדערן. פֿאַרוואָס — פֿאַרוואָן?.. פֿאַרוואָס האָסטו ניט אופֿגעגעסן די
פֿרעזשעניצע? כאַ־כאַ־כאַ...

נינעל איז אופֿגעשפּרונגען פֿונעם אָרט. זי פּרוּווט מאַכן עפּעס אַן אײַנדרוקפֿולן זשעסט,
נאָר איר הענטל איז צו קליין דערויף.

— פֿאַרוואָס, פֿרעג איך, זיצן זיי אַזוי ניט אָנשטענדיק, און ביכלאַל, צוליב וואָס זײַ־
נען זיי אַהער געקומען? וואָס ווילן זיי?

נינעל האָט אַ כאַפּ געטאָן פֿונעם דיל דאָס קעצל און עס צוגעדריקט אַזוי פֿעסט צו
איר ברוסט, אַז דאָס קעצל האָט אַזש קלאָגעדיק אַ מיאַוקע געטאָן.

— זיי ווילן, כאַווײרים ריכטער, ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אַ געט. וואָס הייסט
עס? זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן... ניט באַוויזן... און שוין געקומען, מע זאָל זיי געטן. צי
קאָנט איר עס באַטראַכטן אַנדערש ווי אויסגעלאַסנקייט? הײַנט האָט מען כאַסענע, מאָרגן
געט מען זיך. וואָס זשע וועט זײַן מיט די מאָראַלישע פּרינציפּן פֿון אונדזער געזעלשאַפֿט?..

— גענוג, נינעל. דו מאַכסט פֿון זיך אַ לעקיש.

— ניין! ניט גענוג! איך זע דאָ ניט די הויפּט־פּערזאָן. גיי, ברענג אַהער וויליקן.

— דו ביסט מעשוגע געוואָרן צי וואָס!

— ברענג אים אַהער, זאָג איך דיר.

נינעל איז איצט זייער ענלעך אויף איר מוטער.

— זײַן מיינונג דאַרפֿן מיר באַ אים פֿרעגן צי ניט? אָט איצט, כאַווײרים ריכטער,
ווערט גראָד געלייזט זײַן גורל. און זיי... וואָס גייט זיי עס אָן? ער האָט זיך שוין געפֿונען
עפּעס אַ זאַרינע, זי האָט שוין געפֿונען עפּעס אַן אַרעסט. און דאָס קינד זייערס? ווו זאָל
עס זיך זוכן אַ נײַעם טאַטן אָדער אַ נײַע מאַמע? ווו, פֿרעג איך אײַך?

— נינעל, וועסט אופֿוועקן וויליקן.

— איך וויל אים טאַקע אופֿוועקן און זאָל ער אַ שפּײַ טאָן אויף דײַן מיִעסן פּאַרצעף...
גיי צום טעלעפֿאָן, זאַרינע קלינגט דיר. און אויב ס'איז אַרעסט, וועל איך די רעגע צוגיין.

דער טעלעפֿאָן האָט ווירקלעך געקלונגען. איך בין אָבער ניט צוגעגאַנגען צו אים.
איך האָב גענומען נינעל, ווי אַ קינד, אויף די הענט, אַוועקגעטראָגן זי און באַלייגט אויפֿן בעט.
זי האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט, נאָר געשעפּטשעט מיר אין אויער:

— וויטיע... זאָלסט מער גאָרניט טרינקען אין דעם דאָזיקן הויז... און גאָרנישט עסן.
איך קאָן נאָך עפּעס אונטערמישן... ז־זײַ פּאָרז־זיכטיק...

ליגן מיר ווידער אין בעט. אויפֿן עקראַן שפּילט מען אין פֿוטבאָל און מע פֿילדערט.
כ'האָב פּאָרזיכטיק זיך אונטערגעהויבן, קעדיי אויסצושליסן דעם טעלעוויזאָר. נינעל איז
רויִק געשלאָפֿן און איר קאָפּ איז געלעגן אויף מײַן האַנט.

4

— כ'וועל זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן, — האָט געזאָגט פֿאַינע זינאָוויעוונע.
וויקטאָר פּעטראָוויטש האָט שווײַגנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

ער איז נאָך אַלץ געווען צערודערט פֿון זײַן אייגענער דערציילונג. די נאַכט און
די פֿרוי, וואָס זיצט באַנאַנד מיט אים אין דעם פּאַוויליאָן מיט די ווײַסע זײַלן, האָבן גע־
שאַפֿן אַ קליין וועלטל, וואָס איז געווען ווי אָפּגעזונדערט פֿון יענער וועלט, ווו עס זײַנען
פֿאַרבליבן נינעל, וויליק, אַנטאָנינע גריגאָריעוונע, ווי פֿון אַ כאָלעם אַרויסגעקומענע. דערי־
בער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט דערציילט ניט וועגן זיך, נאָר וועגן איינעם אַ מענטשן
פֿון אַ וועלט, ווו אים איז אויסגעקומען צו זײַן, נאָר שוין זייער לאַנג, עפּשער מיט צען
יאָר צוריק און עפּשער מיט הונדערט — אַזוי לאַנג, אַז ער האָט שוין באַוויזן צו פֿאַרגעסן
די רעאַלע קאָנטורן פֿון יענער וועלט, און אַלץ, וואָס ער האָט דערציילט, איז פֿאָרגעקומען
ווי אויף עפּעס אַ פֿאַנטאַסטישער פּלאַנעטע. די איינציקע רעאַלקייט איז אָט די נאַכט און
אָט די פֿרוי מיט די שלאַנקע פֿאַרברוינטע פֿיס, אָנגעטאָן אין ווײַסע זומער־שיכלעך, וואָס
האָט אויך זיך געײַלט און ניט געײַלט אין דער רעאַלער וועלט, פֿונוואַנען עס האָט זיך
ווידער דערהערט, שוין נעענטער, ווי פֿריִער, נאָר אַלץ נאָך גענוג ווײַט אַ שרעקלעכער
געביל.

פאַינע איז געקומען צו לויפן א פאַרסאָפּעטע.

— וואָס איז געשען?

א שמייכל מיט צונויפגעפרעסטע ליפּן:

— ס'האָט זיך... ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז כ'האָב פאַרבלאָנדזשעט. באַנאַכט זעען אַלע ביימער אויס אַלצייגס. און כּוץ ביימער, איז דאָ גאָרניט נישטאָ.

— עס האָט אײַך ווידער איבערגעשראָקן דער געביל?

— יאָ, — האָט זי קוים א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— און איר האָט זיך דערפרייט, ווען איר האָט נאָכאמאָל דערזען אונדזער פּאַוויליאָן — אונדזער היים און מיך, דעם באַלעבאָס פון דער היים?

ווידער א שוואַכער שמייכל.

— יאָ.

— און איך האָב זיך אויך דערפרייט, ווען כ'האָב דערזען אײַער געשטאַלט צווישן די ביימער. ס'איז צו באַוואונדערן, וויאַזוי א מענטש קאָן ווערן נאָענט פאַר אייניקע שאָ... פאַינע זינאָוויעוונע! ווי גוט ס'איז, אַז מע קריגט א נײַעם פרײַנט, דערצו נאָך א פרוי — א פרײַנט...

— כ'האָב באַמערקט, אַז דאָ ניט ווײַט איז פאַראַן א קינדער־פּלאַץ מיט א הוידלקע.

— איר ווילט זיך הוידען?

— יאָ.

— איז קומט.

ער האָט זי גענומען ווי א קליין מיידעלע פאַר דער האַנט, און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין.

צווישן איין לאַמטערן און דעם צווייטן האָבן די שאָטנס פון די צוויי מענטשן זיך געשלענגלט, אָט פאַרלויפנדיק דעם וועג און אָט נאָכשלעפּנדיק זיך פון אונטן.

— פאַינע זינאָוויעוונע! וויאַזוי איז אײַך געלונגען פאַרהיטן אין זיך קינדערשע אומיטלבאַרקײַט?

— כ'ווייס ניט. עפשער ווײַל כ'האָב קיין קינדער ניט געהאַט. און א פרוי קאָן זיך ניט באַגיין אָן א קינד. מוז איך טראָגן זיך אַליין אין זיך. ס'איז עפּעס ווי אייביקע שוואַנגערשאַפט...

— אָט איז די הוידלקע. ש־שאַ. זי שלאָפט גאָר.

— איז לאָמיר זי אופוועקן.

ער האָט א שטופּ געטאָן די הוידלקע. שווערלעך, מיט א סקריפּעניש, האָט זי זיך גענעבן א הייב און גלײַך זיך אראָפּגעלאָזט צוריק, א פאַרשלאָפענע, אָן אָנגעבראָקנטע מיט באַנאַכטיקער פּײַכטקײַט.

— זעצט זיך.

— כ'האָב מײַן רענצל פאַרגעסן אין פּאַוויליאָנדל.

— א גרויסע פּויטעקע דאָרטן?

— אַף א בילעט ביז באַלין.

— אָ! כ'זע, איר זײַט אַזא גווירנטע ווי איך. נאָר אויב עפּעס א שלעפער וועט אוועקלאַקכענען אײַער רענצל, וועט מיר פונדעסטוועגן סטײַען געלט אַף קויפן אײַך א בילעט.

פאַינע האָט זיך אוועקגעזעצט אַף דער הוידלקע מיט א פאַרטײַעטן שמייכל אַף די ליפּן: פּעטערל, העלפט מיר צעהוידען זיך, כ'בעט אײַך.

אַזימיטש האָט מיט קויעך צעוויגט די הוידלקע. פאַניעטשקע איז געפלויגן אזש ביזן הימל, דעם באַנאַכטיקן, דרעמלענדיקן, שטערנדיקן הימל. א מעכײַע! עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם. נו, נאָך שטאַרקער, פּעטערל! דעם קאָפּ צו די שטערן פאַרײַס! אָ־האָ! די שטערן הוידען זיך... די שטערן הוידען זיך... די שטערן הוידען זיך צוזאַמען מיט מיר...

— נו, איצטער שפּרינגט!

בייסן פולן פליִען איז ער אראָפּגעשפּרונגען אַף דער הוידלקע און זיך א פליוכע געטאָן באַנאַנד מיט פאַינען.

— פאַרזיכטיקער, אַזימיטש! איר האָט מיר צוגעקוועטשט א פוס.

— אַצינד מעג איך אײַך א קוש טאָן? — האָט ער געפרעגט האַפּערדיק און אין דער וועלבער צײַט ווייך.

— ניין. ניט אַצינד, ניט שפּעטער. בעסער זיך באַגיין אָן דעם, אָן קושן זיך. אין דרײַ שאָ ארום וועלן מיר זיך פאַנאַנדערפאָרן אין פאַרשיידענע זײַטן. און אַלץ.

די הוידלקע האָט איצט זיך געהוידעט פּאמעלעך, בלויז מיטן קוועך פון אינערציע. אַזימיטש האָט געפרעגט:

— איר ווילט ניט, כ׳זאָל אײַך שרײַבן?

— כ׳ווייס ניט. נאָר מײַן אדרעס וועל איך אײַך ניט געבן.

— מאקס איז אייפערזיכטיק?

זי האָט געשוויגן.

— איר האָט זיך מיט אים געגעט?

זי האָט געשוויגן.

— וואָס זשע האָט איר מיט אים כאסענע געהאט, אויב איר האָט אים ניט ליב?

זי האָט געשוויגן.

זי איז גערעכט. וואָס גייט עס אים אָן? נו, גוט. בייזער זיך ניט, פאניעטשקע. כ׳וועל דיר מער ניט דערקוטשען מיט מײַנע נארישע פראַגעס.

עפּשער האָט זי דערפילט, וועגן וואָס ער טראכט. זי האָט שטיל געענטפערט:

— כ׳ווייס ניט. מאקס איז געווען עלנט. און איך אויך. די באָבע איז געשטאָרבן. און מער האָב איך קיינעם ניט געהאט...

— און די מוטער? דער פאָטער?

— אומגעקומען.

איין וואָרט — און וויפל צאַר!

— דער באָבען איז געלונגען זיך ראטעווען? — האָט ווייך געפרעגט אַזימיטש.

— ניין. זי איז אויך אומגעקומען. צוזאמען מיט מײַנע עלטערן.

ער האָט זי אָנגעקוקט פארוווּנדערט:

— איר האָט דאָך געזאָגט...

— די, וועגן וועלכער כ׳האָב אײַך דערציילט, איז ניט מײַן אייגענע באָבע... זי האָט מיך געראטעוועט און מיר א פריטולעק געגעבן. איך בין דעמלט געווען נאָך גאָר א קליי-נינקע... און די באָבע האָט...

פאַינע איז אנשוויגן געוואָרן. ער האָט אויך געשוויגן. אים האָט זיך אלץ גערוכט א גרויסע טרער, דורכגעשפּיזט מיט שטראלן פונעם לאמטערן. עס האָט אים שוין באנק געטאָן, וואָס ער האָט פארפירט דעם דאָזיקן געשפרעך, און ער האָט אים געפּרוווט צו-געבן א נײַע מונטערע, אפילע א שפּאסיקע ריכטונג. די פרוי האָט אים פארשטאנען, אויס-געווישט די אויגן און ווײַטער גרייט געווען אויספאנטאזירן עפּעס אזוינס, וואָס זאָל לינ-דערן די שווערע דערינערונגען. אַזימיטש האָט איר געהאָלפן.

— אגעוו, — האָט ער זיך דערמאָנט, — כ׳ווייס ניט, מיט וואָס האָט זיך פארענדיקט אײַער הייסע ליבע צו טאַסיעס פאָטער. איר האָט איבערגעריסן בא דעם, אז איר האָט פארלאָזט די רווישיקע כאסענע און זיך געלאָזט לויפן מיט אײַער כאווערטע צו איר פאָטער. אזוי, דאכט זיך?

— יאָ.

אַזימיטש האָט מיטן גאנצן קערפּער זיך א בייג געטאָן אַף צוריק, דערנאָך זיך א וואָרף געטאָן פאָריס און שטורמיש צעוויגט די הוידלקע.

— פארגעסט אין אלע אײַערע זאָרגן, — האָט ער איר אַרײַנגעשריִען אין אויער, פארהילושענדיק דאָס ווינטל, וואָס די הוידלקע האָט געבוירן.

זי האָט געזאָגט פּאמעלעך, א וואָרט נאָך א וואָרט:

— איר ווייסט, וויקטאָר פּעטראָוויטש... איך בין איצט קימאט גליקלעך... עפּשער האָט איר מיך פאָשעט פארוויגט... ווי ווייניק דאַרף א מענטש, ער זאָל זיך פילן גליקלעך...

— און איך האָב געמיינט, אז איר, גראָד איר, דארפט א סאַך. „ווייניק" קאָן אײַך ניט באפרידיקן.

— אין א געוויסער מאָס איז עס עפּשער אזוי. איך האָב ליב, ווען אלץ ארום איז שיין. א שיינע וווינונג, שיין מעבל, געפעס, קליידער...

איך בין דעמלט, געוויס, שיקער געוואָרן. מיר האָבן געטרונקען שטארקן בראַנפן — קאָניאק האָבן מיר זיך ניט געקאָנט פארגינען, ווייניק געלט געהאט, — און די באָבע האָט נאָך דערצו מיר אלע מאָל אונטערגעגאָסן אין קעלישעקל...

— איר האָט דאָך געזאָגט, אז אײַער באָבע איז געשטאָרבן ביז דער כאסענע. וויִאזוי זשע...

— הייסט עס, — האָט זי רויִק געענטפערט, — אז איך זאָג א ליגן. ווען איך בין געווען נאָך גאָר א קליינינקע, האָט מיך די באָבע גערופן „ליגנערל". אגעוו, דער מענטש,

וועלכן איך האָב פאַרגעטערט, האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ליגן דאָס איז אַ בראָכע, אַליין מיר גאַרן אין געוויסע אומשטענדן, מע זאָל אונדז אָפּנאַרן... איז אָט... ווו האַלט איך?

— עמעצער האָט אײַך אַלע מאָל אונטערגעגאָסן בראָנפֿן.

— יאָ. מאַקס. ניט די באָבע... כ׳בעט אײַך, שלאָגט מיר ניט איבער מער. כ׳פֿאַרליר דעם פֿאָדעם.

פֿאַרנדיק אין טראַמוויַ, האָב איך זיך געהאַלטן שטאָל־און־אײַזן. ווי נאָר אָבער כ׳האָב דערזען די באַקאַנטע טיר... כ׳פֿלאַנטער ווידער... ווי נאָר אָבער פֿאַניע האָט דערזען די באַקאַנטע טיר, האָט זי פֿאַרלאָרן איר אַנטשלאָסנקײַט. ווי זאָל איך אים זאָגן? „געאָרגי וואַסיליעוויטש... כאַשעווער געאָרגי וואַסיליעוויטש... עפּשער „טײַערער"? ניין, צו פֿאַמיליאַר... איך... ס׳הייסט, מיר... מאַקס און איך פֿאַרבעטן אײַך..." אָדער גאָר אַזוי: „מיר האָבן די ערע צו פֿאַרבעטן אײַך דאָס צווייטע מאָל... יאָ, דאָס צווייטע מאָל... און איך... ס׳הייסט, מיר, מאַקס און איך, וועלן זיך פֿילן באַליידיקט, אויב איר..." שוין! די רעפּעטיציע איז פֿאַרענדיקט. ווײַל די טיר האָט זיך אופֿגעעפֿנט, און אָט שטייט ער פֿון יענער זײַט שוועל אַזאַ שלאַנקער, אַזאַ נאָבעלער, אַזאַ ריינער... זויבער ריין. פֿאַר אַ מאַנצבל איז דאָס עפּשער אפֿילו צופֿיל. קיין פֿלעקעלע פֿון סיגאַרעטן אַף די פֿינגער — ער רייכערט ניט. קיין בלאָווע אָדערל אַף דער נאָז — ער טרינקט ניט. דאָס פּאָנעם ריין אָפּגעגאָלט. און אַ שמייכל אַזאַ אַנגענעמער, און ווײַסע ציין, און פֿרישער אָטעם. דער אַנצוג איז אויסגעבערשטלט. די שיך געפּוצט...

טאַסיע שעפּטשעט מיר: „וואָס זשע שטייסטו ווי אַ גוילעם? רעד שוין גיכער".

פֿאַניע האָט פֿאַרצווייפֿלט אַ שפּאַן געטאָן און אים אַ קוש געטאָן אין דער גלאַטראַזירטער באַק, וואָס האָט געשמעקט מיט „שיפּר".

— איך בין דאָך שוין אַ דערוואַקסענע פֿרוי...

ער האָט אַנציקט געקוקט אַף פֿאַניען אין דעם ווײַסן כאַסענע־קלייד.

— איר זײַט געווען אַ שיין מיידל. און איר זײַט נאָך שענער אַלס פֿרוי, פּאַשעט בילדשיין. איך באַגריס אײַך פֿונעם גאַנצן האַרצן.

פֿאַניע איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ווי טאָמיד, איז איר געקומען צוהילף די איבערגעגעבענע כאַווערטע, טאַסיע.

— טאַטע! פֿאַניע איז געקומען דיך פֿאַרבעטן אַף דער כאַסענע.

— אַ שיינעם דאַנק. נאָר דו ווייסט דאָך, אַז די מאַמע איז ניט געזונט. און אָן איר קאָן איך דאָך ניט גיין.

„פֿאַרוואָס?" — פֿרעגט אים פֿאַניע שווײַגנדיק.

איבעריקנס, אַרט עס פֿאַניען ניט זייער שטאַרק. דאָס וויכטיקסטע איז דערגרייכט. ער האָט זי געזען אין דעם זויבער־ווײַסן כאַסענע־קלייד. ער האָט איר געזאָגט: „איר זײַט בילדשיין". וואָס נאָך דאַרף זי?

— עפּשער וועט איר מיר דערלויבן אַרײַנגיין צו נינע סעוואַסטיאַנאָוונען? — האָט פֿאַניע געפֿרעגט געאָרגי וואַסיליעוויטשן.

— פֿאַרשטייט זיך. זי וועט זײַן זייער צופֿרידן... אַנטשולדיקט. איך מוז גיין אין אַפּטייק נאָך אַ רעפּוע.

ער איז אַוועקגעגאַנגען. איצט האָט פֿאַניע פֿאַרלוירן דעם כיישעק פֿאַרהאַלטן זיך דאָ. נאָר טאַסיע קוקט אַף איר, ווי זי וואָלט איר פֿאַרגעוואָרפֿן: „ניט שיין! האָסט דאָך געבעטן, מע זאָל דיר דערלויבן באַזוכן מײַן קראַנקע מוטער, און איצט ווילסטו מאַכן די פֿלייטע!.."

נינע סעוואַסטיאַנאָוונע איז געווען אַ ווילע ליבלעכע פֿרוי. איך ווייס אַליין ניט פֿאַרוואָס, נאָר זי האָט זיך מיר פֿאַרגעדענקט מיט אַ האַנטעך אין דער האַנט. אָט אַזוי שטייט זי מיר פֿאַר די אויגן: אַ פֿולברוסטיקע, אַ שמייכלענדיקע, האַלט זי אַ גראָבן האַנטעך אין דער האַנט און וואַרט, ביז איר וועט אײַנוואַשן די הענט, איידער איר וועט זיך זעצן צום טיש פֿאַר קיבעד, וואָס זי האָט פֿאַר אײַך אַרויסגעשטעלט.

איצט ליגט זי מיט אַ האַנט, צוגעדריקט צום האַרצן.

— ווי פֿילט איר זיך, נינע סעוואַסטיאַנאָוונע? — האָט פֿאַניע, שטייענדיק אַף דער שוועל, געפֿרעגט.

נינע סעוואַסטיאַנאָוונע האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ און אַנציקט אויסגערופֿן:

— אַך, ווי שיין דו ביסט, מיידעלע מײַנס! קום אַהער, כ׳וויל דיך אַרומנעמען. נו, איך באַגריס דיך, קינד מײַנס! זײַ גליקלעך און לעבט אין ליבע און שאָלעם הונדערט יאָר...

הונדערט יאָר!

ס'איז מיר געוואָרן אפילע קאַלאַמוטנע אפֿן הארצן פון נינע סעוואסטיאַנאָוונעס ברייט-הארציקער באַגריסונג.

מיר, אנטשולדיקט, פאניען, האָט זיך נאָך אַלץ געדוכט, אַז די כאַסענע איז עפּעס ווי א מין פאַרשטעלונג אין צווי, אָדער דריַי אקטן, נאָכדעם לאָזט זיך אראָפּ דער פאָר-האַנג, און — אויס! און דאָ — הונדערט יאָר!

ס'האָט מיר וויניק-וואָס געהאָלפן דער שמייכל אף די ליפּן, דאָס וועלן אויסזען גליקלעך און צופרידן. טרערן האָבן מיך געשטיקט, איך האָב אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אף דער פולער ווייכער ברוסט פון דער גוטהארציקער פרוי און זיך אויסגעוויינט צו זאַט. נינע סעוואסטיאַנאָוונע איז געווען זיכער, אַז דאָס זיינען טרערן פון גליק. זי האָט מיך אַלץ געגלעט איבערן קאָפּ, און עפּעס מיר בעשאַסמיַיסע איַינגערוימט אין אויער. און איך, אזא אומדאַנקבאַרע, האָב ווי א שלאַנג זיך ארויסגעגליטשט פון אירע אָרעמס און אומדערוואַרט געפרעגט:

— איר וועט גאָרנישט ניט האָבן קעגן, נינע סעוואסטיאַנאָוונע, אויב מיר וועלן וואָקנעמען בא אייַך אף א קורצער צייַט געאָרגי וואַסיליעוויטשן?

איך האָב זייער געוואָלט א טאַנץ טאָן מיט אים כאָטש איין וואַלס. מאַקס האָט ניט געקענט טאַנצן. ער פּלעגט זיך אייַנשטעלן מיך פאַרבעטן אף א טאַנץ נאָר דעמלט, ווען ס'איז געווען א גרויסער אוילעם, און מ'האָט געקאָנט אָפּקומען מיט טאָפּטשען זיך אף איין אָרט אין מעשעך פון עטלעכע מינוט. אָבער טאַנצן א ווייכער-וואַלס! בלויז געאָרגי וואַסי-ליעוויטש האָט דאָס גלענצנדיק געקענט. כ'האָב געזען, ווי ער האָט מיט טאַסיען געטאַנצט אזא וואַלס אפֿן ארויסלאָז-אָוונט אין שול. „גאָט מייַנער! שענק מיר א טאָטן כאָטש אף הייַנטיקן אָוונט!..״ — האָב איך...

אַזימיטש האָט געדולדיק געוואַרט, ביזוואַנען די קימאַט אומבאַקאַנטע און עפּעס זייער נאָענט געוואָרענע פרוי האָט פאַרגעזעצט.

נינע סעוואסטיאַנאָוונע האָט ניט דערווידערט:

— ביטע, פאַינע זינאָוויעוונע, צי קאָן איך אייַך אָפּזאָגן אין אזא טאָג? נעמט אים, געאָרגי וואַסיליעוויטשן, אף א גאַנצער נאַכט.

— א גרויסן דאַנק אייַך, מיר וועלן מיט טאַסיען צוּוואַרטן אף אים אין דרויסן.

ווען מיר זייַנען מיט טאַסיען ארויס אפֿן גאַס, האָט זי מיר א דראָע געטאָן מיטן פויסטל. קעדיי באַווייַזן איר, ווי כ'בין אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון איר מוטער, האָב איך איר דערמאָנט:

— האָסט געהערט, ווי דייַן מאַמע האָט מיך אָנגערופן? פאַינע זינאָוויעוונע...

טאַסיע האָט א שמאָרע געטאָן מיטן נעזל:

— כ'זאָג דיר!

מיר זייַנען געשטאַנען באַם טויער און געפּלוידערט.

— הערט מיך אויס, כאַשעווע טאַיסיע געאָרגיִעוונע, שוין א לענגערע צייַט ווי מיר זייַנען אנטלאָפן פון דער כאַסענע, מ'האָט שוין דאָרט געקערט באַמערקן, אַז די קאַלע איז פאַרשווונדן. צי וואָלט איר ניט געווען אזוי גוט א לויף טאָן אהין און זאָגן, אַז כ'וועל באַלד קומען מיט געאָרגי וואַסיליעוויטשן.

טאַסיע האָט ווידער א דראָע געטאָן מיטן פויסטל, נאָר געפּאָלגט. איר איז געפעלן געוואָרן, וואָס איך האָב זי אָנגערופן „טאַיסיע געאָרגיִעוונע״. כוץ דעם, האָב איך צוגעזאָגט אָפּזוכן פאַר איר א כאָסן דורך מאַקסן, בא אים, אין דער בוי-פאַרוואַלטונג, אַרבעטן עט-לעכע יונגע באָכערים.

פאַניע האָט ארויסבאַקומען פונעם רעגצל א שפּיגעלע און פודרע, אפגיך געגומען פאַרפודערן די שפּורן פון טרערן אפֿן פּאָנעם.

ווען עס האָט זיך באַוויזן די הויכע פיגור פון געאָרגי וואַסיליעוויטשן, איז זי ארויס פון אונטערן טויער. אָניט וועט ער נאָך זאָגן: „א ווייַס געשטאַלט אין א שמוציקן טויער, ווו ס'שטייען שוואַרצע אייַזערנע קעסטלעך מיט מיסט״.

געאָרגי וואַסיליעוויטש האָט ווירקלעך געזאָגט:

— איר זעט אויס, ווי עפּעס א געשפּענסט, א זילבער-ווייַסער געשפּענסט. נאָר דער פּאָן איז ניט קיין געהעריקער. וואָס טוט איר דאָ?

— כ'וואַרט אף אייַך. נינע סעוואסטיאַנאָוונע האָט דערלויבט אייַך מיטנעמען אף א גאַנצער נאַכט.

ער האָט א שמייכל געטאָן:

— זי האָט טאַקע דערלויבט. נאָר איך אַליין דערלויב זיך עס ניט טאָן. ס'איז עפּעס ניט... ניט גוט. די פרוי איז קראַנק, און דער מאַן פאַרברענגט אַף א כאַסענע.

— נאָר כ'בעט אײַך זייער.

— גוט. וואַרט צו א ווײַלע. כ'וועל זיך אופהייבן מיטן ליפט איר געבן די רעפּועס און כ'וועל שוין אַליין א שמועס טאָן מיט איר.

— כ'וועל גיין מיט אײַך.

— ביטע.

ווען דער ליפט האָט זיך א ריר געטאָן פונעם אָרט, האָט פאַניע זיך פאַרטראַכט: „אויב ס'איז דאָ א גאָט אַף דער וועלט, וועט ער באַווײַזן א נעס און דער ליפט וועט קאַליע ווערן און בלײַבן שטיין ערגעץ צווישן דעם דריטן און פערטן שטאָק". אָבער דאָס האַרץ שטייט, וואַרט, און דער ליפט גייט, הייבט זיך אוף. נעמט דאָס פאַרשײַטע מיידל, וואָס איז שוין, קאָן מען זאָגן, א ווײַבל, און טוט, קלוימערשט ניט ווילנדיק, זיך א שטופּ אַף פון דער טיר, און דער ליפט בלײַבט שטיין.

— אַך, אזא פאַרדראָס! — האָט פאַניע אויסגערופן. דאָס אַלץ איז געווען פון פריִער צוגעגרייט אין איר קעפּל, דער גאַנצער פּלאַן און דער דאָזיקער אויסרוף אויך. — וואָס זשע וועלן מיר אַצינד טאָן?

— גאַרניט, — האָט געאָרגי וואַסיליעוויטש רויִק געענטפערט.

ער האָט א צי געטאָן אַף זיך די קליאַמקע פון דער טיר, א דריק געטאָן אַפן קנאָפּ, און דער ליפט האָט ווידער זיך געריִרט פונעם אָרט.

דאָס איז שוין געווען קעגן פאַניעס פּלאַן. וואָרעם לויט איר פאַרטראַכט האָט אין דעם שטעקן געבליבענעם ליפט געזאָלט פאַרקומען אזא סצענע: געאָרגי וואַסיליעוויטש וועט זי פּלוצעם פעסט אַרומנעמען, צודריקן צו זײַן ברוסט, הייס א קוש טאָן, און מיט א פאַרכלינעטן אָטעם קוים אַרויסרעדן:

— גליק מײַנס!

צוערשט וועט זי ווערן צעמישט. נאָכדעם וועט זי זיך באַפרײַען פון זײַנע אָרעמס און אַן אַנטוישטע זאָגן:

— איר... איר זײַט ווי אַלע מאַנצבלען. און איך האָב געמיינט... אזא ריינער... אזא נאָבעלער.

ער וועט שווער איבערכאַפּן דעם אָטעם:

— איך בין טאַקע אזא... אזא...

— ניין. ניט עמעס. און נינע סעוואַסטיאַנאָוונע?

— זי ווייסט דאָך אָבער גאָרנישט.

— ניין, אזוי... באַהאַלטענערהייט... וויל איך ניט...

— דאָס גאַנצע לעבן זײַנס גאַנוועט א מענטש באַם לעבן נישטיקע ברעקעלעך פון גליק...

— נאָר ס'איז דאָך שרעקלעך — לעבן מיט א צעצוויייט לעבן!

— באַנאַלע נאַרישקײַטן! — וועט מיט צאָרן אויסרופן דער שטענדיק העפלעכער געאָרגי וואַסיליעוויטש. — ביליקע מאָראַל. א מענטש דאַרף האָבן צוויי לעבנס, ווי צוויי הענט, צוויי פיס, צוויי אויגן. ווי יאַמטעוו און אינדערוואָכן. שוין זשע איז ניטאָ אין אײַער נעשאָמע עפּעס א סוידעסדיק ווינקעלע, וואָס איז פאַרבאַהאַלטן פון אַלעמען אַף דער וועלט? און צי נייטיקט זיך עס ניט אין א שלייער, זאָל זײַן אפילע אויסגעוועבט פון אויסטראַכ-טענישן?..

גראָד דעמלט האָט ער מיר געזאָלט זאָגן, אז א ליגן איז א בראָכע...

ווען עס וואָלט אזוי טאַקע פאָרגעקומען, וואָלט עס מיר געהאָלפן אופהערן אים ליבן. ער וואָלט דעמלט אויסגעזען אין מײַנע אויגן פונקט אזוי, ווי אַנדערע מאַנצבלען. אשטייגער, ווי איר, אַזימיטש. זאָגט מיר ערלעך: וואָס האָט אײַך אָנגערעגט צו זוכן מיט מיר א טרעפונג? צי דען ניט דאָס יאָגן זיך נאָך א ברעקעלע אומגליקלעך גליק? צי דען ניט דער פאַרלאַנג צו דערשלאָגן זיך נאָך איין ביליקן זיג, וועלכער איז אינדערעמעסן א דורכפאַל?.. אָ, אָרעמע נינעל!

— וואָס זשע זײַט איר מיט מיר געגאַנגען? — האָט שטיל געפרעגט אַזימיטש.

— כ'ווייס ניט. דאָס גאַנצע לעבן זוך איך עפּעס און נישטער אַף אַלע וועגן, כ'פאַר-געס פאַשעט צי איך וויל פאַרגעסן, אז עפּעס איז אַפּגעסאַמט געוואָרן אין סאַמע אָנהייב... איר הערט? ער וואָיעט שוין ווידער... שטעלט אַף די הוידלקע.

ווען זיי זײַנען אַראָפּ פון דער הוידלקע, האָט פאַינע זינאָוויעוונע געזאָגט:

— זײַט מיר מוחל, אויב איר קאָנט. איר זײַט אַן אַרנטלעכער מענטש, וויקטאָר פעטראָוויטש. איר וואָלט מיר געקאָנט זאָגן, אַז מאקס איז ניט אַף קיין סאך גליקלעכער, ווי נינעל. נאָר איר האָט דאָס ניט געזאָגט. איך וואָלט אָבער זייער געוואָלט, אַז איר זאָלט ניט זײַן ענלעך אַף אנדערע מאַנצבלען...

5

— לאָמיר זיך אומקערן אין פּאַווילִיאָן.

— איר האָט טאקע מוירע, אַז אײַער רענצל זאָל ניט פארפאלן ווערן?

— ניין, עס נעמט קאפּען א רעגנדל.

וויקטאָר פעטראָוויטש האָט אויסגעשטרעקט די האנט.

— עמעס. און איך האָב אפילו ניט באמערקט.

דער הימל איז געווען פארוואָלקנט. קליינע שיטערע טראָפּנס האָבן פאַמעלעך גע־קאַפּעט, ווי דורכגעזיפּטע דורך דער זיפּ פון א גוואַלדיקער כמארע, וואָס האָט זיך פּלוצעם צעשפּרייט איבער א האלבן הימל.

זיי זײַנען געגאַנגען ניט געײַלט.

— א גוט רעגנדל, אַן אַזאַניש, — האָט אַזימיטש געזאָגט, אבי עפּעס זאָגן. א וואָרט, וואָסערס ס׳זאָל ניט זײַן, צעטרײַבט פּאַרט דעם קנויל פון שווערע געדאַנקען.

ער האָט אויסגעטאָן די באַלאָניע און אַרופגעוואָרפן זי אַף די עטוואָס אַנגעבויגענע פּלייצעס פון דער פרוי.

א ווינט האָט זיך מיטאמאָל צעווינטלט, און ס׳האָט א גאָס געטאָן אַן עמעסער רעגן. זיי האָבן זיך גענומען פאר די הענט און געלאָזט לויפן צו דעם געבענטשטן פּאַווילִיאָן. קרומע רעגן־שטראָמען האָבן זיי פארפאָלגט אויך דאָרטן.

— אָט איז אײַער רענצל. גאַנץ און פון קיינעם ניט אַנגערירט.

פאַינע האָט א דערפרייטע עס א כאַפּ געטאָן.

— זעט אויס, אַז דאָרטן איז פארבאהאלטן עפּעס אזוינס... זייער טײַערס...

די פרוי איז געשטאַנען אינמיטן פּאַווילִיאָן, וווהין די שפּריצן פונעם רעגן האָבן ניט דערגרייכט. זי האָט אופגעעפנט דאָס רענצל.

— אָט איז דאָס... דאָס טײַערע... דער בריוו.

— דער זעלבער?

— יאָ.

— לייענט אים מיר איבער, אויב איר האָט ניט קעגן.

— לאָמיר צוּוואַרטן...

אירע אויגן האָבן זיך ווידער צעפלאַמט, און זי האָט אויסגערופן אי קינדעריש, אי באַפּעלעריש:

— ווינט און רעגן, ווערט אנשטילט! שטערט מיר ניט!

דער ווינט האָט זי וואָיענדיק אויסגעלאַכט, און דער רעגן האָט אַלץ דראָענדיק גע־פּײַטשט איבערן קוּפּאָל פונעם פּאַווילִיאָן, אראָפּרינענדיק שטראָמענווײַז איבער די ווײַסע זײַלן. עס איז נאָך פינצטערער געוואָרן. בלינדע שאָטנס האָבן זיך אומבאהאָלפן געמאָרדע־וועט פון איין בוים צו א צווייטן. און דער בייזער ווינט האָט זיי אַלץ אונטערגעשלײַדערט, זיי, און דיביימער, און די שווער געוואָרענע קרוינען, און די געדיכטע פינצטערניש צווישן זיי. דער איינציקער לאמטערן האָט אויסגעזען ווי א ווײַנענדיק אויג. גראָד איצט האָט אַזימיטש דערשפּירט א פּאַרטײַעטע פרייד: דער ווינט ווייעט און וואָיעט, אַרום און אַרום — א צעבושעוועטער יאַם, און ער און די דאָזיקע פרוי ווי צווי געראַטעוועטע אַף אַן אינדזל.

דעם שווארצן הימל־געוועלב האָבן שאַרף דורכגעשניטן בליץ־זיגזאַגן, און דער גע־וואָי פונעם ווינט, דער רויש פון רעגן זײַנען פארטויבט געוואָרן מיט א געקנאַל פון דונערן.

— כ׳האָב מוירע... ווו זײַט איר? איך זע אײַך ניט. דער בליץ האָט מיך בלינד געמאַכט...

אַזימיטש האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, א גלעט געטאָן די פרוי איבערן אקסל.
— אָט בין איך. לעבן אײַך. איר זעט...
— יאָ. איך בין א מעסוקענע פּאַציענטע...
איבערגעוואַרט א דונער און צוגעגעבן:
— און ביכלאַל בין איך א... א ליגנערטע, א צעדרייטע... א... א...
— וואָס רעדט איר! — האָט אַזימיטש הייס איבערגעשלאָגן. — ניט דאָס, ניט דאָס האָב איך געמיינט. כ'האָב אײַך נאָר געוואָלט זאָגן, איר זאָלט א פּרוּוו טאָן פאַרלייענען דעם בריוו, עפּשער וועט זיך פאַרט באַקומען. דער סטיכיי אפצולאָכעס, האָ?
זי האָט אומגעריכט צופרידן אויסגערופן:
— אויסגעצייכנט! א גלענצנדיקע אידיי. קאַלטער כאַאָס און א ווארעם מענטשלעך וואָרט. נעמט אראָפּ די האַנט פון מײַן פּלייצע. כ'האָב שוין ניט מוירע. הערט אַזימיטש: — מיר האָט זיך געכאַלעמט — א זון שײַנט באַנאַכט, א ריזיקע זון. פאַרשוווּנדן איז ערגעץ דער כוישעך, און ס'איז ליכטיק געוואָרן ארום ווי באַטאָג...
— און דער בריוו? איצטער קאָן מען אים לייענען, ס'איז דאָך ליכטיק געוואָרן ארום ווי באַטאָג...
— יאָ. מע קאָן... נאָר איך דאַרף אים ניט לייענען, איך געדענק אָף אויסווייניק:
„מיר האָט זיך געדאַכט, אז די געפילן מײַנע זײַנען טויב, שטום, בלינד געוואָרן. נאָר ניין. זיי זײַנען ניט געשטאָרבן, וויבאַלד איך לעב. ס'האָט זיי פּאָשעט באַדעקט א גראָבער שטויב-שיכט.
און פּלוצעם — אַן אופּבּרויז.
וויאַזוי איז דאָס געשען?
כ'ווייס ניט. כ'געדענק נאָר, ווען דאָס איז געשען:
דעמלט, ווען כ'האָב דיך דאָס ערשטע מאָל דערזען.
בין איך שיקער געוואָרן, און ניט פון ווײַן.
פאַרוואָס עפּעס ניט פון ווײַן? ניין, דערלאַנגט מיר ווײַן אויך.
אַזוי פּירט זיך שוין פון דוירעס.
דו געדענקסט, בא אָמאר כאַיאַמען?

„ווען-ניט-איז א שיקערער פון ווײַן און ליבע-פײַער,
מיט פינגער פאַרפּלאָנטערטע אין דײַנע לאָקן דופּטיקע,
וועל איך צו דײַנע פיס אומפאַלן,
לאָזנדיק פאַלן דעם בעכער פון האַנט
און דעם טיורבאַן פונעם שיקערן קאָפּ...”

די דאָזיקע שורעס זײַנען אַלט נאָר נײַן הונדערט יאָר, און דו ביסט שוין אַלט גאַנצע זיבעצן”.
„וווּנדערבאַר! — האָט וויקטאָר פּעטראָוויטש געקלערט. — א פאַנטאַסטיש בילד. א שלאַקסרעגן. בליצן. דונערן. און זי, די קליינינקע פרוי, שטרענגט אָן אַלע קויכעס אָף איבערצושרײַען די סטיכיי.
ווען איך וועל קומען קיין טאָמאַל און פּרוּוון דערציילן וועגן דער דאָזיקער צויבערנאַכט, וועט מיר קיינער ניט גלייבן”...
— ווײַזט מיר דעם בריוו, — בעט אַזימיטש.
— וואָס דאַרפט איר אים?
— כ'וועל אים ניט לייענען, נאָר א קוק געבן.
זי האָט ארויסגענומען פונעם רענצל צונויפגעלייגטע בלעטלעך.
אַזימיטש האָט צוגעוואַרט, ביז ס'האָט א בליץ געטאָן, געכאַפּט א קוק אָף די בלעטלעך און אומגעקערט זיי פּאַ׳ינען. נאָכדעם האָט ער ארויסגענומען פון דער קעשענע א נאָטיץ-ביכל, א פּילפּעדער.
— כ'וואָלט זייער געוואָלט האָבן... אַזוי צו זאָגן... אײַער אויטאָגראַף.
— צוליב וואָס? איך בין דאָך ניט קיין באַרימטקײַט.
— פאַר מיר זײַט איר מער.
זי האָט זיך אונטערגעשריבן אָף א בלעטל אין זײַן ביכעלע.

אַזימיטש האָט זיך ווידער דערוואַרט אַף אַ בליץ, געכאַפּט אַ קוק אַף איר כסימע און אויסגערופן:

— מײַן האשאַרע איז געווען אַ ריכטיקע. דער בריוו איז געשריבן מיט אײַער קסאַוו. איר שרײַבט, הייסט עס, זיך אַליין בריוו. איר האָט זייער אַן אינטערעסאַנטן קאָרעספּאָנ-דענט.

פאַינע זינאָוויעוונע האָט ניט געפּרוווט דערווידערן. זי האָט מיד זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער באַנק. דער רעגן איז אַ ביסל שטילער געוואָרן. רעגן-טראָפּנס, ווי דורכזיכטיקע אינזעקטן, זײַנען געקראָכן איבער די גלאַטע קאַלאָנעס אַראָפּ-צו.

— איר האָט זיך געגעגנט מיט נינעלן? — האָט פאַינע געפֿרעגט.

— יאָ.

— אַ שאָד. פאַרוואָס פונדעסטוועגן?

— כ'ווייס ניט. אָט אַזוי האָט זיך באַקומען. אייגנטלעך, ניט מיר, נאָר די שוויגער האָט אונדז געגעגנט. אַפן געריכט איז זי דעריקער אַרויסגעטראָטן. זי האָט מיר צוגעשריבן די גרעסטע זינד.

— נו, און איר?

— איך האָב געשוויגן. כ'האָב געהאַלטן, אַז נינעל וואָלט געדאַרפט מיך פאַרטיידיקן, נאָר אײב זי האָט געשוויגן, האָב איך אויך געשוויגן.

— נו, און איצט...

— גאָרניט.

— וואָס הייסט גאָרניט? שוין זשע איז גאָרניט נישט פאַרבליבן בײַ אײַך פון צוויי יאָר געמיינזאַם לעבן?

— פאַרבליבן. דער שליסל פון דער קוואַרטיר. אי דאָס — גאַנץ צופעליק...

„ס'זײַנען אים, קאָנטיק, שווער די דאַזיקע דערמאָנונגען", — האָט פאַינע זינאָוויעוו-נע אַ טראַכט געטאָן, און דאַך געפרעגט:

— אײַך איז ניט אָנגענעם זיך דערמאָנען אין דעם?

אַזימיטש האָט אַ שמייכל געטאָן, און דאָס האָט זי פאַרכידעשט. ס'איז ניט אַזוי לײַכט טרעפן, ווי צו האַלטן זיך מיט דעם דאַזיקן מענטשן: וואַרטסט אַף איינס, און ער טוט אַ דריי אַף עפּעס אַנדערש.

— ניין, — האָט ער געענטפערט, — פּאַשעט מײַן פּײַ איז אַ ביסל קאַליע געוואָרן...

— וואָס איז דאָס נאָך פאַר אַ פּײַ? — האָט זי אים איבערגעשלאָגן.

אין איר טאָן האָט ער אויפגעכאַפּט דעם פאַרדראָס פון אַ קינד, וואָס הערט מיט אַן אָפן מויל עפּעס אַ מײַסעלע, און פּלוצעם רײַסט מען עס איבער אַף עפּעס אַן אומפאַרשטענד-לעך וואָרט צי עפּשער אַפילע אַ האַלב וואָרט. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט צופּאַסן זיך צו איר שטימונג, נאָר ער האָט נאָך ניט צוגעטראַכט, וויאַזוי דאָס טאָן.

— פּײַ הייסט „פאַרגעדענקענדיקע אײַנריכטונג".

ער האָט צוגעוואַרט, עפּשער וועט פאַניע — ניט פאַינע זינאָוויעוונע, נאָר טאַקע פאַניע, — אים עפּעס פרעגן, וואָלט עס אים עפּשער געהאָלפן איבערשליסן זיך פון אַ טרוקענער טעכנישער שפּראַך אַף אַ מײַסעדיקער. נאָר די פרוי האָט געשוויגן.

— אַנטשולדיקט. איך בין אַן אינזשעניער אַפן געביט פון רעכענונג-טעכניק, האָב איך זיך מאַשינעל באַנוצט מיט דעם דאַזיקן וואָרט. קלוגע מאַשינעס האָבן, ווי מענטשן, אַ זיקאָרן, און מיר רופן אים: „פאַרגעדענקענדיקע אײַנריכטונג".

ער האָט מיט פאַרגעניגן געשפּירט, ווי פאַינע האָט לעבהאַפטיק אַ קער געטאָן צו אים דעם קאָפּ און פאַרוווּנדערט געפרעגט:

— אַז-זוי גאָר?.. צוליב וואָס דאַרפן מאַשינעס אַ זיקאָרן?

אַזימיטש האָט געענטפערט ערנסט, עטוואָס מענטאָריש:

— זיי זאַמלען אָן אין דעם פּײַ אַ גרויסע מאַסע אינפאָרמאַציע, ציפערן, אַלערליי אָנגאַבן און ניצן אַלץ אויס, ווען מע דאַרף.

— וויאַזוי זשע ניצן זיי דאָס אויס? און צוליב וואָס?

— צוליב וואָס? צוליב דעם מענטשן. די דאַזיקע מאַשינעס זײַנען אונדזערע געטרײַע פרײַנט און באַהעלפער. — וויקטאָר פּעטראָוויטש האָט קוים צו באַמערקן אַ שמייכל גע-טאָן און פאָרגעזעצט: — אַ מענטש איז אַלע מאָל פול מיט קווענקלענישן. אָט, אַשטייגער, איך... און איר... איר — באַזונדערס. איר האָט זיי מיטגעשלעפּט, די קווענקלענישן, ווי אַ לאַנגן שלייער, דורך דער שלאָפנדיקער שטאָט און דורך דער נאַכט. זיי זײַנען מיט אײַך אויך דאָ, אין דעם דאַזיקן פּאַוויליאָנדל, דער ווינט האָט זיי ניט צעווייעט, דער רעגן —

ניט אַפּגעשוועקט. די מאשינעס, אָבער, צווייפלען קיינמאָל ניט. זיי נעמען אין אכט אלע „פאר" און אלע „קעגן", וואָס איר אליין לייגט זיי פאָר, און זיי גיבן אַרויס א דײַטלעכן ענטפער. אשטייגער, איר פרעגט: „צי איז קעדײַ אָנהייבן אלץ פונעם אָנהייב, לעמאָשל, פארליבן זיך אין אָזימיטשן?" און די מאשין ענטפערט אײַך פאר געציילטע סעקונדעס קורץ און אנטשלאָסן: „יאָ". — נאָך א פּאוזע צוגעגעבן: — אָדער „ניין". נאָר איך, נאַטירלעך, וואָלט געוואָלט...

פאַנע האָט אים ניט געלאָזט דערריידן:

— ס'איז צו זען, אַז איר זײַט פֿאַרליבט אין אײַערע מאַשינעס און אין אײַערע באַציִונגען מיט זיי, און אין אײַער פּראָפֿעסיע.

— ס'איז ניט נאָר מײַן פּראָפֿעסיע. ס'איז מײַן האָבי אויך. דאָס האָט פֿריִער פֿאַרנומען אין מײַן הארצן דאָס צווייטע אָרט, און נאָכן אײַנרײַס מיט נינעל — דאָס ערשטע.

— דאָס איז גוט, — האָט געזאָגט פֿאַנע. — און איבערגעכאַזערט: — דאָס איז גוט. איר האָט מיט וואָס צו פֿאַרפֿילן אײַער הארץ...

איצט האָט ער זי איבערגעשלאָגן, אומגעדולדיק און קאָמיש א פֿאָכע געטאָן מיט די הענט ווי מיט פֿליגל:

— איר האָט מיך ניט געלאָזט פֿאַרענדיקן. די מאַשינעס ענטפֿערן קורץ: יאָ אָדער ניין. פֿאַראַן אַן אימפּולס — איז „יאָ". ניטאָ — איז „ניין". די קיבערנעטיקער רופֿן עס נאָר אַזוי: „אַלץ אָדער גאָרניט". דאָס איז אײַך בעסער געפֿעלן, ניט אַזוי?

די פֿרוי האָט צעמישט געשמייכלט:

— וווּנדערלעכע מאַשינעס. ווירקלעך קלוגע... — און געפֿרעגט: — איז ווי האַלט עס מיט אײַער פֿײַ, זי האָט זיך שוין דערמאָנט?

— וואָס האָט איר אין זינען? — האָט אָזימיטש געפֿרעגט צעשטרייט. — איר האָט מיר צעריסן דעם גאָלדענעם פֿאָדעם...

— כ'וועל אײַך העלפֿן אים פֿאַרבינדן. עמעס, מיר דאַכט, דער פֿאָדעם איז ניט קיין גאָלדענער, נאָר א רויער. איך האָב אײַך געפֿרעגט: „שוין זשע איז גאָרנישט ניט פֿאַרבליבן בא אײַך פֿאַר צוויי יאָר געמיינזאַם לעבן?", האָט איר געענטפֿערט: „פֿאַרבליבן. דער שליסל פֿון דער קוואַרטיר. אי דאָס — גאַנץ צופֿעליק".

אָזימיטש האָט אומבאַשטימט א ברום געטאָן:

— יאָ-אָ... — דערנאָך גענומען דערציילן: — צוויי מאָל האָב איך אָנגעקלונגען. דאָס ערשטע מאָל האָט קיינער ניט געענטפֿערט. דאָס צווייטע מאָל האָב איך דערהערט א קינדערשע שטים. כ'האָב זיך דערפֿרייט...

— ווילִיק!

פֿונעם טעלעפֿאָן-טרײַבל האָט זיך דערטראָגן א געוויין.

— ווילִיק! דו דערקענסט מיך ניט? וויין ניט, ווילִיק. טו א רוף די מאַמע.

— די מאַ-מע... די מאַ-מע... איז ניטאָ אינדערהיים-ם...

ערשט איצט האָב איך זיך אָנגעשטויסן: ער וויינט דאָך אוודאי טאַקע דערפֿאַר, וואָס די מאַמע איז ניטאָ.

— וויין ניט, ווילִיק. דאָס בין איך, דײַן פּאַפּע...

— פּאַ-פּע... — און דער טעלעפֿאָן איז אַנשוויגן געוואָרן. זעט אויס, די שוויגער האָט אַרויסגעכאַפּט באַם קינד דאָס טרײַבל. כ'האָב עס פֿאַרטײַטשט אַזוי: „אַ ווווּלער טאַטעניו, מישטיינסגעזאָגט! קלינגט אַן איין מאָל אין יאָר זײַן יינגעלע, און שוין! מיינט ער, איז זײַנס אָפּגעקומען".

ס'איז עמעס, פֿונעם ערשטן קלונג ביזן צווייטן איז דורך א גאַנץ יאָר. מ'האָט מיך געשיקט אין אַן אַנדער שטאָט אויף קורסן צו העכערן די קוואַליפֿיקאַציע, בין איך גערן אַוועקגעפֿאָרן. אָבער ווי נאָר כ'האָב זיך אומגעקערט, האָב איך גלײַך אָנגעקלונגען. נאָכן גוטע האָב איך געדונגען א קליין צימערל, צוערשט האָט די פֿרײַהייט טריומפֿירט, דערנאָך האָט די איינזאַמקײַט פֿאַרומערט.

— נעבעך...

— ניין, ניט נעבעך, זאַרינע פֿלעגט ניט זעלטן קומען. און פֿונדעסטוועגן האָב איך געבענקט. איינמאָל...

אָזימיטש איז פּלוצעם אַנשוויגן געוואָרן.

— פֿאַרוואָס דערציילט איר ניט ווײַטער?

— מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איר זײַט אַנדערעמלט געוואָרן.

— ניין. כ'האָב נאָר די אויגן פֿאַרמאַכט. כ'הער.

— איז אָט איינמאָל... גיי איך פֿון דער אַרבעט, פֿון פֿאַרנט גייט א מאַנצבל. אויף די פּלייצעס בא אים זיצט א יינגעלע. דער פֿאָטער האַלט עס פֿאַר די פֿיס. און אָט פֿון אַזעלכע אומגעוויינלעכע פּאָזיציעס: פֿון אונטן אַרויף — ווען דער פֿאָטער רעדט, און פֿון אויבן אַראָפּ — ווען דער זון, פֿירן זיי צווישן זיך א שמועס.

— שוין באַלד זומער, וועלן מיר פֿאָרן זיך אָפּרוען, האַ, זונעניו... — זאָגט דער פֿאָטער.

— יאָ, פּאַפּע, אָבער וואָס וועלן מיר טאָן מיטן קאַנאַריקל, אויב וועמען וועלן מיר עס איבערלאָזן?

דאָס איז דער גאַנצער געשפּרעך, וואָס איך האָב דערהערט, איבעריאָגנדיק זיי. נאָר כ'האָב זיך דערמאָנט אין ווילִיקן, כ'האָב אָנגעטאָפּט אין קעשענע דעם שליסל פון דער אַלטער-אַלטער דירע און, דאַכט זיך, איך האָב אײַך שוין אַמאָל אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם... ווי אַ גאַנעוו האָב איך זיך דורכגעשלײַכט אין מײַן אייגענער דירע. ס'האָט מיך אָבער באַגעגנט אַ פּוסטקייט. די דערמערונג אין צימער איז געוואָרן אַלץ געדיכטער, נאָר איך האָב ניט אײַנגעשלאָסן די שײַן, אַזוי פירן זיך גאַנאַווים אויך. די אויגן האָבן צוביסלעך זיך צוגעוווינט צו דער פינצטערניש. און כ'האָב אָנגעהויבן זען די קאָנטורן פון באַקאַנטע זאַכן. אָט איז דער טיש. אויפן טיש — קוויטן. נינעל האָט ליב פּיאַלקעס...

— איך אויך, — האָט פּאַולינע פּאַרטרוימט געזאָגט. זי איז נאָך אַלץ געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, — כ'האָב זייער ליב קוויטן. זיי זײַנען ווי עמבלעמען פון אַלץ, וואָס איז הערלעך אויף אונדזער ערד.

— יאָ. נאָר מיר, מאַנצבלען, זײַנען צו זיי גלײַכגילטיק. אָט איז נאָך איין באַווײַז, אַז די פרוי שטייט העכער פונעם מאַנצבל, נינעל.

— פּאַולינע.

— אַנטשולדיקט, מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז נינעל איז אַרײַנגעקומען, און מיר האָבן פאַרפירט מיט איר אַ שטענדיק אָנגענעם געשפּרעך וועגן בלומען.

בלומען זײַנען געווען. און נינעל — ניט. ס'איז געווען דער טעלעוויזאָר, געווען דער שוואַרצער אײַזערנער לײַכטער. געווען דאָס בעט, אויף וועלכן מיר זײַנען געלעגן און אַרומגערעדט די איינצלהײַטן פונעם פאַרשטייענדיקן געט. און זי איז ניט געווען.

לעבן אַ טישל מיט בלומען זיצט נינעל מיט ווילִיקן אויף די קני, און איך שטיי אָנגעשפּאַרט אָנעם בענקל, אויף וועלכן זיי זיצן. דאָס איז אַ פאָטאָגראַפיע אין אַ פאַרגלאָזט ראַמל. איך דריי זי אין די הענט: דאָס בין איך טאָקע, דער מאַנצבל, וואָס שטייט לעם זיי, צי דאָס איז שוין עפּשער אַרעסט?

אויפן טישל לעבן בעט שטייט אַ נידעריקער טיש-לאָמפּ מיט אַן אַבאַזשור. לעבן לאָמפּ אַ בוך. דאָס זײַטל איז נאַכלעסיק פאַרלייגט מיט אַ ביגודי, און דערפון זעט דער בוך אויס אומנאַטירלעך אויפגעשוואָלן. „אין גאָטס נאָמען, ווי האָט געטראָפן, וואָס דו ביסט אַזוי נידעריק געפאַלן? — האָט ווירזשיני געפרעגט בריגיטען"... יאָ, נינעל פאַרגעטערט אַזאַ מין ליטעראַטור.

— ווײַטער!

דאָס באַפעל איך מײַנע אויגן, זיי זאָלן אַרויסרײַסן פון דער פינצטערניש נײַע זאַכן, וואָס אינדערעמעסן זײַנען זיי אַלטע, באַקאַנטע.

אויפן ווענטל פונעם בעט הענגען נאַכלעסיק צוויי קליידער. עס האָט זיי הײַנט ניט אָפּגעגליקט. דער גורל איז געפאַלן ניט אויף זיי, און נינעל האָט שוין ניט געהאַט קיין צײַט אופהענגען זיי אַקוראַט אויף די הענגערס.

איין קלייד געדענק איך אויסגעצייכנט. אויף אַ זילבערנעם פאָן — היפּשע אָראַנזש-בעז-קאַלירקע קוויטן. דאָס צווייטע איז מיר אומבאַקאַנט. ווײַזט אויס, — אַ נײַס. אַ שוואַרצס. אַ שטרענגס. מיט אַ באַזוימונג פון פוטער. אַן אַלמאַניש.

צוויי קוואַדראַטן פון בלייכער שײַן אויפן דיל פון די פענצטער, אויף איינעם פון די שײַן-פלעקן, האָט מיט צוויי פיסלעך אָנגעטראָטן אַ בענקל, זעען זיי אויס ליכטיקער, ווי די אַנדערע צוויי. דער צווייטער קוואַדראַט איז אַקעגן דעם טרימאָ. איך האָב געכאַפּט אַ קריטישן קוק אויף זיך. ווירקלעך, — אַן אויסזען ווי פון אַ גאַנעוו. „דו האָסט באַגאַנוועט דײַן מישפּאָכע און אויך זיך אַליין", — האָט מיט זײַן גאַנצן אָנבליק ווי געטײַנעט יענער, וועלכער האָט זיך געפונען פון יענער זײַט שפּיגל. און איך בין מיט אים ניט מאַסקים געווען. ער האָט פּאָשעט געוואָלט אויסניצן דעם גינסטיקן מאָמענט, ווען איך בין געווען סענטימענטאַל געשטימט. איך שטיי אַקעגן שפּיגל און האַלט אין איין איבערכאַזערן: „מערן-זאַפט אָן צוקער". דאָס האָב איך זיך דערמאָנט אין אַן אַלטער געשיכטע. נינעל האָט נאָכן קימפּעט איבערגעטראָגן אַן אָפּעראַציע. דער דאָקטער האָט געהייסן ברענגען איר מערן-זאַפט אָן צוקער און נאָך אייניקע קלייניקײַטן. פונעם שפּיטאָל ביז דער שטוב האָב איך אַלץ אײַנגעכאַזערט דעם דאָקטערס אָנווײַזונגען. באַגעגן איך פונקט דעמלט זאַרינען. ווען מיר באַגעגענען זיך, גריסן מיר זיך ניט, מיר שמייכלען פּאָשעט איינס צום אַנדערן, דער שמייכל באַטײַט „גוטמאָרגן!". דאָס מאָל האָב איך עפּעס געמורמלט. פרעגט זי מיך: „וואָס האָסטו געזאָגט?" ענטפער איך — „מערן-זאַפט אָן צוקער".

— דו ביסט קראַנק? — פרעגט זאַרינע.

— איך בין געזונט. נינעל איז קראַנק.

— אַ!.. קענסטו כאָטש אַנרײַבן מערן? עפּשער זאָל איך דיר העלפֿן?

— אַ דאַנק. די שוויגער וועט אַלץ צוגרייטן...

פאַינע פרעגט, און אַזימיטשס אויער האָט אויפגעכאַפּט עפּעס אַ האַרבקײַט אין איר פראַגע:

— און פאַרוואָס זײַט איר זיך ניט צונויפגעגאַנגען מיט זאַרינען?

— מיר האָבן ביידע ניט געוואָלט. איך — ווײַל כ'האָב זיך געוואָלט אָפּרוען פון דעם פאַמיליען-לעבן, זאַרינע, ווידער, האָט זיך געשראָקן פאַר דעם, נעמענדיק אין אכט מײַן דערפאַרונג.

— איז וויפל האָט איר זיך אָפּגערוט?

— אַן ערך דרײַ יאָר... נאָר איינמאָל האָב איך אַנגעטאַפּט אין קעשענע אַ שליסל. דעם שליסל פון פאַמיליען-לעבן. מעליצעדיק געזאָגט? יאָ? איז אָט שטיי איך אין מײַן געוועזענער קוואַרטיר אַקעגן דעם שפּיגל און רעד מיט זיך אַליין.

מיר זײַנען דעמלט צו קיין אויסגלײַך ניט געקומען. יעדערער איז פאַרבליבן בײַ זײַן מיינונג. דורכלעבן אַ לעבן קלוג, מיין איך, הייסט דורכלעבן אַ לעבן געדולדזאַם, מיר פעלט אויס די מידע. און עפּשער אײַך אויך? נו, און מײַן שוויגער — איז אָפּגערעדט.

די אמערסטן געדולדיקע צווישן אונדז איז, דוכט מיר, נינעל. כ'האָב אין זינען ניט דאָס, וואָס זי האָט געקאַנט, ווען מע האָט באַדאַרפט, פאַרמאַכן די אויגן. ס'איז ניט געווען אין דעם קיין באַזונדער באַדערפעניש. צוערשט איז דאָך, אייגנטלעך, צווישן מיר און זאַרינען גאָרנישט ניט פאָרגעקומען. מיר פלעגן פאַשעט שמייכלען איינס צום אַנדערן, ווען מיר פלעגן זיך באַגעגענען. מיר איז געווען געפעלן זאַרינעס שמייכל. נינעל האָט וועגן דעם געוווּסט און כ'פאַרשטיי, אַז צום האַרצן איז דאָס איר ניט געווען. אָבער סקאַנדאַלן האָט זי אויסגעמיטן. זי האָט צוגעטראַכט גאָר עפּעס אַנדערש. אָרעסט! צו אַ דרײַיעק האָט זי צוגעשטוקעוועט נאָך איין עק, איז געוואָרן אַ פירעק. אַזוי וועט שוין זײַן ניט זײַן פאַרדראָסיק. קיין לעבנס-דערפאַרונג אין דער הינזיכט האָט זי ניט געהאַט. דערפאַר האָט זי פאַרמאָגט אַ גרויסע לייענער-דערפאַרונג: „אין גאַטס נאָמען, ווי האָט געטראָפן, וואָס דו ביסט אַזוי ני-דעריק געפאַלן? — האָט ווירזשיני געפרעגט בריגיטען. בריגיטע האָט שווער אָפּגעזיפצט. „ס'איז ניט מײַן שולד, — האָט זי געענטפערט. — איך בין אים טרײַ געווען. נאָר, לײַדער, איז ער מיר געווען אומטרײַ. האָב איך אים אָפּגעצאָלט מיט דעם זעלבן. פאַראַט פאַר פאַ-ראַט".

איך האָב אַרויסבאַקומען פון דער שאַפע אַ הענגער און אויפגעהאַנגען ביידע אַרופגע-וואָרפענע אַפן בעט קליידער, צוערשט דאָס לעבנסלוסטיקע, מיט די גרויסע קווייטן און אַף דעם — דאָס צווייטע, דאָס שוואַרצע. איידער כ'האָב זיי אויפגעהאַנגען אין שאַפע, האָב איך צופעליק זיך צוגערירט מיט די ליפּן צום שוואַרצן קלייד און... פון...

— צופעליק! — האָט ניט בייז איבערגעקרימט פאַינע. — אוי האָט איר ליב אויסזען עפּעס ווי אַזעלכער... ווי אַ מענטש אָן געפילן...

אַזימיטש האָט עפּשער אַפילע ניט געהערט פאַינעס באַמערקונג. אים האָט זיך איצ-טער געדוכט, אַז פון יענער זײַט שפּיגל האָט זיך דענסטמאָל געפונען ניט זײַנע, אַזימי-טשעס, אָפּשפּיגלונג, נאָר אַ געשטאַלט פון אַ פרוי מיט אַ ליבלעך באַגײַסטערט געזיכט, גרויסע אומעטיקע אויגן און שטרענג צונויפגעפרעסטע ליפּן...

— וועגן וואָס האָט איר זיך אַזוי פאַרקלערט? — האָט געפרעגט פאַינע.

— וועגן אַלץ צוביסלעך. וועגן לעבן. וועגן ליבע. וועגן אײַך.

— און וועגן נינעל?

— וועגן נינעל האָב איך געטראַכט דעמלט. עס איז איר מיסטאָמע שווערלעך: אַרבעט — מאַרק — מאַגאַזינען — קינדערגאָרטן — אומעטום דאַרף מען באַוויזן זײַן.

כ'האָב אַנגעטאַפּט דעם טישלאָמפּ און אים אַנגעצונדן. אַ גרינע שײַן האָט זיך צעגאָסן איבערן צימער, ס'איז געוואָרן היימלעכער. איך האָב אַ קלער געטאָן, אַז די שײַן איז גאַנץ גענוג אַף אויפצוראַמען דעם צימער. נינעל וועט קומען — און אין שטוב איז ריין, שיין. ווער האָט אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט? אַ גוטער מאַלעך.

נאָכן אויפראַמען האָב איך גענומען די וואַזע מיט די קווייטן און אַרײַנגעגאָן אין קיך צו פאַרבײַטן די וואַסער. דערפּיל איך פּלוצעם אַ דורכדרינגלעכן בליק. אַהאַ! צוויי קײַלעכדיקע גרינע שטערנדלעך קימאַט אַפן ניוואָ פון דער פאַדלאָגע. נו, פאַרשטייט זיך, — אַזע. איך האָב זי באַגריסט. זי האָט מיר עפּעס פויל געענטפערט מיט אַ שטילן מיאַו.

קינסטלער לעאָניד פאַסטערנאַק

(1945-1862)

לעאָניד פאַסטערנאַק איז באַוווּסט דעריקער מיט שטייגער-בילדער פונעם רוסישן און ייִדישן לעבן, ער איז געווען א פּאָרטרעטיסט און איליוסטראַטאָר פון קינסטלערישע ווערק, זיך פאַרנומען אויך מיט ליטאָגראַפיע און אָפּאָרט. פונעם 1905 איז ער געווען אן אַקאַדעמיקער פון דער פעטערבורגער קונסט-אַקאַדעמיע. א גרויסן שעם האָבן געהאַט זײַנע איליוסטראַציעס צו ל. נ. טאָלסטאָיס „טכ׳יאַס-האַמייסים״, צו מ. יו. לערמאָנטאָווס ווערק. נאָכן 1917 האָט ער געשאַפן א ריי פּאָרט-רעט-צייכענונגען פון וו. אי. לענינען. אים געהערן אויך די פּאָרטרעטן פון אלבערט איינשטיינען, פונעם קינסטלער מ. ליבערמאַן. פון 1921 האָט ער געלעבט אין אויסלאַנד, פאַרבלײַבנדיק א בירגער פון פסס״ר. געשטאָרבן איז ער אין לאָנדאָן. לעאָניד פאַסטערנאַקס בילדער געפינען זיך מערסטנטייל אין די מאָסקווער און לענינגראַדער מוזייען.

אילוסטראַציע צו מ. יו. לערמאָנטאָווס פּאָעמע „מצירי״, 1891

אויטאָפּאָרטרעט, 1913

פּאָרטרעט פונעם קינסטלערס זין, 1905

פלאקאט, 1914



פאָרטרעט פונעם פושקיניסט
מ. גערשענזאָן, 1917

פאָרטרעט פונעם קאָמפּאָזיטאָר
יו. ד. ענגעל (עסקיז), 1906

דער קאַליר פון אזוס אויגן איז ווי בא דער שײַן, וואָס טריפט דורך דעם אבאזשור, — העל־גרין. דערפאר האָב איך זיי גלײַך ניט באמערקט. אזוי אָבער קוקט עפּעס אַף מיר צו דורכדרינגלעך, זי האָט מיך דערקענט צי ניט? צי וועט זי ניט אַרײַנשושקען עפּעס א פּליאָט־קע אין נינעלס אויער (דאָס קעצל האָט ליב געהאט שלאָפן אַף נינעלס ברוסט, האָב איך עס פּײַנט באקומען): עס האָט זיך געיאווועט דײַן געוועזענער מאַן, זען זעט ער אויס ניט גאָר פויגלדיק, כ'האָב אים קוים דערקענט.

פונדעסטוועגן האָב איך געלאָזט אזוי א שמעק טאָן די האלב פארוועלקטע קווייטן. זי האָט אומצופרידן א דריי געטאָן מיטן קאָפּ און הויך א מיאוקע געטאָן. אַף אזוס שפּראַך האָט דאָס געקאָנט באטײַטן: איך בין הונגעריק, און דו גיסט מיר גאָר קווייטן שמעקן.

גוט. לאָמיר א זוך טאָן. עפשער וועלן מיר עפּעס געפינען דיר אַף א וועטשערע. כ'עפן אויף דאָס טירל פונעם בופעט. אזוי פארלויפט מיר דעם וועג. העלפט מיר זוכן. און, שטעלט זיך פאַר, זי האָט גיכער פון מיר געפונען א ביסעלע מילך אפן דעק פון א גלאָז. זעט אויס, ווילק האָט ניט דערטרונקען. די מוטער האָט אים אונטערגעײַלט, מע זאָל אין קינדער־גאָרטן ניט פארשפּעטיקן. כ'האָב אויסגעגאָסן די מילך אין א שאָל, און אזוי, ניט וואַרטנדיק אַף מײַן אײַנלאַדונג, האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין שאָל און גענומען זיך גיריק זשליאָ־קען די מילך, אָפּשטופּנדיק מיטן קאָפּ מײַן האַנט, וואָס האָט געהאלטן די שאָל.

פּאָטער אַן אייסעק. אופגעראַמט. ריין. אזוי איז זאַט. איצטער מעג איך זיך א ביסל אָפּרוען. ניט אזוי, נינעל?

כ'האָב אויסגעטאָן די שיך, דאָס רעקל, אײַנגעשלאָסן דעם טעלעוויזאָר און זיך צוגע־לייגט אפן בעט־דיוואַן. דער טעלעוויזאָר האָט מיר געהאָלפן אויסמעקן די פּאָר יאָר לעבן, וואָס זײַנען אריבער פונעם גוט ביז הײַנטיקן טאָג. עפּעס אַן אַלטער פילם אפן עקראַן. דאָס איז צו זען פון די מעסוקן לאַנגע, ביז צו די פּיאַטעס, מאַנטלען אַף די העלדן און העלדנס. איז עס עפשער קלאַסיק? ניין. א נודנע געשיכטע וועגן א הויכמאָ־ראַלישער יונגער לערערן און אירן א שילער פון דער שול פאַר ארבעטער־יוגנט. קעדיי עס זאָל זיך באקומען עפּעס א קאָנפליקט, צווינגען די אווטאָרן פונעם פילם מאכן אלערליי קונצן, נאָר פון סאַמע אָנהייב איז קלאָר, אז די לערערן וועט אים אומבאדינגט איבערדערציִען, כאָטשבי דערפאר, וואָס ער איז אין איר פארליבט. דער באַכער איז פונדעסטוועגן נאָך גע־ווען א ביסל ענלעך אַף א לעבעדיקן מענטשן. וואָס שײַעך דער לערערן, איז עס בלויז אַליין די מאָראַל אין א קליידל, שוין בעסער זארינע איידער אזא.

איך האָב אויסגעשלאָסן דעם טעלעוויזאָר. און פונקט צו דער צײַט. עס האָבן זיך דערהערט גיכע צאַקענדיקע טריט. נינעל? יאָ, געוויס. זי צאַקעט שטענדיק אזוי, ווען זי טוט אָן אירע שיך אַף שפּילקעס. אירע טריט האָבן קימאַט פארטויבט דאָס טופּען פון קינ־דערשע פיסלעך.

כ'האָב אויסגעשלאָסן די שײַן, זיך אײַנגענוירעט אין פינצטערניש, פארטײַעט דעם אָטעם. כ'האָב דערהערט און גלײַך דערקענט נינעלס קלינגוודיקע ליבלעכע שטים.

— ווי צעשטרייט כ'בין געוואָרן... שרעקלעך! פארגעסן פארשליסן די טיר, ווילק. מ'האָט אונדז נאָך געקאָנט באגאַנווענען.

„וואָס גאַנווענען? סײַדן יענע צוויי קליידער מיט אזען פּאָר א צוגאָב".

נאָכדעם פרעגט זי ווילקן:

— ס'איז דיר געפעלן געוווען די קינאָ?

— געפעלן.

— האָסט גוט געגעסן אין קינדערגאָרטן?

— יאָ. גוט.

— ביסט ניט הונגעריק?

— ניין, כ'בין ניט הונגעריק. און דו, מאַמע, וועסט דען ניט עסן קיין וועטשערע?

— ניין. כ'בין מעסוקן מיד און כ'וויל שלאָפן.

— מאַ... צינד אָן דעם לאָמפּ.

— וואָס דאַרפסטו אים? מיר לייגן זיך דאָך שלאָפן.

זי האָט אויסגעטאָן דאָס קלייד, א וואָרף עס געטאָן אפן בענקל, אנידערגעלייגט זיך אין בעט און הויך א געשריי געטאָן. דערנאָך האָט זי מיך ארומגענומען, פעסט צוגעדריקט זיך צו מיר און געזאָגט:

— דו ביסט א קלוגיטשקער, אַרעסט. וויִאזוי האָסטו געטראָפן, אז כ'האָב הײַנט ניט פארשלאָסן די טיר?

6

דער רעגן האָט אופגעהערט און נאָר פלוצעמדיקע ווינט-אופברויזן צעהוידען פון צײַט צו צײַט די ביימער-קרוינען. דעמלט הייבט זיך אָן א נײַער רעגן. אין דער שטילקײַט פון דער נאכט פאלן די טראָפּנס הילכיק, ווי האָגל. אָנגעבושעוועט זיך צוזאט, ווערט דער ווינט שטילער און טרעט אָפּ, סקאָווטשענדיק, ווי א פארווונדעטע כײַע. עס דונערט אלץ זעלטע-נער און אלץ דערווײַטערטער.

פאינע זיצט אָן אײַנגעשרומפּענע, די פלייצעס ציטערן אלע מאָל אוף.

— ס׳איז אײַך קאלט?

— יאָ. איך בין אָנגעטאָן לײַכט, זומערדיק. ווער האָט געקאָנט וויסן, אז עס וועט אויסקומען זײַן א גאנצע נאכט אף דער פרישער לופט.

— דאָס בין איך שולדיק. כ׳האָב אײַך פארשלעפּט אהער. אויב איר האָט ניט קעגן, וועל איך אײַך פאָרלייגן מײַן פידזשאַק.

— און איר?

— מיר איז ווארעם. מיר איז ווירקלעך ווארעם. לעבן אײַך.

אַזימיטש האָט אויסגעטאָן דעם פידזשאַק, פאָרזיכטיק ארופגעלייגט אים אף די דארינ-קע פלייצעס פון דער פרוי, זאָרגזאם אונטערגעשטעקט די פּאָלעס און די ליידיקע ארבל, עס זאָל איר ווארעמער זײַן, און אליין האָט ער ווי-ניט-איז אָנגעפּרענדעט די באַלאַניע אפן העמדל.

— א דאנק, — האָט געזאָגט פאינע, — איר זײַט טאקע א ווארעמער. אונטערן פיד-זשאַק האָט זיך נאָך פארהיט אײַער ווארעמקײַט. ס׳איז מיר אפילע פריילעכער געוואָרן.

— מיר — ניט.

— כ׳ווייס. ס׳איז פּאָשעט שוידערלעך, פלוצעם: „ביסט א קלוגיטשקער, אַרעסט״. אַרעסט! אף אזוינס האָב איך זיך ניט גערעכט.

— יאָ. ווי מיט א קוואָלדע איבערן קאָפּ. איך בין געוועזן פולקום זיכער, אז זי האָט אים אויסגעטראכט, אַרעסטן. ער איז איר נייטיק געוועזן אלס א פערט ווינקל. עס זאָל פון א דרײַעק ווערן א פירעק. קעדיי איר פרויען-שטאָלץ זאָל ניט לײַדן: אָך, אויב דו אזוי, וועל איך אויך אזוי. עס וועט נאָך קלעקן בא מיר צוליב דעם רייץ.

פאינע האָט א שמייכל געטאָן:

— איר האָט פארדינט, וויקטאָר פּעטראָוויטש, אז כ׳זאָל אײַך א לויב טאָן. ניט נאָר דער-פאר, וואָס מיר איז איצטער אזוי גוט, אזוי ווארעם אונטער אײַער פידזשאַק, כ׳האָב מוירע פאר קעלט... נאָר דעריקער — איר סטארעט זיך זײַן אָביעקטיוו. כ׳האָב אופמערקזאם געהערט, כאָטש — מיט פארמאכטע אויגן. לויט דעם, וואָס איר האָט דערציילט, האָט זיך בא מיר גע-שאפן א גוטער אײַנדרוק וועגן אײַער נינעל. זי האָט מיר אפילע אָנגעהויבן געפעלן. איך האָב ניט געוווסט דעם פינאל, און איר האָט אים דאָך יאָ געוווסט, דאָס האָט פון סאמע אָנהייב גע-זאָלט צוגעבן עפּעס א פארביטערטקײַט אײַער דערציילונג, דאָך זײַט איר ארויסגעטראָטן קימאט ווי א זײַטיקער דערציילער.

ביידע האָבן א צײַט געשוויגן. אָנגעהויבן האָט פאינע:

— און דאָך...

און ווידער אנשוויגן געוואָרן.

אַזימיטש האָט געזאָגט:

— כ׳האָב געווארט אף דעם „און דאָך...״. און דאָך, הייסט עס, „פארוואָס מיינט איר, אז אײַך איז דערלויבט צו האָבן א זארינע, און נינעלן איז אָן אַרעסט פארבאָטן?״ דאָס האָט איר געוואָלט פרעגן?

— יאָ. איר מיינט, אז אזא פראגע וואָלט ניט געוועזן קיין גערעכטיקע?

אַזימיטש ענטפערט ניט גאָרנישט. זעצט פאינע פאָר מיט א שמייכל:

— ערגערט זיך ניט. אזוי טראכט יעדער מאנצבל. ס׳איז פּאָשעט איבערבלײַבענישן פו-נעם פּאטריארכאט, ניט מער... פּרוווט זי פארשטיין, אײַער נינעל, וויקטאָר פּעטראָוויטש. איך אף איר אָרט וואָלט אוואדע ניט געהאנדלט אזוי. נאָר איבער גאָר אנדערע סיבעס. כ׳בין טיף איבערצײַגט: ליבע איז הייליק. געוועזן, איז און וועט זײַן. דערפאר טאָר מען ליבע ניט פאר-וואנדלען אין קיין נעקאָמע-געצײַג. בא אײַער נינעל, זעט אויס, באטײַט ליבע עפּעס אנדערש. איז זי פון איר שטאנדפונקט גערעכט. זי האָט זיך פּאָשעט צערעכנט מיט אײַך, צעבײַטנדיק א דערהויבענעם געפיל אף קליינגעלט... וויאזוי זעט ער כאָטש אויס?

— ווער?

— אָרעסט.

— כ'האָב אים קיינמאָל ניט געזען. דערפאַר טאַקע האָב איך געמיינט, אַז ער איז אַן אויסגעטראַכטער. און זאַרינע איז דאָך ניט געווען קיין געהיימניס. זיי האָבן, כ'מיין, די שוויגער און נינעל, זי געזען און געקענט. עמעס, זיי האָבן זי אַנדערש גערופן: קראַליע. נאָר דאָס איז שוין שפּעטער...

די פּיאַלעטעווע כמאַרע, וואָס האָט געהאַט באַדעקט אַ האַלבן הימל, איז פאַרשווּנדן. אפן הימל האָבן זיך איצט אָנגעהויבן ליכטיקערע וואָלקנס, ענלעכע אַף שנייִיקע בערג. קיין איין שטערנדל, גלייַך ווי זיי וואָלטן אַלע אויסגעשטאָרבן.

— וויפל איז דער זייגער? — דאָס פרעגט פאַינע.

— נול אַזייגער.

— כ'פרעג ערנסט. מייַן זייגערל האָט זיך אָפּגעשטעלט. כ'האָב עס פאַרגעסן אָנציִען. איך טו עס שטענדיק אַפּדערנאַכט, איידער כ'לייג זיך שלאָפן, און הייַנט האָב איך זיך ניט געלייגט שלאָפן.

ער האָט איבערגעכאַזוערט ווי אַ ווידערקאָל:

— און מייַן זייגערל האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. איך צי עס געוויינלעך אָן, איידער כ'לייג זיך שלאָפן. און הייַנט האָב איך זיך ניט געלייגט שלאָפן.

— זעט אויס, אַז יענער זייגער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט, דער, וואָס אפן ראָטהויז. מע הערט אים ניט שלאָגן.

— ניין. כ'מיין, אַז ער האָט געשלאָגן, נאָר עס האָט אים פאַרטויבט דאָס דונערן און דער געוואַי פונעם ווינט.

— וויפל זשע איז פונדעסטוועגן אַזייגער, לויט אייַער מיינונג?

— כ'האָב אייַך שוין געזאָגט — נול אַזייגער. און מיט אַ שאָ פריִער איז אויך געווען נול. און מיט אַ שאָ שפּעטער וועט אויך זייַן נול. די צייַט האָט זיך פאַר אונדז ווי אָפּגעשטעלט.

— וואָלט שוין גיכער אָנגעהויבן טאָגן.

— צוליב וואָס דאַרפט איר עס?

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, גערעדט שטיל און פייַערלעך, ווי ער וואָלט זיך געווענדט מיט אַ טפילע צום הימל:

— זאָל געדויערן די נאַכט... מעג זייַן קעלט, מעג דונערן און בליצן, נאָר זאָל זייַן נאַכט. צוים אונדז אַרום, הימל, מיט אַ פעסטונג פון נאַכט, מויער אויס אַרום אונדזער אינדזל ווענט פון נעפל און פינצטערניש, מיר וועלן זיצן אינצווייען און וועבן אַ כאָלעם פון רעגנבויגנדיקע פעדעם. דערלויב ניט דער זון אופגיין, די ערשטע שטראַלן אירע וועלן צעווייען דעם כאָלעם, און אין אונדזערע הערצער וועט ווידער פאַרבלייַבן אַ פוסטקייַט...

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו דער פרוי:

— און איר זייַט ניט צופרידן מיט דער נאַכט... — און נאָך אַ פּאַוזע: — פּאַסירונג?

— כ'וויל שלאָפן.

— אין דעם גייט עס דאָך. מיר האָבן צוגעגאַנוועט באַם שלאָף עטלעכע שאָ און זיי צוגעגעבן צום לעבן, און וואָס פאַר אַן עטלעכע שאָ!.. נו, וואָס וואָלטן מיר איצטער געטאָן אינדערהיים, איר — אין באַלין, און איך אין טאָמאַל? גאָרניט. מיר וואָלטן געשלאָפן. פאַרשעט געשלאָפן. און דאָ... אַ נאַכט, ווי אַן אייביקייַט. מער וועט אין מייַן לעבן אַזוינס קיינמאָל ניט פאָרקומען, קיינמאָל. און כ'וויל עס פאַרלענגערן ווי ווייַט מעגלעך.

— יאָ-יאָ. און דאָרטן, אין טאָמאַל, וואַרט אַף אייַך זאַרינע. זי שמאַכט, נעבעך, און בענקט...

— זאַרינע איז עפּעס אַנדערש...

— פאַרוואָס עפּעס אַנדערש?

— פאַרוואָס? זאַרינע פאַסט זיך אינגאַנצן אַרייַן אין די ראַמען פון אַ געוויינלעך וואָכעדיק לעבן. און איר שטייט ווי איבער דעם... כ'האָב זיך דערמאָנט נאָך אין אַ בילד. אַ פרוי אפן פאָן פון יאַם און הימל. נאָר דער פאָן זעט זיך קוים אָן. עס הייבט זיך און הייבט זיך און שטייַגט נאָך דאָס געשטאַלט פון דער פרוי, פאַרשטעלנדיק מיט זיך די גאַנצע וועלט...

— איר שטעלט... איר שטעלט דאָס פאַר אַזוי דערהויבן!.. פאַרשטיי איך ניט, צוליב וואָס דאַרפט איר די דאָזיקע זאַרינע?

אָזימיטש ווייסט ניט, וויאַזוי צו ענטפערן פאַינען, אַז דער ענטפער זאָל ניט זייַן ניט פאַלש און ניט איבעריק בראַוו. ענטפערט ער מיט אַ פראַגע אַף אַ פראַגע:

— און איר זייט זיכער, אז בא מאקסן איז ניטאָ צי ס׳איז ניט געווען עפּעס א זאַ-רינע?

— יאָ, כ׳בין זיכער. מאקס איז אן אַרנטלעכער מענטש. ער איז פון דעם מין מענטשן, וואָס ליבן נאָר איינע. איי-נע! איר פאַרשטייט? ווען כ׳האָב זיך אומגעקערט אַף דער כאַסענע נאָך דעם, ווי כ׳האָב געליטן א דורכפאַל און געאַרגי וואַסיליעוויטש האָט ניט אָנגענומען מײַן אײַנלאַדונג, איז מאקס צוגעלאָפן צו מיר שוין היפּש שיקערלעך:

— ווו זשע זײַט איר געווען אזוי לאַנג, פאַינע זינאַוויעוונע? זע, אז זאָלסט ניט... פאַר-פאַלן ווערן! דו ביסט איצטער מײַנע... מײַן געזעצלעכע...

נאָכדעם האָט ער מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט, צוגעפירט צו יעדן גאַסט און פאַר-געשטעלט, איבערכאַזערנדיק אַלע מאָל דאָס זעלבע:

— דאָס איז מײַן ווײַבעלע. ווי געפעלט זי אײַך? אן אַנטיק, האַ?

„מײַנע... מײַן געזעצלעכע...״ ער מיינט אוואדע, אז דער זאַגס האָט אים צוגעטיילט די פולע רעכט פון אן אייגנטימער. איצט הערשט ער איבער מיר און האָט ניט וואָס צו באַומרויִקן זיך. און מיך האָט מען נאָך געמוזט דעראָבערן. צאַרט און געדולדיק.

איך האָב אים דעמלט גאָרנישט ניט געזאָגט. איך האָב ביכלאַל קיינמאָל ניט גע-שמועסט מיט אים וועגן דעם. ער האָט אַליין געדאַרפט וויסן.

איך האָב געשמייכלט לעבן יעדן גאַסט, צו וועלכן מאקס האָט מיך צוגעפירט. מײַן אופרעגונג איז פאַרשוווּנדן. איך האָב בלויז געוואַרט, די געסט זאָלן וואָס גיכער זיך געזע-גענען און אוועקגיין. איינע, מאַקס׳ א ווײַטע קרויווע צי עפּשער גלאַט א גוטע באַקאַנטע, איז ניט גלײַך אוועקגעגאַנגען נאָכן געזעגענען זיך. זי איז א ווײַלע געשטאַנען און שווײַגנ-דיק געקוקט אַף מיר. נאָר די אויגן אירע האָבן גערעדט, און כ׳האָב פאַרשטאַנען וואָס: „דו מיינסט, אז כ׳האָב ניט באַמערקט, ווי דו ביסט פּלוצעם פאַרשוווּנדן? דו מיינסט, אז כ׳האָב ניט באַמערקט, ווי ס׳האָט זיך פּלוצעם געענדערט דײַן שטימונג?״ זי האָט געשוויגן און גע-וואַרט, אז איך זאָל איר דערקלערן די סיבע. נאָר איך האָב אויך געשוויגן. כאָטש כ׳וואָלט איז דער מינוט געקאָנט מאַסקים זײַן, אז כ׳האָב זיך געפירט מיִעס. ענדלעך האָט זי געזאָגט:

— ער איז זייער אן עלנטער, מאקס. און זייער א ווילער. ער קען זיך ניט פאַרטיידיקן, ווען עמעצער באַליידיקט אים. איז באַליידיק אים ניט. ער האָט דיך זייער ליב. דו וואָלסט אים געקאָנט מאַכן גליקלעך...

זי איז אוועקגעגאַנגען, און איך האָב זיך שוין דעמלט אָנגעשטויסן, אז איך טויג ניט פאַר קיין ווײַב. מאקס וואָלט זיך געמעגט פאַרגינען האָבן א בעסערע. א מער איבערגעגע-בענע...

„מיך דאַרף מען נאָך דעראָבערן!״ צו דעם האָב איך זיך געקאָנט דערטראַכטן. נו, און מאַקסן? מאַקסן דאַרף מען ניט דעראָבערן? אַף דעם האָט מיר, לײַדער, ניט געסטײַעט קיין ברייטהאַרציקייט.

איבעריקנס, האָב איך דעמלט ניט געקלערט וועגן דעם אזוי געניי, עפּשער איבער דער אָנשטרענגונג, איבער דער מידקייט. און ביכלאַל האָב איך דאַן ווײַט ניט געקוקט, עס האָט מיר פאַרשטעלט די דיסטאַנץ, אן אַנוואַלגערונג פון פאַרשיידענערליי טישן, בענקלעך, פּלעשלעך, בעכער, קויסעס, ברודיקע טעלער, טאַצן...

— זאָל דאָס דאָזיקע קלאָפּערגעצײַג פאַרבלײַבן ביז מאָרגן, — האָט געטראָפן מײַן געדאַנק מאַקס, — מאָרגן וועט שוין גאָט זאָרגן. און איצינד — שלאָפן!

כ׳האָב זיך גענומען אויסטאָן אנטקעגן שפּיגל. פאַמעלעך, אָן כיישעק, קלערנדיק וועגן עפּעס אַנדערש. וואָס פּלוצעם? כ׳ווייס ניט, כ׳ווייס ניט... נײַן. כ׳האָב יאָ גע-ווּוסט, נאָר ניט געוואָלט וויסן... מאַקס וועט עס דערזען אין מײַנע אויגן... אין שפּיגל האָט זיך פּלוצעם באַוויזן מײַן פאַרבלוטיקטע מוטער. כ׳האָב פעסט, ביז ווייטעק, צונויפגעדריקט די ליפּן, כ׳זאָל ניט א געשריי טאָן, און גערופן צוהילף טאַסיען. אָט לאָמיך בעסער טראַכטן וועגן טאַסיען. „דו גדענקסט, טאַסיענקע, געטרײַע כאַווערטע מײַנע, ווי מיר זײַנען איינמאָל געגאַנגען מיט דיר אין מאַרק קויפן עפּל. מיר האָבן קיינמאָל אין לעבן זיך ניט גדונגען און ניט געוווּסט אפילע, וויאַזוי מע דינגט זיך, אָבער ווי נאָר מיר זײַנען געקומען אין מאַרק, האָסטו, טאַסיע, גענומען זשוואַווע פּלאַפּלען: „וויפל קאָסטן די עפּל? א רובל? וואָס זאָגט איר! אזוי טײַער! וואָס פאַר א נאַר וועט אײַך געבן א רובל פאַר א קילאָ? זיבעציק קאָפּעקעס ווילט איר? ניין? דאַרף מען ניט...״ דו גדענקסט, טאַסיע? דו האָסט מיר נאָך פירגעוואָרפן, וואָס כ׳האָב דיר ניט געהאָלפן דינגען זיך...״

כ׳האָב זיך גענומען גיכער אויסטאָן, ווײַל מאַקס האָט מיך אונטערגעײַלט.

7

קאַפּ-קאַפּ-קאַפּ...

אײנטאָניק פֿאַלן פֿונעם דאַך זעלטענע טראָפּנס. פֿאַינע ראַנגלט זיך מיטן שלאָף, נאָר עס העלפֿט איר ניט, די אויגן קלעפּן זיך, אַ דרעמל באַהערשט זי. און עס דערגייט קימאַט ניט צו איר באַוווּסטזײַן דאָס, וואָס עס רעדט צו איר דער באַנאַנד זיצנדיקער מענטש. די פֿײַכטלעכע קעלט, וואָס האָט געגומען דורכן פּידזשאַק, לאָזט דאָך ניט אײַנשלאָפֿן.

אַזימיטש האָט אויך דערפֿילט די קעלט. ער האָט זיך ניט געוואָלט מוידע זײַן, נאָר ווען די פֿרוי האָט פֿאַרגעלייגט זיך דורכשפּאַצירן, האָט ער גערן אײַנגעשטימט, כאָטש עס האָט אים באַנק געטאָן, וואָס זיי פֿאַרלאָזן דאָס שטיבעלע אָן ווענט, ווו זייערע אײַנגעשרומפּענע הערצער האָבן גענומען אויפֿלעבן...

— אָן אויסגעצייכנטע אידיי! — האָט אַזימיטש אויסגערופֿן. — דער רעגן האָט אויפֿגעהערט, און מע קאָן זיך טאַקע דורכשפּאַצירן אַ ביסל, און נאָך בעסער — זיך דורכלויפֿן, ווען מיר זיך אַ ביסל דערוואַרעמען.

זי האָט אויסגעטאָן דעם פּידזשאַק, ער — די באַלאַניע, כאָטש דעם, האָט יעדערער פֿון זיי אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך אַ צענדליק יאָרן, און זיי האָבן זיך געלאָזט לויפֿן. צוערשט — באַנאַנד, נאָכדעם האָט אַזימיטש זיך אַרויסגעריסן פֿאָרויס, וויַיט אַ לויף געטאָן, זיך אויסגעקערעוועט, און מיט צעשפּרייטע הענט אַ יאָג געטאָן קעגן פֿאַינען. זי האָט זיך אָבער אויסגעדרייט פֿון זײַנע אָרעמס און געבליבן שטיין שווער אָטעמענדיק.

— דעם גוף איז געוואָרן וואַרעמער, און די פֿיס — קעלטער, — האָט פֿאַינע קוים אַרויסגערעדט.

זי האָט זיך צוגעזעצט אַף אַ האַלב טרוקענער באַנק אונטער געדיכטע צווײַגן און אויסגעטאָן די נאַס-געוואָרענע זומערדיקע שיכלעך. אַזימיטש האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע און איר דערלאַנגט אַ צײַטונג. זי האָט אויסגעווישט די שיכלעך, נאָכלעסיק אַרײַנגעשטעקט אין זיי די באָרוועסע פֿיס, און ווידער אַוועק מיט אַזימיטשן בלאָנקען איבער די אַלייעס.

— קינדוויַז, — האָט געזאָגט פֿאַינע, — האָב איך געגלייבט, אַז די ביימער ריידן צווישן זיך, און דאָס איז דער שאָרך פֿון די בלעטער. די ביימער זײַנען דאָך אָבער צוגעוואַקסן אַפֿן גאַנצן לעבן צו איין אָרט, וואָס זשע טוט מען, אַשטייגער, אַז דער קליאָן וויל זאָגן אַ קאָמפּלימענט דער בעריאָזע און צווישן זיי איז אַ שטרעקע פֿון הונדערט אָדער צוויי הונדערט מעטער? צום גליק זײַנען פֿאַראַן ביימער — ברידער און שוועסטער. גיט זיך איבער דער שאָרך פֿון איין בוים צום צווייטן, ווי אַ ליבע-עסטאַפֿעט, ביז ער דערגרייכט צו דער שלאַנקער בעריאָזקע...

— איר האָט, ווײַזט אויס, ליב צו פֿאַנטאַזירן פֿון קינדוויַז אָן.

— קינדוויַז זײַנען אַלע פֿאַנטאַסטן, — האָט פֿאַינע איבערצײַגט געזאָגט.

— אײַך איז אָבער געלונגען פֿאַרהיטן די דאָזיקע אייגנשאַפֿט... איבעריקנס, איז דאָס ניט קיין אייגנשאַפֿט, נאָר אַ טאַלאַנט.

— און אַ באַדערפֿעניש, אַ מענטש קאָן זיך ניט באַגיין אָן דעם.

— איך מיין ניט. די מערהײַט מענטשן באַגייט זיך לײַכט אָן דעם. פֿיל האַלטן זיך מיט אַלע קויכעס פֿאַרן סטאַטוס-קוואָ. זיי איז ליב, ווען עס ענדערט זיך גאָרנישט. ווער ווייסט, וואָס די ענדערונגען קאָנען מיטברענגען...

— איר האָט אין זינען אויסערלעכע ענדערונגען. איך האָב אַליין מוירע פֿאַר זיי. נאָך מער, זיי שטערן מיר. וווּנדן אַף פֿונעם איקער, ווײַל דער איקער איז דאָס, וואָס עס קומט פֿאַר אינווייניק. און פֿאַר דעם אינערלעכן איז ביז גאָר וויכטיק, עס זאָלן זײַן וואָס ווינציקער אויסערלעכע דײַגעס... כ'מיין, אַז מענטשן פֿלעגן אַמאָל זיך פֿאַרשליסן אין קלויסטער-צעלן, קעדיי צו אָנפֿאַנטאַזירן זיך צוזאַט.

— איך קאָן מיט אײַך ניט מאַסקים זײַן, פֿאַינע זינאָוויעוונע. בעשום-אויפֿן ניט. אַליין די פֿאַנטאַזיע וועלקט, ווערט בלייך, אויסגעצערט אָן זאַרגן, איבערלעבונגען, אויפֿטרייסלונגען, פּונקט ווי ביזוואַנען דער ווינט טוט ניט קיין בלאָז, קאָנען ניט זײַן קיין שום „ריידעניש" צווישן די ביימער.

פֿאַינע האָט ניט דערווידערט, נאָר אויך ניט מאַסקים געווען מיט אַזימיטשן. זי האָט ניט ליב געהאַט זיך צו אַמפּערן. עפּשער אויס אינערטקייט, נאָר גיכער איבער דעם, וואָס

זי איז געווען איבערצייַגט: דער רעזולטאַט פון א פּאָלעמיק איז אָפּהענגיק ניט אזוי פונעם טאָך פון דער פּראָבלעם, ווי פונעם כאַראַקטער פון די שטרייַטנדיקע. מע דאַרף ניט שטרעבן צו קיין לאָגישער פאַרגאַנצטקייַט פון א וויקועך. אַליין דאָס לעבן פאַרמאָגט דען לאָגיק?

— לעבסט, שטרעבסט, בענקסט — ווען וועט עס קומען, דאָס שטיקעלע גליק, אמערסטן אָבער באַקומט זיך אזוי: אָדער עס קומט קיינמאָל ניט, אָדער, ווען עס קומט אפילע, — איז שוין דאָס לעבן אוועק, און דו האָסט שוין ניט קיין געזונט און קויעך זיך צו פרייען מיט דעם אין דער פולער מאָס... און איר זאָגט — לאָגיק!

אַזימיטש האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט געשוויגן און זיך געכידעשט: די פרוי זיצט מיט אים און ווי זי וואָלט גערעדט מיט עמעצן אנדערש. אָן שום קענטיקער פאַרבינדונג טוט זי פּלוצעם א פרעג:

— וואָס פאַר א לאָגיק איז פאַראַן אין פאַשיזם?

אַזימיטש פאַרשטייט ניט, וואָס האָט זי אַרופגעפירט אַף אָט דער פראַגע. ער ענטפערט:

— לאָגיק פון קלאַסנקאַמף.

— כ'האָב געוווּסט, אז איר וועט אזוי ענטפערן.

— איר מיינט, ס'איז ניט ריכטיק?

— ס'איז צו ריכטיק...

זי פאַרקלערט זיך און גיט צו:

— און צו אַבסטראַקט.

און ווידער אָן שום קענטיקער פאַרבינדונג כאַזערט זי איבער אַזימיטשעס ווערטער: „...ביזוואַנען דער ווינט טוט ניט קיין בלאָז, קאָנען ניט זייַן קיין שום „ריידעניש" צווישן ביימער. — און נאָכדעם זאָגט זי:

— פונדעסטוועגן איז זיי לייַכטער...

— וועמען?

— די ביימער. יעדער יאָר האָבן זיי א נייַע יוגנט, און מענטשן האָבן נאָר איין יוגנט אַפן גאַנצן לעבן...

— און צוויי קינדהייַטן. באַם אָנפאַנג פונעם לעבן און באַם אונטערגאַנג.

— איך מיין ערנסט, וויקטאָר פּעטראָוויטש. יוגנט איז א צייַט פון געוואַגטקייַט. אינערלעכער און אויסערלעכער. נאָכדעם קומען דורכויסיקע קאָמפּראָמיסן...

— איר רעדט אזוי, — זאָגט אַזימיטש, — ווי איר זאָלט אַלט זייַן הונדערט יאָר. טוט זיך א טרייסל אויף, פּאַ־ינע זינאָוויעוונע! לאָזט פאַלן די יאָרן פון זיך, ווי געלע בלעטער.

— און עפשער בין איך נאָך עלטער פון הונדערט יאָר, — האָט פאַרטראָגן געענטפערט פּאַ־ינע, — כ'האָב אין זינען ניט בלויז זיך, נאָר אויך מייַן אומגליקלעכע מוטער, די באָבע, די...

זי האָט זיך אומגעריכט אָפּגעשטעלט, א צי געטאָן באַ דער האַנט אַזימיטשן, וועלכער האָט לויט דער אינערציע א שפּאַן געטאָן ווייַטער, און, קוקנדיק אים גלייַך אין די אויגן, געפרעגט:

— און איר... איר זייַט גליקלעך, וויקטאָר פּעטראָוויטש?

אַזימיטש האָט א קלער געטאָן, נאָכדעם געענטפערט:

— יעדנפאַלס וויל איך זייַן גליקלעך. איך קעמף דערפאַר און טראַכט ניט וועגן אונטערגעבן זיך... איר אַרבעט?

— ווי דען? אַניט פון וואָס וואָלט איך געלעבט?

— אָט ווי איר שטעלט די פראַגע: „אַניט פון וואָס וואָלט איך געלעבט?" שוין זשע... פּאַ־ינע שלאָגט אים אומגעדולדיק איבער:

— מע דאַרף ניט. כ'ווייס, כ'ווייס. מאַקס האָט מיר וועגן דעם ניט איין מאָל געזאָגט, און ווייכער, ווי איר, און געדולדיקער: מיר זייַנען שוין גאָר נאָענט, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, — צו יענער צייַט, ווען אַרבעט וועט ווערן די הויפּט־באַדערפעניש פון א מענטש, נו, און אזוי ווייַטער...

— ס'איז דען ניט אזוי?

די פרוי שווייַגט. פרעגט ער איבער:

— ס'איז דען ניט עמעס?

— יאָ. עמעס, — און ווידער איבערגעכאַזערט, זיכערער שוין: — יאָ. עמעס... כ'האָב ליב מייַן אַרבעט. ווען ניט די אַרבעט, וואָלט איך... איר געדענקט, כ'האָב געזאָגט, אז א פרוי קאָן ניט זייַן אָן א קינד. און איך האָב געהאַט דרייַסיק קינדער. זיי זייַנען שוין ניט גאָר קיין קליינע. זיי שפּילן זיך מיט אויסיעס אַף קוביקלעך. לייגן זיי צונויף און כידעשן זיך,

כידעשן זיך און פרייען זיך, ווען עס אנטשטייען פּלוצעם ביז גאָר ליבע ווערטער: מאַ-מע, טאַ-טע, באַ-בע...

— איר אַרבעט אין אַ שול?

— ניין, אין אַ קינדערהיים.

— אַזוי גאָר?

— עס וווּנדערט אײַך?

— פאַרוואָס דאַרף מיך דאָס וווּנדערן?

ניט ענטפערנדיק אויף זײַן פראַגע, האָט זי גענומען ריידן, זייער שטיל, ווי פאַר זיך.

— ...דאָרטן איז קימאַט יעדער קינד ווי אַ מין לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון אַ מישפּאָכע-דראַמע. עפּשער איבער דעם בין איך אויך...

אַזימיטש וואַרט. דערנאָך פרעגט ער:

— עס איז אײַך שווער מיט זיי?

— ניין. מיר זײַנען אַלע פאַרליבט. איך — אין זיי, און זיי — אין מיר. און ווען אַ מענטש איז פאַרליבט, איז קיין שום אַרבעט ניט שווער פאַר אים...

זי האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן. ער האָט געדולדיק געוואַרט, ביז זי וועט ווידער אָנהייבן ריידן.

— ...ער איז האַלב געזעסן, האַלב געלעגן, מיט פאַרמאַכטע אויגן...

פאַינע האָט פאַרזשמורעט די אויגן. אָנשוילעך, אַזוי צו זאָגן, געשילדערט דאָס יינגל, וועגן וועלכן זי האָט זיך געקליבן דערציילן.

צוגעשפּאַרט מיטן רוקן צו דער וואַנט, איז ער געלעגן אין דער בראַמע און געשמייכלט. פאַינע האָט מיט אײַליקע טריט זיך דורכגעטראָגן דורך דער טונקעלער בראַמע, וואַרפנדיק אַ צעשטרייטן בליק אויף דעם אומבאַוועגלעכן מענטשל. אַ שיקער? שיקורים האָט זי ניט געקאָנט פאַרלײַדן. דאַ ניט ווײַט האָט אַ מאַגאַזינדל לעבהאַפטיק געהאַנדלט מיט בראַנפן, און ניט איין ליבהאָבער פלעגט זיך אַרײַנשאַרן אין דער בראַמע און זשליאָקען גלײַך פונעם העלדזל, ביז ער פלעגט אַנידערפאַלן טויט-שיקער. מיט אַ גאָפּל פון עקל איז זי דורכגעלאָפן פאַר-בײַ. נאָר וואַרט! פאַר אירע אויגן האָט ווידער אַ שוועב געטאָן דאָס פּאָנעם פונעם מענטשל. גאָט מײַנער! ס׳איז דאָך אַ קינדערש פּאָנעם. שוין זשע האָט אַ קינד געקאָנט אַזוי זיך אָנזויפן?

זי האָט זיך אומגעקערט צוריק.

פאַרזיכטיק, אַלץ נאָך מיט אַ גאָפּל פון עקל, האָט זי מיט צוויי פינגער אַ שלעפּ געטאָן דאָס יינגל פאַרן אַרבל. ער האָט זיך אונטערגעהויבן, אַ קער געטאָן זיך מיטן פּאָנעם צו דער פרוי, פאַרכידעשט געקוקט אויף איר.

— ראַדיע! — האָט פאַינע פאַרוווּנדערט אויסגערופן. — האָסט ניט געקאָנט אָפּזוכן קיין בעסער אָרט פאַר אַ נאַכטלעגער?

ער אָבער האָט געקוקט אויף איר מיט שײַנענדיקע אויגן און געשמייכלט.

— ראַדיע! כ׳פרעג דיך, וואָס טוסטו דאָ?

ערשט איצט איז ער אופגעשפרונגען אויף די פיס.

— כ׳האָב... כ׳האָב געוואַרט דאָ...

— אויף וועמען?

— אויף אײַך.

— צוליב וואָס?

— גלאַט אַזוי...

אָט דער ראַדיע — ניט נאָר וואָס ער לערנט זיך ניט פויגלדיק, נאָר ער האָט נאָך ליב אָפּטאָן קאָלערליי שפּיצלעך.

— נו, איז זאָג, צוליב וואָס האָסטו אויף מיר געוואַרט?

ראַדיע האָט אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגעשלעפּט אַ קליין זייגערל און איר דערלאַנגט.

— וואָס איז עס?

— אַ זייגערל.

— כ׳זע. אָבער צוליב וואָס גיסטו עס מיר?

— גלאַט אַזוי... אַ מאַטאָנע. צו אײַער געבוירן-טאָג, ס׳איז קימאַט נײַ.

— וווּ האָסטו עס גענומען?

ראַדיע איז רויט געוואָרן. פאַינע וואָלט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מע קאָן אַזוי רויט ווערן. אפילו אין זײַנע אויגן-ווינקלען האָט זיך באַוויזן אַ דורכזיכטיקע רויט-

קײַט. ער איז געשטאַנען קעגן איר מיט אַ פֿאַרגלייוערט-אויסגעשטרעקטער האַנט, און נאָר זײַן פּוס האָט זיך קראַמפּהאַפּטיק געצוקט, און מיטן שפּיץ פֿונעם פֿאַרשמוציקטן שוך האָט ער עפּעס געצייכנט אויף דער ערד. פֿאַינע האָט געלייענט דאָס, וואָס ער האָט געצייכנט. פֿיר אויסיעס: מאַמע.

פּלוצעם האָט זײַן האַנט אַ ציטער געטאָן. דאָס זייגערל איז אַראָפּגעפֿאַלן און זיך צע-בראָכן. פֿאַינע האָט זיך אָנגעבויגן, אויפֿגעהויבן די שפּליטערס, פֿאַרבאַהאַלטן אין רענצל. נאָכדעם האָט זי גענומען דאָס ייִנגל פֿאַר דער האַנט.

— אויב אַזוי, ראַדיע, איז קום צו מיר. לאָמיר צוזאַמען אָפּמערקן מײַן געבוירן-טאָג.

אין שטוב בײַ זיך האָט זי געפֿרעגט דאָס ייִנגל:

— לאַנג האָסטו געוואַרט אויף מיר?

— יאָ. כ׳האָב געוואַרט און געוואַרט און ניט ווילנדיק אַנדערעמלט געוואָרן.

— האָסט עפּעס געשמייכלט אין שלאָף...

— כ׳ווייס ניט... ס׳האָט זיך מיר... ווי איך וואָלט אײַך באַגריסט, געגעבן דאָס זייגערל, און איר האָט מיך אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן...

פֿאַינע איז אַנשוויגן געוואָרן. אַזימיטש האָט געפֿרעגט:

— האָט איר אים כאָטש אַ קוש געטאָן?

די פֿרוי האָט ניט באַלד געענטפֿערט. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום, ווי אויפֿכאַפּנדיק זיך פֿון שלאָף:

— יאָ. אַוודאי. ראַדיע האָט זיך פֿאַרלוירן און געזאָגט: — „ס׳איז דער מאַמעס זיי-גערל...". האָב איך אים ווידער אַ קוש געטאָן און געפֿרעגט: — „מעג מען דען אַוועקשענקען אָן אָנדענק פֿון דער מאַמען?" ראַדיע האָט אַ רײַב געטאָן מיטן פֿויסט דאָס קלײַנדיקע נעזל און צעטומלט געענטפֿערט...

פֿאַינע האָט זיך פֿאַרהיקעט. אַזימיטש פֿרעגט:

— וואָס זשע האָט ער געענטפֿערט?

— ניט וויכטיק...

— פֿונדעסטוועגן?

פֿאַינע טוט אַ צוק מיט די אַקסלען און זאָגט אָפּגיך:

— כ׳האָב קוים פֿאַרשטאַנען. „איר זײַט פֿאַר אונדז אויך ווי אַ מאַמע..."

אַזימיטש האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר פֿאַינע איז אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג:

— איר האָט נאָך אַלץ ליב אײַער געוועזענע פֿרוי. ניט אַזוי?

— ביז דער באַגעגעניש מיט אײַך — יאָ. איצטער — ניט.

איר געזיכט דריקט אויס פֿאַרלוירנקײַט און פֿאַרדראָס. זי געפֿינט אַ טערעץ אויף צו ווענדן דעם געשפּרעך אין אַן אַנדער ריכטונג:

— נאָר איר האָט געפּרוּווט...

אַזימיטש האָט איר גרויסמוטיק אַרויסגעהאָלפֿן:

— יאָ. געפּרוּווט. אַנומלטן נאָכאַמאָל אַרײַנגעכאַפּט זיך צו איר. כ׳האָב זייער געוואָלט זען ווילקן. נינעל איז געזעסן מיט אַן אָנגעדרודלט פּנים, און איך האָב איר דערציילט אַ פֿריילעכע געשיכטע מיט אַ באַדינגלעכן נאָמען „דער קוש פֿון אַ יאַם-לייב":

— איינמאָל זײַנען מיר מיט דיר געגאַנגען אין צירק. דו האָסט ליב געהאַט צירק און אײַזקרעם, און ליב געהאַט צו פֿאַרייניקן די דאָזיקע צוויי פֿאַרגעניגנס. ווען מיר זײַנען צו-געקומען צום צירק, איז שוין דער פּלאַץ אַנטקעגן אים געווען געפּאַקט מיט אוילעם. ווער עס האָט געקנאַקט קערלעך, ווער עס האָט געלעקט „עסקימאָ". איך האָב ניט באַוויזן זיך אַרומקוקן, ווי דו האָסט שוין געקויפֿט אײַזקרעם. מיט איין האַנט געהאַלטן דאָס שטעקעלע און מיט דער אַנדערער פֿאַרזיכטיק, ס׳זאָל, כאָלילע, זיך ניט פֿאַרפֿלעקן דאָס קלייד, צעוויקלט דאָס קאָליריקע פּאַפּירל און אַראָפּגעלעקט דערפֿון מיטן שפּיץ צונג די מילך-פּליסיקײַט. נאָכדעם האָסטו אָנגעביסן מיט די ציינדלעך, זייער איידל, ניט באַרירנדיק מיט די געפֿאַרבטע ליפּן, דעם אײַזקרעם און איבערגעגעבן דאָס שטעקעלע מיר. איך האָב אויפֿמערקזאַם באַ-קוקט די פֿאַרדעכטיקע ראָזעווע שפּורן, וואָס האָבן זיך דאַך באַוויזן אויפֿן ווײַסן קרעם, און אָפּגעביסן פֿון דער אַנטקעגנדיקער זײַט. כ׳האָב פֿרײַער געוווּסט, אַז וועסט זיך באַליידיקן. דער גאַנצער טאַם באַשטייט דאָך גראָד אין דעם, מיר זאָלן איינער נאָכן אַנדערן אַ לעק טאָן דעם אײַזקרעם. דיר געפֿעלט עס, אַניט וואָלסטו געקויפֿט צוויי פּאָרציעס, נאָר מיר, ווידער, געפֿעלט, ווען דו בלאָזסט אָן דײַנע שיינע ליפּעלעך.

אויפֿגענאַשט דעם אײַזקרעם, זײַנען מיר אַרײַן אין צירק.

יענעם אפדערנאכט האָט מען ארויסגעפירט אַף דער ארענע דרעסירטע כײַעס, וועלכע האָבן באוויזן די סאמע פארשיידנסטע קונצן, וואָס די פאנטאזיע פון די דוראָווס האָט נאָר געקאָנט צוטראכטן: פאָני, אַף וועלכע עס שפרינגען ארויף אין פולן גאנג איינער נאָכן אנ-דערן פינף „רײַטערס" — פינף קליינע הינטלעך. א האָן — א „באריטאָן" און א האָנדל — א „טענאָר", וועלכע האָבן אויסגעפילט לויט א קאָמאנדע א דועט — „קו-קא-רע-קו". ווײַסע מײַז, וואָס לאָזן זיך אראָפּ פון אן „אעראָפּלאן" אַף פאראשוטן, א העלפאנד — א טורעם פון ביינער און פלייש, וואָס האָט זיך געשטעלט אַף א קליין בענקעלע אַף פיר, דרײַ, צוויי און אפילע אַף איין פוס...

— צוליב וואָס דערציילסטו... דערציילט איר מיר עס? — האָט מיך נינעל איבער-געשלאָגן.

— ווארט צו א ווײַלע. כ'ענדיק שוין. איך דערצייל דיר אומיסטן אזוי אויספירלעך, קעדיי דו זאָלסט זיך אָן אלץ דערמאָנען. דו געדענקסט? מיר זײַנען געזעסן אין דער ערש-טער ריי, האָסטו אלץ געזען, אלץ געהערט, זיך געפרייט, געקוועלט, רוישיק געפליעסקעט מיט די הענט, ווי א קליין מיידעלע. באזונדערס, ווען אַף דער ארענע האָט זיך באוויזן א קענגורו אין באָקס-הענטשקעס. די קאָמישע כײַע איז געשטאנען אַף די הינטערשטע פיס און זיך דרייסט געראנגלט אַף דעם אפגיך געמאכטן רינג מיט א מענטשן. צום סאָף האָט מען ארופגעפירט אַף דער ארענע צוויי יאם-לייבן. זיי האָבן באוויזן אזויפיל קונצן, אז דו האָסט זיך אזש פארכלינעט פון געלעכטער. איינע פון די כײַעס האָט פלוצעם זיך דערנע-ענטערט צום באריער און צוגעטוליעט זיך מיט זײַן שנוק צו דײַנע ליפּן. דאָס איז געשען אזוי גיך און אומגעריכט, אז דו האָסט ניט באוויזן זיך אָפּקערן. דו האָסט מיט עקל פאר-שנורעוועט די ליפּן און לאנג געווישט זיי מיט א טיכעלע... נו, דאָס איז אלץ. כ'האָב געענ-דיקט.

— צוליב וואָס דערציילט איר מיר עס? — האָט נינעל נאָכאמאָל געפרעגט. — און וואָס ווילט איר פון מיר?

איר ברייטלעך געזיכט, די גרויע אויגן, פארשאָטנטע מיט לאנגע וויִעס, די קינדעריש האלב-אָפענע שיינע ליפּן — אלץ האָט אויסגעדריקט פארדראָס.

— גלאַט אזוי. כ'האָב זיך פּאָשעט דערמאָנט. כ'האָב נאָכדעם דיך ניט געקושט אין די ליפּן עפשער א גאנצע וואָך. און יענעם יאם-לייב — דו געדענקסט? — האָט דער דרע-סירער גערופן אָרעסט. „אָרעסט! — האָט ער דעמלט א געשריי געטאָן אַף אים. — שוין זשע שעמסטו זיך ניט קושן זיך מיט א מיידל, אז אלע זאָלן זען!"

כ'האָב ווידעראמאָל איבערגעכאזערט: „נו, דאָס איז אלץ", און צוגעגעבן: — איצטער וועל איך דיר ענטפערן אַף דײַן צווייטער פראגע. איך וויל פון דיר גאָרנישט ניט. ניט צו דיר בין איך געקומען. נאָר צו וויליקן. ער שלאָפט אָבער. דעריבער, אויב ס'איז מעגלעך, וועל איך איבערלאָזן בא זיך דעם שליסל נאָך אַף א צײַט.

נינעל האָט אײַליק געענטפערט:

— בעסער גיט מיר אים אָפּ. ווען איר וועט וועלן זען וויליקן, קלינגט מיר אָן. כ'וועל אלץ צוגרייטן. כ'וועל ניט פארשליסן די טיר.

זי האָט זיך בעפיירעש איבערגעשראָקן. כ'קאָן נאָך, כאָלילע, צונעמען דעם טעלעוויזאָר. און דערצו — קימאט אַף א גוזעצלעכן גרונט. דרײַ יאָר האָט זי זיך מיט אים געניצט, אצינד איז מײַן ריי, מײַנע דרײַ יאָר. און עפשער האָט זי מוירע געהאט, אז איך וועל זיי אמאָל פּאקן אינצווייען, זי און אָרעסטן, וועל איך ניט אויסהאלטן און אין אן אפעקט-צושטאנד דערהאר-גענען אים אָדער זי.

כ'האָב א שלײַדער געטאָן דעם שליסל אפן טיש. די וואזע האָט ארויסגעלאָזט א קלאנג, וואָס איז געווען ענלעך אַף א קוויטש. מיר האָבן זיך ביידע א וואָרף געטאָן צום טיש. דאָס וואסער האָט זיך צעגאָסן איבער דעם צעלאָפאנענעם טישטעך. מיר האָבן אים אָנגעכאפּט פאר די עקן, פארייניקט זיי, קעדיי דאָס וואסער זאָל ניט אראָפּרינען אפן דיל. צוזאמען מיט די עקן פונעם טישטעך האָבן זיך פארייניקט אונדזערע הענט. דער באריר איז געווען קאלט, ווי דער קוש פונעם יאם-לייב. טראָפּנס האָבן אראָפּגערונען פונעם טיש אפן דיל. יעדער טראָפּן האָט איבערגעלאָזט א שפור אין דער אָנגעגליטער שטילקײַט. צווישן די טראָפּנס האָבן געשוועבט שאָטן-שפליטערס פון דער פארגאנגענהײַט, וועלכער ס'איז שוין קיינמאָל ניט באשערט געווען צו ווידערפארייניקן זיך אין צוקונפט.

אזע האָט פוילבלעך געקוקט אַף אונדז מיט האלב פארזשמורעטע גרינע אויגן.

8

— ווען פאָרט אַף אײַער אויטאָבוס? — האָט פאַינע געפרעגט.

— זעקס מיט פופצן. און אײַערער?

— זעקס מיט פינף.

— קימאַט איינצײַטיק.

— נאָר אין פאַרקערטע ריכטונגען.

— עס לײַטערט זיך אויס. שטערן באַווײַזן זיך. עס זעט אויס, אַז עס וועט זײַן אַ זוניקער טאָג.

נאָכדעם פרעגט ער:

— און מיר וועלן שוין קיינמאָל זיך ניט זען?

— יאָ. קיינמאָל. אַזוי איז בעסער. צומווייניקסטן, וועט בא אײַך ניט זײַן נאָך איין אַנטוישונג.

זי האָט עטלעכע מאָל אַ צי געטאָן מיט דער נאָז די לופט.

— פאַראַן ערגעץ נאָענט קוויטן. איך פיל זייער ריח. ווען עס וועט אָנהייבן טאָגן, וועל איך זיי אָפּזוכן, כ׳וועל אָפּרײַסן אַ קוויט און זי אײַך שענקען אַף אַן אָנדענק.

— אַ דאַנק. איך האָב נאָך ניט צוגעטראַכט, וואָס אײַך צו שענקען אַף אַן אָנדענק. כ׳וועל אײַך צושיקן פון טאַמאַל.

— שוין לאַנג, ווי איר זײַט דאָרטן געווען?

— יאָ, שוין אַ לענגערע צײַט. און איר — אין באָלין?

— דאָס זעלבע.

— איר זײַט אַנטלאָפן? — האָט פאַינע געפרעגט איבער אַ ווײַלע.

— יאָ. און איר?

זי האָט אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ.

— כ׳האָב אויך געמאַכט די פליטע.

— קומט אויס, אַז מיר זײַנען ביידע אַנטלאָפענע. צוויי בידנע פליטים.

— יאָ. צוויי נאַוונאַדניקעס... וואָס בלאָנקען אַרום אין אַ טיפער נאַכט צווישן די געדיכטע ביימער פון אַן אומבאַקאַנטן פאַרק...

— איר זײַט עפּעס טרויעריק געוואָרן, פאַינע זינאָוויעוונע? פאַרבענקט זיך?

— יאָ. ס׳איז מיר אומעטיק, ס׳איז מיר זייער אומעטיק... זאָגט מיר, וויקטאָר פעטראָ-וויטש, איר האָט ליב מוזיק?

— כ׳בין אַ קנאַפּער מייוון.

— נאָר איר האָט ליב?

— אַלע האָבן ליב מוזיק.

— און איר?

— נו, און איך אויך, פאַרשטייט זיך.

— געווען אַ קאָמפּאָזיטאָר. דעביוסי. ער האָט פאַרפאַסט אַ ווערק, וואָס הייסט „מײַן האַרץ וויינט”. איר האָט עס אַמאָל געהערט?

— ניין. ניט אויסגעקומען...

ערשט אין עטלעכע רגעס אַרום כאַזערט ער איבער פאַרוואונדערט:

— מײַן האַרץ וויינט... מעשונעדיק!

— וואָס כידעשט אײַך אַזוי?.. אײַער האַרץ האָט דען קיינמאָל ניט געוויינט?

— כ׳געדענק ניט. כ׳מיין, אַז ניט. איבעריקנס, וועט עס נאָך בא מיר הײַנט וויינען. זעקס אַזייגער מיט פינף מינוט... און אײַערס האָט געוויינט?

— יאָ. אַלע מאָל וויינט עס, ווי נאָר איך דערמאָן זיך... מע האָט אַלעמען דערהאַר-געט, און איך בין פאַרבליבן אַליין... איינע אַליין אַ קליין מיידעלע אין אַ גרויסער גרויזאַמער וועלט...

נאָך עטלעכע רגעס שווײַגן האָט זי צוגעגעבן:

— ס׳האָט אויך געוויינט, ווען נינע סעוואַסטיאַנאָוונע איז געשטאָרבן, און ווען...

— נינע סעוואַסטיאַנאָוונע איז דען געשטאָרבן? — האָט אַזימיטש פאַרוואונדערט גע-פרעגט. — איר האָט מיר דאָס ניט דערציילט.

— נאָך ניט באַוויזן. צו טאַסיען פֿלעג איך אָפֿט קומען, פּונקט אַזוי ווי פֿריִער, גלײַך ווי אַלץ וואָלט פֿאַרבליבן ווי געווען. גלײַך ווי איך וואָלט ניט כאַסענע געהאַט, און זי וואָלט ניט אָנגעקומען אין אינסטיטוט. מיר זײַנען מעקאַנע געווען איינע דער צווייטער. טאַסיע — מיר, וואָס כ׳בין שוין פֿאַרהייראַטעט, איך — טאַסיען, וואָס זי איז נאָך אַ פֿרײַע סטודענטן. ווען כ׳פֿלעג לאַנג ניט קומען, פֿלעגט מיר טאַסיע אָנקלינגען:

— פֿאַניעטשקע זינאָוויעוונע! כ׳קאָן קריגן בילעטן אַף באַרקע גאָדונאָוון. נעמען דיר אַ בילעט?

דאָס איז שוין, פֿאַרשטייט זיך, פֿונעם סטודענטישן אַרגאַ. אַליין טאַסיע וואָלט עס קיינמאָל ניט צוגעטראַכט. זי איז צו אַ ניכטערע.

האָט עס ווידער דערוועקט בא מיר אַ קינע-געפֿיל. מיר האָט זיך פֿאַרוואָלט זײַן צווישן די פֿריילעכע סטודענטן. זייער טומלדיקע לעבנסלוסטיקײַט וואָלט פֿאַרטריבן מײַן... מײַן... אין שטוב בין איך איינע אַליין מיט מײַן שווערן געמיט. עפּשער אַ פּרוּוו טאָן, עפּשער אַ טראַכט טאָן וועגן אינסטיטוט, האַ?.. מע דאַרף זיך האַלטן אָן אייצע מיט טאַסיען.

צומאָל פֿלעגט בא אונדז אין שטוב אויך זײַן פֿריילעך: ווען מאַקס פֿלעגט קומען פֿון דער אַרבעט שיקערלעך. ער האָט געאַרבעט אין אַ בוי-פֿאַרוואַלטונג און „אונדזערע בוייער זײַנען גרויסע פֿאַרערער פֿון באַכוסן". אַזוי זאָגט מאַקס, און ער אַליין האָט אויך גאָרניט קעגן הונדערט גראַם. די באָבע האָט עס אים ניט פֿאַרגעוואָרפֿן. פֿאַרט אַ מאַנצבל, אין מאַנצבלען קאָנען זיך אָן דעם ניט באַגיין. כ׳מיין אָבער, אַז מאַקס פֿלעגט אָנקומען צום ביטערן טראָפֿן צוליב פֿאַרהלושען די ביטערקײַט פֿון דערמאָנונגען...

פֿונדעסטוועגן פֿלעגט עס צום אָנהייב טרעפֿן בלויז ווי אַן אויסנאַם. ערשט שפּעטער איז דאָס פֿאַרוואַנדלט געוואָרן קימאַט אין אַ קלאַל. יעדער מאָל אַן אַנדער טערעץ: אָט איז אַ „יאָמטעוו פֿון דעם ערשטן ציגל", און אָט — „פֿונעם לעצטן ציגל". אָט איז אַ יאָמטעוו פֿון פֿאַרענדיקן די בויונג פֿאַרן טערמין, און אָט האָט איר אַ יאָמטעוו פֿון איבערגעבן דעם באַשטעלער אַ פֿאַרטיקן אָביעקט...

— און נאָכן יאָמטעוו דאַרף מען דעם דאָזיקן אָביעקט נאָך אַ גאַנץ יאָר דערבויען און צורעכט מאַכן? — פֿרעגט אָזימיטש. גלײַך ווי באַנאַנד מיט אים וואָלט געווען ניט פֿאַינע, נאָר מאַקס.

— אַוואַדע. לויט זײַן כאַראַקטער און זײַנע שטרעבונגען וואָלט מאַקס גלײַכער געדאַרפֿט געווען אַרבעטן אין אַ וויסנשאַפֿט-אַנשטאַלט אָדער אַלס אַ לערער, אַשטייגער, אין אַ בוי-טעכניקום. נאָר אַזעלכע וואַקאַנסיעס זײַנען דעמאָלט ניט געווען, און כ׳קאָן ניט זאָגן, אַז מאַקס האָט זיי שטאַרק געזוכט. וואַרטן אָבער און אַרויסקוקן האָט ניט דערלויבט די מאַטעריעלע לאַגע אונדזערע. האָט מען געמוזט אײַנגיין, אַז זאָל דערווײַל זײַן אַ בוי-פֿאַרוואַלטונג, און נאָכדעם וועט מען שוין זען. מאַקס איז אָבער דאָרט געבליבן שטעקן. ער האָט ניט אַרויסגעוויזן ניט קיין גרויסן כיישעק, ניט קיין ענערגיע צו בײַטן דאָס אָרט. אים זײַנען עפּשער אַפֿילע געווען צום האַרצן זײַנע בעקאָמפּאַניע-מיטטרינקער. און איך פֿלעג זיך פֿון זיי ראַטעווען אין טאַסיעס שטוב. דאָרטן איז אַלץ געווען ריין, איידל, סאָליד. אַפֿילע די שווער קראַנקע נינע סעוואַסטיאַנאָוונע מיט אַלע אירע כאַלאַסן האָט זיך ניט שלעכט אַרײַנגעשריבן אין דעם אַלגעמיינעם סיידער, וועלכן קיינער האָט, אייגנטלעך, ספּעציִעל ניט אײַנגעשטעלט. נינע סעוואַסטיאַנאָוונע פֿלעגט זאָגן אַלעמען און צום אַלעם ערשטן איר מאַן און טאַסיען, אַז זי פֿילט זיך גאַנץ נישקאָשעדיק, זי פֿלעגט אופֿשטיין פֿונעם בעט, ווי נאָר געאָרגי וואַסיליעוויטש פֿלעגט אַוועקגיין אַף דער אַרבעט און טאַסיע אין אינסטיטוט, אופֿשטיין און טאַקע באַלד זיך נעמען אופֿראַמען די קוואַרטיר און גרייטן מיטיק. און אָט אַזוי, באַם אופֿראַמען, איז זי איינמאָל שטיל אויסגעגאַנגען.

איך האָב זיך צו איר געהאַט זייער צוגעבונדן. צוערשט ניט צוליב איר, נאָר צוליב געאָרגי וואַסיליעוויטשן, כ׳זאָל קאָנען זײַן נעענטער צו אים. כ׳קום צו טאַסיען מאַכן די לימודים, זיץ אַ ביסל מיט איר, נאָכדעם טו איך אַ זאָג: „איך וועל דערנאָך איבערשרײַבן" — און לאָז זיך גיין צו נינע סעוואַסטיאַנאָוונען, זעץ זיך אַנידער לעם איר בעט, לייען איר פֿונעם זשורנאַל „זדאָראָוויע"[1] די אַרטיקלען, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו אירע פּילצאָליקע קרענק. איינִיקע ערטער פֿלעגט זי בעטן איבערלייענען נאָכאַמאָל, געסטאַרעט זיך פֿאַרגעדענקען זיי, ניט באַאומרויִקן די דאָקטוירים. מיט מיר איז זי, געווינלעך, געווען זייער אָפֿנהאַרציק. איינ-

[1] „זדאָראָוויע" (געזונט) — פּאָפּולערער מעדיצינישער זשורנאַל.

מאָל, ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט איר, כ׳בין שוין געווען אָנגעטאָן אין מאַנטל, האָט זי אופגעהויבן ביידע הענט און, צוריִרנדיק זיך מיט די פינגער צו די שלייפן (דאָס איז געווען אירער א זשעסט), מיך געבעטן:

— גיי ניט אוועק, פּאַניעטשקע. כ׳האָב מוירע פאַרבלייַבן אַליין. כ׳פיל עפּעס... דעם אָטעם פון...

כ׳האָב פאַרלוירן געקוקט אף דעם אָפּגעקראַכענעם מאַניקיור פון אירע נעגל און געשוויגן. געשוויגן.

נאָר נאָכדעם האָט מיר פונדעסטוועגן געקלעקט סייכל, כ׳זאָל איבעררייַסן די שטילקייַט, און כ׳האָב איר געגומען דערציילן וועגן דעם, אז איך מיט טאַסיען זייַנען נעכטן געווען אפן „זיבעצנטן הימל״, ס׳איז א פילם אזא, א פראַנצויזישער. ס׳איז טאקע, ווייַזט אויס, געווען זייער הויך, און ס׳האָבן זיך בא אונדז פאַרדרייט די קעפּ. מיר האָבן זיך ביידע פאַרליבט אינעם הויפּט-העלד, א פּאַשעטן פענצטער-וואַשער, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן פאַר א שרייַבער... כ׳האָב געפּלוידערט אזוי לאַנג, ביזוואַנען נינע סעוואַסטיאַנאָוונע האָט זיך צעלאַכט, ווישנדיק די טרערן (כ׳ווייס ניט צי פון געלעכטער, צי פון איר טרויעריקן פּאַרגעפיל), האָט זי גענומען מיך לויבן, אז כ׳בין א קלוגיטשקע, איך האָב זי אופגעהערט צו פרעגן: „ווי פילט איר זיך אין געזונט?״ מע טאָר ניט צווינגען אן אומגליקלעכן זאָגן, אז ער איז אומגליקלעך, און א קראַנקן — אז ער איז קראַנק.

— דו פאַרשטייסט, פּאַניעטשקע, ווען דו שטייסט פאַר מיר אזא יונגע, אזא שיינע, פול מיט לעבן און געלעכטער, גלייבט זיך מיר ניט, אז אַלצדינג ענדיקט זיך אין איינעם א טאָג מיט טויט. איך האָב דיך זייער ליב, קינד מייַנס...

איך האָב איר דעמלט געזאָגט אופריכטיק, פונעם גאַנצן האַרצן:

— כ׳האָב אייַך אויך ליב. ווי א מוטער.

און צוגעגעבן, כ׳ווייס ניט פאַרוואָס:

— כ׳האָב אייַך אַלע ליב. די גאַנצע שטוב אייַערע. טאַסיען. געאָרגי וואַסיליעוויטשן.

נינע סעוואַסטיאַנאָוונע האָט רויִק געזאָגט:

— כ׳ווייס, ער האָט מיר געזאָגט.

— וואָס הייסט! — האָב איך אויסגערופן. — וואָס האָט ער אייַך געזאָגט?

— אז דו ביסט פאַרליבט אין אים.

איר רויִקייַט האָט מיך איבערראַשט. דאָס האַרץ האָט מיר גענומען אזוי שלאָגן, ווי איך וואָלט געפאַלן פונעם זיבעצנטן הימל. אזא פּאַראַט! און ער האָט נאָך געוויס צוגעשמייכלט, דערציילנדיק וועגן... נאָר האָב איך דען זיך אים דערקלערט אין ליבע?

און טאקע דאָס האָב איך געזאָגט הויך. ס׳איז ניט געווען, ווען צו טראַכטן.

— איך האָב דען זיך דערקלערט אין ליבע געאָרגי וואַסיליעוויטשן?

נינע סעוואַסטיאַנאָוונע האָט א שמייכל געטאָן:

— אצינד, קינד מייַנס, דערקלערט מען זיך ניט אין ליבע.

— וואָס הייסט, מע דערקלערט זיך ניט?.. וויִאזוי זשע...

— פּאַשעט. מע כאַפּט און מע קושט.

— אָבער איך... איך האָב ניט געכאַפּט געאָרגי וואַסיליעוויטשן און ניט געקושט אים...

נינע סעוואַסטיאַנאָוונע לאַכט שוין איצטער פונעם גאַנצן האַרצן. די פּולבלעכע ברוסט אירע טרייסלט זיך. און מיר הייבט זיך אָן אויסווייַזן, אז דער גאַנצער געשפּרעך איז פּאַרגעקומען צוליב דעם, קעדיי די דאָזיקע קראַנקע פרוי זאָל קאָנען דערטרינקען אין א געלעכטער אָט דעם „אַלצדינג ענדיקט זיך אין איינעם א טאָג מיט טויט״.

— ערגער זיך ניט, מייַן קינד, — זאָגט זי, ווישנדיק מיטן עק פונעם לייַלעך די אויגן, — געאָרגי וואַסיליעוויטש האָט דיך אויך ליב. אזוי — שווייַגט ער קימאַט שטענדיק, נאָר ווען דו באַווייַזסט זיך, לעבט ער אוף, ער הייבט אפילע אָן זיך כאָכמענען...

פאַרוואָס זשע האָב איך עס ניט באַמערקט?..

וואָס הייסט ניט באַמערקט. וואַרט. לאָמיך זיך דערמאָנען. יאָ, אָט איז עס. „וויִאזוי זשע האָט געטראָפן דער דאָזיקער וווּנדער? כ׳ווייס אַליין ניט. פּאַשעט, אין דייַן אָנוועזנהייַט ווער איך ייִנגער...״

— אגעוו, — זעצט פאָר נינע סעוואַסטיאַנאָוונע, — איך בין אויך אין אים פאַרליבט. ביז איצט בין איך אין אים פאַרליבט. ווי א יונג מיידל.

(סאָף קומט)

Our issue features the following poets, each represented by one poem:

Pinya Plotkin of Bobruisk, Aron Vergelis of Moscow , Lipa Heller of Minks, Mark Razumny of Riga, Iosif Bukhbinder of Kiev, Buzi Miller of Birobidjan, Mendel Lifschitz of Moscow, Alexander Belousov of Kuibyshev, Dora Khaikina of Kiev, Motl Golbshtein of Simferopol, Chaim Beider of Moscow, Chaim Gurevich of Novosibirsk, Motl Gruvman of Novgorod, Boris Mogilner of Moscow, Bronya Sinelnikova of Moscow, Max Riant of Samarkand, Misha Mogilevich of Kiev, Hirsh Reles of Minsk, Avrom Katsev of Kherson, Moishe Pens of Makhachkala, Lev Berinsky of Moscow, Misha Lemster of Kishinev, Pinya Kirichansky of Kiev, Motl Shturman of Moscow, Yakov Elkis of Kharkov, Velvl Chernin of Moscow, Velvl Vernik of Kiev and Zisi Weizman of the Khabarovsk Region.

Supplement to this issue:
I. Burg "The Roll-Call of the Times"

* * *

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")

No. 10, October, 1983

Our current issue opens with the following editorial introduction:

"In recent years, "Sovietish Heimland" has devoted many numbers and thematic selections to various genres of contemporary Soviet Jewish literature. Apart from the now widely known magazine supplements, compiled solely from documentry essays and press reports, there have been extensive selections of items giving some idea of the current state of such genres as the short story, the novella, and literary criticism.

In the present issue of "Sovietish Heimland," we are presenting new **novellas** by Soviet Jewish prose writers. Moreover, our choice has fallen on the representatives of three creative generations: the older one (I. Rabin), the one that arrived in Jewish literature during the first years of "Sovietish Helmland", (Alexander Lizen) and the youngest generation, which has been featured by our magazine since the foundation of the Jewish Group at the Higher Literary Courses of the M. Gorky Institute, where our future editorial staff are at present studying (B. Sandler).

We are also publishing in our current issue an anthology of single poems, virtually a roll-call of the Jewish poets at present active in our country".

"Stages to miracle", a lyrical story by Boris Sandler of Kishinev is a dialogue between the author and his childhood. We see, through the eyes of a little boy, a piece of the clear post-war sky, his parents' house, and the street on which hisnearest and dearest live. The author comments, as it were, on events from the standpoints of past and present, from time to time returning the young hero to his childhood years and showing what he will become later. In this way a psychological portrait is built up of a young man on the threstold of life.

A story by Iosif Rabin of Moscow describes the life of workers in the pre-revolutionary city of Grodno. The action takes place in a big cigarette factory where there are people of different nationalities. The revolutionary Pyotr Nadumnov is the leader of the strike committee. This story by I. Rabin takes its place as one of a series of historical narratives about the revolutionary atmosphere on which Jewish prose writers have been working for many decades.

"The Stars are swaying", a novella by Alexander Lizen of Lvov, is very interestingly constructed. Two people, a man and a woman, meet on a big city railway station at night. They get talking while waiting for the buses that will take them in differen directions. In the few hours which these people while away together, we review the complex destinies of two contemporaries. The story is imbued with the romance of love.

везут их в разные стороны, они разговорились. И вот в течение тех нескольких часов, которые этим людям приходится коротать вместе, перед нами проходят две сложные судьбы наших современников. Повесть овеяна романтикой любви.

В номере представлены поэты (каждый — одним стихотворением): Пиня Плоткин (Бобруйск), Арон Вергелис (Москва), Липа Геллер (Минск), Марк Разумный (Рига), Иосиф Бухбиндер (Киев), Бузи Миллер (Биробиджан), Мендель Лифшиц (Москва), Александр Белоусов (Куйбышев), Дора Хайкина (Киев), Мотл Голбштейн (Симферополь), Хаим Бейдер (Москва), Хаим Гуревич (Новосибирск), Мотл Грувман (Новгород), Борис Могильнер (Москва), Броня Синельникова (Москва), Макс Риант (Самарканд), Миша Могилевич (Киев), Григорий Релес (Минск), Авром Кацев (Херсон), Моисей Пенс (Махачкала), Лев Беринский (Москва), Миша Лемстер (Кишинев), Пиня Киричанский (Киев), Мотл Штурман (Москва), Яков Эль-кис (Харьков), Велвл Чернин (Москва), Велвл Верник (Киев), Зиси Вейцман (Хабаровский край).

Приложение к номеру: И. Бург
«Перекличка времен»

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 10, октябрь, 1983

Номер открывается следующим редакционным вступлением:

«В последние годы «Советиш геймланд» посвятил ряд своих номеров и тематических подборок различным жанрам современной еврейской советской литературы. Кроме уже широко известных журнальных книжек, полностью составленных из документальных очерков и репортажей, читатели получили обширные подборки материалов, дающие представление о состоянии, на современном этапе, таких жанров, как рассказ, новелла, литературная критика.

В настоящем номере «Советиш геймланд» мы предлагаем вниманию читателей новые **повести** советских еврейских прозаиков. При этом выбор пал на представителей трех творческих поколений: старшего (И. Рабин); того поколения, которое пришло в еврейскую литературу в первые годы существования «Советиш геймланд» (А. Лизен); самого молодого, появившегося на страницах нашего журнала с момента создания еврейской группы на Высших литературных курсах института им. М. Горького, в которой учились будущие редакционные работники журнала (Б. Сандлер).

Мы также публикуем в номере своеобразную «антологию одного стихотворения» — своего рода перекличку ныне действующих в нашей стране еврейских поэтов».

Лирическая повесть Бориса Сандлера (Кишинев) «Ступени к чуду» — это диалог автора со своим детством. В глазах мальчишки отражаются кусок чистого послевоенного неба, родительский дом, улица, на которой живут родные и близкие люди. Автор как бы комментирует происходящие события с позиций прошлого и будущего, возвращая то и дело юного героя в детские годы и показывая, каким он впоследствии станет. Таким образом создается психологический портрет входящего в жизнь человека.

В повести Иосифа Рабина (Москва) отображена жизнь рабочих в дореволюционном городе Гродно. Действие происходит на крупной табачной фабрике, на которой трудятся люди разных национальностей. Во главе стачечного комитета стоит революционер Петр Надумнов. Это произведение И. Рабина органически входит в ряд исторических повествований революционного настроя, над которыми еврейская проза работает на протяжении многих десятилетий.

Интересно построена повесть Александра Лизена (Львов) «Звезды качаются». На ночном вокзале большого города встретились два человека — мужчина и женщина. В ожидании автобусов, которые раз-

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

**Ежемесячный
литературно-художественный журнал**

На еврейском языке

**Орган Союза писателей СССР
Издается с 1961 г.**

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
**Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер** (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 29.07.83. Подписано к печати 19.09.83 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 80 коп. Зак. 2298.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1983 г.

Цена 80 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Б. Сандлер. Ступени к чуду (повесть).

Из современной советской еврейской поэзии. Стихи П. Плоткина, А. Вергелиса, Л. Геллера, М. Разумного, А. Белоусова, М. Лифшица, Б. Миллера, И. Бухбиндера, Д. Хайкиной, Х. Бейдера, М. Голбштейна, Х. Гуревича, М. Грувмана, Б. Синельниковой, Б. Могильнера, М. Рианта, Г. Релеса, М. Могилевича, А. Кацева, М. Пенса, Л. Беринского, М. Лемстера, П. Киричанского, М. Штурмана, В. Чернина, Я. Элькиса, В. Верника, З. Вейцмана.

И. Рабин. Аня — Анечка (повесть).

А. Лизен. Звезды качаются (роман).

Резюме на русском и английском языках.

1983
№ 10